STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08362

IN MILHOME-TSAYTN

Shmarya Levin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין מלחמה-צייטן

צווייטע זאַמלונג

אין
מלחמה־צייטען

(בלעטער פון א טאגע־בוך)

צווייטע זאמלונג

פון

דר. שמריה לעווין

אמעריקאנער ציוניסטישע פעדעראציאן
נ י ו   י א ר ק
.1917

Copyright 1917
by Federation of American Zionists

PINSKI-MASSEL PRESS
84 BOWERY, N. Y.
446

מיין ליעבען ברודער אליעזר.

אינהאלט־פערצייכניס

	זייט
פון דעם ארויסגעבער־קאמיטע	9
דער נאציאנאליטעטען־קאמפף נאך דער סאציאלער רעוואלוציאן	11
ראסען־טהעאריע און דער אידישער נאציאנאליזם	18
דער ציוניסטישער אני מאמין פון א סאציאליסט	38
נאציאנאלע צולאזענקייט און גלות־פסיכאלאגיע	43
צוריק פון דעם „כותל מערבי" פון דער אסימילאציאן	48
געבילדעטע בטלנות און אמת'ע פאלקס־געפיהלען	53
די אידישע סאציאלדעמאקראטי און די פלוטאקראטי	59
וואס פאדערען מיר און וואס פערלאנגען מיר	64
די פערביטענע יוצרות	69
רעפארם און יודענטום	74
געזעצמעסיגקייט אין דער געשיכטע	88
רוסישע רעגיערונגס טאקטיק אין אידישען לעבען	98
שטאאטסמענער און גבאים	103
עמיגראציאן נאך דער מלחמה	108
די אמעריקאנער אידען און די אידישע צוקונפט	113
מיליטאריזם פון דער לינקער זייט	118
די אנארכיע פון אונזער פאלקס־לעבען	123
אידישע פארטייען און אידישע שונאים	128
מלוכה, מדינה, פאלק און נאציאן	133
די אמאליגע און היינטיגע אסימילאציע	138
נאהענטע און ווייטע	143
די צוריקוואנדערונג פון דעם יודענטהום	147
פאטריאטען	152
נייע כלי זין — אלטע געגנער	157
נאציאנאליזם און סאציאליזם	161
א דוחק אויף ווערטער	176

זייט

נאָר אַ שפּאַן פון פעסטען באָדען 182
דאָס נייטראַלע יודענטהום 188
קיין נדחת אין ציוניזם 194
די גייסטיגע קראַפט פון אידישען פאָלק 200
מדה כנגד מדה 206
ברייטע און ענגע אידעען 212
אונזער וועג, אונזער שפּראַך 217
ווער פּראָוואָצירט אַנטיסעמיטיזם? 222
מיתת נשיקה 228
די פּסיכאָלאָגיע פון „אַנדערען“ 233
וואָכעדיגע צדקה און נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ 238
צייט פראַגען 243
יום טוב שני של גליות 256
„אויב“ מיט דריי פּאַסיקלעך 261
אידישע צוקונפט אין אַמעריקאַ 265
דער גרויסער מאָמענט 296
דער מאָמענט און זיין פאַרבערייטונג 301
פּאַסיווע און אַקטיווע אסימילאַציאָן 306
דער פעררעט 311

פון דעם ארויסגעבער־קאָמיטע.

די פאָרליגענדע זאמלונג „אין מלחמה־צייטען“ איז א פאָרטזעצונג פון דער ארטיקעל־זאמלונג איבער די נאציאָנאלע פּראָבלעמען פון אידישען פאָלק אין ליכט פון די מלחמה־געשעהעניסען, וועלכע איז ערשיענען אין בוך־פאָרם, אונטער דעמזעלבען טיטעל, צו ענדע פון יאָהר 1915.

מען קאָן מיט זיכערהייט בעהויפּטען, אז דיזע ארטיקעל־סעריע האָט מעהר ווי אירגענד וועלכע אנדער פּראָפּאָגאנדא בייגעטראָגען צום זיעגרייכען מארש פון דער נאציאָנאל־אידישער דעמאָקראטיע אין איהר הארטען קאמפּף מיט אונזערע ענטנאציאָנאליזירטע עלעמענטען פון אלע לאַגערען אין דיעזען לאנד.

אין דיזען זין איז דער פאָרליגענדער צווייטער באנד פיעלייכט נאָך וויכטיגער און אינטערעסאנטער פון זיין פאָרגענגער, ווייל ער ענטהאלט מייסטענס די ארטיקלען, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען אין רעכטען ברען פון דיזען קאמפּף. וועהרענד די ערשטע זאמלונג איז געווידמעט הויפּטזעכליך צו דער בעגרינדונג און פערטיעפונג פון'ם אידיש־נאציאָנאלען געדאנק, ווארפט די צווייטע זאמלונג מעהר ליכט אויף די האלטלאָזיגקייט פון די געגנערישע ארגומענטען.

מיר לאָזען ארויס דיזען באנד, פיהלענדיג גאנץ זיכער, אז דאָס בוך וועט אויף דעם בעסטען אופן אויספיהרען זיין שליחות און אריינברייננגען אין דער אידישער וועלט מעהר נאציאָנאלעס זעלבסט־בעוואוסטזיין און מעהר ווידערשטאנדס־קראפט, און פערוואנדלען האלב־ווארמע, פון וויטען שטעהענדע סימפּאטייזער אין איבערצייגטע און איבערגעבענע אנהענגער פון דער אידישער פרייהייטס־בעוועגונג.

דאָס ארויסגעבער־קאָמיטע.

דער נאַציאָנאַליטעטען קאַמפּף נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן.

נאָך אַט דאָ ניט לאַנג, מיט אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר צוריק, האָט יעדער, ווער עס האָט נאָר געלעגט געוויכט דערויף צו בעטראַכט ווערען אין דער געזעלשאַפט אלס אַ פּראָגרעסיוו דענקענדער מענש, געמוזט זיך ערקלעהרען געגען יעדען נאַציאָנאַליזם. נאַציאָנאַליזם און פּראָגרעס זיינען געווען צוויי געגענזעצע, וועלכע שליעסען אויס איינער דעם אַנדערען. ניט נאָר די ראַדיקאַלע עלעמענטען, אפילו געוועהנליכע „אינטעליגענטען", געבילדעטע בעלי־בתים, האָבען דאָס געהאַלטען פאַר אַ פּחיתת הכבוד, צו בעשעפטיגען זיך מיט דעם נאַציאָנאַלען פּראָבלעם. די אָנגענומענע סכעמאַ האָט געהערט צום אלף בית פון בילדונג: צוערשט איז געווען דער מענש, דערנאָך די פאַמיליע, דער שבט, דאָס פאָלק, און צום סוף די מענשהייט. דאָס איז דער „שיר המעלות" פון דער מענשליכער ענטוויקלונג. ווען מען דאָך ניט אַרונטערקריכען פון דער העכערער, אָדער זאָגאַר פון דער העכסטער שטופּע און אַראָבלאָזען זיך ווידער ניעדריגער. דאָס וואָלט דאָך ניט געווען קיין פּראָגרעס.

די סאָציאַליסטען פון פערשיעדענע מינים האָבען דאָס בעטראַכט זאָגאַר פאַר אַ הייליגען סאָציאַליסטישען חוב צו בעקעמפּפען דעם נאַציאָנאַליזם אין וואָרט און שריפט. זיי זיינען געווען איבערציינט, אַז דער נאַציאָנאַליזם קאָן נאָר שעדליך זיין פאַר זייער אידעאַל, ווייל ער טהיילט איין די מענשהייט אין פערשיעדענע גרופּען, ווייל ער לייגט אַרויף אויף דעם איינצעלנעם בעזונדערע חיובות צו זיין איינענער גרופּע און שלינגט איין אויף אַזאַ אופן אַ חלק פון דער אויפמערקזאַמקייט און דער ענערגיע פון דער איינצעלנער פּערזאָן אויפ'ן חשבון פון דער מענשהייט.

מעהר פון אַלע האָבען בעקעמפּפט דעם נאַציאָנאַליזם די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, ווייל נאָך דער מאַרקסיסטישער תורה איז דער

נאנצער נאציאָנאַליזם בעטראַכט געוואָרען ווי אַ בעגלייט־ערשיינונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, און עס איז געווען ק ל אָ ר פאַר יעדען מאַרקסיסט, אַז מיט דער אָבשאַפונג פון דעם קאַפּיטאַליזם, וועט דער נאַציאָנאַליזם פערשווינדען פון זיך אליין. נאָך מעהר, יעדער מאַרקסיסט האָט בעטראַכט דעם נאַציאָנאַליזם אַלס אַן אויסגעטראַכטע מעשה, אַלס אַן ערפינדונג פון די הערשענדע קלאַסען, כדי צו פערדונקלען דאָס בעוואוסטזיין פון דעם פּראָלעטאַריער. צום זעלבען צוועק, צו וועלכען די רעליגיאָן, וועלכע איז געשטאַנען אין דיענסט פון דעם קאַפּיטאַל, האָט אויסגעטראַכט יענע וועלט מיט דעם גן־עדן און גהינום, האָט די בורזשואַזיע אויסגעטראַכט דעם נאַציאָנאַליזם אויף דער וועלט. די בעסטע מאַרקסיסטישע רעדנער און פּאָליטיקער האָבען פערטהיידיגט דיעזען שטאַנדפּונקט, און די בעסטע טהעאָרעטיקער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָבען איהם בעגרינדעט „וויסענשאַפטליך“ אין זייערע שריפטען.

די ה ע ר ש ע נ ד ע נאַציאָנען האָבען ווייניג וואָס דערפון געליטען. דעם גאַנצען היזק פון דער פאַלשער לעהרע האָבען געהאַט די שוואַכע נאַציאָנען, וועלכע זיינען געווען געצוואונגען צו קעמפּפען פאַר זייער קיום ניט נאָר אַנטקעגען אַ פיינדליכע רעגיערונג, נאָר אויך קעגען די פּראָגרעסיוו׳ליכע עלעמענטען פון דער געזעלשאַפט, קעגען איהר אויפגעקלעהרטען טהייל, קעגען די טרעגער פון די פרייהייטליכע אידעען. אין וועלכער הינזיכט האָט קויטסקי, צום ביישפּיעל, געקאָנט שאַדען מיט זיינע שריפטען, וועלכע זיינען גערינטעט אַנקעגען דעם נאַציאָנאַליזם, דעם ד י י ט ש ע ן אַרבייטער אָדער סתם דייטשען אינטעליגענט? דער דייטשער אַרבייטער אָדער סתם אינטעליגענט האָט צוליעב קויטסקי׳ס שריפטען, ווען ער האָט אפילו מודה געווען אין זייער ריכטיגקייט, אויף איין האָר ניט געענדערט זיין לעבען. ער האָט געשיקט זיינע קינדער אין די זעלבע דייטשע שולע, ער האָט געזונגען די זעלבע דייטשע ליעדער, האָט אָבגעהיט די זעלבע דייטשע ימים־טובים ווי די אַנדערע מיטגליעדער פון דער דייטשער געזעלשאַפט. צוליעב די קאָסמאָפּאָליטישע פּרעדיגט איז דאָך דער דייטש ניט געווען מחויב אָבצוזאָגען זיך פון

זיין שפראך, פון זיינע מנהגים, פון זיין פערגאנגענ־הייט און פון זיין צוקונפט. דער בעגריף פון דער אלגע־מיינהייט, פון דער מענשהייט האט זיך פאר יעדען דייטש צוזאמענגעשמאָלצען מיט דעם בעגריף פון זיין אייגענער סביבה. די קאָסמאָפּאָליטישע פּרעדיגט האט אויך ניט געקאָנט האָ־בען קיין פּראקטישע בעדייטונג פאר דעם ענגלענדער, פראנצויז, רוס און אז. וו., זי האט קיינעם פון זיי ניט געצוואונגען עטוואָס אויפצוגעבען פון זיין פאָלקסטהום און אָנגעהמען א נייעם פאָלקסטהום.

א גאנץ אנדער השפעה האט אָבער די זעלבע פּרעדיגט גע־מוזט האבען אויף די אונטערדריקטע נאציאָנען. די אונטער־דריקטע נאציאָנען האבען געמוזט פערשווענדען פיעל כוחות, כדי ניט צו פערליערען זייער אייגענעם כאראקטער, כדי צו בע־שיצען זייער אייגענע שפראך, כדי צו דערהאלטען זייערע אייגענע שולען, כדי צו פאָרבערייטען אן אייגענע צוקונפט — און דא קומען מענשען, וועלכע רעדען אין נאָמען פון פרייהייט און פּראָגרעס, און בעהויפּטען, אז אומזיסט איז די גאנצע נאציאָנאלע אנשטרענגונג, ארויסגעוואָרפען די גאנצע טרחה, אז זי איז נאָר שעדליך, וואָרום זי איז געריכטעט קעגען דעם פאָרטשריטליכען גייסט פון דער מענשלי־כער ענטוויקלונג.

און וואָס איז געווען דער רעזולטאט? מען קאָן זיך דאָך ניט אָנשליעסען אָן די מענשהייט. די מענשהייט האט ניט קיין שפראך, ניט קיין ליטעראטור, ניט קיין געשיכטע. זי איז דאָך מעהר ניט ווי צוזאמענגעזעצט פון די פערשיעדענע נאציאָנען, זי איז דאָך מעהר ניט ווי אן אבסטראקטער בעגריף. וויל מען זיך אין לע־בען אָנשליעסען, מוז מען זיך אָנשליעסען אָן א בעשטימטע גרופּע, און די בעשטימטע גרופּע איז תמיד נאציאָנאל געפאַרבט. הייסט דאָך דאָס אין סוף־רעזולטאט, אז מען בייט אויס צוליעב קאָסמאָפּאָ־ליטישע אידעאַלען איין נאציאָן אויף אַן אנדער נאציאָן, מען זאָגט זיך אָב פון דער אייגענער און מען געהט איבער צו א פרעמדער. מען ווערט ניט פערשלונגען פון דער מענשהייט, מען ווערט פערשלונגען פון דער דייטשער, רוסישער, ענגלישער נאציאָן.

בעזאָנדערס שטאַרק האָבען געליטען די אידען פון דער פאַלש פערשטאַנענער אינטערנאַציאָנאַלער פּרעדיגט, וועלכע האָט טהעאָ־רעטיש געקלונגען קאָסמאָפּאָליטיש און פּראַקטיש האָט זי געפיהרט צו נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ט ו י פ ע. די פאָרטשריטליכע אידישע אינטעליגענץ האָט זיך אין נאָמען פון פאַלשע אידעען אָבגעטרוי־סעלט פון דער אייגענער נאַציאָן. זי איז אבער פאַר קיין פאַל ניט געוואָרען קאָסמאָפּאָליטיש. זי האָט אָנגענומען די נאַציאָנאַליטעט פון דער ארומיגער סביבה. כמעט אלע אידישע קאָסמאָפּאָליטען זיינען געוועזן הייסע רוסישע, דייטשע, פראנצויזישע און אז. וו. נאַציאָנאַליסטען, זיי האָבען נאָר פערלייקענט זייער אייגענעם פאָלקסטהום און האָבען זיך אויסגעפּוצט אין א פרעמדען. עס איז ארויסגעקומען די זעלבע אונאויפריכטיגקייט ווי ביי דעם אידען, וועלכער נעהמט אָן דעם קריסטליכען גלויבען צוליעב זיין א ט ה ע־א י ס ט י ש ע וועלט־אנשויאונג.

שווער, זעהר שווער איז אויסגעקומען צו קעמפּפען די אידישע נאַציאָנאַליסטען. נאָר זעלטען, זעהר זעלטען האָט זיי גאָט געהאָל־פען אין זייער ניט גלייכען קאַמפּף. דאָס פלעגט זיך טרעפען, יוען איינער פון די גרויסע פּאָליטיקער אָדער געלעהרטע, און דערצו נאָך א כשר'ער מארקסיסט, פלעגט פערוואָרפען א וואָרט פאַר די בערעכ־טיגונג פון דעם נאַציאָנאַליזם. דאמאָלס פלעגט ווערען אויף א וויילע א שמחה אין אידיש־נאַציאָנאַלען לאַגער. געפונען א שטיצע, א כשר'ען עדות. לאַנג אָבער פלעגט די שמחה ניט דויערן, וואָרים פון אַלע זייטען פלעגט מען אָנפאַלען אויף דעם אפּיקורוס, כדי צו פּסל'־ענען זיין עדות, מען פלעגט אָנפאַנגען צו ברייננגען ראיות אז ער פערשטעהט ניט דעם מארקסיזם, אז ער איז אראָב פון וועג. יעדע לעהרע האָט איהרע אָרטהאָדאָקסען, וועלכע שטעהען ווי קאָזאַקען און לאָזען ניט צו, אז זי זאָל אַנדערש ערקלערט ווערן.

צו די מארקסיסטען, וועלכע האָבען נאָך אין דער צייט פון דער קאָסמאָפּאָליטישער שטרעמונג טיעפער בעגריפען דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, געהערט ענריקאָ פערי, דער בעריהמטער איטאַליענישער געלעהרטער און פּאָליטיקער. נאָך מיט צוואַנציג יאָהר צוריק, אין

ערך, האָט ער ארויסגעלאָזען א ווערק איבער דארוויניזם און מארקסיזם, וואו ער האָט לאָגיש און שארף אָנגעציינט, אז די טענדענץ פון דער געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג פיהרט ניט צו דער פערשווינדונג פון די איינצעלנע נאציאָנען, ניט צו דער מענשהייט, נאָר אין געגענטהייל, וואָס העכער די מענשליכע געזעלשאפט וועט שטייגען אין איהר ענטוויקלונג, וועלען זיך אלץ מעהר דיפערענצירען די איינצעלנע גרופען, פעלקערשאפטען און נאציאָנען אין גייסטיג קולטורעלער הינזיכט. די אינדיווידואליטעט פון דער איינצעלנער פערזאָן ווערט ניט אויסגעבילדעט דורך אָבזונדערונג און אָבשליעסונג פון די אנדערע פערזאָנען, אדרבא, זי ענטוויקעלט זיך ערשט, ווען זי קומט אין בעריהרונג מיט דער אויסען־וועלט און איז מקבל א פ י ע ל ז י י ט י ג ע השפעה. אויך נאציאָנען ווערען דורך דעם אינטערנאציאָנאלען פערקעהר שטארקער און פעסטער אין זייער אינדיווידואליטעט. בלויז די אויסערע פאָרמען נעהמען אָן א מעהר אלגעמיינעם האראקטער, אָבער דער אינערער האראקטער, — און האראקטער איז אינדיווידואליטעט, — פון די פעלקער ווערט דורך דעם שטענדיגען פערקעהר מיט דער גרויסער וועלט רייכער, פיעלזייטיגער, פולער.

און דאָ קומט ענריקאָ פערי צו א מערקווירדיגען שטאנדפונקט מכח די מעגליכקייטען פון מלחמות אין דער צוקונפט, ווען דער סאָציאליסטישער אידעאל וועט שוין זיין פערווירקליכט. ענריקא פערי זאָגט ארויס דעם אפיקורסישען געדאנק, אז דער ר י כ ט י ג ע ר נ א צ י אָ נ א ל ע ר קאמפף וועט זיך ערשט אָ נ ה ו י ב ע ן, ווען די סאָציאלע פראגע וועט זיין געלעזט, און דאָ געהט ער זיך פונאנדער מיט אלע טהעאָרעטיקער פון מארקסיזם, וועלכע האָבען ביז ניט לאנג געקוקט אויף מלחמה ווי אויף אן אומשטאנד, וועלכער ווערט געשאפען דורך דעם ניט־אָנצוזעטיגען אפעטיט פון דער גרויס־בורזשואזיע. זאָל אָבער קומען די סאָציאלע גלייכהייט — האָבען דיעזע טהעאָרעטיקער געדרונגען — דאַן וועלען מלחמות אין גאנצען פערשווינדען, ווייל עס וועט זיין פערשוואונדען די טרייבענדע קראפט, דער הויפט מאָטיוו, וואָס רופט זיי ארויס, והא ראיה, אפילו איצט זוכען די ארבייטער צו פעראייניגען זיך אויף אַן

אינטערנאַציאָנאַלען אופן, און שוואַכען אָב דערמיט די נאַציאָנאַ־
ליסטישע קראַפט.

דיעזער שטאַנדפּונקט האָט זיך געפונען אין איינקלאַנג מיט די מאַרקסיסטישע פאָרשטעלונגען פון דעם צוקונפטס־שטאַאַט, וועל־כער איז צוגעפאַסט צום כאַראַקטער פון משיח'ס צייטען — אַלע וואונדער זיינען געהיילט, אַלע טרעהרען אָבגעווישט, יעדער מענש־ליכער צער פערשוואונדען, איין מאָל פאַר אַלע מאָל.

ענריקאָ פערי איז אין בעצוג אויף מלחמה געקומען צו אַן ענט־געגענגעזעצטען שטאַנדפּונקט, נישט ווייל ער האָט געפונען אַ פעה־לער אין דער מאַרקסיסטישער לעהרע, נאָר ווייל ער האָט ארויסגע־פונען, אַז די מאַרקסיסטען האָבען אַ טעות, אַז זיי לערנען פאַלש דעם פשט פון זייער רבי'ס תורה. נאָך ענריקאָ פערי'ס מיינונג לאָזט נ ר א ד די סאָציאַלע אונגלייכהייט אין פיעלע פאַלען נישט צו צום נאַציאָנאַלען קאַמפף, ווייל די אונטערדריקטע קלאַסען זיי־נען פעראינטערעסירט צו זיין פעראייניגט אין אַן אינטערנאַציאָנאַ־לער אָרגאַניזאַציאָן, ווייל די קלאַסען־דאגות פערשטעלען זעהר אָפט דעם אויסברוך פון נאַציאָנאַלען צאָרן דעם וועג, זיי דערשטיקען איהם. ווען אָבער די סאָציאַלע אונגלייכהייט זאָל פערשווינדען, מוז זיך בעפרייען אַ גרויסער טהייל פון דער זעלבסטערהאַלטונגס קראַפט, וועלכע איז פריהער פערוועגדעט געוואָרען אין קלאַסען־קאַמפף, און די צוגעקומענע ענערגיע וועט זוכען אַן אויסגאַנג ביי די פערשיעדענע נאַציאָנען, און עס וועט ענטשטעהן אַ קאָנקורענץ צווישען די נאַציאָנען אויף די געביעטען, וועלכע זיינען פערבונדען מיט דער אויפפאַסונג פון לעבען און געשמאַק, און די קאָנקורענץ וועט פיהרען צו צוזאַמענשטויסען. ענריקאָ פערי גלויבט, אַז די נייגונג צו נאַציאָנאַלער זעלבסטערהאַלטונג בעשטעהט נישט נאָר אין דער עקאָנאָמישער פערזיכערונג פון דער צוקונפט, נאָר אויך אין דער פערזיכערונג פון דעם נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, פון דער נאַציאָ־נאַלער אייגענאַרט. שטאַרקע נאַטורען לעגען אַרויף זייער שטעמ־פעל אויף דעם קרייז, אין וועלכען זיי לעבען, און שטאַרקע נאַציאָ־נען ווילען אַרויפלעגען זייער חתימה אויף דער גאַנצער וועלט.

נאָך ענריקאָ פערי'ס טהעאָריע האָט אונז דער איצטיגער וועלט־

קריעג קיין איבערראשונג ניט געבראכט. ווען מיליאָנען פון סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען אויפגעגעבען זייער אָפּאָזיציאָנעלע שטעלונג און זיך מיט בעגייסטערונג אַנגעשלאָסען אָן זייערע רעגירונגען, ליעגט דער טעות, נאָך ענריקאָ פערי'ס פאַראויסזאָגונג, ניט אין דער איצטיגער האַנדלונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, נאָר אין זייערע בעהויפּטונגען אין דער פאַר־דער־מלחמה'דיגער צייט. זייערע בעהויפטונגען זיינען געווען נאָר ריין טהעאָרעטישע, זיי האָבען זיך ניט גערעכענט מיט דער מענשליכער נאַטור, מיט דער ווירקליכקייט.

— ליעגט דערין אַ גליק אָדער אַן אונגליק פאַר די מענשהייט? דאָס איז אַן אַנדער פראַגע. יעדענפאַלס איז עס נויטיג, אַז די געזעלשאַפט זאָל וויסען, וואו זי האַלט אין דער וועלט, זי זאָל זיך ניט שפּיעלען מיט אָפּטישע טוישונגען, מיט אילוזיאָנען.

11 יוני, 1915.

ראַסען־טהעאָריע און דער אידישער נאַציאָנאַליזם.

I

מענשען־פריינד וואָס זיינען אונזערע שונאים.

(קאַרל קויטסקי׳ס „ראַסען און יודען“)

מיר איז נאָך קיין מאָל ניט אויסגעקומען אָנצוטרעפען זיך מיט א מיינונג פון א ליבעראַלען פּאָליטיקער אָדער פון א פריידענקענדען געלעהרטען, וועלכע זאָל זיין געריכטעט געגען דעם קיום פון א נאַציאָן, ווי קליין די נאַציאָן זאָל ניט זיין, ווי וועניג קולטור־ווערטהען זי זאָל ניט שאַפען, ווי אונבעדייטענד עס זאָל ניט זיין די ראָלע, וואָס זי שפּיעלט אין אינטערנאַציאָנאַלען לעבען. אין לעבען ווי אין דער ליטעראַטור און וויסענשאַפט האָט דער נאַציאָנאַלער געדאַנק ערוואָרבען פאַר זיך אין דער לעצטער צייט א בכבוד׳יגען פּלאַטץ, די געזעלשאַפט האָט זיך אָנגעהויבען צו פערהאַלטען צום נאַציאָנאַלען פּרינציפּ מיט גרויס דרך ארץ. מען לעגט ניט מעהר אויפ׳ן וואָגשאָל די מעלות און די חסרונות פון א נאַציאָן, אום צו זעהן וועלכער טהייל איז מכריע, מען זוכט ניט אן עקזיסטענץ-בערעכטיגונג פאַר א פאָלק אין דעם נוצען, וואָס עס קאָן ברענגען פאַר די אַנדערע — דער נאַציאָנאַלער קיום ווערט בעטראַכט אלס זעלבסט־צוועק, א פאָלק דאַרף זיך מעהר ניט פערענטפערען, פאַרוואָס עס וויל לעבען, עס ברויכט ניט קיין תירוץ פאַר זיין ציעלען־זיך צו זעלבסטשטענדינקייט.

איך רעד פון נאַציאָנאַלען געדאַנק דערווייל, פון נאַציאָנאַלען פּרינציפּ, ווייל אין דער ווירקליכקייט האָט די מענשהייט נאָך ביי ווייטען ניט דערגרייכט די הויכע מדרגה פון מענשליכקייט, ווייל אין אינטערנאַציאָנאַלען רעכט הערשט נאָך די ברוטאַלע מאַכט פון דעם שטאַרקערען. עס מוז אָבער שוין פערצייכענט ווערען אלס פּאָרטשריט, וואָס לכל הפּחות אין דער טהעאָריע דרינגט זיך

דורך די געזעלשאפט מיט א הומאנערער אנשויאונג בנוגע דער עקזיסטענץ־בערעכטיגונג פון די קלענערע נאציאָנען. סימפּטאָמאַ־טיש איז דאָס א בעוויז, אז עס זיינען שוין דאָ אונטערשטימונגען אין דער געזעלשאפט, בעסערע און עדעלערע, וועלכע ברעכען זיך דורך א וועג צו א נייער תקופה, צו א תקופה, וועלכע וועט פיהרען די אויסגעמאַטערטע מענשהייט צו א מעהר פריעדליכער און רוהי־גער עקזיסטענץ.

נעהמען מיר צום ביישפּיעל די פּוילישע פראגע פון דעם וויע־דער אויפבוי פון א זעלבּסטשטענדיגער פּוילישער מלוכה, געפינען מיר כמעט איין מקטרג ניט אויף דיעזען געדאנק. יעדער פרייזדענ־קענדער מענש גיט צו, אז ביי דער לעזונג פון דיעזער פראגע קאָן מען ניט נעהמען אין בעטראכט, וואָס וועט זיין בעסער פאר איי־ראָפּא, נאָר וואָס וועט זיין בעסער פאר פּוילען, און עס קאָן קיין שום ספק ניט זיין, אז די ערגסטע פרייהייט איז בעסער איידער די בעסטע אבהענגיגקייט. נאָך מעהר, אפילו מיר אידען, וועלכע האָבען זעהר פיעל טענות צו דער פּוילישער בעפעלקערונג — דאָך קאָנען מיר ניט, אלס פרינציפּיעלע נאציאָנאַליסטען, ניט ווינשען דעם פּויל־ישען פאָלק, אז זיין הונדערט־יאָהריגער חלום זאָל פערווירקליכט ווערען. עס איז דאָ א געוויסער טראגיזם אין אונזער שטעלונג צו דער פּוילישער פראגע, דאָס איז שוין אָבער אונזער גורל, און מיר טהוען זיך אָן א כח און זיינען זיך גובר איבער אונזערע בע־פירכטונגען און פיהלען א געוויסע בעפריעדיגונג, ווען מיר זעהען אז דער אידעאל, אין וועלכען מיר גלויבען, מאכט נאָך איין שריט פאָרווערטס.

נעהמען מיר בעלגיען — א שפּאָגעל נייע פראגע אלס א רעזול־טאט פון דער איצטיגער מלחמה. די מיינונגען קאָנען זיין צו־טהיילט בנוגע צו די גרויסע קעמפפענדע מלוכות, אָבער אלע סימפּאטיען זיינען אויף דער בעלגישער זייט, אלע פיהלען מיט דער קליינער מדינה אין איהר שווערען נסיון און אלע ווינשען איהר, אז זי זאָל רעכט באלד געהיילט ווערען פון די טיעפע וואונדען, וועלכע די מלחמה האָט איהר פעראורזאכט. קיין פּאָלי־טיקער, ווען ער געהערט נאָר ניט צו די פערטרעטער פון דער עקס־

טרעמער רעאקציאָן, וועט ניט האָבען די העזה אויסצושפּרעכען אַ וואָרט געגען די וויטערע זעלבסטשטענדיגע בעלגישע עקזיסטענץ, און קיין געלעהרטער, ווי קאָסמאָפּאָליטיש ער זאָל ניט זיין געזינט, וועט ניט האָבען דעם מוטה צו געבען עצות דעם בעלגישען פּאָלק, אַז עס זאָל זיך ניט אַזוי יאָגען נאָך דער ווידערגעווינונג פון זיין זעלבסטשטענדיגקייט אויף דער אסמכתא, וואָס אַלע נאַציאָנען וועלען דאָך סוף־כל סוף- מוזען אונטערגעהן און זיך פערשמעלצען אין דער איינהייטליכער מענשהייט.

נעהמען מיר אפילו די קליינע נאַציאָנאַלע גרופּען, די עקזאָטישע פעלקערלעך, פון וועלכע די וועלט האָט ביז איצט גאָר קיין נאָטיץ ניט גענומען, ווי אַלבאַניען צום ביישפּיעל, קאָנען מיר אויך פעסטשטעלען, אַז די פאָרטגעשריטענע געזעלשאַפט פערהאַלט זיך אויך צו די אויפלעבענדע קליינע נאַציאָנען מיט גרויס סימפּאַטיע, זי פערגינט זיי פון גאַנצען הארצען אַ זעלבסטשטענדיגען קיום.

ווי בייט זיך אָבער פּלוצלינג דאָס בילד, ווען מען הויבט אָן צו דיסקוטירען וועגען די אידישע פראגע! דאָ קומען בעלי עצות און זוכען צו בעווייזען אויף גרונד פון וויסענשאַפטליכע טהעאָריען, אַז פאַר די אידען בלייבט ניט קיין אנדער ברירה ווי אונטערצוגעהן אלס אַ פאָלק. איך רעד ניט פון די אנטיסעמיטען. זייער שטאַנדפּונקט איז קלאָהר און ברויכט ניט קיין פּירושים. אָבער פּאָליטיקער און וויסענשאַפטלער, וועלכע זיינען מפורסם אין דער גאַנצער געבילדעטער וועלט אלס גרויסע מענשען-פריינד, אלס פאָר־קעמפּפער פאר רעכט און גערעכטיגקייט — ווען זיי קומען און געפינען אויך קיין אנדער אויסוועג ניט פאר די אידען ווי צו פערשווינדען, און וואָס גיכער, אַלץ בעסער, דאַן מוז דאָך זיין אַן אורזאכע, וועלכע גיט זיי אליין דאָס רעכט צו האָבען אַ צווייעֶנדיגען מאַסשטאַב, איין מאַסשטאַב פאר די גאַנצע וועלט, און איינעם פאר די אידען. וואָלטען זיי לכל־הפּחות אויסגעדריקט זייער פערעלטנים צום אידישען פּראָבלעם מיט בעדויערען, וואָלטען זיי לכל־הפּחות געזאָגט, אַז זיי קומען צו זייער שטאַנדפּונקט, ווייל זיי בויגען זיך פאר היסטאָרישע אונמעגליכקייטען צו געפינען אַן אנדער

לעזונג פאר די אידישע פראגע — עס וואָלט אויך דאמאָלס געווען גענוג טרויעריג, אָבער קיין **בעליידיגונג** וואָלט דערין ניט געשטעקט.

זיי טהוען עס אָבער ניט. קומען זיי צו דער אידישער פראגע, רייטען זיי אויף זייערע פאָרטשריטליכע טהעאָריען, געפאנצערט מיט א וויסענשאפטליכער טערמינאָלאָגיע און בעווייזען מיט אותות ומופתים, אז אין דעם נאציאָנאלען פערשווינדען שטעקט א שטיק פּראָגרעס פאר די אידען גופא.

דער טהעאָרעטיקער און דער פערטהיידיגער פון דער אָרטהאָדאָקסישער ריכטונג פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, קארל קויטסקי האָט דאָ ניט לאנג ארויסגעגעבען א בראָשורע וועגען די אידען־פראגע, בעטיטעלט: „ראַסע און יודענטהום“. דער מחבר אליין, ווי עס איז צו זעהען פון דער הקדמה, האָט געפיהלט הפנים, אז דער איצטיגער מאָמענט, ווען די גאנצע ציוויליזירטע וועלט איז ארומגעכאפּט פון די מלחמה־פלאַמען, איז ניט בעזאָנדערס געאייגנעט צו פערטיעפען זיך אין טהעאָרעטישע חקירות וועגען אן אלטעס פּראָבלעם ווי די אידישע פראגע, וועלכע איז ניט פערבונדען דירעקט מיט דער מלחמה, און ער זוכט זיך צו רעכטפערטיגען וואָס ער לאָזט ארויס זיין בראָשורע דוקא איצט. ערשטענס, איז די בראָשורע אָנגעשריעבען נאָך איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, צווייטענס, איז דאָס אידישע פּראָבלעם געוואָרען **אקטועל** נאָכדעם ווי די ערשטע בהלה איז פארבייגעגאנגען, דען גראד איצט, ווען דער נאציאָנען קאמפּף ווערט אויסגעפאָכטען אויף די שלאכטפעלדער מיט כלי־זיין, שפּיעלט זיך אָב פּאראַלעל נאָך א מלחמה מיט דער פעדער אין די קאבינעטען פון זשורנאליסטען און פּראָפעסאָרען מכח די פערשיעדענע ראַסען טהעאָריען. בכן, פיהלט זיך דער מחבר פאר בערעכטיגט ארויסצוטרעטען אויך מיט **זיין** מיינונג אין דיעזער וויכטיגער פראגע גראד אין איצטיגען צייט־פונקט.

געוויס קאָן מען אויף דעם מחבר קיין פּאראיבעל ניט האבען. אין גענענטהייל, מיר וועלען איהם זיין דאנקבאר פאר זיין בראָשורע און פאר די עהרליכע אָפענקייט, מיט וועלכער ער שפּרעכט אויס זיין מיינונג. קויטסקי שפּיעלט ניט אין פּאָליטיק און זוכט ניט

צו בעשיטען מיט צוקער די ביטערע פילען, וועלכע ער ניט אונז איינצונעהמען. בעסער אזוי. פון דיעזער בראָשורע אָבער זעהען מיר מיט קלאָרקייט, וואָס מיר האָבען צו ערוואַרטען א ל ס פ אָ ל ק פון דעם זיעג פון די אידעען, פון וועלכע דער מחבר פון דער בראָשורע איז איינער פון די גרעסטע און די ליידענשאפטליכסטע פרעדיגער.

II

די אידישע נאַציאָן דורך מאַרקסיסטישע ברילען.

קארל קויטסקי'ס בראָשורע „ראַסע און יודענטהום" מאַכט דעם איינדרוק פון א „וויסענשאפטליכער" אָבהאַנדלונג, ווי פיעלע אַנדערע וויסענשאפטליכע אָבהאַנדלונגען אויף דיעזען געביעט. צוערשט קומט אַן איבערבליק איבער די פערשיעדענע ראַסען־טהעאָריען, איבער טיער־ראַסען און מענשען־ראַסען, און דאַן איינינע בעטראַכטונגען איבער די סימנים פון דער אידישער ראַסע, איבער קערפּערליכע און גייסטיגע סימנים, און צום שלוס איבער אַנטיסעמיטיזם, אסימילאַציאָן און צ י ו נ י ז ם. אין אמת'ען איז אָבער די גאַנצע בראָשורע פערפאַסט געוואָרען נאָר צוליעב דעם לעצטען קאַפּיטעל. קויטסקי איז א פּראַקטישער מענש, ער בעשעפטיגט זיך ניט מיט דער וויסענשאפט אוים ליעבע צו וויסענשאפט, ער זוכט תכלית, איהם אינטערעסירט די „הלכה למעשה", און דעריבער קומט ער טאַקע מיט עצות, מיט פּראַקטישע פאָרשלעגע. און אזוי ווי די ראַסען־פראַגע איז געוואָרען אין דער לעצטער צייט מאָדערן, און דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם האָט אנגעהויבען בעהאַנדעלט צו ווערען אלס א בלוט־פּראָבלעם, ד. ה. אזוי ווי מען האָט אָנגעהויבען צו ערקלערען די סבה פון דער פערשידענאַרטינקייט פון די מענשליכע גרופּען מיט די פערשיעדענע מינים בלוט, וועלכע פליעסען אין אונזערע אָדערן, האָט קויטסקי זיך אָבגעשטעלט גראָד אויף דער ראַסען־פראַגע, אום צו בעווייזען, ווי ווייט דאָס אידישע

פאָלק האָט קיין רעכט ניט צו פאָדערען זעלבסטשטענדיגע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ אין נאָמען פון דער ריינקייט פון זיין ראַסע.

עטוואָס נייעס האָט דער מחבר ניט ענטדעקט. ער ציטירט נאָר איינינגע שטעלען פון פישבערג'ס און פון צאָלשאַנ'ס ווערק איבער די אידישע ראַסע, ער בעטאָנט דאָס, וואָס פאַסט איהם. דאָס וואָס פאַסט איהם ניט, מאַכט ער אַוועק אונטער'ן האַנד, און עס איז ניכר, אַז איידער דער מחבר איז צוגעטראָטען צו זיין פאָרשונג האָט ער שוין געהאַט זיין ציעל, צו וועלכען ער האָט געוואָלט קומען. און אַז מען וויל קומט מען, איבערהויפּט נאָך ווען מען בעשעפטיגט זיך מיט יונגע וויסענשאַפטען, וועלכע האָבען זיך נאָך ניט אָבגעזעטצט, און וועלכע לאָזען זיך בויגען נאָך אַלע זייטען.

די גאַנצע ראַסען-טהעאָריע קאָן נאָך בשום אופן ניט בעטראַכט ווערען אַלס אַ וויסענשאַפטליכע טהעאָריע, און נאָך ווייניגער קאָן בעטראַכט ווערען די מעטהאָדע אַלס אַ וויסענשאַפטליכע, ווען מען מאַכט דעם פּערזוך צו אָנווענדען די ראַסען־טהעאָריע אויף די לעזונג פון דעם נאַציאָנאַלען פּראָבלעם. די נאַציאָן איז ניט נאָר אַן אַנטראָפּאָלאָגישער און אַן עטנאָגראַפישער פּראָדוקט, זי איז אין נאָך אַ העכערען זין אַ רעזולטאַט פון אַ פּסיכאָ־היסטאָרישען ענטוויקלונגס-פּראָצעס. פּונקט ווי מען קאָן ניט ערקלערען דעם כאַראַקטער פון אַ מענשען דורך דעם אויפבוי פון זיין קערפּער און דורך זיינע פיזיאָלאָגישע בעזונדערהייטען, אַזוי לאָזט זיך ניט ערקלערען דער קאָלעקטיווער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער דורך ראַסען־סימנים, בפרט נאָך ווען דער בעגריף ראַסע איז אַבסאָלוט נאָך ניט פעסטגעשטעלט, ווייל מיר האָבען איהם גענומען פון דער פּלאַנצען און דער טיער־וועלט און איינפאַך איבערגעטראָגען אויף דעם מענשען. אויב מיר זאָלען אָננעהמען די הנחה, אַז דער בעגריף נאַציאָן מוז זיין פונדאַמענטירט אויף דעם ראַסען־בעגריף, דאָס הייסט, אויב מיר זאָלען צוגעבען, אַז נאָר די גרופּע פערדיענט דעם נאָמען נאַציאָן, וועלכע קאָן דאָקומענטאַריש בעווייזען, אַז זי איז ביי איהר ענטשטעהונג צוזאַמענגעשמאָלצען געוואָרען דורך בלוט-פערוואַנדשאַפט און אַז זי האָט בעהאַלטען

איהר בלוט־ריינקייט ביז צו דער געגענוואַרט — דאַן וועלען מיר געצוואונגען זיין אויסצומעקען דעם בעגריף נאַציאָן פון אונזער רעדען און דעם נאָמען נאַציאָן פון לעקסיקאָן, לכל הפחות פאַר אַלע אייראָפּעאישע פעלקער, וואָרום מיר האָבען אין אייראָפּא איין פאָלק ניט, וועלכעס זאָל קאָנען בעשטעהן דעם בלוט־עקזאַמען.

און קויטסקי מאַכט זיך טאַקע לוסטיג איבער די ראַסען־טהעאָריע און די ראַסען־טהעאָרעטיקער און ער פערשפּאָטעט זיי אויף יעדען שריט און טריט אין זיין בראָשורע. ער בעווייזט זעהר וויטציג, ווי נאַאיוו עס איז, ווען מען וויל די לעצטע מלחמה ערקלערען אַלס אַן אונפערמיידליכען צוזאַמענשטוים צווישען „גערמאַנען“ און „סלאַווען“. מילא מיט דעם אַנטאַגאָניזם צווישען דייטשלאַנד און רוסלאַנד נעהט עס נאָך, וואָס טהוט מען אָבער מיט די עסטרייכישע סלאַווען? נעהמט מען און מען שטעלט אַ מחיצה צווישען די מאָנגאָליש־טאַטאַרישע־סלאַווען און צווישען די לאַטייניש סלאַווען. דיעזע מחיצה האָט ערפונדען פּראָפעסאָר קאַרל לאַמפּרעכט, וואָרים אָהן איהר וואָלט זיין גאַנצע טהעאָריע פון דעם ראַסען־קאַמפּף צווישען גערמאַנען און סלאַווען אומגעפאַלען, און קויטסקי בעמערקט דערצו: „די נייע ראַסע פון די „לאַטיינישע סלאַווען“ איז נאַטירליך די צוזאַמענפאַסונג פון אַלע סלאַווישע פעלקער, וועלכע געהערען צום קאַטוילישען גלויבען.“ אויף אַזאַ אופן ווערט געשאַפען אַ נייע קאַטוילישע ראַסע, דאָס יונגסטע קינד פון אונזערע ראַסען־טהעאָרעטיקער. קויטסקי נעהט ווייטער דורך דעם גאַנצען מנין פון די מלחמה פיהרענדע נאַציאָנען און בעווייזט מיט שאַרפער איראָניע, ווי ווייט עס איז לעכערליך און אונבעגרינדעט צו זוכען אין דער ראַסע דעם שליעסעל צו דער איצטיגער מלחמה.

זעלבסטפערשטענדליך בעמיהט זיך קויטסקי צו בעווייזען, אַז די מלחמה איז אַ רעזולטאַט פון אַ ריין עקאָנאָמישען קאַמפּף. מען קאָן מיט איהם מסכים זיין אָדער ניט, יעדענפאַלס אָבער, איז דערין קיין ווידערשפּרוך ניט ענטהאַלטען. דער מחבר בלייבט טריי זיך אַליין און אַלס אַנהענגער פון דער היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג, זוכט ער צו ערקלעהרען די וועלט־געשעהניסע פון זיין שטאַנדפּונקט.

מען קאָן אויף דעם מחבר קיין פאראיבעל ניט האָבען, ווען ער בעמיהט זיך צו ערקלעהרען די ס ט ר ו ק ט ו ר פון אידישען פאָלק ניט דורך בעזונדערע ראסען־אייגענשאפטען נאָר דורך די סביבה, ד. ה. דורך די לאגע, וועלכע די אידישע בעפעלקערונג איז געווען געצוואונגען צו פערנעהמען אין די פערשיעדענע מדינות. אפילו די גייסטיגע אייגענשאפטען פון דעם אידישען פאָלק שרייבט ער אויך צו דער סביבה הויפטזעכליך. דאָס זיינען אלטע בעהויפ־טונגען, גוט בעקאנט פון פיעלע פריהערדיגע מארקסיסטישע אָב־האנדלונגען וועגען דאָס אידישע פראָבלעם. מען קאָן מיט זיי זיין איינפערשטאנדען, מ׳קאָן זיי געפינען אלס איינזייטיג און איבער־טריבען, אָבער עס איז ניטאָ קיין גרונד צו בעקלאָגען זיך אויף דעם מחבר. ער איז איינער פון די פיהרענדע מארקסיסטען, ער בע־טראכט די גאנצע וועלט און די געשעהעניסע דורך די רויט-געפארב־טע מארקסיסטיש־אָרטהאָדאָקסישע ברילען און ער האָט דאָס רעכט צו צוטרעטען אויך צו דער אידישער פראגע מיט דעם מארקסיסטי־שען מאסשטאב.

מיר געפינען אָבער דערין אַ ווידערשפרוך, ווען קויטסקי, וועל־כער מאכט זיך לוסטיג איבער די גאנצע ראסען־טהעאָריע אין דער ע ר ש ט ע ר ה ע ל פ ט פון זיין בראָשורע, געברויכט די רעזול־טאטען פון צווייפעלהאפטע פאָרשונגען אויף דעם זעלבען געביעט, כדי מ ב ט ל צו זיין די גאנצע אידיש־נאציאָנאלע בעוועגונג. עס קומט אויס, אז „צום פגר׳ן איז זי אַ בהמה“, אז צום פערניכטען פון עטוואָס וואָס פאסט איהם ניט איז אויך די ראסען־טהעאָריע גוט.

מיט די זעלבע בעווייזען און מיט די זעלבע טענות וואָלט קויטסקי איצט געקאָנט קומען אויך צו זיינע איינענע „שטאמס־גענאָסען“, איך מיין צו די פוילען. מיט דעם זעלבען רעכט האָט ער אויך זיי געקאָנט געבען די עצה, וועלכע ער גיט די אידען און וועלכע קאָן פאָרמולירט ווערען זעהר קורץ: „מאטער זיך ניט צו־פיעל, שטרענג ניט אן אומזיסט די כחות, לאָז זיך אראב אויפ׳ן גרונד און געה אונטער איינמאָל פאר אלע מאָל.“ וואָרים אויב די אידען האָבען ניט קיין נאציאָנאלע עקזיסטענץ־בערעכטיגונג, ווייל

עס געפעהלט אנדערע טענדענציעזע פארשער צו בעהויפטען, אז דאס אידישע בלוט איז ניט מעהר ריין אין ראסען־זין, האבען מיר דאס רעכט צו פערלאנגען, אז די זעלבע בלוט־אונטערזוכונג זאל אויך געמאכט ווערען מיט אנדערע נאציאנען. מיר ווילען ניט ביל־דען קיין אויסנאהם אפילו ביי בלוט־אונטערזוכונגען, מיר ווילען ניט, אז אפילו מענער ווי קויטסקי זאלען האבען פאר אונז וועניגער רעספעקט ווי פאר אנדערע נאציאנען, מיר פערלאנגען איין מאס־שטאב פאר אלעמען.

קויטסקי האט דאס אבער ניט געטהאן. ער האט פאר זיינע בעטראכטונגען און פאר זיינע פערעפענטליכונגען נ א ר אונז געוועהלט, גלייך ווי נאר מיר אליין שטעהען איהם אין וועג. א נייער בעגריף פון „אתה בחרתנו", אנטקעגען וועלכען מיר ועלען פראָ־טעסטירען מיט דער גאנצער קראפט פון אונזער נאציאנאלען עמפ־פינדען.

יעצט לאמיר זיך אבשטעלען אויף דעם אופן, ווי קויטסקי געהט צו אונז צו, און אנאליזירען די עצה, וועלכע ער גיט אונז.

III

די אינקוויזיציאן פון דער הערשענדער נאציאן.

אין סדום, ווי מיר אלע ווייסען, איז געשטאנען א קהל'שע בעט, צוגעגרייט פאר אורחים, פאר דורכוואנדערער. יעדען אורח פלעגט מען ראשית כל בעטען אברוהען. האט ער געפאסט פונקט פאר די לענג פון בעט, פלעגט מען איהם אבלאזען בשלום. איז דער וואנדערער אבער חלילה געוועזען צו קורץ, פלעגט מען איהם ציהען די גליעדער ביז יציאת נשמה; איז ער געוועזען צו לאנג, פלעגט מען איהם מקצר זיין די פיס און מיט די פיס אויך די יאהרען. די לעגענדע דערצעהלט ווייטער, אז נאר וועניגע פון די וואנדערער האָ־בען זיך געראטעוועט, די מייסטען האבען געפונען א קבר אנ־שטאט ברויט און וואסער. דאס איז די מ ד ה פון סדום.

די מדה פון סדום האָט דורכגעמאכט פיעלע גלגולים. נאָך א געפעהרליכערע פאָרם ווי אין סדום האָט זי אָנגענומען אין דער הערשענדער קירכע, וועלכע האָט אויסגעארבייט אן „אני מאמין“ אלס מאסשטאב פאר די מענשליכע נשמה. אין מיטעל-אלטער האָט געהערשט די שרעקליכע אינקוויזיציאָן מיט איהרע פון גאָט געהייליגטע מאָרד אינסטרומענטען, און אונצעהליגע מענשען־קרבנות האָבען אויסגעהויכט זייער גייסט, נאָכדעם ווי זיי האָבען דורכגעמאכט אלע יסורים פון גהינום אויף דער וועלט. אין דער נייער צייט האָט די רעליגיאָן אין אלגעמיינעם פערלאָרען עטוואָס פון איהר השפעה, דער מענש איז געוואָרען עטוואָס פרייער און אויך עטוואָס טאָלעראנטער אין עניני אמונה. איז אָבער אויסגעוואקסען אן אנדער „אני מאמין“ ניט וועניגער געפעהרליך ווי דער „אני מאמין“ פון דער פערגליווערטער, הארטער, שטרענגער קירכע. די הערשענדע רעליגיאָן איז אָבגעטראָטען אין הינטערגרונד און איהר פלאַץ האָט פערנומען די *הערשענדע נאציאָן*, אויפגעבויט אויף דעם זעלבען סדום׳ישען פרינציפ. די הערשענדע נאציאָן, ווי די הערשענדע קירכע אין מיטעלאלטער, האָט איהר „אני מאמין“, איהר מאסשטאב, וועלכען זי ווענדעט אָן אויף די גאנצע סביבה, אויף די גאנצע געזעלשאפט. זי וויל אלעס *איינשלינגען*, אלעס *ניוועלירען*, גלייך מאכען אלע *געפיהלען*, אלעס זאָל זיין צוגעפאסט צו איהר מאסשטאב. האָסט דו א לאנגע פערגאנגענהייט — האק זי אָב, טראָגסט דו אין זיך א צוקונפטס־חלום, שנייד איהם אָב; קאָנסט דו ניט צובינדען צו דיין איך א פרעמדע פערגאנגענהייט, קאָנסט דו זיך ניט בענייסטערען פאר א פרעמדע צוקונפט — ביסט דו פסול אין דער געזעלשאפט. דו טאָרסט ניט זיין ניט לענגער און ניט קירצער פאר דעם אָנגענומענעם, אליין זעליג מאכענדען, *הערשענדען* נאציאָנאלען מאסשטאב. עס איז ענטשטאנען די אינקוויזיציאָן פון דער *הערשענדער* נאציאָן.

און די אינקוויזיציאָן פון דער הערשענדער נאציאָן איז אין פיעל פרטים ערגער, געפעהרליכער פאר דער אינקוויזיציאָן פון דער הערשענדער קירכע. קעגען די הערשענדע קירכע מיט איהר סדום׳ישען

פרינציפּ האָבען געקעמפפט אלע פריידענקער. דער בעסערער מענש איז געווען פול מיט צאָרן און ער האָט ניט גערוהט אין זיין היילינען קריעג געגען די אונהייליג געוואָרענע קירכע. קיין רעכט־דענקענ־דער מענש איז ניט געקומען מיט עצות: וואָס זאָל מען טהאָן, עס איז אזוי בעשעהרט, גיב זיך אונטער, פּאַס צו דיין נשמה צו דעם אינקוויזיטאָר׳ס „אני מאמין״. אדרבא, די בעסטע און די ערעלסטע האָבען אויפגעמונטערט דאָס פאָלק צו עקשנות און ווידערשטאנד און ניט זעלטען אליין געצייגט א ביישפּיעל פון מוטה און ענטשלאָ־סענהייט און געשפּרונגען אין פייער. פון זייערע פערברענטע קער־פּער איז ארויס א פונק, א גאָטס־פונק, און האָט אָנגעצונדען די גאנ־צע סביבה. אזוי איז געבאָרען געוואָרען די רעפאָרם־בעוועגונג, די ווידערגעבורט פון דער מענשהייט.

זייט אָבער די סדום׳ישע מעטהאָדע איז אריבערגעגאנגען פון דער הערשענדער קירכע צו דער הערשענדער נאציאָן, איז ווידער פערדונקעלט געוואָרען דער מענשליכער פערשטאנד. דער בעסערער מענש האָט זיך בערוהיגט אין זיין נאאיווען גלויבען, אז די סכנה איז פאַרביי, די אינקוויזיציאָן איז אויף אייביג פערשוואונדען. ער האָט ניט געמערקט, אז דאָס איז מעהר ניט ווי א שינוי השם, אז דער אלטער בעגריף האָט בעקומען א נייעם נאָמען, אז די אלטע צרה האָט זיך אנדערש פערקליידעט, אויף דעם אָרט פון דעם גלח איז אויסגעוואקסען די פּאָליציי, אויף דעם אָרט פון דעם גרויס־אינ־קוויזיטאָר — דער מיניסטער, און די הערשענדע נאציאָן האָט אָב־געירש׳ענט די קירכע.

און אנשטאט עס זאָלען קומען די בעסערע מענשען, ווי זיי פלעגען קומען אין דער צייט פון דער קירכליכער אינקוויזיציאָן, און אויפמונטערען די געדריקטע און פערפאָלגטע צום קאמפף און צום ווידערשטאנד, אריינגעבען זיי חשק און מוטה אין זייער ניט גלייכען קאמפף און העלפען זיי אין זייער גרויסער זעלישער נויטה און גייסטיגער בעדרענגטהייט, פערגעסען זיי זייער מיסיאָן. אין בעסטען פאל נעהמען זיי אן א פולע מויל וואסער און שווייגען, אָנן נאָר אָפטמאָל קומען זיי ארויס מיט׳ן וואָרט און גיבען עצות, וואָס ווען מען וואָלט ניט געוואוסט פון וואנען זיי קומען, וואָלט מען גע־

קאַנט מיינען, אז די אונטערדריקער האָבען זיי מכבד געווען מיט א שליחות, ווארים די עצות וואָס זיי גיבען געפינען זיך אין הארמאַנישען איינקלאנג מיט די אבזיכטען פון די הערשער.

זיי קומען צו א שוואכער נאציאָן, וועלכע פיהרט זייט טויזענדע יאָהרען א ניט־גלייכען קאַמפף מיט דער גרויסער סביבה, ווייל זי וויל ניט, ווייל זי קאָן ניט אונטערגעהן, ווייל זי טראָגט נאָך אין זיך גענוג שעפּפערישע כחות, ווייל זי האָט נאָך ניט פערלאָרען דעם געזונדען אפּעטיט צו זעלבסט־שטענדיגען דאזיין, ווייל זי האָט נאָך איהר אייגענעם גאָט, איהרע אייגענע פאָרשטעלונגען פון מענש און וועלט, ווייל זי האָט נאָך כח צו ליידען, טראָגען און האָפען — קו־מען זיי צו איהר און גיבען איהר גאנץ קאַלטבלוטיג אן עצה: אומ־זיסט דיין האָפנונג, אומזיסט דיין מאַטערן־זיך, דו האָסט ניט קיין עקזיסטענץ־בערעכטיגונג, ווארים די געשיכטע האָט פון דיר אָב־געצופּט אייניגע סימנים, וועלכע געהערען לויט אונזער מאַסשטאַב, צום בעגריף נאַציאָן. געה אונטער, לאָז זיך איינשלינגען, און מיר זאָגען דיר צו א ליכטיגען גן־עדן!

עס פעהלט נאָר דער נאַציאָנאַלער „אל מלא רחמים“:

„דער גאָט פון דער מענשהייט, וואָס טהראָנט איבער אלע וועלטען, נעהם אריין אונטער דיין כסא הכבוד די נשמה פון א פער־שוואונדענער נאציאָן, שפּרייט אויס איבער איהר דיינע פליגלען, אין גן־עדן זאָל זי רוהען צווישען אלע נשמות פון די פעלקער, וואָס האָבען פערלאָזען די וועלט. מיט דאנקבארקייט וועלען מיר איהר מאַכען אן אזכרה צום יאָהר־צייט, מיט כבוד וועלען מיר איהר גע־בען א פּלאַץ אין דער געשיכטע. באשיץ און בעשירם זי אין דיין לייטזעליגקייט. אמן סלה.“

עס קלינגט איינגענאַרטיג. עס הערט זיך אין די ווערטער א טרויעריגער בית־המדרש־בת־קול — אָבער זיי דריקען אויס די קווינט עסענץ פון יעדער פּרעדיגט, וועלכע מאַהנט און רופט צו אסימי־לאַציאָן, און די וואָס רופען צו אסימילאַציאָן זיינען מעהר ניט ווי חברה־קדישא־לייט, ווי קברנים, וועלכע האָבען קיין צייט ניט און רייסען זיך אריין צום גוסס'ן אין צימער און ציגען איהם דאָס טהרדרבערעט און די ריינע, ווייסע, שפּאָגעל נייע תכריכים... זיי

ווילען איהם מאכען א חשק צו שטארבען, זיי מאָהלען איהם אויס א גן־עדן, זיי פערשפּרעכען איהם וואוילטאָג אויף יענער וועלט. פּונקט אזוי פלעגען זיך נוהג זיין אויך די אלטע אינקוויזיטאָרען. בשעת די קרבנות האָבען זיך געבראָטען אויפ׳ן שייטער־הויפען פלעגען זיי האלטען דעם צלם אין האנד און מיט צום הימעל פער־גלאָצטע אויגען בעטען רחמים פאר די גע׳כשר׳טע נשמות.

און ווען איך זעה פאר מיר פיינע מענשען, מיט גרויסע נשמות, פערטהיידיגער פון גערעכטיגקייט, קעמפּפער פאר פרייהייט — און זיי קומען ארויס מיט אן אסימילאציאָנס־פּרעדיגט, פערגעהט מיר דער פערשטאנד. פערשטעהען זיי דען ניט, אז די שלימסטע, די פיינליכסטע, די ניעדריגסטע קנעכטשאפט איז ווען איין נאציאָן מוז זיך אונטערגעבען צו דער אנדערע, דער הערשענדער? בעגרייפען זיי דען ניט, אז א נאציאָנאלער אונטערגאנג איז א שרעקליכע קאָלעקטיווע מיתה, אז עס איז שוין בעסער אויסגעשלאכטעט צו ווערען אויפ׳ן מלחמה־פעלד, איידער צו זיין פערמשפּט צו א לאנגזאמער גסיסה פון אייביגער קנעכטשאפט און שאנדע?

טרויעריג, זעהר טרויעריג וואָלט עס אויסגעזעהען מיט דער מענשהייט, ווען זי וואָלט זיך ניט דערהויבען צו א העכערער מדרגה פון פערשטענדניס, ווען זי וואָלט געבליבען ביי די אלטע, פערשימעלטע השגות פון נאציאָן און נאציאָנאלען לעבען און וואָלט ניט איינגעזעהען, אז דער וועג צו דער בעפרייטער מענשהייט פיהרט נ אָ ר דורך די בעפרייאונג פון א ל ע נאציאָנען, אז די מלחמה דארף זיין געריכטעט ניט אנקעגען די שוואכע, צו ווידער־געבורט און זעלבסטשטענדיגקייט שטרעבענדע נאציאָנען, נאָר קעגען די שטארקע און ה ע ר ש ע נ ד ע, וועלכע האָבען א טייפעלשען אפּעטיט און ווילען אלעם אויפפרעסען און איינשלינגען. זיי זיינען דער שטן, זיי זיינען דער מלאך־המות פון דער מענשליכער פרייהייט, פון דעם אמת׳ען פראָגרעס, און יעדער ווער עס העלפט זיי, ווי ערדעל און ווי ערהאבען עס זאָלען ניט זיין זיינע מאָטיוועז, איז א העלפער פון שטן, א שליח פון מלאך המות.

זיינען טאקע אין דער לעצטער צייט אויפגעשטאנען נייע

אפּאָסטעל פון דער מענשליכער פרייהייט, וועלכע האָבען טיעפער בעגריפען דעם היסטאָרישען פּראָצעס. וועלכע טראָגען אריין אין די געזעלשאַפט א נייע בשורה. און מיר געפינען זיי, די נייע אַפּאָסטעל, אויך אין דער פ ר י ש ע ר י ו נ ג ע נ ד ל י כ ע ר סאָציאל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָבען דעם מוטה אָבצוטרייסלען פון זיך די אַלטע מסורות פון א ניט־ריכטיג פערשטאַנענער טהעאָריע, און האָבען קיין מורא ניט פאר די זיידעס.

איך האָב געלייענט די בראָשורע פון קויטסקי, דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישען זיידען. ער רופט די אַלטע אידישע נאַציאָן צום פערשווינדען, צום אונטערגאַנג, צום טויט. האָב איך פערביסען קויטסקי׳ס בראָשורע מיט דער בראָשורע פון דר. קוועסעל, איינער פון די בעדייטענדסטע איינגערע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען. קוועסעל בעהאַנדעלט, אין זיין בראָשורע די זעלבע פראַגע, דאָס אידישע פּראָבלעם. איך געדענק נאָך קוועסעל׳ן פון דער צייט, ווען ער איז נאָך געווען אַן איינפאַכער ארביימער אין קעניגסבערג און ערשט צוליעב זיין פערקעהר מיט די רוסיש־אידישע סטודענטען האָט ער בעקומען א חשק צו שטודירען. און ער האָט עס ווייט געבראַכט.

צוויי אָבהאַנדלונגען, איינע בעגרינדעט אויף טרוקענע ביכער, די אנדערע רייך מיט אונמיטעלבארע בעאָבאַכטונגען פון לעבען. פון איינער שטייגט צו אונז ארויף דער קול פון א קברות־מאַן, פון דער אַנדערער — א פרישע שטימע, א וועקענדע, א רופענדע, אַן אויפמונטערענדע. צוויי אָבהאַנדלונגען — צוויי דורות, דער אָבגעלעבטער, דער פערשווינדענדער, דער אויפלעבענדער, דער קומענדער.

IV

דער אידישער משיח און די גאולה שלמה.

מילא, אַז מען בעהאַנדעלט אונז אין לעבען אַנדערש ווי אַנדערע, מילא, אַז מען געהט צו אונז צו אין לעבען אָהן דעם נויטיגען דרך־ארץ — זיינען מיר שוין דערצו געוואוינט געוואָרען. מיר אַליין האָבען דורך אונזערע אייגענע בעציעהונגען צו אונז אַליין

גורם געווען, אַז אויך די אַרומיגע זאָלען אויף אונז קוקען פון אויבען אַראָב. דורות לאַנג האָבען אונזערע „גרויסע“ און „געבילדעטע“ געפּרעדיגט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז מיר זיינען עפּעס אַ מין נאַציאָנאַלער טומטום, אַ פאָלקס־אַנדרוגינוס, עפּעס יאָ אַ פאָלק און ניט אַ פאָלק, עפּעס יאָ אַ געמיינשאַפט און ניט אַ געמיינשאַפט. און די וועלט האָט זיך אָנגעהויבען פערהאַלטען צו אונז ווי צו אַן ערשיינונג, וועלכע איז אָפטמאָל טראַגיש, אָפטמאָל קאָמיש, אָבער שטענדיג אונקלאָר, שטענדיג רעטזעלהאַפט, שטענדיג ספקות ער־וועקענד. און די וועלט האָט ליעב דאָס פּשוט'ע, די וועלט האָט ליעב צו וויסען, מיט וועמען זי האָט צו טהאָן, די וועלט האָט מורא פאַר סודות. עס איז שוין גענוג פאַר איהר, ווען זי מוז ברעכען דעם מח איבער די געהיימניספולע י ע נ ע ו ע ל ט, זי וויל דערוי־בער, אַז לכל הפחות ד י ו ו ע ל ט זאָל זיין אָפען פאַר איהר.

די פּראַקטישע אַסימילאַציאָן האָט געבראַכט מיט זיך אַן אי־נערען חורבן. די אַסימילאַטאָרישע א י ד ע אָ ל אָ ג י ע האָט פערגיפטעט די בעציהונגען צווישען אונז און אונזערע שכנים. אין געוועהנליכען לעבען זיינען מיר מענשען מיט אַלע מענשען גלייך, מיר האָבען דעם זעלבען גרויסען יצר־הרע און דעם זעלבען קליי־נעם יצר־טוב, ווי די אומות העולם. פּונקט ווי זיי יאָגען מיר זיך נאָך דעם פינקעלנדען און קלינגענדען טהייערן מעטאַל, און פּונקט ווי זיי האָבען מיר אַ חשק צו לעבען אין קאָמפאָרט. פּונקט ווי זיי האָבען מיר אַן אַפּעטיט צו מותרות. פּונקט ווי זיי און אפשר נאָך אַ ביסעל מעהר, ווייל ניט אַלע וועגען, וועלכע פיהרען צו דער בע־פריעדיגונג פון דעם מענשליכען ערדגייץ, זיינען פריי פאַר אונז, ווייל אונזער ענערגיע קאָן אָנגעוועגדעט ווערען נאָר אויף בע־שרענקטע געביעטען פון דעם עפענטליכען לעבען. יעדענפאַלס אָבער וועט קיינער ניט צוגעבען נאָך די אויסערע סימנים פון אונ־זער לעבען, אַז מיר נעהמען איין אַ העכערע מדרגה, אַ בעזונדערע שטעלונג אין דער מענשליכער געזעלשאַפט.

קומען אָבער אונזערע „פּרעדיגער“ און ווילען איינ'שמועס'ען אונז אַליין און די גרויסע אַרומיגע וועלט, אַז מיר זיינען אַ פאָלק פון כהנים, מאָדערן געשפּראָכען — אַ טהעאָלאָגישעס, אַז מיר זיי־

נען טרעגער פון א מיסיאָן, אַז מיר האָבען די אויפגאַבע מחזיר למוטב זיין די גאַנצע וועלט. און מיט דיעזער פרעדיגט קומען גאַנץ אָפט ארויס ניט נאָר געשוואָרענע פרעדיגער — דאָס וואָלט מען נאָך אפשר פערשטאַנען — ניין, באַנקירען, פאַבריקאַנטען און סתם סוחרים פערוואַנדלען זיך מיט אַמאָל אין שלוחים פון קודשא־בריך־הוא און חזר'ן איבער אַ גאַנצע וואָך דאָס, וואָס זיי האָבען פון זייער פרעדיגער געהערט שבת — פערצייהונג, ניט שבת, זונטאָג האָבען זיי דאָס געהערט. און די אַרומיגע וועלט פּאַסט דאָס אויף ווי אַ וויטץ. זי קען די באַנקירען, די פאַבריקאַנטען און די סוחרים און זי גלויבט ניט אין זייער טהעאָלאָגישע מיסיאָן און מאַכט זיך לוסטיג איבער זייער טהעאָלאָגישען קרעדיט.

אָבער, ווי געזאָגט, מיר דאַרפען זיך ניט בעקלאָגען, וואָרום מיר אליין האָבען אין אַ געוויסען זין געשאַפען די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען, וועלכע עקזיסטירען צו אונז. עס פערדריסט אונז נאָר, ווען מיר זעהען, ווי ערנסטע מענשען, וויסענשאַפטלער, וועלט־פּאָליטיקער, טרעטען אויך צו צום אידישען פּראָבלעם מיט אַן אונפערשטענדליכער איבערפלעכליכקייט, וועלכע זיי וואָלטען זיך בשום אופן ניט ערלויבט, ווען זיי וואָלטען צוגעטראָטען צו אַן אַנדער פּראָבלעם.

אין זיין אויבענדערמאָנטען ווערק „ראַסע און יודענטהום" בע־שעפטיגט זיך קויטסקי ניט נאָר מיט דער אידישער לאַגע אין דער געגענוואַרט, נאָר ער פערזוכט אויך אָנצוצייכענען דעם וועג פון דער אידישער ענטוויקלונג אין דער נאָהענטער צוקונפט. איך זאָג ענט־וויקלונג, אָבער עס רעדט זיך נאָר אַזוי, וואָרום קויטסקי זאָגט נביאות, אַז דאָס אידישע פאָלק מוז אונטערגעהן, מוז איינגע־שלונגען ווערען פון דער אַרומיגער סביבה. דאָס הייסט, קויטסקי בעטראַכט דאָס גאַנצע אידישע לעבען ניט ווי אַ פּראָצעס פון ענט־וויקלונג, נאָר ווי אַן אבוויקלונגס־פּראָצעס. דאָס אידישע פאָלק לעבט ניט מעהר. עס ד ע ר ל ע ב ט זיינע לעצטע טעג, און דאָס אויפפלאַקערן פון דעם אידישען נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין איז נאָר די לעצטע אָנשטרענגונג פאַר דער גסיסה, ווי דער פלאַם פון אַ וואולקאַן איידער ער ווערט פערלאָשען.

און אויף וואָס בעגרינדעט קויטסקי זיינע נביאות? אויף וואָס שטיצט ער זיך? פון וואנען נעהמט ער זיך די וויסענשאַפט־ליכע גאוה צו רעדען מיט אזא זיכערן טאָן, גלייך ווי די געשיכטע האָט איהם ענטפּלעקט אַלע איהרע סודות און אריינגעפיהרט איהם אין איהר צוקונפט־קאַמער ווי מען פיהרט אריין אַ בן־בית?

די געשיכטע האָט איהם קיין סודות ניט ענטפּלעקט און נייע בעווייזען האָט ער ניט. קויטסקי האָט ארויסגעפונען אַלטע אַר־גומענטען, פערשימעלטע סברות, אָבגעלעבטע מיינונגען און אויף זיי בויט ער זיין טהעאָריע. קאַוטסקי האַלט זיך נאָך פעסט ביי דער אַלטער היפּאָטהעזע, אז אַ דאנק דעם אויסערען דרוק קאָן זיך אַ פּאָלק ערהאַלטען, אז דער אויסערער דרוק בינדט צוזאַמען די פּאָלקס־עלעמענטען, וועלכע וואָלטען זיך אין גאַנצען אויפגעלעזט, ווען מען וואָלט זיי נאָר געגעבען די מעגליכקייט פון פרייער בע־וועגונג. דעריבער זעהט ער די איינציגע ערהאַלטענדע קראַפט פון דעם אידישען פּאָלק אין צוזאַמענגעשפּאַרטען געהעטאָ־לעבען. דאָס געהעטאָ איז אָבער ענטשטאַנען ווייל דער נ ע ז ע צ ג ע ב ע ר האָט געוואָלט אָבזונדערען די אידישע בעפעלקערונג פון דער הערשענ־דער סביבה. עס קומט אויס אויף אזא אופן, אז דער ה ע ר ש ע ר, דער אונטערדריקער האָט קענען זיין אייגענער כונה דערצו בייגע־טראָגען, אַז די אידען זאָלען זיך ערהאַלטען, דער אידישער קיום איז מעהר ניט ווי אַ צו־להכעיס קיום.

און קויטסקי בויט אָן איינפאַכען סילאָגיזם:

א) דער הערשער האָט געשאַפען דאָס אידישע גהעטאָ.

ב) צוליעב דעם לעבען אין גהעטאָ האָט זיך דאָס אידישע פּאָלק ערהאַלטען.

ג) מיט דעם פערשווינדען פון דעם גהעטאָ מוז אויך דאָס אידישע פּאָלק פערשווינדען.

און אזוי ווי די מענשהייט מאַכט פּאָרטשריט און די הער־שאַפט געהט איבער פון דעם טיראַן אָדער פון דער קאַסטע אין די הענד פון דער דעמאָקראַטיע, איז דאָך ניטאָ קיין ספק, אַז די געהטאָס וועלען אָבגעשאַפט ווערען, און ממילא וועלען פערשווינדען

יענע פעלקער גרופּען, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען נאָר צוליעב די גהעטאָס.

די בעפרייאונג פון די אידען פון גהעטאָ מוז ברענגען מיט זיך זייער אויפלעזונג, און וואָס גרינדליכער עס וועט זיין די בעפרייאונג, אַלץ גרינדליכער וועט זיין די אויפלעזונג. אזוי פּסק'ענט קויטסקי („ראַסע און יודענטהום“, זייטע 92).

נאָך מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר צוריק האָט אַ רוסיש־אידישער געלעהרטער, דער ליידער צו פריה פערשטאָרבענער אָרשאַנסקי, ארויסגעגעבען אַ גרינדליך ווערק איבער די רוסישע געזעצגעבונג בנוגע צו די אידען. דער מחבר שטעלט זיך אָב אויף דעם אידישען גהעטאָ אַלס געזעלשאַפטליך־היסטאָרישע ערשיינונג און אונטערזוכט מיט וויסענשאַפטליכע מעטהאָדען די אורזאַכען, וועלכע טראָגען דערצו ביי, אז דאָס גהעטאָ זאָל ענטשטעהן. און אָרשאַנסקי קומט צו אַ גאַנץ אנדערען בעשלוס. ער ועפינט, אז צוערשט ענטשטעהט דאָס גהעטאָ צוליעב ריין *פּסיכאָלאָגיש* געזעלשאַפטליכע מאָטיווען. צוליעב דער *נייגונג* פון אַן *איינהייטליכער* בעפעלקערונגס גרופּע, וועלכע וויל זיך אויסלעבען אין אַן אייגענער סביבה, *אָהן קיין שום צוואַנג פון אויסען*. צוערשט שליעסט זיך אָב די גרופּע פון אינוועניג און ערשט שפּעטער קומט דער הערשער און שליסט זי אָב פון דרויסען. עס ווידערהאָלט זיך די אַלטע געשיכטע מיט *גשן*. צוערשט קומען די אידען און פערלאַנגען, אז מען זאָל זיי ערלויבען צו וואוינען אין אַ בעשטימטען תחום מכמה ומכמה טעמים, דערנאָך קומט פּרעה און איז *גוזר*, אז זיי זאָלען בלייבען וואוינען נאָר אין דעם בעשטימטען תחום.

אָרשאַנסקי'ס טהעאָריע האָט דאַמאָלס איבעררַאשט פיעלע וויסענשאַפטלער, אָבער זייט יענער צייט האָט יעדער פאָרשער אויפגעגעבען די אַלטע אנשויאונג וועגען דער ענטשטעהונג פון אַ גהעטאָ.

זייט יענער צייט זיינען ענטשטאַנען די גרעסטע אידישע גהעטאָס אין דער געשיכטע דוקא אין אזוינע מדינות, וואו די אידען האָבען ניט געהאַט צו ליידען פון אַן אויסערען דרוק, וואו זיי האָבען

געהאט דאָס רעכט זיך פריי צו בעוועגען און צו פערטהיילען זיך איבער דאָס גאַנצע לאַנד. און ניט נאָר די אידען אַליין האָבען גע־בילדעט נייע גהעטאָס ביי פרייע בעדינגונגען. די אידען זיינען אין דער הינזיכט ניט יוצא מן הכלל. די נייע געשיכטע איז בעקאַנט געוואָרען מיט דייטשע, איטאַליענישע און פערשיעדענע סלאַווישע גהעטאָס.

עס איז ניט דאָ דער פּלאַץ אָבצושטעלען זיך ברייטער אויף די אורזאַכען, וועלכע צווינגען די איינוואַנדערער צו גרופּירען זיך נאָך דער פאָלקס־שייכות. ווען אפילו די ריינע עקאָנאָמיק איז קעגען אַזאַ גרופּירונג. עס איז פאַר אונז גענוג נאָר אָנצואווייזען, ווי געפעהרליך דאָס איז, ווען מען בויט אַ גאַנצען בנין אויף אַ צו־פוילטען פונדאַמענט.

און דאָס האָט געטהאָן קויטסקי אין זיין נייעם ווערק וועגען די אידען־פראַגע. ער האָט געבויט אויף אַ פאַלשער הנחה, און זיין גאַנצע נביאות האָט דעריבער קיין שום ווערטה ניט. ער האָט פערביטען אורזאַכע און פאָלגע, ער האָט אָנגענומען דעם אידישען קיום אַלס פאָלגע פון אויסערען דרוק און האָט ניט בעגריפען, אַז דער דרוק איז געקומען דורך דעם קיום. דאָס הייסט שטעלען די ערשיינונגען מיט׳ן קאָפּ אַראָב, זעהן דעם היסטאָרישען פּראָצעס ווי אַ נעגאַטיווען בילד.

דיעזער טעות איז שוין גענוג. ער איז מבטל דעם גאַנצען בנין, ווארום דאָס איז ניט אַ טעות אין דאַך אָדער אין דער אויסערער אַרכיטעקטור, דאָס איז אַ טעות אין פונדאַמענט, אין ווינקעל־שטיין. דער גאַנצער בנין שטעהט אויף היהנערשע פיסלעך און פאַלט אום ביי דער ערשטער קריטיק ווי אַ קאָרטען־הויז.

אינטערעסאַנט איז אויך, ווי קויטסקי זוכט אונז צו טרייס־טען. סוף־כל־סוף פּרעדיגט ער דאָך אונזער אונטערגאַנג, פיהלט ער זיך פערפליכטעט צו זאָגען מכח אונז איניגע בערוהיגענדע ווער־טער, און ער זאָגט זיי בזה הלשון:

„דיעזעס פערשווינדען בעדייט ניט אין קיין פאַל אַ טראַגישען פּראָצעס, ווי למשל דאָס אויסשטאַרבען פון די אינדיאַנער אָדער פון די טאַסמאַניער.“

„דער אייביגער וואנדערער (אהאסווער) וועט דאביי ענדליך קומען צו רוה. ער וועט פ אַ ר ט ל ע ב ע ן א י ן ד ע ם ז כ ר ו ן ווי דער גרעסטער דולדער פון דער מענשהייט, וועלכער האָט מעהר ווי אלע פון אידר געליטען און מעהר ווי אלע איהר געשענקט."

דאָס הייסט: שרעק זיך ניט, אויף דיין קבר וועט אויס־וואקסען א בלומעלע, פערליעבטע וועלען פערבייגעהן און וועלען האָבען פון דעם בלומעלע א ריח ניחוח און וועלען זיך דערמאָנען אָן דיר מיט א געפיהל פון דאנקבארקייט.

וואָס זיינען מיר שוין ניט געווען: מיסט פאר די פרעמדע פעלדער, אויל פאר די פרעמדע רעדער, א ריח ניחוח פאר די פרעמ־דע נעזער, א קיטצעל פאר די פרעמדע נערווען, אן א נ ד ע נ ק ע ן פאר די גאנצע מענשהייט.

אויסגערעכענט מוז קומען קויטסקי, דער מארקסיסט, און אלס מארקסיסט אן עולם־הזה'ניק, און אויך ער געפינט פאר אונז ניט קיין אנדער נחמה ווי א ליכטיגען גן־עדן.

אפנים די וועלט לאכט נאָך פון אונז.

26—17 יוני, 1915.

דער ציוניסטישער אני מאמין פון אַ סאָציאַליסט

דר. קוועסעל׳ס אָבהאנדלונג „די אידישע ניי־קאָלאָניזאציאָן פאלעסטינא׳ס“, ענטהאלט אין זיך דריי שטעלען, וועלכע זיינען אינ־טערעסאַנט און כאראַקטעריסטיש, ווייל זיי בעווייזען, ווי אַן אויפ־ריכטיגער סאָציאַליסט, אַ זעלבסטשטענדיג דענקענדער סאָציאַליסט, וועלכער נויטיגט זיך ניט אין אַ פרעמדען הכשר אויף זיין סאָציאַ־ליסטישע געזינונג, טרעט צו צום ציוניזם און צו דעם, וואָס ער האָט געשאפען אין די לעצטע 30—40 יאָהר. אלס זעלבסטשטענדיגער סאָציאַליסט מעסט ער ניט די אידעען נאָך זייער ברייט און לענג, נאָר נאָך הויך און טיעפקייט. נאָך דער אַרט און ווייזע, ווי מיר טרעטען צו צו אַן אידעע און ווי מיר שעצען זי אָב, קאָנען מיר אורטהיילען איבער דעם אָבשעצער. אויבערפלעכליכע מענשען, וועלכע זיינען ניט מסוגל אריינצודרינגען אין די טיעפענישען פון היסטאָרישע ערשיינונגען, און זעהען ניט זייער אינערען זין, האָבען צו טהאָן נאָר מיט׳ן שטח פון דער אידעע. זיי ווארפט זיך אין די אויגען נאָר די אויבערפלעכע, טיעפער געהען די שטראהלען פון זייער גייסטיגען אויג ניט דורך. נאָר די טיעפערע דענקער זיינען אימשטאַנד צו בעפרייען זיך פון שטח ביי זייער אָבשאצונג פון דעם ווערטה פון פערשיעדענע אידעען, דאָס זיינען די, וועלכע קאָנען זיך גרונטעווען אָדער קלע־טערען אין די הויך. ווען עס וואָלט געווען ערלויבט אויסצודריקען זיך אין דיעזען פאַל מאטעמאַטיש, וואָלט מען געקאָנט איינטהיילען די בעציהונגען פון פערשיעדענע אָבשעצער פון דער אידעען־וועלט אין צוויי גרופען. די ערשטע גרופע בעוועגט זיך אין דער וועלט פון צוויי דימענזיאָנען (לענג און ברייט); די צווייטע האָט דריי דימענזיאָנען (לענג, ברייט און הויך). דער אונטערשיעד צווישען

די צוויי גרופּען איז אונגעהייער גרויס, ווי צווישען דעם פּרימיטי־ווען און דעם פאָלקאָמענעם.

דר. קוועסעל געהערט אונבעדינגט צו דער צווייטער גרופּע. ער בעאורטהיילט די וועלט־ערשיינונגען ניט נאָך די צווייגען, ער דרינגט אריין ביז צום שורש, איהם אינטערעסירט די טרייבענדע קראפט און איהר שענקט ער זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט. און ווען ער קומט צום ציוניזם און צו דעם וואָס האָט זיך אין די לעצטע יאָהר־צעהנטען ניי ענטוויקעלט אין פּאלעסטינא, שטעלט ער זיך ניט אָפּ אויף דעם שטח פון דעם ישוב, צעהלט ניט די איינצעלנע קאָלאָניסטען, די איינצעלנע שולען א. ז. וו. — ער פאסט אויף דעם גאנצען ישוב אלס דעם העכסטען אויסדרוק פון א טיעף געהענדען נאציאָנאלען דראנג נאָך אן „אומשיכטונג" — ווי ער דריקט זיך אויס — פון דעם אידישען לעבען, נאָך א נייגעשטאלטונג פון דער אידישער צוקונפט. דאריבער בעהאנדעלט ער מיט דעם זעלבען ערנסט דיווירטשאפטליכע, ווי די גייסטיגע זייט פון דער נייער אידישער ענטוויקלונג אין פּאלעסטינא. ער מעסט ניט דאריבער די צוקונפט נאָך דער קליינער געגענווארט. אין געגענטייל, ער זעהט אין דער געגענווארט די סמנים פון דער גרויסער צוקונפט, ער בע־טראכט זי ווי דעם זאָמען, וועלכער ענטהאלט אין זיך די גרעסטע ענטוויקלונגס-מעגליכקייטען. נאָך מעהר. ער פארשטעהט, אז די נייע גייסטיגע ענטוויקלונג אין פּאלעסטינא, ווייל זי האָט ניט געהאט אזוי פיעל שטערונגען אויף איהר וועג ווי די ווירטשאפט־ליכע, געהט פאָראויס מיט ריעזען שריט און דערנעהנטערט זיך דעם ענדציעל.

„מען קאָן פיעלייכט איבערהויפּט זאָגען, אז דאָס וואָס האלט נאָך ערשט אין ווערען אויפ'ן ווירטשאפטליכען געביעט, איז שוין אויף דעם גייסטיגען געביעט אין פיעלע פּרטים דערגרייכט געוואָרען. איך דענק דערביי הויפּטזעכליך אָן דער ערשיינונג, וועלכע גרענעצט כמעט אָן דאָס וואונדערבארע, ווי א פאָלק געווינט וויעדער זיין שפּראך, וועלכע עס האָט פערלאָרען אין גלות מיט 15 הונדערט יאָהר צוריק און פעראייניגט דורך די ניי־געוואונענע שפּראך די אשכנזים און די ספרדים. אין פּאלעסטינא וואקסט א נייער דור,

וועלכער האט נאר איין שפראך, און זי געהערט ג א נ ץ דער יודענהייט, גייסט פון איהר גייסט, די הייליגע שפראך פון די ע־טערען: די העברעאישע. עס קלינגט זעלטזאם ווען מיר הערען, ווי די קינדערגערטנערינען זינגען און ריידען מיט די קליינע קינדער העברעאיש. דורך די קינדער־ליעדער איז די העברעאישע שפראך אריינגעדרונגען אין די ברייטערע פאלקס־שורות. אויך די אידישע אינטעליגענץ ארבייט מעכטיג פאר דער וויעדערגעבורט פון דער העברעאישער שפראך און זי קומט אריין אין גרויס צארן, ווען מען וויל פערפלאנצען אין אידישען טעכניקום אן אנדער אונטעררישטס־שפראך אנשטאט העברעאיש. געוויס געהט עס אפטמאל א ביסעל שטורמדיג צו ביי דער וויעדערגעבורט פון דער העברעאישער שפראך. מען דארף אבער ניט פערגעסען, אז אין דער וועלט־געשיכטע געהט יעדעס מאל צו עטוואס קולות׳דיג, ווען עטוואס נייעס ווערט געבארען. גאר אהן פאנאטיזם האט זיך נאך קיינמאל קיין ענדערונג אין פעלקער־לעבען ניט פערווירקליכט. א מיטעל־פונקט פאר די אידישע קולטור זאל די געפלאנטע אידישע אוניווער־זיטעט אין ירושלים ווערען... זעלבסטפערשטענדליך, איז עס נאר א התחלה, די התחלה ציינט אבער מיט וועלכען ערנסט די קול־טורעלע ארבייט איז אויפגענומען געווארען“.

אזוי שעצט איין דעם ווערטה פון דער קולטורעלער ארבייט אין פאלעסטינא אן אויפריכטיגער און א זעלבסטשטענדיג־דענ־קענדער ניט־אידישער סאציאליסט.

ניט ווייניגער אינטערעסאנט איז דר. קוועסעל׳ס אורטייל איבער דעם איינפלוס, וועלכען דער פ ע ר ו ו י ר ק ל י כ ט ע ר ציוניזם וועט האבען אויף די סאציאלע שטעלונג פון די אידען אין דער גאנצער וועלט. דאס איז דער פונקט, וועלכער יאגט אן א שרעק אויף אלע אידישע אסימילאטארען. זיי האבען מורא, אז ווען די אידען זאלען גרינדען אן אויטאנאמעס לעבען אין פא־לעסטינא, וועלען זיי, די אסימילאטארען, פערלירען זייער לעצטען שטיצפונקט אין דער ארומיגער געזעלשאפט אין די לענדער, וואו זיי וועלען בלייבען לעבען. אין דעם זעלבען טעות פאלען גאנץ אפט אריין אויך אנדערע ניט אסימילאטאריש־געזינטע אידען. זיי

פערשטעהען ניט, אז די נידעריגערע געזעלשאפטליכע מדרגה, וועלכע די אידען נעהמען איין אין דער גאנצער וועלט, איז ערקלערליך גראד דורך דעם אומשטאנד, וואס דער איד קאן ניט אנווייזען אויף א שטיקעל פלאץ אונטער דער זון, וואו זיין פאלק איז סאווערען, אז גראד ד ע ר י ן ליעגט די אורזאכע פון דער געזעלשאפטליכער קנעכטשאפט.

„אין דייטשלאנד גלויבט מען אין דער בעדייטונגס־לאזיגקייט פון דעם ציוניזם, ווייל מען זעהט ניט אין זיין פערווירקליכונג די פערענטפערונג פון דער אייראפעאישער אידען־פראגע. געוויס קאן דער ציוניזם ניט בייטראגען, אז מען זאל פאר די אידען עפענען אלע שטעלען, וועלכע זיינען פאר זיי איצט פערשלאסען. דאגעגען שיינט מיר, אז די דיכטערין ריקארדא הוך האט דורכאויס רעכט, ווען זי ערווארט פון ציוניזם די הויבונג פון דער אידישער געזעל־שאפטליכער שטעלונג אויך אין דייטשלאנד. די גרינדונג פון א אידישען געמיינוועזען אין דער אלטער היימאטה פון אידישען פאלק ערפילט זי, די דיכטערין, מיט בעוואונדערונג, און זי וויל האפען, אז אלע נאציאנען, וועלכע האבען ארויסגעצייגט פעראכטונג צו די אידען כל־זמן זיי זיינען בעטראכט געווארען ווי אונגעבעטענע איינדרינגלינגע, וועלען בעקומען בעוואונדערונג פאר דאס נייע, ווידערגעבארענע, זעלבסטשטענדיגע פאלק, וואס האט אזוי פיעל געגעבען דער מענשליכער קולטור. די מורא פון די אסימילאטארען, אז די פערווירקליכונג פון דעם ציוניזם וועט פערשטארקען אין דייטשלאנד דעם אנטיסעמיטיזם — בעדייטעט א גראבען טעות אין דער ריכטיגער אויפפאסונג פון דער פעלקער־פסיכאלאגיע“.

פאר די אסט־אייראפעאישע אידען זעהט דר. קוועסעל אין דער פערווירקליכונג פון דעם ציוניזם דעם ריכטיגען וועג, ווי צו לעזען די גרויסע אידען־פראגע. פון דיעזען שטאנדפונקט אויס געזעהען, קאן מען דעם ציוניזם צושרייבען דעם פערדיענסט, אז ער האט געפונען דעם וועג, וועלכער קאן פיהרען צו דער לעזונג פון דער אסט־אייראפעאישער אידען־פראגע. זעלבסטפערשטענדליך, קאן עס ניט מאמענטאן געשעהן, דאראן איז שווער צו דענקען.

אבער — און דא קומט דר. קוועסעל צו זיין ציוניסטישען

„אני מאמין“, —ווי עס זאָל ניט אויספאלען דער קאָלאָניזאטאָ־רישער ערפאָלג פון דעם ציוניזם אין פאלעסטינא, דער ציוניזם בלייבט אין יעדען פאל א בעוועגונג פון עדעל־דענקענדע, פון אין בעסטען זינען ס אָ צ י א ל ־ און נאציאָנאל געזינטע מענער און פרויען, וועלכע ווילען, אז זייער נאציאָנאלע גייסטיגקייט זאָל ווייטער אויסגעבילדעט ווערען אין אינטערעס פון דער גאנצער קולטור־מענשהייט, אז די געקנעכטעטע אָסט־אייראָפּעאישע אידען זאָלען בעפרייט ווערען פון דעם געפיהל פון היימאטהלאָזיגקייט און זאָלען בעקומען א נ י י ע ש ט א ם - היימאטה, אין וועלכער זיי זאָלען ארויסגעהן פון דער טיעפער נאכט פון דעם סאָציאלען און נאציאָנאלען עלענד צו פרייהייט און מענשען־ווירדע“.

אזוי רעדט א מאן, א זעלבסטשטענדיג דענקענדער סאָציאליסט, אן עדעלער מענשען פריינד.

28 דעצ., 1915.

נאציאָנאַלע צולאָזענקייט און גלות פסיכאָלאָגיע

א מערקווירדיגע זאך. מיר זיינען שוין אזוי צוגעוואוינט צו א פערקעהרטען דאזיין און פערקעהרטע לעבענס־פאָרמען, אז ווען מיר זעהען עטוואס וואָס איז נאטירליך, גלייך, מענשליך בנוגע צו אונז, מאכען מיר גרויסע אויגען און מיר ווערען פערוואונדערט און ערשטוינט. אונז גלויבט זיך עפּעס אליין ניט, אז אויך אונזער לעבען קאָן אָפּטמאָל רעגולירט ווערען פון גלייכע, נאטירליכע געזעצען, אז אויך מיר, דער גרויסער „יוצא מן הכלל“ אונטער די נאציאָנען און פעלקערשאפטען, קאָנען זיין אָפּטמאָל אונטערוואָרפען דעם אלגעמיין מענשליכען, ניט זיין דוקא די אויסנאהמע.

מיר טרעפען אָן א בעקאנטען אין א שטאָדט אויסער דעם „תחום“, און ער דערצעהלט אונז, אז אין 24 שעה מוז ער פערלאָזען דעם אָרט, און מיר פערשטעהען איהם און פרעגען ניט קיין שאלות. מיר טרעפען אָן א צווייטען בעקאנטען אין דער זעלבער שטאָדט און ער דערצעהלט אונז ניט, אז מען טרייבט איהם ארויס, און מיר פערוואַרפען איהם מיט קשיות: ווי אזוי, אויף וועלכער אסמכתא און אויף ווי לאנג?

מיר זעהען אונצעהליגע אידישע קינדער, בעגאבטע און פלייסיגע. זיי לערנען „אין דער היים“. די ניט־רייכע עלטערן מוזען זיך מקריב זיין, צוויי מאָל מעשר פון זייער גאנצער אָרימזעליגער פרנסה מוזען זיי אויסגעבען פאר שכר למוד. מיר פרעגען ניט קיין שאלות, מיר געפינען אז די פערשוועגדונג איז נאָרמאל. מיר טרעפען אָן דעם שכן'ס א קינד, אויסגעפוצט אין דער שול-אוניפאָרם און מיר רינגלען ארום די עלטערן מיט קשיות: ווי אזוי, אויף וועלכער אסמכתא און וויפיעל שתדלנות און וויפיעל איבערהויפּט האָט עס געקאָסט?

איך האָב געקאָנט פּערלענגערען די שורה פון די קשיות, אויסציהען זי אומענדליך לאַנג. אָבער עס איז ניט נויטיג. איך האָב זיך אָבגעשטעלט אויף טיפּישע ביישפּיעלען, און יעדער, ווער עס איז נור עטוואָס בעקאַנט מיט די בעדינגונגען פון אונזער פּער־קעהרטען לעבען אין מזרח־אייראָפּאַ קען אליין ציהען די ביישפּיעלען אָהן א שיעור.

דאָס אלעס וואָלט אָבער נאָך געווען א האלבע צרה. מען איז אונטעראָכט און מען ליידט פון דעם צווייטען, פון דעם פ ר ע מ ד ע ן. דער פרעמדער האָט די קראַפט, ער בעזיצט די מאכט און פאָהרט רייטענדיג אויף דעם שוואכערען. דער שוואַ־כערער ראַנגעלט זיך אויף ווי ווייט זיינע כחות ערלויבען איהם, ער פּראָטעסטירט, ער אפּעלירט אים נאָמען פון יושר און מענשליכ־קייט, ער פערלירט אָבער ניט דערביי זיין אייגענעם אינערען ווערטה. דער גזלן קאָן בערויבען, ער קאָן אויך מאָרדען, דער גזלן קאָן אָבער קיינעם ניט ב ע ל י י ד י ג ע ן, אפילו זיין אייגענעם קרבן ניט.

אין אונזער אידישען פערקעהרטען לעבען זיינען אָבער פאַראַ־נען ערשיינונגען, וועלכע מוזען ווירקען אויף יעדען דענקענדען אידען־מענשען פיעל ערגער, שטעכענדער, ברענענדער ווי אלע אויסערע פערפאָלגונגען און אונטערדריקונגען, וועלכע קומען פון דער געגנערישער זייט. אין עצם ענטהאַלטען אויך זיי אין זיך די עלעמענטען פון ע נ ט ע ר ע ב ט ו נ ג און אלס צוגאָב טראָגען זיי אין זיך אלע סימנים פון א טיעפער בעליידיגונג, גראַד ווייל זיי דריקען אוים די בעציהונגען פון א י י נ ע נ ע, ווייל זיי דריקען אוים ניט נאָר בייזהייט, נאָר אויך פעראַכטונג, דאָרט וואו מען האָט געקאָנט ערווארטען „על פּי דרך הטבע" מיטגעפיהל און אכטונג.

מיר בעריהרען דאָ איינע פון די ברענענדסטע גלות־פראַגען.

אין דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט געהערט די אינטעלי־גענץ איהר פאָלק. ווילענדיג און אפילו ניט ווילענדיג דיענט זי זיינע אינטערעסען, ווילענדיג און אפילו ניט ווילענדיג פערמעהרט זי זיין מאַטעריעלעס און גייסטיגעס פערמעגען. ניטאָ קיין אנט־לויפען, ניטאָ קיין ענטרינען, ניטאָ קיין זיך בעפרייען פון די

חובות, וועלכע דאָס פאָלק לעגט ארויף אויף דעם איינצעלנעם. די אינטעליגענץ קאָן טויזענד מאָל אָנגעשטעקט ווערען פון אנטינאַציאָנאלע אידעען, זי קאָן זיך בעגייסטערען פאר קאָסמאָפּאָליטישע שטרעמונגען — דאָס אלעס בלייבט אָבער נאָר אין דער טעאָריע, קומט עס צום פּראַקטישען לעבען, מוז זי בלייבען נאַציאָנאל אין איהרע האנדלונגען. די שפּראַך, די שולע, און דער גאנצער לעבענס-צושניט, דער האנדעל און יעדער אנדערער פרייער בערוף, די קונסט און די וויסענשאפט — קאָנען ניט איבערשפּרינגען די נאַציאָנאלע מחיצה. די ערשטע בלייבען שטענדיג ריין נאַציאָנאל, די לעצטע קאָנען אויך זיין א י נ ט ע ר נ א צ י אָ נ א ל, דאָס הייסט, זיי קאָנען ארויסגעהן פון זייערע נאַציאָנאלע גרעניצען און בעקומען א בעדייטונג אויך פאר אנדערע נאַציאָנאלע גרופּען, אָבער אויך אין אזא פאל בלייבט דער גרעסטער חלק פון זייער פּראָדוקטיוויטעט אין דער נאַציאָנאלער גרופּע, פון וועלכער זיי געהען ארויס. ווען דער גרויסער סוחר, דער קינסטלער, דער וויסענשאפטלער אָדער דער שטאַאטסמאן בעקומט א וועלט-נאָמען, אַן אינטערנאַציאָנאלע בעדייטונג, פערדיענט פון איהם מעהר פון אלעמען זיין אייגענע נאַציאָן. אלעס וואָס ווערט געשאפען און האָט א דויערענדען ווערטה, טראָגט אויף זיך א נאַציאָנאלע שוטץ-מארקע.

מ י ר אָבער בעזיצען א גרויסע אינטעליגענץ, וועלכע וויל גאָר ניט האָבען צו טהאָן מיט איהר פאָלק. זי האָט זיך פון איהם לחלוטין אָבגעקעהרט און דיענט אָדער איהרע אייגענע קליינע פּערזענליכע אינטערעסען, אָדער די אינטערעסען פון פרעמדע פעלקער. זי האָט געשאפען פאר זיך א געפעהרליכע טהעאָריע, א טהעאָריע, וועלכע גיט פון איין זייט א הכשר אויף גלייכגילטיגקייט און פון דער אנדער זייט ערלויבט זי דעם איינצעלנעם ארויסטרעטען פון זיין אייגענעם נאַטירליכען כלל און צושטעהן צו פרעמדע גרופּען.

אין מאַטעריעלער הינזיכט איז דאָס אידישע פאָלק ד אָ ס פּ ר אָ ל ע ט א ר י ע ר - פ אָ ל ק אונטער די אומות העולם. מיר קאָנען האָבען טויזענד ראָטשילדס, בלייכרעדערס, בראָדסקים און ווי זיי הייסען דאָרט, און דאָך בלייבט דאָס אידישע

פאָלק אלס גאַנצע דאָס אָרימסטע אויף דער וועלט, וואָרים אויך דאָס פערמעגען פון די אידישע גבירים איז משועבד צו אַנדערע פעלקער. אין קריטישען מאָמענט מוזען זיי מיט זייער פערמעגען דיענען פרעמדע אינטערעסען, זייער אייגענעם פאָלק האָט ניט די מאַכט צו פאָדערען פון זיי עטוואָס, עס קאָן נאָר פערלאַנגען אַ נדבה. עטוואָס אָנגעגרייטעס אויף דעם פאַל פון אַ קאַטאַסטראָפע, פון אַ נאַציאָנאַלען אונגליק האָט דאָס אידישע פאָלק ניט.

מען וועט אַנטקעגנען דעם איינוועגדען און זאָגען: אַ גלות-פאָלק קאָן זיך ניט אַנדערס איינריכטען. דער שטאַאט, די הער-שענדע נאַציאָן וועט ניט צולאָזען, אַז מ'זאָל זאָרגען פאַר'ן איי-גענעם כלל. דאָס וואָלט אָבער געווען מעהר ניט ווי אַן אויסרעד, מעהר ניט ווי אַ פוילער תירוץ. אויך אין גלות האָט דער אידישער כלל געקאָנט אין דער אָדער אין יענער פאָרם מעהר זאָרגען פאַר זיין אייגענע צוקונפט. די אורזאַכע פון דער אידישער כלל-זאָרג-לאָזיגקייט ליעגט ניט אין די אויסערע בעדינגונגען אליין, זי ליעגט אויך אין אונזער נאַציאָנאַלער צולאָזענקייט, אין די ערלייכטערונגען, וואָס מיר האָבען אליין פאַר זיך געשאַפען, וועלכע ערלויבען יעדעם איינצעלנעם פון אונז אָבצוטרייסלען זיך פון אלע חובות צום כלל.

אין גייסטיגען הינזיכט שטעהט עס מיט אונז ניט פיעל בעסער. נור אַ קליינער חלק פון אונזער אינטעליגענץ ווענדעט אָן זיינע שעפּפערישע כחות אין זיין אייגענעם נאַציאָנאַלען קרייז. אונזערע טאַלענטירטע שריפטשטעלער, קינסטלער, וויסענשאַפטלער און שטאַאטס-מענער שטעהען אין דיענסט פון פרעמדע פירמען, און מיר אליין בעטראַכטען דאָס אלס נאַטירליכע ערשיינונג. אונזערע גרויסע פערמעהרען דעם קרעדיט פון פרעמדע נאַציאָנאַלע גרופּען, און פאַר אונז אליין בלייבען נור שיריים, נור די, וועלכע האָבען לעת עתה נאָך ניט געהאַט די מעגליכקייט זיך אָבצורייסען.

און דאָס טרויעריגסטע דערביי איז, וואָס מיר האָבען זיך צו-געוואוינט צו דער נעגאַטיווסטער ערשיינונג פון אונזער כלל לעבען און בעטראַכטען זי אלס נאָרמאַל. און ווען מיר זעהען,

אז איינער פון די גרויסע ק ע ה ר ט זיך אום צו זיין פאָלק און וויל ווידמען זיין טאלאנט און זיין איינפלוס די אינטע־רעסען פון זיין א י י ג ע נ ע ם פאָלק — וואונדערען מיר זיך און פרעגען טויזענד קשיות. מיר פרעגען זיך, וועלכע פ נ י ו ת האָט דער גרויסער, וואָס האָט איהם ג ע ־ צ ו ו א ו נ ג ע ן אומצוקעהרען זיך, וואָס זוכט ער ביי זיין פאָלק, וואָס איז ער אויסען, וואָס וויל ער דערגרייכען און אזוי ווייטער.

די אלטע גלות פסיכאָלאָגיע. מיר טראָגען אונזער יאָך א גאַנץ יאָהר. מאכען מיר אָבער איין מאָל אין יאָהר א סדר, (אלעס איז ריין און דער טיש איז פיין געדעקט), און ווילען דערצעהלען א מעשה פון בעפרייאונג — לערנען מיר אונזערע קינדער צו פרעגען פיער קשיות.

און דער בעסטער תירוץ איז: עבדים היינו.

11 יולי, 1915.

צוריק פון דעם „כותל מערבי" פון דער אסימילאציאן.

פיעלע פרעגען: ווי אזוי קומען זיי צוריק, די דערווייטערטע, די אבטריניגע, די אידיש אינהאלטלאזע, די גאנץ אסימילירטע? וועלכע קראפט צווינגט זיי ארויסצוגעהן פון א פרעמדער וועלט, וועלכע איז געווארען פאר זיי אן איינענע, און אריינצוגעהן אין אן אייגענע וועלט, וועלכע איז פאר זיי געווארען א פרעמדע? ווער איז דער כשוף-מאכער, וואס שטעהט הינטער'ן פארהאנג און קאמאנדירט אריבער דערוואקסענע מענשען, שטאלצע, מיט פעסטע נאטורען, פון איין וועלט אין די אנדערע?

איז עס די גרויסע נויט, די אונגעהויערע קאטאסטראפע, וועלכע האט זיך אויסגעגאסען אויף דעם אידישען קאפ? איז עס דאס גרויסע רחמנות-געפיהל, וועלכעס האט אנגעריהרט די אידישע זעעלע? — היינט פאר וואס קומען זיי ניט, די דערווייטערטע, די אבטריניגע, אלע אויף אמאל? פאר וואס טהוט ניט תשובה די גאנצע אידישע אינטעליגענץ? פארוואס קעהרען זיך אום לעת עתה צו זייער פאלק נאר איינצעלנע, און טויזענדע און טויזענדע בלייבען פערשטייפט אין זייערע אלטע גוסס'דיגע טהעאריען און אין זייער עקשנות ווילען זיי ניט הערען דעם רוף פון דער צייט?

און פאר וואס קומען צוריק דוקא די איינצעלנע, פון וועלכע מיר האבען זיך שוין לאנג מיאש געווען, דוקא די, וועלכע זיינען געשטאנען אם ווייטסטען פון זייער פאלק, וועלכע האבען א לעבען-לאנג קיין שום שייכות ניט געהאט ניט צו זיינע ליידען, ניט צו זיינע פריידען, ניט צו זיין פערגאנגענהייט, ניט צו זיין צוקונפט? פאר וואס עקשנ'ען זיך מעהר ווי אלע אט דוקא די, וועלכע שטעהען נאך מיט איין פוס אין דער אידישער גאס, די

האלב אסימילירטע, די פּערטייטשטע ישיבה־בחורים, די צושפּאָלטענע, אידיש לעבענדע און גוי'ש דענקענדע משכילים?

ווער עס האָט נאָר צו טהאָן מיט דער אידישער ווירקליכקייט און ווער עס האָט זיך בעשעפטיגט מיט אונזער אידישער מיסיאָן, איך מיין, ווער עס האָט זיך אבגעגעבען מיט בעקעהרונגס־אר־בייט צום אידישען פּאָלקסטהום אונטער די אידען גופא (א מיסיאָן, וועלכע די אומות העולם קענען גאָר ניט), דער וויים, אז עס איז פּיעל לייכטער צו בעקעהרען א גאנץ־אסימילירטען ווי א האלב־אסימילירטען, עס איז פּיעל לייכטער צו מאכען פון א גאנצען אויס־אידישען איד א גאנצען איד, ווי פון א האלב אידישען גוי דריי־פּערטעל איד. צום גאנצען אויס־אידישען איד קומט איהר מיט גאנצע טענות, און זיי ווירקען אפּטמאָל. און ווען זיי ווירקען אויף איהם, זעהט ער איין זיין גאנצען טעות, און ווען ער איז זיך מודה אין זיין טעות, האָט ער לכל הפּחות דעם ווילען צו ווערען צוריק א גאנצער איד. ער זעהט זיך ארום, אז ער האָט זיך אליין געטראָגען אויף דער לינקער זייט, דרעהט ער זיך אום אין גאנצען. שווער איז אויסצוטענה'ן זיך מיט דעם האלב אסימילירטען. ער פּערבאַריקאַדירט זיך אין זיין אידישער העלפט, ער האָט געשאפען פּאר זיך א צוויי־העלפטען וועלט, ער האָט פּערלארען דעם זינן פּאר גאנצקייט. עס זיינען דאָ האלב אסימילירטע, וועלכע גיבען אייך אויסגאָב מיט פּסוקים אדער גאר מיט א גמרא. דאס זיינען די געפעהרליכסטע, די האָפּ־נונגסלאָזע. זיי כשר'ן מיט'ן פּסוק דעם האלבען גוי, וואס שטעקט אין זיי, מיט דער גמרא ווילען זיי מכפּר זיין זייערע אנטי־אידישע האנדלונגען.

איך גלויב אבער, עס איז דאָ נאָך א טיעפערע אורזאכע, וועלכע צווינגט גראָד דעם וויטסטען צו אומקעהר, צו תשובה. איך וויל מאכען דעם פּערזוך אָנצודייטען דיעזע אורזאכע. איך האָב פּיעל נאָכגעדאכט איבער דיעזע ערשיינונג אין אונזער לעבען און בעזונדערס אין דער לעצטער צייט, און איך גלויב, אז איך האָב געפונען פּאר איהם א פּאסענדע ערקלערונג. זי ענטהאלט אין זיך קיין טהעאָריע, זי איז מעהר ניט ווי א השערה.

דאָס איז די השערה פון דעם „כותל המערבי". דאָס איז דער נאָמען, וועלכען איך וואלט איהר, מיין השערה, וועלען געבען.

ווען מיר שפּרעכען פון דער מענשהייט, פערשטעהען מיר דער־רונטער די אונז בעקאנטע ציוויליזירטע וועלט. די אונז בעקאנטע ציוויליזירטע וועלט ווערט געלייטעט ביז אויף דעם היינטיגען טאָג פון צוויי הויפּט שטרעמונגען. זיי זיינען ביידע אלט, ביידע אבער האָבען נאָך ניט פערלארען זייער כח און בעאיינ־פלוסען נאָך די מענשליכע ענטוויקלונג עד היום. דאס איז די מזרח־שטרעמונג, וועלכע איז ארויס מיט טויזענדע יאהרען צוריק פון אלטען אידען־לאנד און האָט זיך אויסגעגאָסען איבער דעם מערב, און די מערב־שטרעמונג, וועלכע איז ארויס פון אלטען גרי־כענלאנד און האָט געשטרעבט צום מזרח. דאס זיינען צוויי וועלט־אנשויאונגען, יעדע פון זיי שטרענג אין איהר אָרט, אבגעצוימט און ארומגעשליפען. דאס זיינען צוויי וועלטען.

יעדער דענקער, יעדער קינסטלער בעוועגט זיך אין איינער פון דיעזע צוויי וועלטען. פיעלע האָבען פערזוכט צו שאפען א דריטע וועלט, א שותפות'דיגע, זיי האָבען געזוכט די סינטהעזע — און זיי זיינען דורכגעפאלען. נאָך איינער פון די געניאלסטע משוררים פון פאריגען יאהר־הונדערט האָט געמוזט צוגעבען: יע־דער מענש מוז זיין אדער א איד, אדער א גריכע. דאס האָט גע־זאגט היינע אויף זיך אליין, ווען ער האָט זיך פערגליכען מיט געטהע. דעם זעלבען געדאנק, אנדערש אויסגעדריקט, געפינען מיר ביי פערשיעדענע דענקער און קינסטלער.

די פערברייטער פון דעם מזרח־געדאנק אין דער געשיכטע זיינען תמיד געווען די אידען. א צייט־לאנג האָבען זיי געשאפען אין איינעם מיט די אראבער, נאָר שוין זייט פיעלע, פיעלע יאָהר־הונדערטע זיינען זיי אין אייראָפּא די איינציגע פערטרעטער פון דעם מזרח, וועלכער האָט שטענדיג געזוכט צו בעפרוכטען דעם מערב.

אין דער אסימילאציאן געהען די מזרח־טרעגער פון מ ז ר ח צ ו ם מ ע ר ב. דער אוראייניקעל פון אור־כשדים, דער אייני־קעל פון שרון און כרמל מוז זיך אויסליידיגען פון איין אייגענעם אינהאלט און אריינדרינגען אין א פרעמדער וועלט, אין א מערב־

וועלט. דער זיך אסימילירענדער איד מוז געהן געגען זיין אייגע־
נע נאטור, ער מוז זיך אליין א ו י ס ב י י ט ע ן, ער מוז ווערן
אן אנדערער. געגען די אייגענע נאטור קאן מען אבער געהן נאר
מיט׳ן קאפ, ניט מיט דעם ווילען, מיט אן אויסרעכנונג, ניט מיט׳ן
געפיהל, ווייל ווילען און געפיהל זיינען אליין נאטור קינדער. דע־
ריבער איז יעדער אסימילאציאנס־פראצעס פערבונדען מיט שנייד־
דענדע שמערצען. מעהר ניט דער איינצעלנער מערקט ניט אפט־
מאל די שמערצען, ווייל זיי פערטהיילען זיך אויף א גאנצע שורה
פון דורות. מען ווערט זעהר לאנגזאם אפערירט, און צווישען איין
שניט און דעם אנדערען האט מען געלעגענהייט אבצורוהען.

מען קאן אבער ניט די אייגענע נאטור אין גאנצען ארויס־
רייסען. זי איז נאטור: מען פערשטופט זי נאר אין א ווינקעל פון
דער אייגענער נשמה, און זי ליעגט דארט פערבארגען דורות־
לאנג. די אסימילאציאן קאן דעריבער קיין מאל ניט זיין אבסאלוט.

געהט דער אסימילאטאר פון מזרח צו מערב און מאכט דורך
פערשיעדענע וואנדערונגען ביז ער דערגרייכט דעם לעצטען פונקט.
ער מיינט, ער איז שוין אין גאנצען אסימילירט און פערשטעהט
ניט, אז דער לעצטער פונקט איז גראד דער קריטישער פונקט. ער
איז געגאנגען אזוי ווייט, ווי ווייט איינער, וואס טראגט אין זיך
אונבעוואוסט דעם מזרח, קאן געהן צום מערב. ווייטער געהט ער
ניט. ער איז אנגעקומען צום „כותל המערבי“ פון דער אסימילא־
ציאן. זיין נ א ט ו ר הויבט אן צו פראטעסטירען. שוין צו
ווייט וויל ער זי פערדרענגען, און זי הויבט אן צוריק צו דריקען.

ווייטער געהט ער ניט. ער איז געקומען צום קריטישען פונקט,
וואו עס הויבט זיך אן די נאטירליכע דיסטאנץ צווישען דער מערב־
סביבה און דעם אסימילירטען מזרח־מענשען.

וואס קאן ער טהאן? בלייבען שטעהן אויף איין ארט —
דאס איז דאך ס ט א ג נ א צ י א ן, נסיסה, טויט.

האלטען דאס די שוואכע נאטורען טאקע ניט אויס. זיי
מאטערען זיך ביז זיי פערשווינדען, און קיין סימן, קיין זכר בלייבט
ניט פון זיי.

די שטארקערע אבער קעהרען זיך אום. פון כותל המערבי פון

דער אסימילאַציאָן לויפען זיי צוריק צום מזרח. עס דערוועקט זיך
אין זיי זייער אייגענע נאַטור, זיי הויבען זיך אָן צו דערמאָהנען. א
נייער חשק צום שאפען בעפלינעלט זיי.
פון מזרח זייט געהט פאר זיי אויף א נייע זון.

13 יולי, 1915.

געבילדעטע בטלנות און אמת'ע פאָלקס־געפיהלען.

די געשעהעניסען אויף די מלחמה־פעלדער האָבען זיך אָנגעהויבען אָבצואוויקלען מיט א קאָלאָסאַלער, ניט גע'חלום'טער שנעלקייט. עס קאָן זיין, אז מיר שטעהען שוין פאר דעם סוף פון דעם גרויסען, שרעקליכען וועלט־סכסוך. עס קאָן זיין, אז אָט באלד וועט מען שוין שמועסען וועגען פריעדענס־פערהאנדלונגען.

נאָר אונזער אידישע וועלט איז נאָך אַלץ בעשעפטיגט מיט הכנות צו הכנות. לאַנגזאַם און פלעגמאַטיש, ווי דער אַלטמאָדישער בעל־עגלה, געהן מיר אַרום פון „פארשוין" צו „פארשוין" און האַלטען נאָך אין איין דינגען זיך. מיר זיינען נאָך אונטער זיך ניט מושוה געוואָרען, מיר ווייסען נאָך ניט וואָס מיר זאָלען פערלאַנגען, מיר ווייסען נאָך ניט ווען מיר זאָלען שיקען. אפנים מיר האָבען צייט, אפנים מיר זיינען זיכער, אז אונזער חלק וועט ביי אונז קיינער ניט אַרויסכאַפּען.

און א טעות האָבען געהאַט אַלע יענע, וועלכע האָבען אין אָנהויב פון דער גרויסער וועלט־קאַטאַסטראָפע געגלויבט, אז לכל הפחות איצט, אין קריטישען מאָמענט, וועלען אויך ביי אונז פערשווינדען די אינערע קליינע און קליינליכע פאַרטיי חשבונות, די אונפעראַנטוואָרטליכע עקשנות פון די רעדעל־פיהרער און די קטנות המח פון די וואָרט־פיהרער. אז לכל הפחות איצט, אין קריטישען מאָמענט, וועט אויפטרעטען פאר דער גרויסער וועלט א געשלאָסענע אידישע איינהייט און וועט פאָרלעגען פאָדערונגען שטאָלץ און זעלבסט־בעוואוסט, ווי א פאָלק צו פעלקער גלייך.

חלמא טבא חזית. עס איז געוועזען א חלום. מיר שטעהען נאָך היינט אויף דעם זעלבען פלאַץ, וואו מיר זיינען געשטאַנען מיט א

יאָהר צוריק, צוטהיילט און צוברעקעלט, אונאָרגאַניזירט און אונבע־האָלפען, אָהן אַ פּלאַן און אָהן אַ פּראָגראַם. מיר וואַרטען ביז דער פּאָליטישער האָריזאָנט וועט קלאָר ווערען, מיר וואַרטען ביז עס וועלען זיך אויס׳טענה׳ן די גרויסע, מיר וואַרטען ביז מען וועט אונז פרעגען: אויף וואָס וואַרטען מיר.

אַט אַזוי האַנדעלט אַ פאָלק, וואָס האָט זיך צוגעוואוינט צו פּ אָ ל י ט י ש ע שׁ י ר י י ם, וואָס האָט פערלאָרען זיין זעלבסט־ווערטה אין זיינע אייגענע אויגען און בעטראַכט זיך מעהר ניט ווי אַ צונאָב צו די אַנדערע. אונזער גרויסקייט איז אַריין אין קליינינ־קייטען, און מיר זיינען קליינליך, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען גרויסע אויפגאַבען.

ביז היינטיגען טאָג קאָן מען זיך ביי אונז ניט אויסגלייכען וועגען אַן אַלגעמיינער פּלאַטפאָרם, אויף וועלכער עס זאָל איינבע־רופען ווערען אַן אַמעריקאַניש אידישער קאָנגרעס. מען איז אייפער־זיכטיג, מען האָט מורא, טאָמער וועט דערביי עטוואָס פערדיענען — דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַ מאָראַלישען פערדיענסט — אַ בע־שטימטע פּאַרטיי, וועלכע איז פון אַלע זייטען בעקעמפּפט געוואָרען ביז איצט.

מען האָט מורא אריינצונעהמען אין פּראָגראַם דעם פּונקט מכח ארץ־ישראל, מען קאָן ניט פּועל זיין ביי זיך צו פערשאַפען אַזאַ נחת־רוח דער ציוניסטישער פּאַרטיי.

און מען אָפּעריִרט ביי אונז מיט בעגריפען און ווערטער, וועל־כע זיינען נאָר גענייניגט צו פערדונקלען דאָס קלאָרע בעוואוסטזיין פון די אידישע מאַסען. מענשען און אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכע האָבען זיך שטענדיג נאָר לוסטיג געמאַכט איבער די בעל־הבית׳ישע כלל ישראל פּאָליטיק, וועלכע האָבען זיך בעמיהט מיט אַלע כחות איינצושענגען דעם האָריזאָנט פון די מאַסען, ניט צולאָזען זיי צו די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון זייער פאָלק — די זעלבע מענשען פערבאַריקאַדירען זיך אַ י צ ט הינטער דער כלל ישראל פּאָליטיק און טענה׳ן, אַז ארץ ישראל, דאָס הייסט די ארץ ישראל פראַגע איז מעהר ניט ווי אַ פּאַרטיי־אַנגעלעגענהייט, און מען טאָר זי דע־ריבער ניט איינשליסען אין קאָנגרעס־פּראָגראַם, ווייל דער גאַנצער קאָנגרעס וועט דאַן בעקומען דעם כאַראַקטער פון אַ ציוניסטישען

קאָנגרעס. און אז די ארץ ישראל פראגע איז מעהר ניט ווי א פּאר־טיי אנגעלעגענהייט געהט מיט קלאָרהייט ארויס פון דעם אומ־שטאנד, וואָס ביז איצט האָבען זיך נאָר די ציוניסטען בעשעפ־טיגט מיט איהר. בכן מוז מען אָננעהמען אזא פּראָגראַם, וועלכעס זאָל ניט ענטהאלטען אין זיך קיין שטרייט־פּונקטען. דער קאָנגרעס מוז זיין א „דבר השוה לכל נפש".

עס קלינגט כ מ ע ט ווי לאָגיש. אָבער כ מ ע ט לאָגיש קלינגט אויך יעדער סאָפיזם, און מעהר ווי א סאָפיזם ענטהאלט אין זיך אויך ניט די בעגרינדונג, פאר וואָס דער פּונקט ארץ ישראל זאָל אויסגעשלאָסען ווערען פון קאָנגרעס־פּראָגראַם.

די ציוניסטען פערלאנגען די מעגליכקייט פון דער שאפונג פון א היים אין ארץ ישראל, ניט פאר א בעשטימטען ח ל ק פון אידישען פאָלק, נאָר פאר ד אָ ס א י ד י ש ע פ אָ ל ק. דער אומשטאנד, וואָס ביז אהער האָט זיך נאָר די ציוניסטישע פּארטיי בעשעפטיגט מיט דיעזען פּראָבלעם, גיט נאָך קיינעם ניט דאָס רעכט צו בעטראכטען די ארץ ישראל פראגע אלס א פּארטיי אנגע־לעגענהייט. דער כאראקטער פון אן אידעע און איהר קוואליפיציר־רונג הענגען ניט אָב פון די, וועלכע זיינען זיך עוסק מיט איהר דורכ־פיהרונג, נאָר פון דעם אינהאלט און דעם היקף פון דער אידעע גופא. די ציוניסטען בילדען, דאָס איז אמת, א פּארטיי אין פּאָ־ל י ט י ש ע ן ז י ן, אָבער צ י ו נ י ז ם קאָן בשום אופן ניט בעטראכט ווערען אלס פּארטיי־אנגעלעגענהייט, ווייל זיין אָביעקט איז דאָס אידישע פאָלק אין זיין ג ע ז א מ ט ה י י ט.

איך וויל זיך איצט ניט אריינלאָזען אין לאנגע חקירות. איך ערלויב מיר נאָר אָנצואווייזען, אז די מיינונג, אז אפילו דער קלאסען קאמפף קען זיך נור דאַן פריי ענטוויקלען, ווען דער ארבייטער פיהלט זיך פריי אין זיין א י י ג ע נ ע ר נ א צ י אָ נ א ל ע ר ס ב י ב ה, געהערט ניט מיר און ניט פון די ציוניסטען איז זי אויסגעטראכט געוואָרען. דיעזע מיינונג האָט וויסענשאפטליך בעג־רינדעט און פיין פאָרמולירט דער בעריהמטער דענקער און סאָ־ציאל־דעמאָקראַט ז ש אָ ר ע ס.

און עס איז מעהר ניט ווי א שפּיעל אין סאָפיזמען און פּובלי־

ציסטישע אחיזת־עינים, ווען מען וויל איינריידען די אידישע מאַ־סען, אז די פראגע וועגען די שאפונג פון א היים פאר דאָס אידישע פאָלק איז נוגע נאָר די שקל־צאָהלער.

יעדער רעכט־דענקענדער איד, צו וועלכער פארטיי ער זאָל ניט געהערען, האָט איצט אדרבא געמוזט זעהען, אז אונזער פ אָ ל ק זאָל זיך ניט ערווייזען צו קליין פאר דעם גרויסען היסטאָרישען מאָמענט, וועלכען די גאַנצע מענשהייט לעבט דורך, און ניט לע־גען שטעקענס אין די רעדער אויף דעם וועג פון דער אידישער בעפרייאונג. פון דער פאָרמולירונג פון אונזערע פאָדערונגען וועט אָבהענגען אונזער שטעלונג אונטער די פעלקער. קיין בעפרייאונג קומט ניט פון דרויסען, פון דרויסען קאָן נור קומען דער הסכם און די אונטערשטיצונג. צוערשט מוז אָבער קומען פון די אידען דער ווילען צו בעפרייאונג. דיעזער ווילען, וואָס נאָר ער אליין קאָן אונז ארויסשלעפען פון גלות, איז צוליעב די טויזענד־יעהריגע קנעכט־שאפט פערקראָכען ביי אונזער פאָלק אין די פערבאָרגענע ווינקלען פון זיין נשמה. אין מאנכע פאָלקס־טהיילען איז ער אטראָפירט גע־וואָרען. אונזער אויפגאבע קאָן נאָר זיין צו וועקען דעם איינגע־שלאָפענעם ווילען און ניט צו דערשטיקען איהם, וואו ער ברעכט זיך דורך א וועג און נעהמט אָן א בעשטימטע פאָרמולירונג.

און עס איז מעהר ניט ווי ענגהערציג און אויבערפלעכליך צו בעהויפּטען, אז די ציוניסטען האָבען קינסטליך ארויסגערופען א דראנג נאָך ארץ ישראל. אין דיעזען פאל האָבען די ציוניסטען נאָר פאָרמולירט דעם פערבאָרגענעם פ אָ ל ק ס ־ ווילען, זיי האָבען ארויסגעזאָגט הויך, וואָס דאָס פאָלק האָט געטראָגען אין זיין הארצען אין דעם משך פון לאַנגע דורות און וואָס דאָס פאָלק טראָגט נאָך ביי זיך ביז היינטיגען טאָג ווי זיין הייליגסטע ירושה.

קומט מען און מען טענה'עט: דאָס זיינען סענטימענטען, און מען וויל דערמיט מבטל זיין די גאַנצע קראפט און די בעדייטונג פון אזא פאָלקס־ווילען. ניט בעאַכטען די בעדייטונג פון פאָלקס־געפיהלען, אָבלאַכען פון פאָלקס־סענטימענטען איז אָבער מעהר ניט ווי בלומרשט געבילדעטע בטלנות. די מאָדערנע וועלט, די מאָדערנע פעלקער־וויסענשאפט רעכענט זיך דוקא אָט מיט די פאָלקס־געפיה־

לען און מיט די ירושה־סענטימענטען ווי מיט דער הויפט טרייבענ־דער קראפט אין לעבען פון די נאציאָנען.

און אחרי כל אלה, וואס האָט מען זיך אזוי דערשראָקען? דאָ האנדעלט זיך נאָר דערוויי־ל וועגען א פונקט אין פּראָגראם. מען בויגט דאָך אויף קיינעם ניט אָן דערווייל דעם בארג סיני און מען צווינגט דאָך קיינעם ניט אָנצונעהמען די ציוניסטישע תורה. וועט דער קאָנגרעס ניט וועלען נעהמען א שטעלונג צו דער פּאלעס־טינא־פראגע, וועט ער שוין געפינען א מיטעל ווי אראָבצונעהמען זי פון דער טאגעס־אָרדנונג. דער קאָנגרעס איז דאָך זעלבסטשטענ־דיג אין זיינע בעשליסע, ער קאָן אפילו אָננעהמען א בעשלוס, אז די אידען ברויכען גאָר ניט קיין פערטרעטונג איבערהויפּט.

דער שרעק איז בכן אָן אומזיסטער און די בעגרינדונג פון דער אויסשליסונג פון דער פּאלעסטינא פראגע איז א פאלשע. זי איז גערייכטעט ניט נאָר אנקעגען דעם ווילען פון אן איינצעלנער פּארטיי, זי ווידערשפרעכט דעם היסטאָרישען ווילען פון דעם גאנצען אידישען פאָלק, און זי איז דיקטירט פון אן אסימילאטאָרישער טענדענץ.

מען ברויכט ניט צו זיין דוקא נאציאָנאל געזאָנען, אום צו פערלאנגען גלייכע בירגערליכע, פּאָליטישע און אפילו קולטורעלע רעכטע פאר די אידישע בעפעלקערונג אין די מזרח־לענדער. דאָס זיינען עלעמענטארע פאָדערונגען. מען האָט געקאָנט ער־ווארטען, אז די אידישע אינטעליגענץ וועט זיך אין איצטיגען מאָ־מענט דערהויבען צו א העכערער נאציאָנאלער מדרגה און וועט אָנ־הויבען צו קלעהרען פון מעגליכקייטען פאר די שאפונג פון א זעלבסטשטענדיגער צוקונפט. מען האָט געקאָנט ערווארטען, אז די איצטיגע קאטאסטראָפע וועט אונז אויסקורירען פון אונזער הויפּט־פעהלער — פון אונזער פּאָליטישער קורצזיכטיגקייט.

געזונטערע, רייכערע און זעלבסטשטענדיגערע נאציאָנען זיינען מקריב פיעל קרבנות אין דער געגענווארט כדי צו שאפען א בעסערע, גערוימערע, ענטוויקלונגס מעגליכערע צוקונפט פאר די אור־אייניקלעך און זיי ריכטען זייערע בליקען גאנץ ווייט, אי געאָ־גראפיש ווייט, אי ווייט אין דער צייט. צו אונז אָבער קומט מען

מיט קלוגע עצות: קוקט ניט אזוי ווייט, זאָרגט צוערשט פאַר דעם מאָרגען. דאָס טרויעריגע דערביי איז, וואָס די בעלי עצות פער־שטעהען ניט זייער אייגענע פּאָליטישע בעגרענצטהייט. זיי פער־שטעהען ניט, אז מיט דער פערשמעלצונג פון די היסטאָרישע פער־ספּעקטיוועו האקען זיי אונטער די פליעגלען פון פאָלקס־גייסט און לעגען ארויף א בלייענעם געוויכט אויף די שאַפענדע פאָלקס קראַפט.

10 אויגוסט, 1915.

די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטי און די פּלוטאָקראַטי.

די אידיש־ראדיקאלע פּרעסע פון נויאָרק האָט אויפגעהויבען א גאַנצען שטורם מכח די ציוניסטישע געפאהר, וועלכע שוועבט איבער דאָס אמעריקאנער יודענטהום, און ווי א טרייע היטערין פון די אידישע אינטערעסען האַלט זי אין איין מתרה זיין דעם גרויסען עולם, בעזאָנדערס די ארבייטער מאסען, אַז זיי זאָלען בעטראכטען און בעהאנדלען דעם מאָמענט נאָר פון ריין געשעפטליכען שטאַנדפּונקט און זיך ניט לאָזען חלילה פערפיהרען פון די נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטיש־ציוניסטישע חלומות. פערלאַנגען בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג פאר די אידען אין די לענדער, וואו זיי זיינען נאָך ניט עמאַנציפּירט — דאָס איז דער געשעפטליכער שטאַנדפּונקט. אַזאַ פּאָדערונג איז פאר יעדען קלאָר. פערלאַנגען נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג איז שוין פון געשעפטליכען שטאַנדפּונקט אפילו ניט אזוי קלוג, אָבער מען קען נאָך מיט א קנייטש מסכים זיין אויך צו אַזאַ פּאָדערונג. ווייל מען אָבער געהן נאָך ווייטער און פערלאַנגען, אַז די אידען זאָלען בעקומען עמיגראַציאָנס־פרייהייט נאָך דעם אָריענט, בעזאָנדערס נאָך ארץ ישראל, וואו זיי זאָלען האָבען די מעגליכקייט זיך עקאָנאָמיש־קולטורעל פריי צו ענטוויקלען און שאַפען פאר זיך מיט דער צייט א געזיכערטע היים — אַזאַ פּאָדערונג טאָר מען ניט צולאָזען, ווייל זי איז זעהר נאָהענט צום ציוניסטישען פּראָגראַם, און דעם ציוניזם מוז מען בעקעמפּפען, ווייל.... ווייל מיר זיינען געגנער פון ציוניזם, ווייל מיר טאָרען ניט נאָכגעבען, אַז די ציוניסטען זאָלען דורך אונזער בעטייליגונג האָבען א נייעם נצחון.

בכן מוז מען שרייען און רעש'ן און ווארנען די אידישע יועלט

פאר דער גרויסער סכנה, וועלכע רוקט זיך אָן אויף איהר פון דער ציוניסטישער מחנה.

פון דער אנדער זייט שטעהט אן אנדער גרופע פון געשוואָרענע שומרים, די אלטע פיהרער, וועלכע האָבען גענומען אויף זיך די הייליגע מיסיאָן צו דערשטיקען יעדע נאציאָנאלע רעגונג אין דער אידישער געזעלשאפט, וועלכע האָבען נאָר איין הייסען וואונש: וואָס שנעלער דורכמאכען דעם אסימילאציאָנס-פּראָצעס און איינגעשלונגען ווערען פון דער ארומיגער סביבה אזוי, אז עס זאָל קיין זכר און קיין סימן ניט בלייבען פון דער אידישער איינהייט. אויך די גרופּע האלט אין איין ווארנען, און וואו זי קאָן, פערזוכט זי צו געבען דעם ציוניזם א טויט-קלאַפּ. אויך דיעזע גרופּע רעדט אין נאָמען פון סוחרישער קלוגהייט און געשעפטליכען שטאנדפּונקט.

אָט אזוי קומען זיך צונויף צוויי ענטגעגענגעזעצטע גרופּען מיט ענטגעגענגעזעצטע אינטערעסען, די אויסגעשפּראָכען אסימילאַטאָרישע פּלוטאָקראטיע און די שוואך נאציאָנאלע סאָציאל-דעמאָקראטיע, און רייכען זיך ברידערליך די הענד צו בעקעמפּפען כמעט מיט דיזעלבע ארגומענטען דעם דריטען שותפות'דיגען געגנער. דיעזעלבע ערשיינונג האָט מען געקענט בעאָבאכטען נאָך נאָר אין אנהויב פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. דאמאָלס האָט מען ארויסגעלאָזען געגען דעם ציוניזם די בעוואפענטע טהעאָלאָגיע, און עס איז געווען מערקווירדיג צו זעהען, ווי שטרענג אָרטאָדאָקסע רבנים האָבען זיך מתחבר געווען מיט די עקסטרעם רעפאָרמירטע פּרעדיגער און האָבען בעקעמפּפט דעם ציוניזם מיט דיזעלבע פּסוקים און מדרשים, אויפגעוויזען בפירוש פון די נביאים, תנאים און אמוראים, אז דער ציוניזם ווידערשפּרעכט דעם אידישען גייסט. איצט האָט מען אויפגעהערט צו שיסען מיט פּסוקים, ערשטענס איז דאָס ניט מאָדערן, צווייטענס איז די עם הארצות זעהר פערברייט געוואָרען, מען אַרגומענטירט איצט מיט געשעפטליכער לאָגיק, אָבער די ערשיינונג בלייבט דיזעלבע.

די דיסטאַנץ צווישען דער אידישער פּלוטאָקראטיע און דער סאָציאל-דעמאָקראטיע איז נאָך פיעלייכט גרעסער ווי צווישען די אָרטאָדאָקסע רבנים און זייערע רעפאָרמירטע אנטיפּאָדען. דאָך

האלט עס די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַר מעגליך איינצו־שלאָגען דעם זעלבען וועג, וועלכען עס וואַנדעלט די אידישע פּלו־טאָקראַטיע. די טענה, אַז זי וועט אויך ניט געהן מיט דער פּלוטאָ־קראַטיע און וועט וועהלען אַ נייעם וועג פאַר זיך, איז מעהר ניט ווי לעכערליך. אָרגאַניזאַטאָריש וועט זי אפשר געהן אַ בעזונדער וועג, אָבער אידעעל איז עס דער וועג פון דער פּלוטאָקראַטיע. דער וועג ווערט דאָ אָנגעצייכענט פון פּראָגראַם, און פּראָגראַמאַטיש זיינען זיי ביידע וואונדערבאַר האַרמאָניש, ניטאָ איין שטרייט־פּונקט, וועלכער זאָל קאָנען צושטערען דיעזע אינערע האַרמאָניע. ביידע פערלאַנגען ניט מעהר ווי בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג אין רוסלאַנד און ביידע ווילען ניט הערען פון דער איינציגער פאָדע־רונג, וואָס קאָן אַוועקשטעלען די אידען אין דער שורה פון די פעלקער.

מילא, מען קאָן נאָך פערשטעהן די אידישע פּלוטאָקראַטיע. זי האָט שטענדיג געדיענט דער אסימילאַציאָן, און שוין דער געדאַנק אַליין פון אַ אידישער נאַציאָן האָט איהר אריינגעיאָגט שרעק און מורא. זי האָט דאַריבער אויסגעאַרבייט אַ סיסטעם ווי מען זאָל פערטיידיגען די אידישע אינטערעסען, און קיינער זאָל ניט קאָנען חושד זיין, אַז זי האָט עפּעס אַ שייכות צו די אידישע אָרגאַניזאַ־ציאָנען, וועלכע ווילען ערהאַלטען די אידען אלס נאַציאָן. די אי־דישע פּלוטאָקראַטיע איז געבליבען טריי איהר אייגענער וועלט־אַנשויאונג און איהר אייגענעם סיסטעם אויך אין איצטיגען מאָ־מענט און זוכט מיט אַלע תחבולות ניט צוצולאָזען, אַז די אידישע מאַסען זאָלען זיך אָרגאַניזירען אויף אַ נאַציאָנאַלער גרונדלאַגע. זי האָט מורא ניט אַזוי פאַר דעם פּונקט ארץ ישראל ווי פאַר דער טהאַטזאַכע פון אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזירונג, וועלכע קאָן זיי מאַכען אַ מחק אין אַלע זייערע חשבונות.

אָבער אַז עס קומט אַ אידישע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע איז מודה אין נאַציאָנאַלע פּרינציפּען, לכל הפּחות טהעאָרעטיש, און אויך זי טרעט אויף אנטקעגען אַן אַלגעמיינע אידישע נאַציאָנאַלע פער־איינינונג צוליעב דעם אָדער יענעם פּונקט פון פּראָגראַם, וועלכער

געפעלט איהר ניט — איז דאָס און עס וועט בלייבען אַן אונפער־שטענדליכקייט.

מיר ווילען קיינעם ניט נארען. מיר זאָגען בפירוש, אז אפילו ווען דער פונקט ארץ ישראל זאָל אויסגעשטריכען ווערען פון פראָ־וויזאָרישען פראָגראם פון אידישען קאָנגרעס, וועלען מיר זוכען מיט אלע מיטלען, אז דער קאָנגרעס זאָל אויסשפרעכען זיין מיינונג וועגען דיעזער וויכטיגער פראגע, און עס איז קוים צו ערוואַרטען, אז אן אלגעמיין אידישער קאָנגרעס זאָל זיך אָבזאָגען דערפון, ווייל א בעשטימטע פארטיי וויל דאָס ניט. א נאציאָנאלע און דערצו נאָך א דעמאָקראטישע אָרגאניזאציאָן האָט נאָר איין וועג, ווי מבטל צו זיין דעם ווילען פון אן אנדער פארטיי, דאָס איז דער וועג פון אן אפענעם, עהרליכען פּאָליטישען קאמפף. די כלי זיין פון אזא קאמפף זיינען עפענטליכע וכוחים און איבערציינונגס־קראפט. די מאיאָריטעט, און נאָר זי אליין האָט דאָס לעצטע וואָרט און די מאָראלישע מאכט אָנצונעהמען החלטות. מורא האָבען פאר מאיאָריטעטס־בעשליסע און דאריבער סטרייקען און ניט געהן צום קאָנגרעס איז ניט נאציאָנאל און ניט דעמאָקראטיש.

אויסצודרעהען זיך און צו בעהויפּטען, אז די דייטשע, פראנצויזישע, ענגלישע א. ז. וו. סאָציאל־דעמאָקראטען מוזען זיך נאָך בעטייליגען אין דער לעזונג פון אלגעמיין נאציאָנאלע פראגען, ווייל די מלוכה צווינגט זיי דערצו, אָבער ביי אונז אידען פעהלט די שטאאטס־מאכט און דעריבער זיינען מיר פרייער, אונבעשרענקטער אין אונזער וואהל, אז מיר ווילען געהען מיר, און אז מיר ווילען געהען מיר ניט, — אזא ארגומענט האָט מיט א פּאָר טעג צוריק ארויסגעשטעלט א אידישע סאָציאליסטישע צייטונג — איז ניט נאָר ניט סאָציאליסטיש, עס איז אויך ניט שעהן. דאָס הייסט אויסנוצען די אידישע נאציאָנאלע אונבעהאָלפענהייט, דאָס הייסט שטעלען די פּאָליציי־מאכט העכער אלס די מאָראלישע מאכט.

ליידער איז דאָס אזוי. ביי אנדערע פעלקער משפט מען פאר א נאציאָנאלע מסירה ווי פאר האָכפערראטה, ביי אונז איז דאָס ניט שטראָפבאר, ביי אונז קומט פאָר, אז אָנגעזעהענע „פיהרער" ערלויבען זיך צו פער'מסר'ען דעם כלל, און קיינער טרייבט זיי

ניט אוועק פון זייער אויבען־אָן. נאָר אַט טאַקע צוליעב דעם און צוליעב נאָך פיעלע, פיעלע טרויעריגע ערשיינונגען אין אונזער אינערען לעבען, ווילען מיר זיך דאָך אָרגאַניזירען. אַט טאַקע צוליעב דעם ווילען מיר שאַפען אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציאָן, פאַר וועלכע עס זאָלען זיך מוזען בויגען די איינצעלנע גרופען און פאַר־טייען, ווי רייך זיי זאָלען ניט זיין, ווי שטאַרק עס זאָל ניט זיין זייער כח און איינפלוס. מיר ווילען אָבגעבען דעם פאָלק, וואָס איהם געהערט: דאָס רעכט צו אורטיילען און צו בעשליסען איבער זיין אייגענעם גורל.

איין מאָמענט קאָן אונז בעפרידיגען אין דיעזען גאַנצען סכסוך. עס וועט צונויפגערופען ווערען אַן אַלגעמיין אידישער קאָנגרעס. יעדע איינצעלנע פּאַרטיי האָט שאַנסען צו געווינען דערביי, אָבער אויך צו פערלירען. און מערקווירדיג — די ציוניסטען האָבען קיין מורא ניט. דערשראָקען האָבען זיך נאָר די אַסימילאַטאָרען פון איין זייט און די ראַדיקאַלען פון דער אַנדער זייט. אַ סימן אַז דאָס הארץ זאָגט זיי, ווי אַן אַלגעמיין אידישער קאָנגרעס וועט זיך שטעלען צום נאַציאָנאַלען פּראָבלעם בכלל און צום פונקט ארץ ישראל בפרט.

עס איז געווען אַ צייט, ווען די אידישע סאָציאַליסטען האָבען געפיהרט מלחמה געגען דעם נאַציאָנאַלען געדאַנק. עס איז גע־קומען אַ נייע צייט און האָט געכשרט דעם געדאַנק, און די סאָציאַליסטען האָבען געמוזט נאָכגעבען. דער פערלאַנג נאָך אַ אידישע היים איז די לאָגישע קאָנסעקווענץ פון דעם נאַציאָנאַלען געדאַנק. עס וועט קומען נאָך אַ נייערע צייט, און אַלע סאָציאַ־ליסטען וועלען מוזען מודה זיין אין דער נויטווענדיגקייט פון אַ אידישע היים.

ניט געהן צו אַן אַלגעמיינעם אידישען קאָנגרעס איז אַ שוואַכער מיטעל, פונקט ווי פערהאַנדלונגען הינטער פערריגעלטע טהירען.

31 אוגוסט 1915.

וואָס פאָדערען מיר און וואָס פערלאַנגען מיר

פיעל שלימער ווי די אויסערע אבהענגיגקייט איז די אינערע אונזעלבסטשטענדיגקייט. די אויסערע אבהענגיגקייט איז ניט בעקוועם, זי לאָזט ניט צו, אז דער מענש זאָל קאָנען פערווירקליכען זיין פרייען ווילען, זי לאַסטעט ווי א יאָך, זי דריקט, זי קנעכטעט. ביי אַל דעם אָבער ענטהאלט זי אין זיך ניט קיין חרפה. עס איז אן אונגליק, אָבער ניט קיין שאנדע, ווען מען קאָן ניט גובר זיין די ברוטאַלע מאכט פון א שטארקען געגנער. מען קאָן זיך דערביי פיהלען אינערליך פריי, ניט פערלירען די ווערדע פון דעם שטאָלצען מענשליכען איך און זאמלען כוחות פאר דעם פאסענדען מאָמענט, ווען דער פראָטעסט קאָן האָבען שאנסען אויף אן ערפאָלג. מאַקס נאָרדוי האָט אויסגעדריקט דיעזען געדאנק אין דעם קורצען אפאָריזם: ווארטען איז ניט קיין שאנדע. יעדענפאלס מוז מען דארונטער פערשטעהן ניט א פאסיווען ווארטען, נאָר א ווארטען פון אָנשטרענגונג און פון כחות זאמלען.

די אינערע אונזעלבסטשטענדיגקייט אבער ענטהאלט אין זיך אי אן אונגליק אי א שאנדע. אינערליך אונזעלבסטשטענדיג זיין — דאס הייסט ניט גלויבען אין די אייגענע כוחות, דאס הייסט ניט האָבען קיין דרך ארץ פאר זיך אליין, דאָס הייסט אוועקצושטעלען זיך אין די שורה פון די שוואכע, אונבעהאָלפענע, וועלכע האָבען גאָר קיין האָפנונג ניט אַמאָל שטארק און זעלבסטשטענדיג צו ווערען. דער אינערליך אונזעלבסטשטענדיגער לעבט אין שטענדיגען צווייפעל, ער האָט תמיד מורא צו מאכען א דרייסטען שריט, עס פעהלט איהם די זיכערהייט, ער בעזיצט ניט די פעהיגקייט צו ריזיקירען, בעגעגענט ער אויף זיין וועג א קליין בערגעלע אָדער עטוואס א טיעפען טהאָל, געהט ער ארום און ארום, ווארים יעדעס בערגעלע איז פאר איהם צו הויך, און יעדער טהאָל צו טיעף.

די געזעלשאפט, — און זי בעשטעהט כמעט שטענדיג מעהר פון שונאים ווי פון פריינד פון דעם איינצעלנעם, — קאָן אין בעס־טען פאל אויף אזוי ווייט אכטען דעם איינצעלנעם, ווי ווייט דער איינצעלנער אכטעט זיך אליין. ניטאָ קיין גוטע מענשען, וועלכע פערשאפען דעם איינצעלנעם א פלאץ אין דער געזעלשאפט אויס יושר געפיהל. יעדער מוז זיין פלאץ אין דער געזעלשאפט עראָבערן, ער מוז זיין פלאץ איינגעהמען. און עס איז דאריבער ניט קיין וואונדער, ווען די געזעלשאפט בעהאנדעלט דעם אינערליך אונ־זעלבסטשטענדיגען ווי א צווייט־קלאסיגען אדער א דריט־קלאסי־גען מענשען און צייגט איהם אָן א פלאץ אויף אן אונטערער שטו־פע, אפטמאָל זאגאר אויף יענער זייט מחיצה.

מיר ווילען ווייט נאָך ביישפיעלען ניט געהן. מיר נעהמען די עלעמענטארסטע פאָרם פון מענשליכער אינערער אונזעלבסט־שטענדיגקייט. זי איז יעדען בעקאנט, זי אויסערט זיך אין קריעכערטהום. מענשען, וועל־כע אנערקענען זייער אייגענע ווערדע, פיהלען זיך אויטאָנאָם. ווען מען פיהלט זיך אויטאָנאָם, איז מען צופריעדען מיט דעם אייגע־נעם געזעלשאפטס־קרייז, וואו מען איז א גלייכער אונטער גלייכע. ווען מען איז צופריעדען מיט דעם אייגענעם קרייז, האָט מען ניט די תשוקה, וועלכע פערוואנדעלט זיך אין א תאוה, אריינצודרינגען דוקא אין א פרעמדען קרייז. דער פרעמדער קרייז האָט שוין אזא טבע, ווען ער בעמערקט, אז איינער קריכט צו איהם, שליסט ער זיך צו, און דער קריכער בלייבט פון דרויסען. דער אינערליך זעלבסטשטענדיגער, דער שטאָלצער קריכט ניט און ממילא קאָן ער ניט אויסגעשלאָסען ווערען.

איבערטריבענער שטאָלץ איז גאוה, די איבערשעצונג פון די אייגענע כחות איז נארישקייט, דאס הייסט ניט קאָנען חשבון׳ען, ניט האָבען קיין ידיעה אין דער לעבענס־אריטמעטיק. אבער ער־גער פון אלץ איז דער אייגענער ביטול. ווער עס איז זיך אליין מבטל איז פאר די אנדערע בטל ומבוטל.

און אז מיר הערען זיך איצט צו צו דעם וואס געהט פאר אין אונזער אינערען לעבען, מערקען מיר צוויי ענטגעגענגעזעצטע

שטרעמונגען. פון איין זייט די אבלעבענדע, טראדיציאָנעלע גלות שטרעמונג, בעגרינדעט אויף אינערע אונזועלבסטשטענדיגקייט, אויף אונטערשעצונג פון די אידישע פאָלקס־כחות, נאָך מעהר, אויף אָבלייקענונג פון די אידישע פאָלקס־כחות, און פון דער אנ־דער זייט א יונגע, אבער דערפאר א פיעל שטארקערע שטרעמונג בעגרינדעט אויף זעלבסט־אכטונג און זעלבסט־בעפרייאונג.

פון איין זייט גיט מען אונז אן עצה: טרעט ניט אויף ווי א פאָלק, בלייבט בעסער איינצעלנע, פאנאנדערגעשרויבטע, מאכט ניט קיין טומעל, ווענט איהר זיך ניט ווארפען אין די אויגען. רעדט ניט מכח נאציאָנאלע רעכט, רעדט ניט מכח קולטורעלער אויטאָ־נאָמיע, ציהט ניט אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די פעלקער. אין גוט אידיש פערטייטשט הייסט עס: פאלשטענדיגער נאציאָ־נאלער בטול היש. עס מאכט ניט אויס, ווי די עצה ווערט בע־גרינדעט, מיט סוחרישע מאָטיווען אדער מיט פאלש פערשטאנע־נעם ראדיקאליזם, זי בלייבט וואס זי איז — א כשר קינד פון קנעכטישער געזינונג.

ווען די עצה זאָל אָנגענומען ווערען אין איצטיגען וויכטיגען היסטאָרישען מאָמענט, ווען דאס אידישע פאלק זאָל ערלויבען, אז מען זאָל קומען און רעדען אין זיין נאָמען אזוינע דבורים — וואלט דאָס געווען דאָס גרעסטע אונגליק, וואָס האָט אונז נאָר געקאָנט פאסירען.

דערמאָהנט זיך נאָר וואס איהר טהוט. ווענען בירגערליכע רעכט האנדעלט זיך נאָר אין רוסלאנד. און אויך אין דיעזער בע־ציהונג איז קרוב לודאי, אז דער שווערפונקט פון די אידישע מאַ־סען ווערט איצט פערלעגט פון מזרח אייראפא אין מערב אייראָ־פא, און אין מערב אייראפא זיינען די רעגיערונגען פיעל מעהר פאָרטגעשריטען פון אייך. זיי, די רעגיערונגען, האָבען איינגע־זעהן, אז מיט בירגערליכע רעכט אליין קאָן מען בשום אופן ניט פערענטפערען די קאמפליצירטע און זעהר וויכטיגע פראגע, ווי מען זאָל לכתחילה פערמיידען די רייבונגען צווישען די פערשיעדענע נאציאָנאלע גרופען. זיי, די רעגיערונגען, זוכען נייע וועגען, ווי צו זיכערען די ענטוויקלונגס־מעגליכקייטען פון די נאציאָנאלע

מינדערהייטען. און אין אזא מאָמענט וועט איהר ערשיינען אין אייער גאנצער פאָליטישער ארימזעליגקייט און וועט זאגען בזה הלשון: אדוני פריץ, זייט זיך כ׳לעבען ניט מטריח, ווארים מיר זיינען די פערטרעטער פון אידישען פאָלק, און אונזער בקשה געהט גאָר ניט אזוי ווייט. מיר וועלען שוין גליקליך זיין, ווען איהר וועט די אידען אומעדום בעטראַכטען ווי בירגער.

ווי וועט מען קוקען אויף אונזער פאָלק, ווען זיינע פערטרעטער וועלען דיענען אלס מוסטער.

פון דער אנדער זייט זאגט מען אונז: זייט ווירדיג דעם היסטאָרישען מאָמענט, וועלכען איהר מאכט דורך. זייט ניט מבטל אייער א י ך. זייט מענשען און רעדט אויף א מענשליכען לשון. בירגערליכע רעכט — מיר בעטען ניט ביי אייך א חסד. מיר מאָהנען פון אייך די גזלה, ווארים מיר זיינען שטענדיג געווען בירגער, שטענדיג געצאָהלט, אי מיט אונזער פערמעגען, אי מיט אונזערע נפשות. נאציאָנאלע רעכט — מיר אפעלירען צו אייך אין נאָמען פון יושר און פאָרטשריט. בויט ניט דאָס גליק פון איין נאציאָנאלער גרופע אויף דעם חשבון פון אונזער חורבן, עס וועט זיין ניט גוט, ניט פאר אונז, ניט פאר אייך. מיר ווילען זיין גוטע בירגער, און כדי צו זיין גוטע בירגער מוזען מיר זיין פולע, גאנצע מענשען. פול און גאנץ קאָנען מיר זיין נאָר ווען מען צווינגט אונז ניט צו פערלייקענען אונזער אייגענע נאטור, און אונזער נאטור איז מיט טויזענד פעדים פערבונדען מיט אונזער פאָלק, מיט אונזער געשיכטע, מיט אונזער קולטור. בעהאנדעלט אונז ווי גאנצע מענשען און אויך גאנץ וועלען מיר דיענען דעם שטאאַט.

און נאָך א וואונש האָבען מיר — און מיר אפעלירען צו אייך אין נאָמען פון א העכערען פרינציפ, אין נאָמען פון דער אַ ב ס אָ ל ו ט ע ר נאציאָנאלער גלייכבערעכטיגונג. מיר ווינשען, אז אונזער פאָלק זאָל האָבען די מעגליכקייט צו שאפען פאר זיך א היים אין זיין היסטאָרישער היימאט. מיר גלויבען און בעהויפטען אויפריכטיג, אז מיר וועלען ק י י נ ע ם ניט שאדען דאדורך. מיר זיינען גרייט אריינצוטראגען אין אריענט אונזער גאנצען

ערנסט און אונזער גאנצע עקאָנאָמישע און קולטורעלע ערפאהרונג, וועלכע מיר האָבען אנגעזאמעלט אלס אלטעס קולטור־פאָלק. מיר וועלען דערצו בייטראגען, אז דער אריענט זאל אויפלעבען, און ווער עס זאל ניט זיין בעזיטצער וועט פון אונזער ארבייט קיין היזק ניט האָבען. מיר גערען ניט אנקעגען דעם פארטשריט, אונזער וואונש ליעגט אויף דער ליניע פון די העכסטע מענשליכע אידעאלען, און מיר פערלאנגען פון די בעסטע און עדעלסטע, זיי זאלען אונז אונטערשטיצען.

מיר זיינען איבערציינט, אז די אומות העולם וועלען זיך ניט דערשרעקען פאר אזא פארמולירונג פון אונזערע וואונשען. זיי וועלען אין איהר, אין דער פארמולירונג, נאָר זעהן, אז דאס אידישע פאָלק איז גאר ניט אזוי טיעף געזונקען, ווי מען האָט עס זיי ערצעהלט, זיי וועלען דערין זעהן א סימן פון מענליכקייט, פון זעלבסטאכטונג, און זיי אליין וועלען אנהויבען אונז מעהר צו רעספעקטירען.

די אומות העולם וועלען זיך ניט דערשרעקען. דערשראָקען האָבען זיך פאר אזא פארמולירונג אונזערע אייגענע אינערליך אונזעלבסטשטענדיגע פערטרעטער, וועלכע זיינען געוואוינט צו קוקען אויף די אנדערע פון אונטען ארויף און אויף די אייגענע פון אויבען אראָב.

2 סעפטעמבער, 1915.

די פערביטענע יוצרות.

עס איז מערקווירדיג, ווי דער גלות איז מחייב צו פיהרען א דאפעלטען דאזיין, ווען אפילו מען איז ניט מודה אין גלות גופא, מען לייקענט זיין עקזיסטענץ און מען בעטראכט זיך אלס פרייער אונטער פרייע.

די העכסטע פארם פון דער פערנייגונג פון דעם גלות איז די אסימילאציאן. די קאנסעקווענטע, די שטרענג דורכגעפיהרטע ביז צום לעצטען ענד, בעהויפטעט ניט נאָר, אז מען מוז מיט דעם גלות שלום מאכען, ווייל עס בעשטעהט ניט קיין מעגליכקייט פטור צו ווערען פון איהם, זי זאגט פיעל מעהר, אז דורך דאס פאלשטענדיגע אויפגעהן און איינגעשלונגען ווערען אין דער פרעמדער סביבה עררייכט מען די בעפרייאונג פון גלות. זי וויל ניט זיין געגרינדעט אויף א „לית־ברירה“ פילאָזאפיע, זי וויל אליין גלויבען און אויך די אנדערע מאכען גלויבען, אז דאס וואס זי טהוט, טהוט זי אויס פרייער נייגונג. זי טהוט ניט קיין שידוך מיט דער פרעמדער סביבה, זי ליעבט זיך אין איהר איין.

אָס איז די גרונדלאגע פון דער אסימילאציאָן אין דער טהעאָריע. מען קאָן זיך צו איהר פערהאלטען ווי מען וויל, מען קאָן זי בעטראכטען אלס ווינשענסווערטה אדער פערוואָרפליך פון פערשיעדענע שטאנדפונקטען, מען קאָן אָבער איהר ניט אָבזאָגען אין גאנצהייט. זי איז ראדיקאל, זי געהט ניט אויף פשרות, זי וויל זיך אליין און קיינעם ניט נארען. און ווען אונזערע אסימילאנטען וואָלטען געווען פונקט אזוי קאנסעקווענט אין לעבען ווי אין דער טהעאָריע, וואָלט קיין מאָל ניט געווען קיין פלאץ פאר אינערע דיפערענצען און מחלוקות אין אידישען לעבען. עס וואָלט געווען פשוט און קלאָר. פון איין זייט שטעהען מענשען, גרופען, פארטייען און קלאסען, וועלכע שטעלען ארויס די בעפרייאונג פון זייער

פֿאָלק אלס דאס העכסטע אידעאַל. פֿון דער אנדער זייט מענשען און גרופּען, וועלכע דיענען אן ענטגעגענגעזעצטען אידעאַל. געהט דער ערשטער טהייל אין מזרח און דער אנדערער טהייל אין מערב, און וואס ווייטער און ווייטער דערווייטערען זיי זיך פֿון אנאַנדער.

ביים פֿאָלק און ביי די פֿאָלקס־אינטערעסען האָבען לאָגיש געקאָנט בלייבען נאָר די ערשטע. אין אזא פֿאַל וואָלט מען די אסימילאציאָן בעטראכט ווי יעדע אנדערע מגפה, וועלכע שאַדעט דעם פֿאָלקס־ארגאניזם, ווי שמד צום ביישפּיעל, מען וואָלט אנגעווענדעט פּ ר אָ־פֿ י ל אַ ק ט י ש ע מיטעל, כדי ניט צוצולאָזען, אז זי זאָל אָנמאַ־כען ווייטערע פֿערוויסטונגען, אבער רייבונגען צווישען נאַציאָנאַ־ליסטען און אסימילאַנטען האָבען ניט געדאַרפט פּאַרקומען, ווארים עס קענען ניט זיין קיין רייבונגען צווישען בלייבענדע און אוועק־געהענדע.

אַלע אונזערע סכסוכים, מחלוקות און רייבונגען, וועלכע שלינגען איין דעם גרעסטען חלק פֿון אונזער ענערגיע און שאַפֿענ־דער קראַפֿט, קומען ארויס ניט דערפֿון, וואָס מיר האָבען אין מאַנכע קרייזען אַן אסימילאַטאָרישע שטרעמונג, נאָר דערפֿון וואָס מיר האָבען ניט קיין גאַנצע אסימילאַנטען. אונזערע אסימילאַנטען פֿערליעבען זיך אין דער פֿרעמדער סביבה און בלייבען אויף קעסט ביי דעם אידישען פֿאָלק. טהעאָרעטיש געהען זיי אוועק, פּראַקטיש בלייבען זיי דאָרט וואו זיי זיינען אויך פֿריהער געווען. דאָס קומט מחמת צוויי טעמים. ערשטענס, איז גאָר ניט אזוי לייכט אוועקצוגעהן, מען קען ניט אָבטרייסלען פֿון זיך די לאַסט פֿון אַ לאַנג דורות'דיגער ירושה, עס הויבט זיך אָן אַ בענקעניש, אַ קלעמעניש, עס איז שווער מאַכען ביי זיך דעם הסכם נאָך אַמאָל געבאָרען צו ווערען. און יעדע ראַדיקאַלע אסימילאַציאָן איז פֿער־בונדען מיט אַ צווייטער געבורט. צווייטענס, ווען מען וואָלט שוין אפילו געפֿיהלט אין זיך דעם כח צו מאַכען איין מאָל אַ מחק אין דער אייגענער נשמה און אָנשליסען זיך גאַנץ אָן אַ נייער וועלט — האָט דאָך די נייע וועלט עפּעס אויך אַ שטיקעל דעה. ווען איינער וויל זיך אָנשליסען, מוז דאָך זיין אַן אנדערער, וועלכער וויל איהם א י י נ ש ל י ס ע ן. ניטאָ אין דער מענשליכער געזעלשאַפֿט

קיין הפקר־סביבות. יעדע סביבה האָט א גדר און שומרים. דער צוים איז הויך און די שומרים זיינען שטרענג, און עס איז פיעל לייכטער זיך אויסצושליסען, ווי זיך אַנצושליסען, ווייל צום זיך אויסשליסען געהערט איין ווילען און צום זיך אַנשליסען לכל הפּחות צוויי ווילענס. דאריבער קומט טאקע אָפּט פאָר, אז די אסימי־לאנטען בלייבען „קרח מכאן וקרח מכאן", און אז זיי הויבען אָן צו פיהלען שטארק דעם אומעט אויפ'ן הארצען קעהרען זיי זיך אום צוריק.

זיי קעהרען זיך אָבער אום ניט ווי „בעלי תשובה", זיי מאכען ניט גאנץ דעם אייגענעם רים אין זייער נשמה. זיי קעהרען זיך אום ווי האלבע מענשען. זיי ווארטען אויף א נייע געלעגענהייט צו עראָבערען די פעסטונג, וועלכע זיי האָבען ניט געקענט מיט איין מאָל אייננעהמען און זיי שאָקלען זיך ארום, ווי דער פּער־פּענדיקעל אין א וואנד־זייגער, צווישען צוויי וועלטען, צווישען דער, אויף וועלכער זיי האָבען געוואָרפען אַן אום־חן, און צווישען דער, וועלכער האָט אויף זיי געוואָרפען אַן אום־חן.

און דערין ליעגט איינע פון די טרויעריגסטע ערשיינונגען פון אונזער פּאָלקס־לעבען. גאנץ אסימילירטע וואָלטען בשום אופן ניט געקאָנט שטעהן אויבען אָן פון אונזערע פּאָלקס־אינטע־רעסען, די האלב אסימילירטע בלייבען אָבער רוהיג אויף זייער אלטען פּלאץ און בעהאלטען אין זייערע הענד די פעדים פון דער אידישער פּאָליטיק. ממילא קומט אין בעסטען פאל ארויס א האלבע ארבייט, ווייל זי שטאמט פון האלבע נאטורען.

דערפון שטאמען אויך די אונפערשטענדליכקייטען אין אונזער לעבען.

נעהמען מיר צום ביישפּיעל די קאָנגרעס־פראגע, וועלכע האָט פעראורזאכט אזא קאָכעניש און אזוי פיעל בייזעס בלוט אין גע־וויסע קרייזען פון אמעריקאנער יודענטהום. די פראגע איז זעהר אַן איינפאכע: די אמעריקאנער אידען פיהלען זיך אין זייער נעזאמטקייט אלס חלק פון אידישען פאָלק. זיי פיהלען ווייטער, אז דער איצטיגער היסטאָרישער מאָמענט, וועלכען עס מאכט דורך

די גאנצע וועלט, לעגט ארויף אויף זיי, אויף די אמעריקאנער אידען, א בעזונדערע פעראנטוואָרטליכקייט. כדי צו דערפילען זייער חוב ווילען זיי זיך אָ ר ג א נ י ז י ר ע ן. זיי לעבען אין אמעריקא, אין א לאנד, וואו דער גאנצער שטאאטס־מעכאניזם איז אויפגעבויט אויף דעם דעמאָקראטישען פרינציפּ. דאריבער פערשטעהען זיי, אז אלס אידען און אלס אַ מ ע ר י ק א נ ע ר א י ד ע ן וועלען זיי ניט יוצא זיין זייער חוב בנוגע צו זייער פאָלק, ווען זיי זאָלען איבערלאָזען די גאנצע אחריות אין די הענד פון א הייפעלע מענשען, וועלכע זיינען אפשר אי רייך, אי געבילדעט, אי קלוג, וועלכע האלטען אָבער אין איין טענה'ן, אַז זיי גלויבען ניט, ניט אין דער עקזיסטענץ פון דער אידישער נאציאָן אין דער געגענוואַרט און ניט אין א אידישער פאָלקס־צוקונפט. דער שכל הישר זאָגט, אז דאָ ליעגט אַן אינערער ווידערשפּרוך, וועלכען מען קאָן מיט קיין פשט'על אין דער וועלט ניט פערענטפערען. בכן האָט מען בעשלאָסען, ווענדען זיך צו די אידישע מאסען, אויפקלעהרען זיי וועגען דעם מצב און אָרגאניזירען א פערטרעטערשאַפט פון די אמעריקאנער אידען אויף דעמאָקראטישע יסודות.

דאכט זיך, וואָס קאָן מען האָבען איינצואווענדען געגען אַזא בערעכטיגטען, נאטירליכען, בעגרינדעטען וואונש? און דאָך האָבען זאָגאר מאנכע ראבינער געפונען פאר נויטיג צו האלטען דרשות אין די טעמפּלען אין דיביידע ראש השנה־טעג אנטקעגען די קאָנגרעס־אידעע, געשטורעמט און געשימפּפט, גלייך ווי די אידישע וועלט האלט חרוב צו ווערען צום צווייטען מאָל דורך די פערווירקליכונג פון דער קאָנגרעס־אידעע. און דאָס זיינען געווען אמעריקאנער ראבינער, און זיי האָבען אויך גערעדט פון די הויכע, הייליגע, אמעריקאנישע, דעמאָקראטישע פרינציפּען, און זיי האָבען אליין ניט פערשטאנען, אז זיי האָבען בשעת מעשה אויסגעזעהן ווי קאָמישע פיגורען, וועלכע פערפלאָנטערען זיך אין די אייגענע געדאנקען.

דאָס מאכט די האלבהייט, דאָס לעבען אין צוויי וועלטען. אין איין וועלט איז מען דעמאָקראטיש, אין דער אנדערער אויטאָק

קראטיש, אין איין וועלט שאָוויניסטיש־נאציאָנאַליסטיש, אין דער אנדערער אסימילאַטאָריש־קאָסמאָפּאָליטיש.

און געוועהנליך פערבייט מען די יוצרות. מיט די ריכטיגע פּרינציפּען לעבען זיי אין דער פאלשער וועלט, דאָס הייסט, אין דער וועלט, וואו זיי קאָנען זיך ניט גאַנץ אויסלעבען. און מיט די פאלשע פּרינציפּען לעבען זיי אין דער אמת'ער וועלט, דאָס הייסט אין דער וועלט, וואו זיי מוזען זיך אויסלעבען געגען זייער אייגענעם ווילען.

14 סעפּט., 1915.

רעפאָרם און יודענטהום

I

אינטעליגענץ און רעפאָרם.

דער רעש, וועלכען איינינע פרעדינער האָבען אויפגעהויבען אין די רעפאָרם־טעמפלען צוליעב די נייע שטרעמונג אין די אידישע מאסען, צו פעראייניגען זיך אויף א פאָלקסטימליכער גרונדלאגע; די אטאקע, וועלכע זיי האָבען ביי דיעזער געלעגענהייט געמאכט אויף דעם ציוניזם און דעם אידישען נאציאָנאליזם; דער אונאנשטענדיגער טאָן, וועלכען עס האָט אָנגעהויבען אָנצוואווענדען אין זיין פּאָלעמיק געגען ציוניסטען און נאציאָנאליסטען דער לייב־אָרגאן פון די רייכע רעפאָרמירטע אידישע קרייזען אין ניו יאָרק — דאָס אַלעס צוזאמענגענומען גיט מיר די פעראנלאַסונג אָבצושטעלען זיך אויף אַן ערשיינונג אין אונזער לעבען, וועלכע איז, לויט מיין וויסען, כמעט נאָך ניט אָדער גאָר זעהר ווענינ בעשפּראָכען געוואָרען.

ווי קומט עס, אַז גראָד דאָרט, וואו עס לעבט דער גרעסטער בעשטאנד־טהייל פון אידישען פאָלק אין איירָאָפּאַ — רוסלאנד, עסטרייך און פוילען — האָט די רעפאָרם־בעוועגונג אויף דעם רעליגיעז־סינאגאָגאַלען געביעט זיך ניט געקענט איינוואָרצלען? אין רוסלאנד איז פאר איהר ק י י ן ס י מ ן נ י ט אָ, און ווען איינער — דער אָריענטאַליסט פערעפערקאָוויטש — האָט זי גע־וואָלט פערפלאנצען אין פעטערבורג נאָך אמעריקאנישען מוסטער, האָט מען איהם גלייך נאָך דעם ערשטען פערזוך געלאָזט בעטען, ער זאָל אויפהערען זיך נאריש מאכען. אין גאנץ עסטרייך־אונגארן, מיט דער אויסנאהמע פון איינינע אונבעדייטענדע געמיינדען, קאָן מען אין בעסטען פאַל רעדען פון קליינע, אונוועזענטליכע אָבענדערונגען אין קולטוס, אָדער פון האלבע רעפאָרמען. אין

פוילען האָט מען געהאַט צוויי שוהלען, וועלכע מען האָט גערופען די רעפאָרמירטע, אין ווארשא און אין לאָדז, אָבער דאָ אין אמעריקא וואָלט מען זיי ביידע צוגערעכענט צו די שטרענג אָרטהאָ־דאָקסישע.

אפילו אין דייטשלאנד, וואו עס האָבען געלעבט און געווירקט די ערשטע און די בעדייטענדסטע רעפאָרם־אַפּאָסטעל, איז די רעפאָרם געבליבען שטעהן אויפ'ן האלבען וועג, אין פערגלייך מיט אמעריקא. אין גאנץ דייטשלאנד עקזיסטירט נאָר איין טעמפעל, פעררוקט אין א זייטיגען געסעל אין בערלין, וואו מען "דאווענט" זונטאָג אָנשטאָט שבת, און וואוהין מען פיהרט די טוריסטען ווי צום בייז־וואונדער צו צייגען זיי, אז אויך ביי אידען איז דאָ א סעקטע, וועלכע איז מתפלל אָהן א קאָפּ־בעדעקונג און לאָזט צו, אז מענער און פרויען זאָלען זיצען אין שוהל צוזאמען.

מילא ווען מען רעדט מכח די אידישע מאסען קאָן מען נאָך ווי עס איז אויסגעפינען פערשיעדענע ערקלערונגען צו פערענט־פערען דיעזע ערשיינונג. ווען מען וויל קאָן מען זאָגאר בלייבען אויף דעם באָדען פון דער היסטאָריש־מאטעריאליסטישער וועלט־אנשויאונג. די רעפאָרם אין אלגעמיין איז פשוט א צו טהייערער ארטיקעל פאר די מאסען. א שעהנע שוהל, א ריינע שוהל מיט משגיחים און משרתים, מיט שטודירטע פרעדיגער און חזנים איז ניט קיין וואָלוועלער ביסען. דער גרעסטער עלוי אָדער זאָגאר דער גאון, וועלכער זיצט כל ימיו אויף תורה און עבודה, מוז לעבען פערהעלטניסמעסיג זעהר בעשיידען, גאנץ אָפט, אין די מיטעלע און קליינע שטעדט — אין דחקות, און זיין איינציגע האָפנונג איז עולם הבא. דער קלענסטער רעפאָרמירטער ראבינער אָבער פער־לאנגט גאנץ אנדערע התחייבות'ען פון זיין געמיינדע. ער פאָדערט מען זאָל איהם אויסצאָהלען זיין חלק מיט עולם־הזה ארטיקלען. דאָס איז ערשטענס. צווייטענס, זיינען די מאסען אין דורכשניט ניט אזוי פאָרטגעשריטען אין זייער לעבענס־אנשויאונג און פיהלען דעריבער ניט קיין בעדערפניש צו איבעראנדערשען די פאָרמען פון זייער רעליגיעזען לעבען. דריטענס זיינען די מאסען, אפילו ווען זיי זיינען אויפגעקלעהרט, זעהר קאָנסערוואטיוו בנוגע צו

זיטען און מנהגים, און ווען זיי היטען זיי שוין, ווילען זיי מקיים זיין זיי מיט אלע תגין, אַט ווי זיי, די זיטען און מנהגים, זיינען איבערגעגאנגען צו זיי בירושה.

ביי אַ שטרענגען אנאליז האָט מען געקאָנט בעווייזען, אַז די און עהנליכע ערקלערונגען זיינען מעהר ניט ווי אויבערפלעכליכע. די ערהאלטונג פון דעם איבערליפערטען, מסורה־יודענטהום קאָסט אין סך הכל אָב די אידישע מאַסען מעהר ווי אלע אויסגעפוצטע טעמפלען, עבען אַזוי ווי די ערהאלטונג פון דעם אלט־מאָדישען אידישען חדר קאָסט פערהעלטניס־מעסיג מעהר אָב דעם אידישען פאָלק ווי די מאָדערנע פאָלקס־שולען. דאָס איז בעוויזען געוואָרען מיט גענויע צאָהלען. מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז צום מסורה־יודענטהום געהערען אויך די הוצאות פון כשרות, ספרי־תורות און ספרים, מקוה, תלמוד תורה, ישיבות און נאָך וויטער. אויך האָט מען געקאָנט בעווייזען, אַז אין עניני אמונה איז אַ גרויסער חלק פון די אידישע מאַסען מינדעסטענס אַזוי אויפגעקלעהרט, ווי די רייכע אידישע קלאַסען דאָ אין אמעריקאַ. נאָר ווען מען זאָל אפילו צוגעבען, אַז בנוגע צו די אידישע מאַסען קאָן מען נאָך געפינען אַ תירוץ, בלייבט דאָך אָבער די ערשיינונג אָהן אַן ערקלערונג, ווען מיר נעהמען אין בעטראַכט די רייכערע אידישע קלאַסען אין אייראָפּאַ און די אינ־טעליגענץ. פאַר וואָס האָבען אויך זיי זיך ניט בעגייסטערט פאַר די רעפאָרם־בעוועגונג און האָבען ניט דורכגעמאַכט דעם זעלבען פּראָצעס, וועלכען עס האָבען דורכגעמאַכט די ענטשפּרעכענדע קלאַסען אין אמעריקאַנער יודענטהום?

זעהר אָפט קומט אויס צו הערען: אין רוסלאַנד, צום ביי־שפּיעל, איז דעריבער ניט געווען קיין רעפאָרם־בעוועגונג, ווייל די אידישע אינטעליגענץ איז מיט איין מאָל אריבערגעשפּרונגען אויף יענער זייט רעפאָרם. די אויפקלערונג האָט איהר אַזוי פער־בלענדט די אויגען, אַז זי האָט פערלאָרען יעדען אינטערעס פאַר דאָס רעליגיעזע לעבען. דאָס איז אָבער ניט קיין ערקלערונג, דאָס איז דאָך מעהר ניט ווי אַ קאָנסטאַטירונג פון אַ פאַקט — פאַלש אָדער ריכטיג פערשטאַנען, דאָס הייסט דאָך ניט מעהר ווי אָב־וקען

די שאלה אויף א ווייטערען פּלאַץ. וואו איז די סבה, וועלכע האָט געצוואונגען די רוסיש־אידישע אינטעליגענץ, צום טהייל אויך אין עסטרייך און אין פּוילען, צו מאכען אזא פּלוצלונגען שפּרונג? וואו איז די אַבשטויסענדע קראַפט, וועלכע האָט זי געצוואונגען צו פערהאַלטען זיך אזוי גלייכגילטיג צו אלע רעליגיעזע פאָרמען? איז דאָס געווען די השפעה פון דער ארומיגער סביבה נאָך דעם כלל: „ווי עס קריסטעלט זיך, אזוי יודעלט עס זיך“? דאָס וואָלט אָבער געווען פאלש. דאָס רוסישע פאָלק אין זיין גאנצהייט איז זאָגאר אַבערגלויביש רעליגיעז, און אויך די רוסישע אינטעליגענץ האָט זיך כמעט תמיד זעהר אינטערעסירט מיט רעליגיעזע פּראָבלעמען. דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי, וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו און נאָך אונצעהליגע אנדערע פון די גרויסע רוסישע גייסטער זיינען געווען זיכער אויף דעם רעליגיעזען געביעט. די רוסישע פּאָעזיע פון די לעצטע דורות איז דורכגעדרונגען פון שטארקע רעליגיעזע שטימונגען. אין עסטרייך און אין פּוילען הערשט דער קאטהאָליציזם, די סביבה האָט דאָרט געוויס ניט געקאָנט ארויסרופען א רעליגיעזע גלייכגילטיגקייט.

און די פראגע איז א וויכטיגע, ניט פון ריין פּראקטישען שטאנדפּונקט, ווייל קיינער פון אונז קליבט זיך ניט מחזיר לטובה זיין די אידישע אינטעליגענץ און ווייל ניט מיט אויסערע רעפאָרמען קאָן מען זי מחזיר לטובה זיין. די פראגע איז וויכטיג, ווייל אין דיעזער ניט אויפגעקלערטער ערשיינונג שפּיגעלט זיך אָב א שטיק פון אונזער קולטורעלער ענטוויקלונג, ווייל אין איהר זעהען מיר צוויי פערשיעדענע פּראָצעסען, וועלכע מוזען בעטראַכט ווערען אלס לאָגישע פאָלגע פון פערשיעדענע בעדינגונגען. פון איין זייט האָט געווירקט א קאָנצענטרירטע פאָלקס־קראַפט און זי האָט בעשטימט דעם ענטוויקלונגס־וועג, פון דער אנדערער זייט האָט געווירקט א גרופּען־אינסטינקט, און ער האָט אָנגעצייכענט אן אנדער וועג. איז כל זמן דאָס זיינען געווען צוויי בעזונדערע וועלטען, ווייט איינע פון די אנדערע, אָהן בעריהרונגס־פּונקטען, האָבען זיי זיך פערטראָגען ווי צוויי פרעמ־

דע. קוים זיינען זיי אָבער געקומען אין בעריהרונג, דיעזעביידע וועלטען, איז בעשאפען געוואָרען די רייבונגס־פלעכע, און די רייבונג האָט געמוזט פיהרען צו אַ צוזאַמענשטויס. ניט אויס שנאה, ניט אויס צו להכעיס פּאָליטיק, נאָר אויס אינערען נעגענזאַץ, אויס דער פערשיעדענהייט פון די היסטאָרישע מאָטיוועז, וועלכע האָבען רעגולירט די צוויי ניט גלייכע אידישע גרופּען.

II

די היסטאָרישע ירושה.

ניט נאָר איצט, ווען מיר שטודירען די תקופה פון אונזער רענעסאַנס, נאָר ווען מיר נעהמען אפילו די אלטע און די עלטערע תקופות פון אונזער גלות־לעבען און מיר קוקען זיך צו, פריי פון פאָראורטהיילען און פאָרגענומענע טענדענצען, צו די שפּורען פון דער גייסטיגער ענטוויקלונג, וועלכע אונזער פאָלק אין זיין געזאַמטקייט האָט דורכגעמאַכט, קומען מיר צום בעשלוס, אַז עס איז מעהר ניט ווי אַן אונבעגרינדעטער, אָבערפלעכליכער אורטהייל, ווען פיעלע פון אונזערע פאָרשער און היסטאָריקער בעטראַכטען אַלע ערשיינונגען אין אונזער גלות־געשיכטע דורך אַ טהעאָלאָגישע בריל, ווען זיי שטעלען אויף די בעהויפּטונג, אַז נאָך דעם פערלוסט פון דער שטאַאַטליכער זעלבסטשטענדיגקייט האָט זיך דער גאַנצער שאַפענדער אידישער גייסט פערקליבען אין אַ ווינקעל, אין די פיער איילען פון אמונה־אַנגעלעגענהייטען, און זוכען די גאַנצע עקזיסטענץ־בערעכטיגונג פון אידישען פאָלק אין דעם רעליגיעזען מאָמענט. עס געהט אזוי ווייט, אַז שוין דער אויסדרוק „אידישעס פאָלק" קומט זיי פאָר ווי פאַלש, ווייל דער בעגריף פאָלק איז צו ווייט און צו ברייט פאַר דעם ענגען, בעגרעניצטען אינהאַלט, וועלכען זיי האָבען איבערגעלאָזען אַלס אַ סימן מובהק פאַר די אידישע ענטוויקלונג. די מייסטע אידישע מאָדערנע פאָרשער און היסטאָריקער האָבען דעריבער פערביטען דעם אויסדרוק אידישעס פאָלק מיט דעם אויסדרוק רעליגיאָנס־געמיינשאַפט, אָדער

סתם י ו ד ע נ ט ה ו ם. פאָלק איז קאָנקרעט, יודענטהום איז אבסטראקט, פאָלק ענטהאלט אין זיך דעם בעגריף פון דעם שעפפער, פאָלק איז סוביעקט, יודענטהום איז א שעפפונגס־פּראָדוקט, מעהר ניט ווי אָביעקט. מיט כונה און אוים א פ ע ר נ י י נ ו נ ג ס - טענדענץ, האָבען זיי, די פאָרשער און היסטאָריקער, ניט געשריבען די געשיכטע פון אידישען פאָלק, נאָר די געשיכטע פון יודענטהום. שוין אין דעם נאָמען אליין ליעגט די ווערטהשאצונג פון דער גאנ־צער אידישער ענטוויקלונג נאָך זייער אויפפאסונג.

נעהמען מיר די א מ ת אידישע פאָרשער און היסטאָריקער, אפילו די מאָדערנע, אין געגענזאץ צו די „פערטייטשער“ פון אונזער געשיכטע, נעהמען מיר שד״ל, קראָכמאל, ווייס, ריב״ל, רייפמאן און ד. גל. זעהען מיר, אז זיי האָבען פערטראָטען א גאנץ אנדערען שטאנדפונקט. פאר זיי איז געווען דער פ אָ ל ק ס־ג י י ס ט די בעוועגענדע קראפט. ער האָט פאר זיי געדיענט אלס א שליסעל אפילו פאר די ערשיינונגען אויף דעם ריין רעליגיעזען געביעט. דער אונטערשיעד צווישען די ביידע קאטעגאָריען פון פאָרשער איז בעשטאנען ניט אין דעם גראד פון זייער פרומקייט, ניט אין קאָנסערוואטיזם און פריידענקערטהום, נאָר אין דעם פער־שיעדענעם אויסגאנגס־פונקט, וועלכען זיי האָבען געוועהלט פאר זיך ביי זייערע פאָרשונגען. די איינע זיינען געווען אָ ר י ג י נ ע ל, זיי האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דעם ש ו ר ש און מיט דעם ש ט אַ ם און דורך דעם חאראקטער פון דעם שורש און דעם שטאַם האָבען זיי געזוכט צו בעגרייפען די אייגענשאפטען פון די פירות, די פּראָדוקטען. די אנדערע האָבען בעהאנדעלט א ו י ס ש ל י ס ל י ך די פּראָדוקטען, גראָבען זיך ביז צום שורש האָבען זיי ניט געוואָלט, עס האָט ניט געפאסט פאר זייער טענדענ־ציעזע וועלט־אנשויאונג. די איינע האָבען קיין מאָל ניט פער־לאָזען דעם באָדען, פון וועלכען דאָס יודענטהום האָט געשפּראָצט און אויף וועלכען עס איז אויסגעוואקסען. די אנדערע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט א יודענטהום אין דער לופט, וואָרצעללאָז און באָדענלאָז. זיי האָבען ניט בעאכטעט די שייכות צווישען בוים און פּרי.

דער ערשטער פון די „פערטייטשער" פון אונזער געשיכטע, וועלכער האָט איינגעזעהן די גאנצע גרונדלאָזיגקייט פון א לופט־יודענטהום, איז געווען גרעטץ. ער האָט דעריבער העפטיג פּראָטעסטירט געגען די טענדענץ צו פערוואנדלען די אידישע געשיכטע אין א געשיכטע פון יודענטהום מיט א סינאגאָגאַלער פארבונג, און איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אונז מזכה געווען מיט א לעבעדיגער געשיכטע פון אידישען פאָלק. גרעטץ איז אפשר געווען ניט מעהר געלעהרטער ווי זיינע חברים, אפשר א קלענערער וויסענשאפטלער פון מאנכע פון זיינע צייט-גענאָסען, ער האָט אָבער בעזעסען איין מעלה, וועלכע האָט ארויפגעדריקט אויף זיין ווערק א בעזונדער שטעמפּעל און זיין „געשיכטע דעם יודישען פאָלקעס" געמאכט צו א וואהרען פאָלקס־ווערק. די מעלה זיינע איז בעשטאנען אין זיין לעבעדיגער בעציהונג צו דער אידישער געשיכטע, צו אלע תקופות, צו אלע דורות אָהן אן אויסנאהם. די האנדלענדע פיגורען אויף דער אידישער סצענע זיינען פאר איהם געווען ניט וואקס־פיגורען, ניט ווי טויטע סקעלעטען, די עצמות היבשות פון יחזקאל'ס נבואה, זיי זיינען פאר איהם געווען לעבעדיגע, שאפענדע מענשען, פול קראפט און ליידענשאפט. ניט אומזיסט האָט גרעטץ'ס ווערק זוכה געווען איבערזעצט צו ווערען אין העברעאיש, און די פאָלקסטהימליכע אויסגאבע אויך אין אידיש. דאָס איז ניט קיין צופאל. גרעטץ איז נעהנטער צוגעגאנגען צום אידישען פאָלק און האָט געפונען פערשטענדניס גראָד דאָרט, וואו דער פאָלקס־דופק האָט געשלאָגען אם שטארקסטען. דאגעגען איז ער געבליבען אונבעליעבט אין די אויפגעקלערטע קרייזען פון אייראָפּעער יודענטהום, צוליעב דער זעלבער אורזאכע, צוליעב זיין נאָהענטקייט צום אידישען פאָלקסטהום.

דערפון קאָן מען זעהן, אז די מחלוקת צווישען די אנהענגער פון א אידישען פאָלקסטהום און צווישען די אפּאָסטעל פון א רעליגיעז-געפארבטען, אבסטראקט-עטהיש־פילאָזאָפישען יודענטהום איז אבסאָלוט ניט ניי און קאָן בשום אופן ניט בעטראכט ווערען אלס א רעזולטאט פון דער נייעסטער ווענדונג אין

אונזער געשיכטע. כמעט אויף דעם המשך פון דעם גאנצען גלות מערקען מיר דיביידע אנטאגאניסטישע שטרעמונגען אין אידישען לעבען, די פאלקסטהימליכע נאציאנאלע און די אנטי־נאציאנאל רעליגיעזע. ווען מיר רעדען פון דער אנטי־נאציאנאל רעליגיעזער שטרעמונג, מיינען מיר ניט צו זאגען דערמיט, אז די רעליגיאזיטעט איז געווען ביי די אידען פערבונדען מיט אן אנטי־נאציאנאלער טענדענץ. דאס וואלט געווען א זעהר פאלשע בעהויפטונג. מיר רעדען נאר פון יענער שטרעמונג, וועלכע איז געווען אין איהר עיקר אנטי־נאציאנאל, וועלכע האט זיך געשטעלט אלס העכסטע אויפגאבע די אויפלעזונג פון אידישען פאלקסטהום, און די רעליגיאן האט זי נאר געברויכט אלס מיטעל, כדי צו כשר'ען דורך איהר אדער צו פערדעקען מיט איהר איהר אייגענע צושטערענדע ארבייט אויף אלע אנדערע געביעטען פון אידישען פאלקס-לעבען.

מיר שטעלען זיך אב אויף א ביישפיעל. מיר נעהמען די שפראך. דאס גרעסטע קאפיטאל, וואס א פאלק פערמאגט, איז זיין שפראך. דאס הייסט די שפראך, אין וועלכער עס זיינען געשריבען די הויפט־ווערק פון זיין שאפענדען גייסט. ניט אומזיסט בעהויפטען פיעלע פעלקער־פסיכאלאגען, אז אין דעם מאמענט, ווען א פאלק פערליערט זיין שייכות צו זיין אייגענער שפראך, הויבט זיך אן זיין גסיסה, דער אויפלעזונגס-פראצעס פון דעם פאלק גופא. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אז דאס אידישע פאלק האט אנגעשטרענגט אלע כחות, כדי צו בעשיצען די העברעאישע שפראך פון אונטערגאנג. דאס פאלק האט אינסטינקטיוו געפיהלט, אז שיצענדיג די שפראך, שיצט עס זיין אייגענעם קיום, און קיין קרבן איז פאר איהם ניט געווען צו הויך און צו טהייער, ווען עס האט זיך נאר געהאנדעלט וועגען דעם ווייטערען אויסבוי פון דער העברעאישער ליטעראטור. אלס אומגאנגס־שפראך האט די העברעאישע שפראך ניט געקאנט דורכגעפיהרט ווערען, זי האט געמוזט ווערען די שפראך פון ספר. איין ווינקעלע פון אידישען לעבען איז געבליבען אויטאנאם, געשיצט און אבגעזונדערט פון דער ארומיגער סביבה — דאס סינאגאגאלע

געביעט. דאָ איז מען ניט געווען געצוואונגען צו מאכען פשרות, און די אידישע שוהל איז געבליבען ריין העברעאיש. אויך די פרומע אידען האָבען געוואוסט פונקט אזוי גוט ווי די רעפאָרמער, אז מען מעג דאוונען אין יעדער שפּראך, זיי האָבען אָבער ניט געקאָנט צולאָזען, אז צוליעב פּראקטישע מאָטיוון זאָל מען פערבייטען העברעאיש אין שוהל אויף דער אומגאנגס־שפּראך. אין געגענטהייל, זיי זיינען געווען גליקליך, וואָס עס איז דאָ לכל הפחות איין ווינקעלע, פון וואנען מען איז ניט געצוואונגען ארויסצוטרייבען די העברעאישע שפּראך. זיי האָבען געהאנדעלט ווי מענשען, וועלכע ווערען געלייטעט פון פאָלקס־מאָטיוון. פאר די געגנערישע עלעמענטען, פאר די, וועלכע האָבען זיך פערהאלטען נעגאטיוו צום אידישען פאָלקסטהום, איז די העברעאישע שפּראך תמיד געווען מעהר ניט ווי א דאָרן אין די אויגען. ניט די הייליגקייט פון דער שפּראך האָט זיי געשטערט, אָבער איהר פאָלקסטהימליכקייט, איהר טראדיציאָנעלע בעדייטונג. זיי האָבען זיך געשראָקען פאר העברעאיש, ווי ירבעם פאר דעם טעמפעל אין ירושלים, זיי האָבען געוואָלט, אז דאָס פאָלק זאָל זיך אפילו אין זיינע געדאנקען ניט ציהען צום מזרח. און ווי ירבעם פארצייטען האָבען זיי געזוכט בליץ־אָבלייטער און זיי האָבען זיי געפונען אין די פאָרמען פון דער רעפאָרם.

דאָס פאָלק און אויך די אויפגעקלערטע אינטעליגענץ, וועלכע האָט נאָך געצויגען יניקה פון פאָלקסטהום, האָבען ניט געקאָנט בעטרעטען דעם רעפאָרם־וועג, ניט ווייל זיי האָבען זיך געשראָקען פאר אן אָבווייזונג פון די אַלטע פאָרמען, נאָר ווייל זיי האָבען דערקאָנט דעם אנטי־פאָלקסטהימליכען חאראקטער פון דער גאנצער רעפאָרם־בעוועגונג, ווייל זיי האָבען אין איהר ניט געזעהן א רעליגיעזען דראנג, נאָר אן אויסגעשפּראָכענע כונה צו בעפרייען זיך פון דער היסטאָרישער ירושה, וועלכע האָט געהאָלפען צוזאמענהאלטען די איבער דער גאנצער וועלט צווזעטע און צושפּרייטע אידען אַלס איינהייט, אַלס פאָלק.

III

שוהל און טעמפעל.

די רעפאָרמירטע טעמפלען מוזען בעטראכט ווערען אלס א הויפט־פאקטאָר אין דעם ענטנאציאָנאליזירונגס־פּראָצעס, וועלכען א גרויסען טהייל פון דעם וועסט־אייראָפּעאישען און אמעריקאנישען יודענטהום האָט דורכגעמאכט. די הויפט־ראָלע האָבען דערביי געשפּיעלט ניט די נייע פאָרמען פון דעם „גאָטעסדיענסט“, ניט די געקירצטע תפלות אָדער די סטיליזירטע מנהגים. דאָס וואָלט מען נאָך קאָנען פערטראָגען. פיעל מעהר בעדייטונג, אין נעגאטיווען זין, האָט געהאט די פערטרייבונג פון דער העברעאישער שפּראַך און דער אינהאלט פון די מאָדערנע דרשות.

די אידישע שוהל איז געווען א *שטיק אָריענט*, וועלכען דאָס אידישע פאָלק האָט אריבערגעטראָגען אין די גלות־לענדער פון זיין אלטער היימאטה. אין דערין איז בעשטאנען איהר גאנצער רייץ. דער אָריענטאלישער בלוי־ווייסער טלית, די „סקארבאָווע“ ניגונים און די העברעאישע שפּראַך האָבען דערצו ביינעטראָגען, אז דער איד זאָל זיך אין שוהל פיהלען *ווי אין דער היים*. איך מיין ווי אין דער היים אין פאָלקסטהימליכען זין. אין שוהל האָט ער נאָך געזעהן דעם חרמון, דעם לבנון און דעם כרמל, ירושלים און דעם הר הבית, אין די תפלות האָט ער נאָך געהערט דאָס רוישען פון דעם ירדן, דעם בת-קול פון דער נבואה און געפיהלט דעם אָבגלאנץ פון דער שכינה. די זכרונות פון דער מיט גלאנץ בעדעקטער פערגאנגענהייט האָבען אין איהם געוועקט גאָלדענע חלומות פאר די צוקונפט, זיינע האָפנונגען זיינען געוואָרען בעפליגעלט, און ער האָט געשוועבט אויף א ווייַלע אין אן *איינענער* וועלט, ער איז אויף א ווייַלע ארוים פון דעם פרעמדען רשות הרבים אין זיין אייגענעם רשות־היחיד, ער האָט אויף א ווייַלע פערגעסען דעם גלות, די פרעמדקייט מיט איהר גאנצער ביטערקייט.

מיט דער פעריאָגונג פון דער העברעאישער שפּראַך האָט זיך

די אָריענטאַליש־העברעאישע שוהל פערוואַנדעלט אין אַ דייטשע, פראַנצויזישע, ענגלישע, איירָאָפּעאישע אָדער אמעריקאַנישע „רעליגיעזע אינסטיטוציאָן“. די פערבינדונג צווישען איהר און דער אידישער פערגאַנגענהייט איז אָבגעשניטען געוואָרען, זי איז געוועזען אַ פערטייטשטע, אָן איבערזעצטע שוהל, און די נשמה, וועלכע האָט איהר פערליהען אינהאַלט און חן, רייץ און גלאַנץ, איז פערשוואונדען. אוים אַלטע זכרונות, אוים גאָלדענע חלומות, אַלץ איז ניכטער, אַלץ איז צוגעפּאַסט צום אויף טרוקענע חשבונות אויפגעבויטען לעבען. אַלעס, וואָס דערמאָהנט אָן פאָלק, פערגאַנגענהייט און צוקונפט, האָט מען אויסגעמעקט, פערטריבען. מען האָט זיך ניט ערבאַרמט אפילו איבער די אַזוי פערטרויליך און היימאַטליך קלינגענדע ניגונים, מען האָט זיי פערביטען מיט מאָדערנע, פרעמדע, געבאָרגטע. מען האָט מורא געהאַט איבערצולאָזען עטוואָס אָריענטאַלישעס, מען האָט מורא געהאַט פאַר אַ בענקעניש, פאַר אַ זעהנזוכט־געפיהל. מיט איין וואָרט, מען האָט געזוכט אָבצוטויטען אין אידען דאָס נאַציאָנאַלע עמפּפינדען.

זעלבסטפערשטענדליך האָט זיך די פרעדיגט געמוזט אָנפּאַסען דעם גאַנצען כאַראַקטער פון דעם נייעם טעמפּעל. זי האָט געמוזט שאַפען די אידעאָלאָגיע פון דער רעפאָרם, ארויסגעבען אַ הכשר אויף דאָס אַנטי־נאַציאָנאַלע יודענטהום. די אויפגאַבע איז גאָר ניט געוועזען אַזוי לייכט, ווי פיעלע נעהמען דאָס אָן. פון דעם גאַנצען אידישען אינהאַלט, פון דער גאַנצער אידישער וועלט־אַנשויאונג, וועלכע נעהמט ארום וועלט, גאָט און מענש און האָט צו זיי גאַנץ אייגענע בעציהונגען, האָט מען געמוזט ארויסנעהמען גראַד דעם ניט כאַראַקטעריסטישען טהייל, שאַפען, אויב מען קאָן אַזוי זאָגען, אַ פאַרעווּעס יודענטהום, — ניט שאַרף און ניט קאַנטיג, פלאַך און אָבגערונדעט, כדי עס זאָל זיך קאָנען לייכט אָנפּאַסען דער פרעמדער סביבה, עס זאָל קיין רייבונג צווישען זיי ניט זיין און קיין ווידערשפרוך ניט ענטשטעהן.

ניין־צעהנטעל פון דער אידישער נבואה איז אויסגעשפּראָכען

נאציאָנאַל. עס בלייבט איבער אפשר איין צעהנטעל, וועלכעס איז נ י י ט ר א ל לויט דעם אינהאלט נאָך. די ניין צעהנטעל קאָן מען ניט מעהר פערוועגדען אין דער רעפאָרמירטער דרשה. פון די שפעטערע קוועלען, די הלכה און די אגדה, מוז די הלכה אין גאנצען אויסגעשלאָסען ווערען, ווייל זי האָט דאָך מעהר קיין שום שייכות ניט צום רעפאָרמירטען יודענטהום, און פון אגדה קאָן מען נעהמען נאָר דעם נייטראַלען טהייל, און דיזער איז זעהר קליין, וואָרים די אגדה, די איינענטהימליכסטע ערשיינונג פון דער עכט אידישער פּאָעזיע, איז כמעט אין גאנצען נאציאָנאַל, אי נאָך דעם אינהאלט, אי נאָך דער פאָרם. בלייבט אויף אזא אופן פאר דעם רעפאָרמירטען פרעדיגער נאָר א גאנץ קליינע אויסוואהל פון דעם גאנצען שאטץ פון דעם אידישען אלטערטהום. ווען דער פרעדיגער געהערט נאָך צו דער אלטער שולע און ער האָט נאָך פיעל געלערענט, האָט ער דאָך קיין פערוועגדונג ניט פאר זיינע לומדות, אזוי ווי דאָס מאָדערנע לעבען איז אָבער געבויט אויף פ א ק ט י ש ע יסודות, זאָרגט מען שוין אויך דערפאַר, אז דער פרעדיגער זאָל ניט ליידען קיין עגמת-נפש פון איבעריגע לומדות. מען גיט איהם אזוי פיעל אידישען באַלאַסט, וויפיעל עס איז נויטיג צו ערציהען דעם נייעם דור אין אנטי-נאציאָנאלען גייסט.

און אלס רעזולטאט פון דער אנטי-נאציאָנאלער בעוועגונג האָט זיך ביי אונז ענטוויקעלט אין גרויסע, ווייטע קרייזען א שרעקליכע עם-הארצות — אונזער גרעסטער פאָלקס-שונא. ב י י ק י י ן פ א ל ק אין דער וועלט קאָן מען ניט געפינען, אז די יוגענד זאָל זיין אזוי אָבגעריסען פון פאָלקס-שטאַם, פון זיין געשיכטע, און אפילו פון זיין ג ע ג ע נ וו א ר ט, ווי ביי אונז אין די אנטי-נאציאָנאלע קרייזען. ביי קיין פאָלק אין דער וועלט פערהאלט זיך ניט די אזוי גערופענע אינטעליגענץ אזוי פרעמד און אונאינטערעסירט צו אל דעם, וואָס געהט פאָר אין דער ווירקליכקייט, ווי ביי אונז אידען. ערשט דורך די פרעמדע וועלט דערוויסען זיי זיך אָפטמאָל צופעליגערהייט פון אידישע העלדען, קינסטלער, שריפטשטעלער, דיכטער, און ערשט ווען עס ברעכען אוים גרויסע קאטאסטראָפען דערפיהלען זיי אָפטמאָל א דונקעלע

שייכות צו אַ וועלט, וועלכע זיי האָבען ביז איצט ניט געקאָנט, פון וועלכער זיי האָבען ניט גע׳חלומ׳ט.

אזא פראָצעס האָט אָבער געקאָנט דורכמאכען נאָר דער איינצעלנער אָדער העכסטענס אַ גרופע אָדער אַ געזעלשאַפטליכער קרייז, וועלכער האָט געלעבט פאר זיך און איז ניט געקומען אין בעריהרונג מיט די גרויסע פאָלקס־מאַסען. די אסימילאַציאָן איז ניט קיין מאסען־ארטיקעל. אין די מאסען איז שטענדיג גובר דער זעלבסט־ערהאלטונגס־טריעב אין פאָלקסטהימליכען זינן איבער אלע שוועריגקייטען פון דער פרעמדער סביבה. אין דעם ענטגעגענגעזעצטען האראַקטער פון דיביידע נטיות: ענטוויקלונג און אָבוויקלונג, ווייטער־לעבען און פערשווינדען, ליעגט די אונפערמיידליכקייט פון אַ קאָנפליקט, ווען די אָבגעבריקעלטע גרופע שטעלט זיך אָב אויף אַ ווײַלע צוליעב געוויסע צווינגענדע סבות אין איהר אייביגען ווייטער־לויפען און דרעהט זיך אום מיט׳ן פנים צו די מאסען און וויל אויף זיי משפיע זיין.

און מיט וועלכע מיטלען וויל מען בעאיינפלוסען די מאסען. מען געהט ניט צו זיי אין גאס, מען געהט ניט אין ז י י ע ר ע פערזאמלונגען, מען וויל ניט, אז זיי זאָלען אויך קאָנען קומען צום וואָרט, זיך מיט זיי אויס׳טענה׳ן, מען גלויבט אין דער אסימילאַטאָרישער איינבילדונג, אז מיט דרשות־פיילען קאָן מען צושלאָגען דעם געזונדען אינסטינקט און מיט שעהנע טעמפעל־פראַזען איינווירקען אויף פאָלקס־שטרעמונגען. זיי פערגעסען דערביי, אז די מאסען, און אויך יענע אינטעליגענטע גרופען, וועלכע האָבען זיך ניט דערווייטערט פון זייער פאָלק, האָבען דורכגעמאכט אַן אנדער ענטוויקלונגס־פראָצעס. זיי האָבען געלעבט ווי אַ פאָלק און זיך צוגעקוקט צו דער גרויסער וועלט, צו דער שטורם און דראַנג פעריאָדע פון פערשיעדענע נאציאָנען, צו די לעבעדיגע בעציהונגען צווישען פערשיעדענע פעלקערשאפטען — און האָבען פיעל געלערנט, פיעל מעהר ווי זיי וואָלטען געקאָנט לערנען פון די בלוט־אָרימע פרעדיגטען אין רעפאָרמירטען טעמפעל.

און אַ נייער „ויתרוצצו“ שפיעלט זיך איצט אָב אין אונזער פאָלקס־לעבען. דער אנטאַגאָניזם צווישען די צוויי איינע די אַנ-

דערע אויסשליעסענדע נטיות קומט צום פאַרשיין. איין קראַפט איז אַ פּאָזיטיווע און זי ציהט צום מזרח, ניט נאָר אין געאָגראַפישען זין, זי ציהט צום אידישען פאָלקסטהום, און דאָס אידישע פאָלקס־טהום שטאַמט פון מזרח און טראָגט דעם מזרח אין זיך. די אנדערע קראַפט איז אַ נעגאַטיווע, אַ צושטערענדע, אַ פערניכ־טענדע, און זי שלעפּט צום מערב, צום איינגעשלונגען ווערען אין מערב, צום אָבטרייסלען פון זיך אַלע אָנגעבאָרענע, היסטאָריש ענטוויקעלטע איינענשאַפטען.

וועט דאָס זיין דער לעצטער אינערער אידישער קאַמפּף פאַר דעם אידישען קיום, אָדער נאָר אַ נייער רינג אין דער קייט פון די אינערע מלחמות, וואָס דאָס אידישע פאָלק פיהרט אָן זייט עס האָט פערלאָרען זיין זעלבסטשטענדיגקייט? וועט דאָס אידישע פאָלק איצט אָרגאַניזירען זיינע כחות, וועט עס האָבען דעם גע־שלאָסענעם ווילען צו שאַפען פאַר זיך אַ מעהר אונאַבהענגיגע צוקונפט? וועט עס מאַכען אַ סוף צו דער צושטערענדער טענדענץ פון די אנטי־נאַציאָנאַלע עלעמענטען אומעדום וואו מען טרעפט זיי?

עס זיינען דאָ סימנים, אז עס האָט זיך אָנגעהויבען אַן ערנסטע ערוואַכונג.

19—24 סעפּטעמבער, 1915.

געזעצמעסיגקייט אין דער געשיכטע

I

שכר ועונש.

האָט די מענשליכע געשיכטע אַ זין, הערשט אין איהר אַ געוויסע פּלאַנמעסיגקייט, אַ היסטאָרישע נויטוועגדיגקייט? ענטוויקעלט זי זיך נאָך געוויסע שטרענגע, קלוגע, צוועקמעסיגע געזעצען, וועלכע פיהרען די מענשהייט, ווען אויך נאָר לאַנגזאַם, שריט ביי שריט, צו אַ העכערער מדרגה, פערעדעלענד איהר חאַראַקטער, פערפיינערענד איהרע השגות? געהען ארויס די איינצעלנע תקופות איינע פון די אַנדערע און זיינען זיי איינגעשלונגען איינע אין די אַנדערע ווי די פערשיעדענע רינגען אין אַ קייט? זיינען די איינצעלנע דורות מעהר ניט ווי חלקים פון איין גאַנצער אייביגקייט, איין דור אַ המשך פון דעם אַנדערען, געשפּונען ווי איין לאַנגער פּאָדעם אָהן אונטערברעכונג, אָהן אַ ריס, אָהן אַ הפסק? אָדער איז די גאַנצע געשיכטע ניט מעהר ווי אַ פערפּלאָנטערטער קנויל פון געשעהענישען און עראייגניסען, ניט געשפּונען, ניט געוועבט, ניט געפלאָכטען, נאָר דורך קניפּלעך פערבונדען, אַ שפּיעלווערק פון בלינדען צופאַל?

איז דאָ בעלוינונג אין דער געשיכטע, אָדער ווי די אַלטע פלעגען עס רופען: שכר ועונש? האָט סאָציאַלע גערעכטיגקייט אַן איינפלוס אויף דעם גורל פון אַ פּאָלק, אָדער שפּיעלט זי נאָר די ראָלע פון אַ גוטער מדה, וועלכע גיט דעם פּאָלק נאָר אינערע בעפריעדיגונג, האָט אָבער ניט צו טהאָן מיט זיין שיקזאַל? האָט די אינערע פעסטיגקייט פון אַ פּאָלק אַ שייכות צו זיין אויסערער שטאַרקייט, אָדער זיינען אינערע פעסטיגקייט און אויבערע שטאַרקייט צוויי פערשיעדענאַרטיגע כחות און שטעהען ניט אין קיין צוזאַמענהאַנג? וואָס בילדעט די ווירקליכע מאַכט פון אַ פּאָלק,

וואָס גיט איהם מוטה, גבורה און נצחון? זאָל דאָס זיין די צאָהל, די קוואנטיטעט, זאָל זי זיין דער מכריע אין דעם אייביגען קאמפף? און ווען ניט זי אליין, זאָל עס זיין דער ריין טעכנישער פאָרטשריט, די געשיקליכקייט פון יעדען יחיד, פון וועלכער עס ענטשטעהט אין סך־הכל די קאָלעקטיווע בריה'שאַפט? אָדער עס ווירקען דאָ נאָך אנדערע כחות, וועלכע קאָנען ניט געוואוינגען און ניט געמאָסטען ווערען?

דאָס זיינען אלטע פראגען, פארצייטיגע ק'אָטיווען. נאָך אין טיעפען, גרויען אלטערטהום האָבען דענקער און פאָרשער געבראָכען איבער זיי דעם קאָפּ, און נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג מאטערט זיך די וויסענדורשטיגע מענשהייט אריינצודרינגען אין דעם סוד פון איהר אייגענער געשיכטע, אויפהויבען אביסעל דעם פאָרהאנג און זעהן די נאקעטע כחות, וועלכע בעוועגען און טרייבען די היסטאָרישע מאשינע. נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג מאטערט זיך די זוכענדע מענשהייט אויסצוגעפינען א תשובה אויף די אלטע פראגען, א תשובה וועלכע זאָל בעלייכטען דעם דונקעלען וועג פון דער פערגאנגענהייט און כאָטש איין שטיקעלע פון דעם נאָך דונקעלערן וועג פון דער צוקונפט.

די תשובה האָט ניט נאָר א טהעאָרעטיש־פילאָזאָפישע בעדייטונג, זי איז נאָך מעהר וויכטיג אין פראַקטישער הינזיכט. פון איהר העננט אָב אונזער בעציהונג צו דער גרויסער וועלט, און אין לעצטער שורה — אויך צו אונז אליין.

ווען דער צופאַל האָט א פלאץ אין דער געשיכטע, און ווען נאָר א קליינעם פלאץ, דאן זיינען מיר אלע מעהר ניט ווי צופעלינגקייטען אין לעבען. וואָס קאָן אונז העלפען אונזער דענקען, לערנען און פאָרשען און אלע אונזערע חשבונות, ווען הינטער אונז לויערט דער צופאל און קאָן אונז מיט איין מאָל מאכען א מחק אין אונזער גאנצען חשבון. מיר קאָנען אויך ניט קליגער ווערען, וואָרים קלוגהייט זעצט פאָראויס ערפאהרונג. די ערפאהרונג האָט אָבער נאָר דאן פאר אונז א ווערטה, ווען זי ענטהאלט אין זיך כללים. די כללים קאָן מען ארויסנעהמען ניט פון דער לאנגער שורה פון געשעהעניסען, נאָר פון די פער-

יאָדען פון דער געשיכטע, דאָס הייסט פון די געשעהעניסען, וועלכע חזר'ן זיך איבער פון צייט צו צייט. דער צופאַל חזר'ט זיך אָבער ניט איבער, ער איז ווילד, ער איז איינציגאַרטיג. הויבט ער זיך אָן איבערצו'חזר'ן, איז ער מעהר ניט קיין צופאַל, ווערט ער אַ כלל. אונטערגעבען זיך אונטער די מאַכט פון צופאַל הייסט אראָבוואַרפען די אחריות פון זיך אליין. וואָרים ווי קאָן מען איבערנעהמען די פעראַנטוואָרטונג פון אַ האַנדלונג, ווי קאָן מען זיך עטוואָס פאָרנעהמען, ווען דער רעזולטאַט פון אונזערע האַנדלונגען הענגט אָב ניט פון אונז, נאָר פון אַ משונע'נעם ווילען, פון אַ ווילדען צופאַל?

דיעזע וועלט־אַנשויאונג, מיט דעם צופאַל אַלס פאַקטאָר, האָט געמוזט פיהרען צום פאַטאַליזם. עס מאַכט ניט אויס, וואָס די פאַטאַליסטען האָבען געגלויבט אין אַן אַלמעכטיגען גאָט. זייער גאָט איז געווען דער גאָט פון צופאַל און ממילא מעהר ניט ווי אַ צופעליגער גאָט. דאָס איז געווען אַ גאָט, וועלכער ענטפּלעקט זיך ניט אין פון איהם פעסטגעזעצטען וועלט־סדר, דאָס איז געווען אַ גאָט פול קאַפּריזען, הינטער אַן אייזערנער מחיצה, וועלכער פערצוימט דעם וועג פאַר דעם מענשליכען פערשטאַנד, וועלכער רייצט זיך מיט דעם מענשען און קרייצט דורך אַלע זיינע חשבונות. די פאַטאַליסטען האָבען געלעבט ווי פאַסיווע ברואים אין דער נעגענוואַרט און מיט דער נעגענוואַרט. די גאַנצע פערגאַנגענהייט איז געווען פאַר זיי טויט, די געשיכטע — אַ בוך אָהן גייסט און לעבען, אַ טיעפער ברונען, צו וועמעס גרונד קיין עמער קאָן ניט דערגרייכען.

און די פעלקער, וועלכע זיינען פערפאַלען אין פאַטאַליזם, זיינען געוואָרען יורדים. יאוש און רעזיגנאַציאָן האָבען זיי געפּאַקט און אָבגעטויט אין זיי יעדע איניציאַטיווע, יעדע קראַפט צו זעלבסט־בעשטימונג. און ווען אפילו דער פאַטאַליזם איז נעגאַנגען האַנד אין האַנד מיט אויסערער פרומקייט און גאָטעס־פורכט — האָט דאָס אויך ניט געהאָלפען. דער ניט־גלויבען אין די אייגענע קראַפט, די אַבסאָלוטע אונטערוואַרפונג אונטער דעם בלינדען גורל האָט געצווינגען די פעלקער פון שטופע צו שטופע נאָך

אונטען, ביז פיעלע פון זיי זיינען אונטערגעגאנגען און פערשוואונ־
דען פון היסטאָרישען האָריזאָנט און די איבערגעבליבענע מאטערען
זיך מיט א לאַנגער גסיסה. ווען מיר קוקען זיך אָבער גוט צו צו
דער געשיכטע, זעהען מיר, אז ניט דער פאטאליזם האָט געבאָרען
דעם יאוש, נאָר אומגעקעהרט. ערשט ווען דאָס פאָלק הויבט אָן
צו זינקען, דורך סבות, וועלכע מען קאָן דערגרונטעווען, קומט עס
צום יאוש, און ערשט דורך די פערצווייפלונג צום פאטאליזם.

אויף דער אנדער זייט: ניטאָ קיין אונזיניגעס שפיעל, ניטאָ
קיין צופאל. אלעס וויקעלט זיך אָב נאָך א שטרענגער, אייזערנער
נויטווענדיגקייט. ניטאָ קיין בלינדער הערשער, ניטאָ קיין אָרט
פאר קאפריזען. ניטאָ קיין מזל׳דיגע, אוים שלים־מזל. דאָס
לעבען איז ניט קיין לאָטעריע און דעם אייגענעם גורל מוז מען
פערהאָרעווען, פערדיענען. מען שניידט וואָס מען האָט געזעעט
און מען עסט די פירות פון די ביימער, וועלכע מען האָט אליין
געפלאנצט. די געשיכטע איז דאָס הויפט־לעהרבוך פאר די מענש־
הייט, א זאמלונג פון ערפאהרונגען. די תקופות בעשטימען איינע
די אנדערע, און א דור ערצעהלט צו א דור דעם זין פון די גע־
שעהעניסען, און ווער עס וויל פערשטעהן, ווי אויפצופיהרען זיך
אין לעבען, זאָל ניט יוצא זיין מיט דעם דורכבלעטערען פון דעם
גרויסען לעהר־בוך, ער זאָל זיך פערטיעפען אין דער פערגאנגענ־
הייט, אריינדרינגען אין איהרע סודות, ביז עס וועט איהם קלאָר
ווערען איהר אינהאלט, די קייט פון סבה און ווירקונג, ביז ער וועט
בעגרייפען איהרע דינים און כללים. דאָס וועט איהם
העלפען ביי אלע זיינע האנדלונגען, וואָרום נאָר אין דער ערפאהרונג
קאָן ער האָבען א ריכטיגען וועג־ווייזער. וואָס איז אָבער די
ערפאהרונג פון דעם איינצעלנעם, פון דעם איינציגען דור? מעהר
ניט ווי א טראָפען אין ים, א פרק, א דף און אפשר נאָר א שורה
אין דעם גרויסען ווערק פון דער מענשהייט׳ס געשיכטע.

לערנען געשיכטע הייסט ניט נאָר לייענען מעשיות. לערנען
געשיכטע הייסט שטודירען די מסורה, הייסט ערפאָרשען דעם
פראָצעס פון אונזער אייגענער ענטוויקלונג, הייסט ארויסנעהמען
דעם תמצית פון די עראייגניסען, ארויסגעפינען די איינהייטליכע

קראפט און די פערענדערונגען, הייסט ערפאסען דעם אחדות-געדאנק. און די פעלקער, וועלכע האבען געלערענט געשיכטע, דאס הייסט, וועלכע האבען געלערענט פון דער געשיכטע און וועלכע זיינען אויף איין וועג אדער אויף דעם אנדער וועג געקומען צו דער השגה פון דער טרייבענדער אחדות-קראפט, שטייגען אין זייער ענטוויקלונג פון שטופע צו שטופע און בעקומען מיט יעדען דור מעהר מוטה און מעהר קראפט.

די וועגען זיינען פערשיעדען, דער געדאנק ווערט פון פערשיעדענע שטאנדפונקטען אנדערש פארמולירט, דער זין בלייבט אבער דער זעלבער. איך וויל ווייזען, ווי עס זיינען צוגעגאנגען צום זעלבען געדאנק דער נביא, דער סאציאל-רעפארמער און דער נאטור-פארשער.

מיר וועלען אנהויבען מיט דעם נביא: „געדענק די טעג פון דער אייביגקייט, פערשטעה די יאהרען פון די איינצעלנע דורות. פרעג דיין טאטען — ער וועט דיר דערצעהלען, דיינע זיידעס — זיי וועלען דיר זאגען".

II

נביא, סאציאל רעפארמער און וויסענשאפטלער.

עס איז בעצייכענד און האראקטעריסטיש, ווי פערשיעדענ-ארטיג דער נביא, דער סאציאל-רעפארמער און דער נאטור-וויסענ-שאפטלער געהען צו צו איין און דעם זעלבען געדאנק, ווען זיי בעלייכטען די גרויסע היסטארישע בעשעהעניסען און קומען צו די לעצטע אורזאכען, וועלכע האבען זיי, די געשעהעניסען, ארויסגע-רופען. יעדער פון זיי האט זיין אייגענע קוועלע, פון וועלכער ער שעפט קלוגהייט און ליכט, יעדער פון זיי האט זיין אייגענעם אויסגאנגס-פונקט, אלע דריי מארשירען זיי אויף בעזונדערע וועגען, פיהרען בעזונדערע שפראכען, רעדען אין נאמען פון פערשיעדענע העכערע פרינציפען — און צום שלום בעגעגענען זיי זיך אין איין ברען-פונקט, טרעפען זיך צוזאמען אין ענד-רעזולטאט.

פאר דעם נביא עקזיסטירט נאר איין קראפט, די ערשטע

און די לעצטע, די שאפענדע און די ווירקענדע, די בעלוינענדע און בעשטראַפענדע, איבער אלע וועלטען און פול אלע וועלטען, אָהן אַן אָנהויב און אָהן א סוף, פון אייביגקייט צו אייביגקייט. דיעזער קראפט מוז אלעם אין דער וועלט זיין אונטערטהעניג און טאָר ניט אָבטרעטען פון די געזעצען, וועלכע זיינען פון איהר געשאַפען געוואָרען נאָך אין די ששת ימי בראשית. אָבער העכער פון אלץ אין דער וועלט שטעהט דער מענש. ער איז די קרוין, וועלכע גאָט האָט ארויפגעזעצט דער גאנצער בריאה, ער איז דער תכשיט, די פאָלענדונג פון דער גאנצער נאטור. „ווען איך בליק אויף דיינע הימלען, דאָס ווערק פון דיינע פינגער, מאָנד און שטערען, וואָס דו האָסט בעפעסטיגט, וואָס איז דער מענש, וואָס דו געדענקסט איהם, דעם מענשענס־זוהן, וואָס דו דערמאָהנסט איהם? און דו האָסט איהם קנאפער געמאכט עטוואָס פון גאָט, און כבוד און גלאנץ האָסט דו איהם בעקרוינט". אין וואָס בעשטעהט דער כבוד, אין וואָס בעשטעהט דער גלאנץ? דער כבוד בעשטעהט אין דעם מענשליכען שכל, דער גלאנץ בעשטעהט אין זיין פרייער וואהל, צוויי מתנות וועלכע דערהויבען דעם מענשען צו דער העכסטער שטופע און שטעמפלען איהם צום מענשען, מיט זיין שכל זאָל ער דורכעגבערען די איהם ארומרינגלענדע סודות־פולע וועלט, ארויסזוינגען די געזעצמעסיגקייט פון איהרע פערענדערונגס־פולע ערשיינונגען. מיט זיין פרייען ווילען זאָל ער זיך אליין אויסקלייבען דעם וועג פאר זיין שאפען און ווירקען.

ווענגען זיינען דאָ פיעלע, אָבער אונטער זיי איז דאָ נאָר איין איינציג ריכטיגער, דאָס איז דער געראדער, דער גלייכער וועג, דער דרך הישר. מערקווירדיג, זאָגאר עטימאָלאָגיש בעדיענט זיך דער העברעער מיט דעם זעלבען וואָרט פאר „גלייך" און „גערעכט", די גערעכטיגקייט מאָלט זיך ביי איהם אויס ווי די גראדע ליניע, ניט געבויגען, די קירצעסטע פערבינדונג צווישען דעם ריינעם געדאנק און דער ענטשפרעכענדער טהאט, צווישען דער לויטערער מחשבה און דער אויספיהרענדער האנדלונג. דער געגענזאץ פון דעם ישר, פון דעם „גערעכטען" איז דער „עקש", דער „קרומער", דער געגענזאץ פון דעם „דור ישר" איז דער „דור עקש ופתלתול",

דער קרומער און פערפלאָנטערטער דור, וועלכער געהט אויף אב־וועגען און מאכט זיגזאגען. „זעה נאָר דאָס האָב איך אויסגעפונען, דען גאָט האָט געשאפען דעם מענשען אַ גלייכען, זיי אָבער האָבען געזוכט פיעלע חשבונות“.

די גערעכטיגקייט פונקט ווי די גראדע ליניע, מוז זיין אבסאָלוט. די קלענסטע פערבויגונג, די גרינגסטע פערקרימונג צו־שטערט איהר חאראקטער. די אבסאָלוטע גערעכטיגקייט מוז זיין דער פונדאמענט פון דער גאנצער מענשליכער געזעלשאפט, פון אלע בעציהונגען צווישען מענש און מענש. און אונטער אבסאָלוטער גערעכטיגקייט פערשטעהט דער נביא אבסאָלוטע גלייכהייט. עס טאָרען ניט זיין הערשער און בעהערשטע, אונטערדריקער און אונטערדריקטע, יעדע אונגלייכהייט איז אויך אונגערעכט, און יעדע אונגערעכטיגקייט מוז סוף כל סוף בעשטראָפט ווערען. די ברכה און די קללה געהען ביידע ארויס פון דעם מענשען׳ס האנדלונגען. דורך די פרייע וואהל, מיט וועלכער גאָט האָט בעשענקט דעם מענשען, האָט ער אויף איהם ארויפגעוואָרפען די גאנצע אחריות פאר זיינע טהאטען.

וועסט דו זיך צוהערען צו גאָט׳ס שטימע און געהן אין זיינע וועגען, וועסט דו זיין געבענשט אין שטאָדט און אין פעלד, דיינע שייערען וועלען זיין פול תבואה און דיינע קעלטער פול וויין. געזעגנעט וועט זיין די פרוכט פון דיין באָדען און די פרוכט פון דיינע רינדער, דער הימעל פון אויבען וועט דיר געבען זיין רעגען אין דער צייט, און די ערד פון אונטען וועט ענטפערען מיט בליהענדע פעלדער און פרוכט־גערטנער. וועסט דו אָבער פער־לאָזען דעם גאָט, וואָס האָט דיך געשאפען, און דו וועסט איהם פערבייטען אויף נייע, מיט פרעמדע געטער וועסט דו איהם דער־צאָרנען און מיט אונווירדיגקייט דער׳כעס׳ן — דאן וועט זיך אויף דיר אויסגיסען די גאנצע קללה, די תוכחה וועט דיך עררייכען, דער הימעל וועט זיין ווי אייזען, די ערד ווי קופער, הונגער, נויט און דעם שונא׳ס שווערט וועלען דיך פערפאָלגען. דאָס איז דער לייט־מאָטיוו, וועלכער געהט דורך דורך אלע נבואות.

דער נביא רעדט אין נאָמען פון גאָט. ער בעט אָבער ניט,

אז דער מענטש זאָל טהאָן גאָט צוליעב, ער זאָל איהם ערווייזען א געפאלען, ניין, „ווען דו האָסט געזינדיגט, וואָס האָסט דו א י ה ם געטהאָן?... האָסט דו ריכטיג געהאנדעלט, וואָס האָסט דו א י ה ם נעגעבען?" דער נביא ווענדעט זיך צו גלייכער צייט אי צום פערשטאנד, אי צום געפיהל, מ ע ה ר צום פערשטאנד ווי צום געפיהל, ווייל ער זעהט אומעדום די שליטה פון דער אבסאָלוטער נערעכטיגקייט, ווייל ער לייענט אין ספר פון לעבען ווי אין אן אָפענעם בוך, ווייל ער קען די פערגאנגענהייט און וויים דעריבער וואָס עס מוז קומען. אלע דורות און תקופות זיינען פאר איהם חלקים פון א ג ע ש ל אָ ס ע נ ע ר אייבינקייט, א לאנגע שורה פון געשעהעניסען, ארויסגערופען פון דער איינציגער אור־קראפט, דורכגעדרונגען פון אן איינציגער נויטווענדיגקייט. דער נביא רופט זי אָן: די זיטליכע אָרדנונג, און ער אפעלירט צו דעם מענשען, ער זאָל זיין ק ל ו ג און זיך אונטערגעבען אונטער דער שליטה: „וואָלטען זיי נאָר קליגער געווען, פערשטענדיגער, וואָלטען זיי דאָך בעגריפען זייער סוף".

אויף א גאנץ אנדער וועג געהט צו צום זעלבען פראָבלעם דער מאָדערנער סאָציאלאָג, אָדער דער סאָציאל־רעפאָרמער. יעדער סאָציאלאָג איז קודם כל, אָדער ער וויל זיין קודם כל א געלעהרטער. די סאָציאלאָגיע איז פאר איהם די גראמאטיק פון דער מענשליכער געזעלשאפט, און ער געהט צו איהר צו ווי דער פילאָלאָג צו דער שפראך. זיין פאָרשונגס־אָביעקט איז די קאָנסטרוקציאָן פון דער מענשליכער געזעלשאפט, און ער וויל ארויסגעפינען די כללים פון איהר ענטוויקלונג, די א י י ז ע ר נ ע געזעצען, נאָך וועלכע זי מ ו ז זיך ריכטען. אויך דער סאָציאָלאָג מוז זיך אומקעהרען צו די פערגאנגענע דורות, אויך ער מוז וואנדערען אין זיינע פאָרשונגען זעהר וויים צוריק. ער האָט ניט קיין אנדער מאטעריאל אויסער דעם, וואָס די פערגאנגענהייט לאָזט אונז איבער בירושה, און ווען ער וויל ניט בלייבען קיין טרוקענער געלעהרטער און וויל, אז זיינע געדאנקען זאָלען האָבען א השפעה אויף די ווייטערע נעשטאלטונג פון דער געזעלשאפט, איז אויך ער געצוואונגען אָנצוכאפען זיך אָן א העכערען פרינציפ און צו פערוואנדלען זיך

אויף א ווײלע אין א פּרעדיגער. פון דעם אבסטראקטען אמת, פון דער ריכטיגקייט פון דעם חשבון אז און פאר זיך געהט ניט ארוים דער *ווילען*, אז דער אמת און דער ריכטיגער חשבון זאָלען געפינען פערברייטונג אין דער געזעלשאפט. וועמען ארט דאָס, ווען די געשיכטע פיהרט פאלש איהרע ביכער? וועמעס דאגה איז דאָס, ווען איין גרופּע מענשען לעבט א גוטען טאָג אויף דעם חשבון פון אנדערע גרופּען? דער ווילען צו איבעראנדערשען די מענשליכע געזעלשאפט מוז דאָך בערוהען אויף א *ליידענ־שאפט*. די וויסענשאפט האָט אָבער צו טהאָן נאָר מיט דעם *זוכען* פון דעם אמת, אָבער ניט מיט זיין פערווירקליכונג, ווייל די וויסענשאפט איז ליידענשאפטסלאָז.

און וואָס איז זייער פּרינציפּ? גאָט, מאָראל, זיטליכקייט — דאָס זיינען בעגריפען, וועלכע זיי שליסען לכתחלה אויס פון זייער דענקען און פאָרשען, און דאָך רעדען זיי אין נאָמען פון א היסטאָ־רישער נויטווענדיגקייט, אויפגעבויט אויף דעם זעלבען פונדאמענט פון *גערעכטיגקייטס־* און *גלייכהייטס־געפיהל*. און דאָך קומען אויך זיי און זיינען *מתרה* די געזעלשאפט, אז אויב זי וועט בלייבען טויב און וועט ניט פער־נעהמען דעם געשריי נאָך גערעכטיגקייט און גלייכהייט, וועט זי *מוזען* דערלעבען גרויסע קאטאסטראָפען. איבערקעהרעני־שען וועלען פאָרקומען און וועלען *אויסגלייכען* די קרומ־הייטען, די פערקעהרטהייטען אין דער געזעלשאפטליכער אָרדנונג.

דאָס איז געוועזען מיט פיעלע, פיעלע יאָהרען צוריק. דעבוא־ריימאָנד, איינער פון די גאונישע נאטורפאָרשער פון זיין צייט, האָט געהאלטען זיין בעריהמט געוואָרענעם פאָרטראג איבער דעם צוזאמענבראָך פון דעם רוימישען אימפּעריום. רוים, האָט ער גע־זאָגט, איז געפאלען ניט פון שונא'ס האנד, רוים האָט נאָך געהאט גענוג חיל אום אויסצוהאלטען דעם דראנג פון ווילדע האָרדען. רוים איז צוזאמענגעבראָכען, ווייל דער באָדען האָט ענטהאלטען אין זיך ווייניג פאָספאָר. די קנאפּהייט פון פאָספאָר אין באָדען האָט פעראורזאכט דעם חורבן פון דער גרעסטער וועלט־מאכט. און ער האָט אָנגעהויבען צו ענטוויקלען זיין געדאנק ווייטער. דער

באַדען האָט געהאַט ווייניג פּאָספּאָר, ווייל זיין בעאַרבייטונג איז איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענד פון די שקלאַווען. און די שקלאַווען זיינען ניט געווען פעראינטערעסירט אין דער צוועקמע־סיגער ערהאַלטונג פון די באַדען־כחות און זיי האָבען זיי אויסגע־זויגען אָהן רחמנות. די שקלאַווען זיינען געווען די איינציגע בע־אַרבייטער פון דעם באַדען, ווייל די רוימער האָבען געהאַט ערגאָ־בערט די האַלבע וועלט און האָבען געהאַט אויף אַזאַ אופן די מעג־ליכקייט אָבצוגעבען זיך דעם לוקסוס און דעם אויסגעלאַסענעם לעבען. דעריבער האָט רוים געמוזט פאַלען, ווייל דאָס פאָלק איז געוואָרען צופוילט פון א י נ ג ו ו ע נ י ג. און עס זיינען דאָ א י י ז ע ר נ ע נ א ט ו ר ־ ג ע ז ע צ ע ן, אַז אַלעס וואָס איז צופוילט מוז סוף כל סוף צופאַלען ווערען.

אַזוי רעדט דער ריינער נאַטור־פאָרשער. ער אָפּערירט ניט מיט זיטליכקייטס־בעגריפען, ער האָט אויך ניט צו טאָן מיט גע־רעכטיגקייט און גלייכהייט. ער לעהנט זיך אָן אויף א נאַטור געזעץ.

דער נביא וואָלט געשטורעמט קעגען דעם לוקסוס און דאָס אויסגעלאַסענע לעבען אין נאָמען פון העכערער זיטליכקייט. דער סאָציאַל רעפאָרמער וואָלט געדונערט קעגען די קלאַסען־איינטיי־לונג הויפּטזעכליך; דער נאַטורוויסענשאַפטלער קלאָגט אויף דעם פערשווענדעטען פּאָספּאָר. איינער הויבט די אויגען צום הימעל און געפינט אויס, אַז „צדק משמים נשקף“; איינער שטעהט אין מיטען און זעהט דעם שווערפּונקט אין דעם מענשען גופא און זיינע בעדערפנישען. דער דריטער גריבעלט זיך אונטען און קומט צום בעשלוס: אמת מארץ תצמח. אַלע דריי אָבער מאַכען א פירוש אויף דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט.

3—5 אָקטאָבער, 1915.

רוסישע רעגיערונגס טאַקטיק אין אידישען לעבען

דאָס רוסישע פאָלק בעזיצט א רוהיגען כאראקטער, איז בטבע פרום, גאָטספאָרכטיג, אונטערטעניג צום צאַר, האָט יראת הרוממות פאר דעם קלענסטען בעאמטען, האלט זעהר פון ב ע ש ע ר ט און איז שטענדיג א שמח בחלקו. דאָס רוסישע פאָלק וואָלט קיין מאָל אליין פון זיך ניט געוואָרען ווידערשפעניג, וואָלט קיין מאָל ניט פראָטעסטירט און ניט מורד געווען במלכות, ווען ניט דער אונרוהיגער אידישער גייסט, וועלכער פראָוואָצירט די רוסישע בעפעלקערונג און רופט ארויס אין דער געזעלשאפט א רעוואָלוציאָנערע שטימונג — אזוי בעהויפטעט די פער׳עקשנ׳טע, ביוראָקראַטישע, ענגהערציגע און קורצזיכטיגע רוסישע רעגירונג. זי וויל זיך ניט רעכענען מיט דעם וואקסענדען זעלבסט־בעוואוסטזיין, מיט דער שטייגענדער ענטוויקלונג פון די גרויסע מאסען, זי איגנאָרירט די שטימונגען, וועלכע זיינען זעהר ענג פערבונדען מיט דעם גייסט פון דער צייט, זי גלויבט ניט, אז גרויסע קאטאסטראָפען ווירקען ערניכטערנד אויף גאנצע פעלקער, און זי זוכט דעם שולדיגען, וועלכער זעעט מיט כונה אונצופריעדענהייט און רייצט אויף מיט קינסטליכע מיטלען די עפענטליכע מיינונג. זי זוכט דעם שולדיגען און געפינט איהם, נאָך דעם אלטען געזעץ, אויף „דער ליניע פון קלענסטען ווידערשטאנד“, דאָס הייסט, זי זוכט אויס דעם אם מייסטען שוצלאָזען און מאכט איהם צום חטאת־הקהל. פאר אזא ראָלע איז דער איד ווי געבאָרען, ער ווערט דאָך שוין בעטראכט כמעט ווי דער היסטאָרישער „שעיר לעזאזל“, ער איז שוין סיי ווי סיי מטופל מיט עברות, וועט ער פערטראָגען נאָך א בעשולדיגונג.

מען ברויכט ניט צו פערענטפערען זיך. יעדער מענש, וועלכער איז נאָר ניט אידיאָטיש פעראנלאַגט און וויל ניט בעוואוסט פער־

דרעהען די טהאטזאכען, ווייס ווי פיעל פאלשקייט און ווי פיעל אחיזת עינים עס שטעקט אין אזא אומגעלומפערטער בעשולדיגונג. ווען די בעשולדיגונג וואלט בערוהט אויף אמת, וואלט דאס רוסי־שע פאלק געמוזט אויפגעבען יעדע האפנונג אויף זיין בעפרייאונג פון שרעקליכען יאך, אויף א בעסערע, ליכטיגערע צוקונפט. א פאלק וואס מוז ערשט געריצט ווערען פון א זייט, אויפמערקזאם געמאכט ווערען פון פרעמדע אויף זיין אייגענע אונערטרעגליכע לאגע; א פאלק, וואס בעזיצט ניט קיין אייגענע אויפמונטערנדע און וועקענ־דע כחות — אזא פאלק האט ניט קיין תקומה. צום גליק אבער פון רוסישען פאלק איז די בעהויפטונג פון זיין רעגירונג אויך אין דעם דערמאנטען פונקט פאלש פון אנהויב ביז צום סוף. עס איז אמת, אז די אידען, אלס א בעפעלקערונג, וועלכע האט צו קרעבצען אונ־טער א צווייפאכען יאך, אלס רוסישע בירגער און נאך אידען דער־צו, האבען פערהעלטניסמעסיג מעהר בייגעטראגען צו דער רעוואָ־לוציאנערער שטימונג ווי די אנדערע שיכטען פון דער רוסישער בעפעלקערונג. דאס איז אויך ערקלערליך דורך דעם אומשטאנד, וואס די אידען בילדען די שטעטישע בעפעלקערונג אין געגענזאץ צו דער גרויסער רוסישער דארפס־בעפעלקערונג, וועלכע איז אין דער גאנצער וועלט ווענינער בעוועגליך, וועניגער טעמפעראמענט־פול און וועניגער צוגענגליך פאר נייע פאליטישע אידעען. עס איז אויך ערקלערליך דורך דעם אומשטאנד, וואס די רוסישע רעגירונג האט אליין געשאפען דורך איהרע אונמענשליכע גזרות געגען די אידישע יוגענד, א קלאס פון יונגע מענשען, וועלכע האבען קיין שום נארמאלע מעגליכקייט ניט געהאט צו פערווענדען זייער יונגע ענערגיע אין א רוהיגען אופן, און זיינען דאריבער געווען געצוואונ־גען אויסצוגעבען זיך אין אלע פראטעסט בעוועגונגען. אבער נאר בלינדע אדער פערבלענדעטע האבע געקענט גלויבען, אז די אידישע יוגענד אליין האט ארויסגערופען די רעוואלוציאנערע שטימונג, דעם פראטעסטירענדען גייסט. נאר טויבע אדער בעטויבטע האָ־בען ניט געקענט פערנעהמען די אויפברויזונג פון דעם רוסישען פאלק, נאכדעם ווי די מפלות אין ווייטען מזרח אויף די פעלדער פון דער מאנדזשוריי האבען איהם געעפענט די אויגען.

די רוסישע רעגירונג האָט מיט דיזער פערברעכעריש־פאַלשער בעשולדיגונג געוואָלט קאָמפּראָמיטירען די גאַנצע פּראָטעסט בעוועגונג אין לאַנד גופא, אי אין אויסלאַנד. אין לאַנד גופא זיינען ארומגעגאַנגען די גייסטליכע און האָבען געפּרעדיגט פאַר דעם המון, אז די בעוועגונג קומט פון שטן, פון די גאָט פערפלוכטע אידען, וועלכע זיינען לאַנג פער'משפט געוואָרען צו אייביגער אונצופריעדענהייט. און בכן מוז מען זיך היטען פון זיי, וויכען ווי מען וויכט פון פייער. אין אויסלאַנד זיינען אָנשטאָט גלחים און סתם פּרעדיגער ארומגעגאַנגען רעגירונגס אַגענטען, גרויסע און קליינע, און האָבען געזוכט אויפצוקלערען די עפענטליכע מיינונג אין דערזעלבער ריכטונג.

נאַאיווע און לייכטזיניגע האָבען זיך געלאָזען איינשמועסען. קלינערע און ערנסטערע האָבען פערשטאַנען דעם טריק פון דער רוסישער רעגירונג און האָבען זיך ניט געלאָזען נארען.

עטוואָס ענליכעס שפּיעלט זיך איצט אָב אין אונזער אידישען לעבען, נאַטירליך אין א קלענערען מאַסשטאַב.

מיר האָבען ניט קיין אייגענע אידישע רעגירונג. דאָס איז אָבער ניט פאָרמעל. אין אמת'ן האָט אונז גאָט, די געשיכטע, די אומשטענדען מזכה געווען אין יעדען לאַנד כמעט מיט א חברה פון רעגירער. די חברה האָט ארייַנגענומען אין איהרע הענד דעם גאַנצען אידיש־פּאָליטישען איינפלוס, זי רעגירט אויף דער אסמכתא פון „גאָטעס גנאַדענטום", און וויל ניט ארויסלאָזען די שליטה פונקט ווי די הערשער אין דער גאַנצער וועלט.

מיר בעהויפּטען ניט, אז זיי זיינען שלעכטע מענשען, אפשר זיינען זיי אין פּערזענליכען פערקעהר זאָגאר זעהר בראווע און אָנגענעהמע מענשען, אָבער פונקט ווי די הערשער פון גאָטעס גנאַדענטום אין דער גאַנצער וועלט ציטערען זיי ממש, ווען זיי בעמערקען, אז עטוואָס בעוועגט זיך אין די מאַסען, אז די מאַסען ווילען זיך אָרגאַניזירען און ווילען שפּיעלען אן אקטיווע ראָלע אין דער לעזונג פון די פראַגען און פּראָבלעמען, וועלכע זיינען נוגע זיי אליין אין נפש. זיי ווערען ווי פערטרייסעלטע און פערלירען גלייך דאָס גלייכגעוויכט. ווען מען קומט צו זיי מיט א פּלאַן צו פעראייניגען די

אידען, כדי מען זאָל מיט פעראייניגטע כחות עטוואָס קאָנען אויס־ווירקען פאר דאָס אידישע פאָלק.

און זיי ווענדען אָן דיזעלבע טענות און דיזעלבע טאקטיק ווי די רוסישע רעגירונג. ערשטענס, טענה׳ן זיי, פערשטעהען זיי אליין בעסער ווי צו פיהרען און וואָס צו טאָן אין יעדען געגעבענעם מאָ־מענט ווי אלע אידען צוזאמענגענומען. צווייטענס האלטען זיי, אז די אידישע מאסען זיינען נאָך פאָליטיש אונצייטיג, און זיי קע־נען נאָר פעררארבען א זאך, אָנשטאָט צו העלפען. און דריטענס, זיינען זיי מכריז ומודיע, אז די אידישע מאסען זיינען גאָר אין גרונד גענומען זעהר צופריעדען אי מיט דער אלגעמיינער לאגע אי מיט די פיהרער, מעהר ניט עס קומען „זייטיגע מענשען“ און זעען צווישען זיי אונצופריעדענהייט און וועקען אין זיי דעם פראָטעס־טירענדען גייסט. די רוסישע רעגירונג בעשולדיגט אין דעם די אידען, און די אידישע פיהרער האָבען זייער אייגענעם שעיר לעזאזל, דאָס זיינען די ציוניסטען און די סתם נאציאָנאליסטען.

ווער וואָלט גאָר געררעדט מכח א קאָנגרעס, ווען וואָלט זיך נע׳חלומ׳ט וועגען א פאָלקס־פעראייניגונג, ווארים והא ראיה, איז דען ביי אונז ניט צוגעגאנגען ביז איצט אלעס שטיל און רוהיג? דאָס זיינען געקומען די ציוניסטען און די נאציאָנאליסטען און האָ־בען קינסטליך אויפגערודערט די שטילע, רוהיגע, שמח בחלקו׳דיגע אידישע געזעלשאפט, עפעס ארייגעשטעלט פונקטען מכח נאציאָ־נאלע גלייכבערעכטיגונג, אנדערע געהען נאָך ווייטער און רעדען נאָר מכח א היים פאר דאָס אידישע פאָלק.

די רוסישע רעגירונג ניט אוועק דעם גאנצען כבוד פאר די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג די אידען, כדי צו דיסקרעדיטירען די גאנצע בעוועגונג. די אידישע פיהרער גיבען אָב דעם גאנצען כבוד פון דער אידישער פעראייניגונגס אידעע צו די ציוניסטען און גלווי־בען, אז אויף אזא אופן וועט זיי געלינגען צו דיסקרעדיטירען דעם עצם־געדאנק פון א אידישער פעראייניגונג. זיי פערשטעהען אָבער ניט, אז זייער קויל טרעפט זיי אליין, אז מעהר ווי יעדען אנדערען דיסקרעדיטירען זיי זיך אליין. מיט זייער בעהויפטונג, עבען אזוי אומגעלומפערט ווי די בעהויפטונג פון דער רוסישער רעגירונג, בע־

ווייזען זיי זעהר קלאָר, ווי ווייט זיי קענען די אידישע מאסען, ווי ווייט זיי זיינען פערטרויט מיט דעם אינערען אידישען לעבען, מיט זיינע שטרעמונגען און ריכטונגען, און ווי ווייט עס רייכט זייער פערטרויען צו די אידישע מאסען און זייער גלויבען אין די שאַפענדע כחות פון אידישען פאָלק. מיט זייער בעהויפטונג בעווייזען זיי נאָר, אז זיי פיהלען זיך שוואך אין זאָטעל און געהען דאַריבער ניט ארויס מיט לאָגישע ארגומענטען צו בעקעמפפען די איינצעלנע פראָגראמאטישע פונקטען, ווי עס וואָלט זיך געפאסט פאר מענשען אָהן פניות.

אויפטרעטען נעגען דעם געדאַנק פון א אידישער פעראייניגונג, זוכען דערין אן אינטריגע, אויפטרעטען מיט אונפעראנטווארטליכע בעהויפטונגען, בעקעמפפען אן עלעמענטאר דעמאָקראַטישען פרינציפ, אָהן וועלכען קיין געזעלשאפט אין דער וועלט קאָן ניט אויסקומען, ווען נאָר זי וויל בעטראכט ווערען אלס א ציוויליזירטע — דאָס איז א סימן פון אינערער שוואכקייט, דאָס איז אויך א סימן פון פאָליטישער ריקשטענדיגקייט.

8 אָקטאָבער, 1915.

שטאַאַטסמענער און גבאים

מילא אז דער פונקט ארץ ישראל מאכט בייזעם בלוט אין רענט אויף מאנכע טיילען פון דער אידישער געזעלשאפט — איז נאָך בעגרייפליך. דער שטרייט מכח דיזען פונקט געהט דורך כמעט דורך די גאנצע טויזענד־יאָהריגע אידישע גלות־געשיכטע, און עס איז קוים צו ערווארטען, אז א ל ע א י ד ע ן זאָלען זיך לאָזען בעקעהרען צום ציוניסטישען געדאנק. אפשר וועט דאָס געשעהען, ווען דער ציוניזם וועט שוין ווערען א ווירקליכקייט, און די אידישע וועלט וועט זיך איבערצייגען, אז אין זיין פערווירקליכונג שטעקט נית קיין סכנה פאר דעם קיום פון די אידען אין די גלות־לענדער. אפשר וועט זיך די אידישע וועלט דאן איבערצייגען, אז דער ציוניזם האָט אדרבא פיעל בייגעטראָגען צו דער פערבעסערונג פון דער געזעלשאפטליבער און פאָליטישער שטעלונג פון די אידען אין דער גאנצער וועלט, און וועט זיך אָנהויבען צו פערהאלטען צום ציוניזם מיט מעהר אכטונג און מיט מעהר ערנסט. דערוויל איז אָבער משיח נאָך נית געקומען און די גלות־פסיכאָלאָגיע בעהערשט נאָך דעם גרעסטען חלק פון אונזער וועלט. מיר האָבען מענשען, וועלכע גלויבען נית אין די מעגליכקייט פון דער פערווירקליכונג פון דעם ציוניסטישען אידעאל. מיר האָבען אויך מענשען, וועלכע ציטערען ביי דעם געדאנק, אז דער ציוניזם קאָן פיעלייכט פערווירקליכט ווערען. זיי האָבען מורא, אז דאן וועלען אויפשטעהן די אומות העולם און וועלען צ ו ו י נ ג ע ן די אין די גלות־לענדער איבערגעבליבענע אידען צו פערלאָזען זייער פלאץ און ארויסקלייבען זיך נאָך ארץ ישראל. און דאָס ווילען זיי בשום אופן נית.

מיר האָבען אויף אזא אופן צווייערליי געגנער: נית־גלויבער און נית־וועלער. די נית־גלויבער געהערען מייסטענס צו די אָרימערע קלאסען און די נית־וועלער צו די רייכערע קלאסען פון דער

אידישער וועלט. די ערשטע ווילען זיך ניט שפּיעלען מיט חלומות, די צווייטע ווילען זיך ניט שפּיעלען מיט פייער.

עס איז דעריבער פערשטענדליך, אז דיביידע גרופּען, די ניט גלויבער און ניט־וועלער, בעקעמפּפען דעם פּונקט ארץ ישראל אין דעם פּראָגראם, וואָס ווערט אויסגעארבייט פאר די קינפטיגע אל־געמיין־אידיש־נאציאָנאלע אָרגאניזאציאָן. אם ליעבסטען וואָלטען זיי געוואָלט, אז ארץ ישראל זאָל זיין בפירוש אויסגעשלאָסען פון די לענדער, פאר וועלכע זיי אינטערעסירען זיך, אָבער זיי ווייסען גאנץ גוט, אז די נומער וועט ניט דורכגעהן. ניט נאָר די ציונים־טען, נאָר אויך דער גרעסטער טייל פון די אידישע מאסען וואָלט העפטיג פּראָטעסטירט געגען אזא אונבערעכטיגטע און אנטיסע־מיטישע, — אין געאָגראפישען זין פון וואָרט, — האנדלונג. זוכען זיי מהאי טעמא צו מאכען פשרות און אזוי צו פאָרמולירען דעם נוסח פון די פשרות, אז מען זאָל דערנאָך קאָנען לערנען אין זיי דעם פשט אי אהין אי אהער.

דאָס אלץ איז, ווי געזאָגט, לכל־הפחות פערשטענדליך.

וואונדערען זיך מוז מען נאָר, ווען מען קומט צום פּונקט „נאַ־ציאָנאלע גלייכבערעכטיגונג", און ווען מען זעהט, מיט וועלכער אויבערפלעכליכקייט און לייכטזיניגקייט דיזער וויכטיגער פּונקט ווערט בעהאנדעלט אויך פון די, פון וועלכע מען האָט געקאָנט מיט רעכט ערווארטען, אז זיי וועלען זיך פערהאלטען צו איהם מיט פולען ערנסט און אויפמערקזאמקייט.

מען טיילט ביי אונז געוועהנליך איין די אידישע רעכטע איז דריי קאטעגאָריען: אין בירגערליכע, פּאָליטישע און נאציאָנאלע און מען אָפּערירט מיט זיי גלייך ווי זיי וואָלטען באמת געווען אָב־געגרענעצט איינע פון די אנדערע מיט אן אייזערנער מחיצה. מען בעטראכט זיי ווי דריי מדרגות, אָדער ווי דריי געריכטען. בירגער־ליכע רעכטע — דאָס איז ברויט און פלייש. פּאָליטישע רעכטע — זופּ און קאָמפּאָט און נאציאָנאלע רעכטע — עפּעס א מין אפיקומן, וועלכער פּאסט זיך צום סדר, אָהן וועלכען אָבער מען קאָן זעהר גוט אויסקומען.

שוין פון ריין שפּראכליכען שטאנדפּונקט אליין איז די אוי־

בענדערמאנטע איינטיילונג א ריינער אונזין. גלייכבערעכטיגונג זעצט פאָראויס איינעם, וואָס איז בערעכטיגט, און א צווייטען, וועלכער ווערט איהם גלייך געשטעלט און כל זמן דער צווייטער בעזיצט ניט אלע זכיות, וועלכע עס געניסט דער ערשטער, קאָן ניט זיין די רייד פון גלייכבערעכטיגונג. מען קאָן ניט זאָגען פון איי־נעם, ער איז גלייכבערעכטיגט אין א בעשטימטען פונקט, ווייל דער בעגריף גלייכבערעכטיגונג איז א קוואליטאטיווער און קאָן ניט גע־טיילט ווערען. מען קאָן ניט זאָגען א דריטעל אָדער א העלפט גלייכבערעכטיגט פונקט ווי מען קאָן ניט זאָגען, אז א האלבער עפעל, למשל, איז א גאנצער עפעל אָדער איין העלפט.

אונז ארט אָבער דאָ ניט דער אונלאָגישער אויסדרוק. אונז אינטערעסירען די אונלאָגישע קאָנזעקווענצען און די פאלשע השנות, וועלכע געהען ארויס פון דיזער אונריכטיגער איינטיי־לונג און פיהרען צו אונלאָגישע, אונפּאָליטישע און אנטי־נאציאָ־נאלע האנדלונגען.

די שטאאטס־וויסענשאפטלער קאָנען ניט אָנווייזען קלאָר די שארפע גרענעץ־ליניע צווישען בירגערליכע און פּאָליטישע רעכ־טע און נאָך ווייניגער צווישען פּאָליטישע און נאציאָנאלע. נעהמט איינער, צום ביישפּיעל, אין סאָלדאטען, איז עס שווער צו זאָגען, וואָס פאר א חוב ער ערפילט דערביי, א בירגערליכען, א פּאָליטי־שען אָדער א נאציאָנאלען. ווערט איינער געוועהלט אין פּאר־לאמענט, צום ביישפּיעל, איז עס שווער צו בעשטימען, פון וועל־כען רעכט ער האָט געמאכט געברויך, פון זיין בירגער־רעכט, פון זיין פּאָליטישען רעכט, אָדער פון זיין נאציאָנאלען רעכט, ווען ער איז געוועהלט געוואָרען אויסדריקליך אלס פערטרעטער פון א בע־שטימטער נאציאָנאלער גרופּע.

ווייטער קאָן מען אָנווייזען, אז די דריי קאטעגאָריען פון רעכ־טע קאָנען ניט בעטראכט ווערען ווי מדרגות, וועלכע מען קאָן ער־רייכען נאָר איינע נאָך דער אנדערער. והא ראיה, מיר האָבען א מדינה, וואו די אידישע בעפעלקערונג בעזיצט די העכסטע פּאָלי־טישע רעכטע און האָט נאָך ניט די עלעמענטארסטע בירגערליכע רעכטע. דאָס איז רוסלאנד. די אידען אין רוסלאנד ווערען בע־

האנדעלט בנוגע צו פרייער בעוועגונג אין פיעלע הינזיכטען ערגער ווי די געמיינסטע פערברעכער, און אין דער גלייכער צייט בעזיצען זיי דאָס אקטיווע און פּאסיווע וואהל־רעכט פאַר דער שטאאטס־דומא, די העכסטע אינסטיטוציאָן אין לאנד. אין רומעניען, צום ביישפּיעל, בעזיצען די אידען איינינע נאציאָנאלע רעכטע, זיי קאָנען האָבען אייגענע שולען, זאָגאר מיט נאציאָנאלער אונטעררינכטס־שפּראַך, זיי שטעהען אָבער אויף יענער זייט פון בירגערליכער גלייכבערעכטיגונג, ווייל זיי ווערען גאָר ניט בעטראכט אלס בירגער איבערהויפּט.

מיר קאָנען נאָך אָנווייזען, אז וואו עס פעהלען די נאציאָנאלע רעכטע, קאָן די בעטרעפענדע בעפעלקערונג זיך ניט בענוצען אויך מיט די בירגער רעכטע און מיט די פּאָליטישע רעכטע. דאָס קלאַסישע לאנד אין דיעזער בעציהונג איז געוועזן ביז איצט גאליציען. די אידיש־גאליצישע בעפעלקערונג איז געווען אויפ'ן פּאפּיער גלייכבערעכטיגט. מעהר ניט, די אידישע נאציאָן, אלס אזעלכע, איז ניט געווען אנערקענט פון געזעץ, און דערפון איז ארויסגעקומען, אז די אידען האָבען געמוזט בלייבען אויך בירגערליך און פּאָליטיש אויף דער ניעדעריגסטער שטופע.

איך קעהר זיך אום צום פריהערדיגען ביישפּיעל אין רוסלאנד. די אידען בעזיצען דאָס אקטיווע און פּאסיווע וואהל פאַר דער שטאאטס־דומא. נאָך דעם פּראָצענט פערהעלטניס פון דער אידישער בעפעלקערונג צו דער געזאמטע בעפעלקערונג, האָבען די אידען אין רוסלאנד געדארפט האָבען אן ערך 25 אָבגעאָרדנעטע. איצט האָבען זיי נאָר צוויי און דאָס — אויך מיט א צופאל. עס קאָן זיך מאכען, אז זיי זאָלען איינעם אויך ניט האָבען. ווי קומט עס? קיינער האָט ביי זיי דאָס רעכט צו וועהלען און געוועהלט צו ווערען ניט צוגענומען. דער תירוץ איז א פּשוט'ער. עס פעהלט אין רוסלאנד די בעדינגונג, וועלכע זיכערט די רעכטע פון דער אידישער נאציאָנאלער מינדערהייט. דאָס פעהלען פון די נאציאָנאלע רעכטע רויבט זעהר אָפט די מעגליכקייט צו בענוצען זיך מיט די בירגערליכע און פּאָליטישע רעכטע. אָבער די פּראָקלאמירונג פון נאציאָנאלער גלייכבערעכטיגונג אליין איז נאָך ביי ווייטען ניט

געגנוג צו זיכערען די מעגליכקייט פון איהר פערווירקליכונג אין פראקטישען לעבען.

פון די אָנגעפיהרטע ביישפּיעלען, צו וועלכע איך דענק נאָך צוריקצוקעהרען זיך ביי א פאסענדער געלעגענהייט, קאָן יעדער זיך איבערצייגען, אז די פראגע ווי צו פאָרמולירען די איינצעלנע פונקטען פון אן איינהייטליכען אידישען פראָגראם איז ניט אזוי איינפאך, און אז עס איז מעהר ניט ווי לייכטזיניג און אונפעראנט־וואָרטליך צו בעטראכטען דעם פונקט „נאציאָנאלע גלייכבערעכ־טיגונג“ ווי א קאפריז פון פּאָליטישע געגנער.

מיר ברויכען איצט שטאאטס־מענער. מיט גבאים וועלען מיר ניט אויסקומען.

10 אָקטאָבער, 1915.

עמיגראַציאָן נאָך דער מלחמה

עס איז ניט ראַציאָנעל צו בעשעפטיגען זיך מיט נביאות זאָגען וועגען אונזערע אויסזיכטען נאָך דער מלחמה, וועגען די נייע גרופּירונג פון אונזערע מאסען און די ניי־געשטאַלטונג פון די אומשטענדען און די ענטוויקלונגס־מעגליכקייטען. עס איז ניט ראַציאָנעל, ווייל כל זמן די מלחמה פיהרענדע מלוכות האָבען נאָך נישט געקושט די מזוזה, ענטהאלט אין זיך יעדע פּראָגנאָזע נישט מעהר ניט ווי א ניצוץ פון נבואה, און אלע מאָדערנע נביאות האָבען אין זיך די טבע: אָדער זיי ווערען מקוים, אָדער זיי ווערען ניט מקוים. אפילו די מלוכות אליין און די רעדעל־פיהרער קאָנען נאָך ניט וויסען, ווי די קארטע אייראָפּא׳ס און אזיען׳ס וועט אויס־זעהן נאָך דעם, ווי די קאַנאָנען וועלען פערמאכען די מיילער און עס וועלען אָנהויבען צו רעדען די דיפּלאָמאטען. היינט וואָס קאָנען שוין מיר וויסען, מיר וועלכע זיינען פערורטיילט צו שפּיעלען נאָר א פּאסיווע ראָלע אי פאר מלחמה, אי בשעת מלחמה, אי נאָך מלחמה, מיר וועלכע הענגען אָב מעהר ווי אלע אין דער וועלט פון איינגעוואָרצעלטע פּאַראורטיילען און מאָמענטאנע קאפּריזען, פון סימפּאטיען און אנטיפּאטיען, פון שטימונגען און נייגונגען?

מיר קאָנען און דארפען זיך דעריבער ניט פארבערייטען צו איין בעשטימטער פּאָליטישער מעגליכקייט. דאָס וואָלט געווען פון אונ־זער זייט אן אונפערצייהליכעס און אונפעראנטוואָרטליכעס וואַ־באנק שפּיעל, וואָס אויך פעסטערע און זיך תקיף פיהלענדע נאַציאָ־נען לאָזען דאָס ניט צו אין אן ערנסטען מאָמענט, ווען די געשיכטע שיינט ארויסצושפּרינגען פון שפּאן און זיך צו פערקירעווען אין אן אנדער ריכטונג. דאָס איינציגע, וואָס מיר קאָנען טהאָן, אונ־אבהענגיג פון יעדער בעשטימטער פּאָליטישער מעגליכ־קייט, און דעריבער צוגעפּאסט צו יעדער פּאָליטישער מעג־

ליכקייט, איז די מאָביליזירונג פון אייגענע כוחות, ווי ווייט די אומשטענדען און די פערהעלטניסע ערלויבען דאָס אונז.

צום ביישפּיעל, פיעלע נעהמען אָן אלס הנחה, אז גלייך נאָך דעם שלום־שלוס וועט זיך אָנהויבען א גרויסער, מעכטיגער אידי־שער עמיגראַציאָנס־שטראָם נאָך אמעריקא. די הנחה איז ניט בע־גרינדעט אויף געגויעס שטודיען בנוגע צו דער גיי־געשאַפענער לאגע אין מזרח אייראָפּא, זי שטיצט זיך נאָר אויף פּסיכאָלאָגישע סברות. צום עמיגרירען געהערט דאָס גובר זיין זיך איבער א זעהר שטאַרקען אינערען אָבהאַלט. איידער מען ענטשליסט זיך צו קוי־פען די שיפס־קארטע מוז מען גרדאנקליך זיך אליין אויסרייסען פון א סביבה, צו וועלכער מען האָט געהאַט ביז איצט אן אָרגאַ־נישע שייכות. מען מוז ערשט אין דמיון שאַפען פאַר זיך א נייע וועלט, כדי עס זאָל כאַפּען מוט און ענערגיע אָבצוזאָגען זיך פון דער אלטער וועלט, מיט וועלכער מען איז פערטרויט און פערוואַקסען. דיזער ענערציע־כח האַלט אָב טויזענדע און טויזענדע פון אויס־וואַנדערונג, ווען אפילו די אָביעקטיווע פערהעלטניסע צווינגען זיי דערצו. איצט איז אָבער די אידישע וועלט א צוטרייסעלטע, זי האָט זיך, אָדער ריכטיגער, מען האָט זי פאַנאַנדערגעשרויפט. דאָס אידישע לעבען האָט ניט קיין רוהענדען פּונקט. עס האַלט אין איין בעוועגען זיך, אין אַ שטענדיגער יאָגעניש. דורך דעם איז דער ענערציע־כח געבראָכען געוואָרען, א גרעסערע עלעמענטארע קראַפט האָט איהם מנצח געווען. בכן וועלען איצט די אונגעצעהל־טע טויזענדע עמיגראַציאָנס־קאַנדידאַטען מעהר ניט האָבען דעם אינערען קאַמפּף, וועלכער האָט זיי פריהער געשטערט און אָב־געהאַלטען זיי פון דער אויספיהרונג פון זייערע עמיגראַציאָנס פּלע־נער. דער ווידערשטאַנד איז געשוואַונדען און די עמיגראַציאָן, ווען זי זאָל זיך נאָר ניט אָנשטויסען אויף נייע חומרות אין די אימיגראַציאָנס לענדער, וועט מוזען וואַקסען.

דאָס איז איין הנחה.

קומען אנדערע און בעהויפּטען, אז נאָך דער מלחמה וועט די עמיגראַציאָן זיין פּיעל שוואַכער ווי פאַר דער מלחמה. און אויך זיי בעגרינדען זייער הנחה. די מלחמה האָט אָנגעמאַכט אזא

מורא׳דיגען חורבן אומעדום, אז עס וועלען ניט אויסרייכען קיין הענד אום אלעס אויפצובויען, וואס עס איז דורך איהר צושטערט געווארען. מען דארף אויך ניט פארגעסען, אז אייראפא וועט אויסזעהן נאך דער מלחמה ווי גלאט אבראזירט פון דער יוגענד, און אז וועלען מוזען פארגעהן דורות ביז עס וועט אויסוואקסען א נייע יוגענד. די יוגענד האט אבער ביז איצט צוגעשטעלט די גרע־סטע צאהל עמיגראנטען.

אנדערע געהען נאך ווייטער און זאגען ארויס א סברא, אז נאך דער מלחמה וועט די עמיגראציאן נאך די פעראייניגטע שטאא־טען אין גאנצען אויפהערען פאר א לענגערע צייט. און עס ווערט ארויסגעזאגט נאך א מיינונג, אז לא די, וואס נאך דער מלחמה וועט אויפהערען דער עמיגראציאנס־שטראם פון אייראפא נאך אמעריקא, נאר עס וועט איינטרעטען די פארקעהרטע ערשיינונג: עס וועט זיך אנהויבען א שטארקע אויסוואנדערונג פון אמעריקא נאך אייראפא. ערשטענס, ווייל אייראפא וועט קאנען געבען בע־שעפטיגונג נייע מיליאנען ארבייטער, וועלכע זאלען פערנעהמען דעם פלאץ פון די געפאלענע, אויספילען די שיטער געווארענע שורות פון דער בעפעלקערונג. צווייטענס, ווייל די מלחמה האט אויפגעוועקט דאס איינגעשלאפענע אדער אטראפירטע נאציאנאלע געפיהל ביי מיליאנען און מיליאנען פון אימיגראנטען, אין ערש־טער רייהע צווישען דער אמעריקאניש־דייטשער בעפעלקערונג, צום טייל אבער אויך צווישען די פערטרעטער פון די אנדערע נא־ציאנען. די מלחמה האט ניט נאר אין אייראפא אליין ענגער צו־זאמענגעשמידט פערשיעדענע פאלקס־שיכטען צו נאציאנאלער, מעהר זעלבסטבעוואוסטער איינהייט, זי האט אויך פון דער וויי־טען געהאט א טיעף־געהענדע השפעה אויף די פאלקס־עלעמענטען, וועלכע האבען ביז איצט געלעבט אין דער פרעמד און געזוכט איינ־צוארדנען פאר זיך א נייע היים ווייט, ווייט פון זייער מוטערלאנד. די מלחמה, דער נצחון אדער די מפלה, וועט וועקען אין די עלע־מענטען א שטארקע בענקעניש, און זיי וועלען זיך ציהען צוריק נאך זייער אלטער היימאט. די מלחמה האט זיי בעוויזען, אז אין דער פרעמד, ווי גוט און ווי זיכער דער מצב פון דעם איינגעוואנ־

דערטען זאָל ניט זיין, פיהלט מען זיך דאָך לחצאין׳דיג, מען לעבט אין צוויי וועלטען. צווישען פערגאַנגענהייט און צוקונפט ליעגט אַ ברייטער, ווייטער ים, וועלכען מען מוז תמיד איבערשווימען אין דער מחשבה, ווען מען וויל אין זיך גופא פעראייניגען די צוויי העלפטען פון לעבען. דאָס איז אין בעסטען פאַל אַ צושפּאָלטען לעבען, וועלכעס מוז ערשט דורך אָנשטרענגונג גאַנץ געמאַכט ווערען.

אין דער אידישער בעפעלקערונג קען דיזע ערשיינונג איינ־טרעטען נאָר אין אַ שוואַכען גראַד, ווייל דער עבר האָט אין דעם אידישען אימיגראַנט איבערגעלאָזען זכרונות, וועלכע האָבען מיט גן־עדן פאָרשטעלונגען גאָר ניט צו טאָן. אָבער נאָך אַלעם טראָגט אויך דער אידישער אימיגראַנט שטיל פערבאָרגען אין זיין הארצען אַ בענקעניש נאָך זיין אַלטער היים. עס איז ניט אַזוי דאָס לאַנד, וועלכעס ציהט איהם צוריק, נאָר די סביבה, זיין סביבה. ניט אַזוי די פעלדער און די וועלדער ווי די שוהל מיט איהר „בין מנחה למעריב", די משפחה און די אַלטע מצבות. און ווען די מלחמה זאָל ברענגען אַלס רעזולטאַט אַ ניי־געשטאַלטונג פון דער אידישער סביבה מיט נייע ענטוויקלונגס־מעגליכקייטען, וואָס עס איז ניט אויסגעשלאָסען, קאָן מען ערוואַרטען, אַז אויך אַ גרויסער טייל פון די ניט לאַנג איינגעוואַנדערטע אידען, וועלכע האָבען נאָך ניט אין גאַנצען געמאַכט די פּשרה מיט זייער נייער וועלט, וועלען זיך לאָזען צוריק.

אָט אַזוי האָבען מיר אין דער איינצעלנער עמיגראַציאָנס־פראַגע דריי מעגליכקייטען. צוויי פון זיי זיינען עקסטרעם ענט־געגענגעזעצט. און עס וואָלט געווען פאַלש, ווען מיר וואָלטען שוין איצט געוואָלט פּסק׳ענען, וועלכע פון די מעגליכקייטען האָט שאַנ־סען פערווירקליכט צו ווערען. עס וואָלט געווען אונקלוג און אונ־פּאָליטיש, ווען מיר וואָלטען שוין איצט צוגעשניטען אונזער אַר־בייטס־פּלאַן פאַר די צוקונפט נאָך איין בעשטימטער מעגליכקייט.

אַלץ, וואָס מיר קאָנען טהאָן, אום ניט אַרויסצוואַרפען אַרבייט לבטלה, איז צו אָרגאַניזירען אונזערע איינגענע כוחות און זיין גרייט פאַר יעדער מעגליכקייט, וועלכע קאָן איינטרעטען. מיר מוזען

שוין איצט שאפען די אלגעמיין אידישע אָרגאניזאציאָן, צוערשט חלקים־ווייז אין יעדער איינצעלנער מדינה, שוין איצט צונויפרעדען זיך מיט די פערטרעטער פון דער אידישער בעפעלקערונג אין די פערשיעדענע מדינות, שוין איצט זאמלען מאטעריאל איבער די פערענדערטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאגע פון אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים, כדי מיר זאָלען, לכל הפחות פון אונזער זייט, זיין גרייט, ווען דער מאָמענט פאר אַקציאָן וועט אָנקומען.

מיר מוזען אויך זיין גרייט מיט פעראַרבייטען מאטעריאל, וועלכער זאָל ארומנעהמען אונזער גאנצען נאציאָנאלען היזק, סיי אין נפשות, סיי עקאָנאָמיש, סיי קולטורעל. האָבען זיך דאָך געפונען אינטעליגענטע און מפורסם'דיגע אידען, וועלכע האָבען פון אונז געפאָדערט, אז מיר זאָלען בעווייזען אונזער היזק שווארץ אויף ווייס. פאר זיי איז ניט גענוג אויסרייכענד, וואָס ער איז אָנגעשריבען אין לעבען גופא רויט אויף שווארץ. ניט־אידען יועלען זיך געוויס געפינען, וועלכע וועלען פערזוכען צו פערלייקענען אונזער היזק. דאָס געשעהט שוין איצט אין גאַליציען, עס וועט אויך געשעהן אין רוסלאנד און אין פוילען, ווען מיר זאָלען זיין נאכלעסיג און לאָזען, אז די סמנים פון דעם חורבן זאָלען אָבגעווישט ווערען פון א בייזוויליגער האנד.

אויך די ארבייט קאָן ניט געמאכט ווערען פון יחידים, אויך ניט פון איינצעלנע אָרגאניזאציאָנען. דאָס איז איינע פון אונזערע וויכטיגסטע כלל־אויפגאבען אין איצטיגען מאָמענט, וועלכע פערדיענט אונזער גאנצע אויפמערקזאמקייט און אונזער גאנצען ערנסט. מיר מוזען אויך אויסגעפינען די נויטיגע פאכמענער, וועלכע האָבען שוין ערפאהרונג אויף דעם פעלד פון שטאָף זאמלען און שטאָף פעראַרבייטען, וועלכע זיינען אויך גענוג וויסענשאפטליך געבילדעט אום ארויסצונעהמען פון צאָהלען און איינצעל־פאקטען דעם תמצית פון די גרויסע היסטאָרישע געשעהעניסען.

13 אָקטאָבער 1915.

די אַמעריקאַנער אידען און די אידישע צוקונפט

ווען דאָס אמעריקאנער יודענטום וואָלט געווען אין איצטיגען מאָמענט אָרגאניזירט אלס א געשלאָסענע פאָלקס־קערפּערשאַפט מיט א בעשטימטען פּראָגראם אין אלע שאלות, וועלכע זיינען נוגע די אלגעמיינע אידישע וועלט־לאגע, וואָלט לאָגישער־ווייז מוזען איבערגעהן די פיהרער־ראָלע צו די אמעריקאנער אידען. ערש־טענס, רעפּרעזענטירט אמעריקא א סאָלידען טייל פון אידישען פאָלק. כמעט א פערטעל. צווייטענס, איז אמעריקא געבליבען נייטראל אין דעם גרויסען וועלט־סכסוך. עס מאכט ניט אויס, וואָס אויך אין אמעריקא האָבען זיך ארויסגעצייגט שטארקע סימ־פּאטיען פאר איין צד אָדער דעם אנדערען צד. די אָפיציעלע נייי־טראליטעט, לכל הפּחות, איז ניט צושטערט געוואָרען. דריטענס, און דאָס איז דער וויכטיגסטער מאָמענט, האָבען אמעריקאנער אי־דען א פאָרצוג, וועלכען קיין אידישע גרופּע אין דער גאנצער וועלט בעזיצט ניט. דאָס אמעריקאנער יודענטום, אלס גאנצעס, שטעלט פאָר אין געוויסען זינען די ס י נ ט ע ז ע פון דעם גלות־יודענ־טום, ווייל אין איהם זיינען פעראייניגט די עלעמענטען פון די פער־שיעדענסטע לענדער און צום טייל אויך פון די פערשיעדענע וועלט טיילען.

און דיזער אומשטאנד קאָן שטענדיג בעטראכט ווערען אלס א מ ע ל ה. איז שוין בעשערט א פאָלק דורכצומאכען גלות, איז א קאָנצענטרירטער גלות בעסער ווי א צושפּרייטער. איז שוין בעשערט א פאָלק דורכצומאכען אן אסימילאציאָנס־פּראָצעס, — ווי ווייט ער איז מעגליך, — איז אן איינהייטליכער אסימילאצי־אָנס־פּראָצעס בעסער ווי א פערשיעדנארטיגער. עס איז שוין בעסער אָנצופּאסען זיך א י י ן פרעמדער סביבה און האָבען צו טהאָן מיט פּשרות נאָר צווישען צוויי וועלטען: צווישען דער

איינענער, פון וועלכער מען דערפרעמדעט זיך, און צווישן דער פרעמדער, וואו מען וויל ווערען אן איינענער, איידער דאס פאלק זאל זיין צוברעקעלט אויף פיעלע חלקים, און יעדער חלק זאל מור־זען דורכמאכען זיין אייגענעם אסימילאציאנס־פראצעס. דאס אידישע פאלק מאכט דעריבער דורך ניט אן איינפאכען, נאר א פיעלפאכען גלות. זיינע בעזונדערע חלקים דערווייטערען זיך איי־נער פון דעם אנדערען ניט נאר מחמת דעם קאמפף צווישען נאציא־נאליזם און אסימילאציאן — דאס וואלט נאך געווען גאנץ נאטיר־ליך — נאר אויך מחמת די **פערשיעדענע אסימי־לאציאנען**, וועלכע זיי זיינען געצוואונגען דורכצומאכען אין די פערשיעדענע לענדער. אפילו די בעציהונגען צווישען די אידישע נאציאנאליסטען פון פערשיעדענע מדינות זיינען אויך ניט אין גאנצען ריין פון געוויסע מיספערשטענדניסע און רייבונ־גען, וועלכע זיינען ערקלערליך נאר דורך די פערשיעדענע סביבות, אין וועלכע זיי, די נאציאנאליסטען, האבען ערהאלטען זייער ער־ציהונג. אפילו ביי די נאציאנאליסטען ענטפלעקט זיך אויך גאנץ אפט דער „ויתרוצצו" צווישען מזרח און מערב, דער אנטאגאניזם צווישען דער פערשיעדענער אויפפאסונג פון דעם נאציאנאליזם אליין.

דאך קאן מען בעטראכטען די אידישע נאציאנאליסטען אין דער גאנצער וועלט אלס געשלאסענע איינהייט, ווייל די אייניגענ־דע מאמענטען זיינען ביי זיי פיעל שטארקער און קראפטפולער אלס די שיידענדע. ווען מיר קומען אבער צו אונזערע אסימילאנ־טען, אין געגענזאץ צו די נאציאנאליסטען, קאן מען בשום אופן ניט זאגען, אז מיר האבען דא פאר זיך א געשלאסענע אסימילא־טאריש־אידישע איינהייט. דער אידיש־דייטשער אסימילאנט און דער פראנצויזיש־אידישער אסימילאנט צום ביישפיעל געהערען צו צוויי גאנץ פערשיעדענע און אפט גאר **געגנערישע** גרופ־פען, ניט נאר אין אלגעמיינע וועלט־פראגען נאר אויך אין אידישע פראגען, ווי ווייט דער אסימילאנט קאן נאך אדער איז געצוואונ־גען צו אינטערעסירען זיך מיט אידישע פראבלעמען. דיזען בולט'ען געגענזאץ, וועלכער פערוואנדעלט זיך גאנץ אפט אין אן

אפענע פיינדזעליגקייט, האט מען געקאנט מערקען אין דער טע־טיגקייט פון די פראנצויזיש־אידישע און דייטש־אידישע חברות אין אריענט. ביידע האבען געוואלט טהאן טובות דעם כלל ישראל ביידע האבען געוואלט גליקליך מאכען די ארימע „גלויבענס־גע־נאסען אין היילינגען לאנד“ און ביידע זיינען געווען אין קאמפף אזוי אונגלויביג און אזוי אונהייליג.

דיזעלבע טרויעריגע, פון היסטאריש פאלקסטימליכען שטאנד־פונקט אויך לעכערליכע, ערשיינונגען קאן מען אויך בעאבאכטען אין די בעציהונגען צווישען די ענגלישע און די דייטשע, צווישען די רוסישע און די פראנצויזישע אסימילאנטען און אזוי ווייטער. זיי קאנען זיך קיין מאל ניט צונויפרעדען, זיי דיענען א פערניינענדען געדאנק, וועלכער איז א שותפות׳דיגער נאר אין דער אידעע: אסימילאציאן, ווי עס קומט אבער צו דער פערווירקליכונג פון דעם געדאנק איז יעדע גרופע געצוואונגען צו וועהלען אן איינגענעם וועג, צו פערפאלגען אייגענע, ניט שותפות׳דיגע ציעלען. נאר אין איין איינציגען פאל טרעט פאר אונז אויף די אסימילאציאן אלס ארגאניזירטע איינהייט, און דאס איז, ווען עס קומט אוים צו בעקעמפפען די אידיש־נאציאנאלע פא־ליטיק. אין דיזען פאל רייבען זיך די פערשיעדענארטיגע אסימי־לאנטען ברידערליך די האנד און פערגעסען אויף א ווייל זייערע אייגענע אייביגע צאנקערייען. דער אלגעמיינער געגנער נויטיגט זיי צו מאכען שלום צווישען זיך. איין ביישפיעל פון פיעלע: בשעת עס האט אויסגעבראכען אין פאלעסטינא דער שפראכען־קאמפף האט דער דייטשער הילפספעראיין געזוכט שטיצע ביי דער פראנצויזישער אליאנס איזראעליט אין דער אננאהמע, אז דער האס צום אידישען נאציאנאליזם וועט איבערשטייגען די געגנער־שאפט פון דער אליאנס צו דער דייטשער חברה.

די אידיש־אמעריקאנישע גרופע האט דעריבער דעם פארצוג איבער די אנדערע אידישע גרופען, ווייל איהר סטרוקטור איז א גאנץ אנדערע. זי איז א צוזאמענגעזעצטע פון די פערשיעדענסטע אידישע גלות עלעמענטען. אין דעם שטרעבען נאך א נייער אנ־פאסונג צו איין נייער סביבה מוז זי אליין מלחמה האלטען

אנקעגען די פיעלגעשטאלטיגע און פיעלפארביגע ב י ז ־ א י צ ט י ג ע אידישע אסימילאציאָן. זי מוז אויסבייטען א ס י מ י ל א צ י אָ נ ע ן אויף א ס י מ י ל א צ י אָ ן, און דאָס קאָן אָהן קאָנצעסיאָנען פון אַלע בעטייליגטע ניט געשעהן. אויף אזא אופן קאָן די אידיש־אמעריקאנישע גרופע בעטראכט ווערען אלס א פ ש ר ה ־ ג ר ו פ ע.

און נאָך א פאָרצוג האָט די אידיש־אמעריקאנישע גרופע. דער צווייטער פאָרצוג ליעגט שוין ניט אין איהר אליין, אין איהר בעשאפענהייט, נאָר אין דער אָביעקטיווער געשטאלטונג פון דעם אמעריקאנישען פאָלק. מען קאָן ניט וויסען, ווי דאָס נאציאָנאלע לעבען וועט אויסזעהן שפּעטער, אין דורות ארום, אין אמעריקא, דערווייל אָבער האָט אמעריקא נאָך ניט קיין ה ע ר ש ע נ ד ע נ א צ י אָ ן. זי ב י ל ד ע ט זיך ערשט, זי הויבט ערשט אָן צו שפּראָצען. מען קאָן דעריבער ניט פערגלייכען דעם אמעריקא־ניזירונגס־פּראָצעס מיט דער גערמאניזירונג, רוסיפיצירונג, א. אז. וו. ביי דער גערמאניזירונג, רוסיפיצירונג א. אז. וו. מוז זיך דער אסימילאנט אונטערווארפען אונטער עטוואָס פעסטעס, זייט דורות בעשטעהענדעס, ה ע ר ש ע נ ד ע ס. אלעס, וואָס געהערט איהם, זיין איך, מוז ער פון זיך אָבטרייסלען, ער קאָן נאָר איינגעשלונגען ווערען, ער דארף אָבער ניט אריינטראָגען עטוואָס פון זיין אייגענער וועלט, ווארום דער בנין איז שוין פארטיג פון פונדאמענט ביז צום לעצטען דאך־חלק. אין אמעריקא ליגען ל ע ת ע ת ה די פערהעלטניסע פיעל גינסטיגער. אין געוויסען זינען ברויכט זיך דער אסימילאטאָר ניט צו אונטערווארפען. ער קאָן נאָך ג ל ו י ב ע ן, אז ער ווערט א שותף אין דעם אלגעמיינעם פערשמעלצונגס־פּראָצעס. שטימט דאָס אָדער עס שטימט ניט אפילו פאר דעם איצטיגען מאָמענט. יעדענפאלס אָבער ברויכט דער אסימילאנט אין אמעריקא ניט אזוי אונטערטהעניג צו זיין, זיין פסיכישע פערפאסונג איז א בעסערע, ער פיהלט זיך ניט אזוי בעלייידיגט ווי אין דער אלטער וועלט. און ווען ער וויל, שרייט ער, אז ער אסימילירט זיך גאָר ניט, ער העלפט נאָר צו אסימילירען.

און נאָך א דריטע מעלה. אמעריקא איז נאָך דערווייל ווייט נעבליבען פון דעם אייראָפּעאישען א י מ פּ ע ר י א ל י ז ם.

אמעריקא זוכט נאָך ניט דערוויל קיין ווייטע עראָבערונגען, און דאָס פערהעלטניס פון אמעריקא צו די אנדערע נאַציאָנען איז אין פערגלייך צום פערהעלטניס צווישען די גרויסע נאַציאָנען גופא וועניגער אייגעננוציג און דעריבער אויפריכטיגער. ווען דעריבער די אמעריקאנער יודענהייט זאָל אויפטרעטען אין אלגעמיין אידישע אנגעלעגענהייטען, וועט זי קיינער ניט חושד זיין, אז זי טרייבט דערביי פרעמדע פּאָליטיק אויפ'ן חשבון פון אידישען פאָלק. אמעריקא איז ניט פערבונדען — פּאָליטיש — ניט מיט מזרח אייראָפּא און ניט מיט דעם נאָהענטען מזרח, צוויי לענדער, וועלכע קומען אין ערשטער שורה אין בעטראכט, ווען מען רעדט מכח דער אידישער פראגע.

אלזא, זעהען מיר, אז די געשיכטע אליין האָט ארויסגערוקט דאָס אמעריקאנער יודענטהום אויף א זעהר וויכטיגען פּלאַץ און זי האָט איהם געגעבען אלע מעגליכקייטען צו שפּיעלען א בעדייטענדע ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון דער אידישער צוקונפט.

ווען זשע איז דאָס גערעדט, ווען דאָס אמעריקאנער יודענטהום זאָל אליין פערשטעהן זיין אייגענע קראפט און זאָל ראשית כל זיך אליין אָרגאניזירען אלס געאייניגטע און געשלאָסענע קראפט. ווען ניט — ווערען אלע מעלות, אויך די, וועלכע ליגען אין די אביעקטיווע אומשטענדען, צושטויבט און ווערען בטל ומבוטל. ווען ניט, האָבען מיר דאָ ווידער צו טהאָן מיט בעזונדערע אידיש-רוסיש-פּויליש-דייטשע גרופּען, וועלכע האָבען זיך צופעליג צוזאמענגעטראָפען אין איין גרויסער אכסניא. געסט אין א האָטעל בילדען ניט קיין משפחה, און פערשיעדענע אידישע גרופּען אין איין לאנד בילדען נאָך ניט קיין אידישע קערפּערשאפט.

צום אונגליק האָבען דאָס די פיהרער ניט פערשטאנען און האָבען אָנגעווענדעט זייער ענערגיע אין דער ענטגעגענגעזעצטער ריכטונג.

8 נאָוועמבער, 1915.

מיליטאַריזם פון דער לינקער זייט

די גאַנצע וועלט האַלט אין איין שרייען, אַז דער מיליטאַריזם קומט פון דייטשלאַנד, און כדי גובר צו זיין איהם, הויבט זי אַליין אָן ווערען שטאַרק מיליטאַריסטיש. איך וויים ניט ווי ווייט די בעהויפּטונג איז אמת. ווען מען זאָל אונטער מיליטאַריזם פערשטעהן ניט די אויסערע פאָרם: אינפאַנטעריע, אַרטילעריע און קאַוואַלעריע, נאָר דעם אינהאַלט: די אויסברייטונג פון דער אייגענער ממשלה און דעם אונגעזעטיגטען עראָבערונגס־אַפּעטיט, קאָנען זיך, אַזוי גלויב איך, אויך די אַנדערע אייראָפּעאישע פעלקער, אָהן עין הרע, ניט בעקלאָגען, זיי האָבען אויך אַ גאַנץ געזונטען אַפּעטיט און אַ גרויסען חשק צו אַלץ וואָס הויבט זיך אָן מיט אַן אלף. צום ביישפּיעל: אַ מדינה, אַ לאַנד, אַ פאָלק, אַ נאַציאָן.

נאָר אויב עס קאָן נאָר זיין אַ שטיקעל ספק וועגען דעם אורשפּרונג פון דעם אַלגעמיינעם מיליטאַריזם, קאָן מען גאַנץ קלאָר בעווייזען, אַז דער אידישער מיליטאַריזם שטאַמט דוקא פון מדינת אשכנז, און אַז פון דאָרט איז ער פערשלעפּט געוואָרען אויך נאָך די פעראייניגטע שטאַאַטען.

מען וועט זיך וואונדערען אפשר איבער דעם אויסדרוק „אידישער מיליטאַריזם“ — ער איז אָבער דאָ. מען וועט אפשר מיינען, אַז איך וויל דאָ שרייבען וועגען דעם אונגליקליכען געדאַנק פון די אידישע לעגיאָנען, וועגען די פּאָר גענעראַלען, וועלכע האָבען זיך פערקליבען מיט זייער גענעראַלשטאַב נאָך דער שענער, רוהיגער נייטראַלער שטאָדט קאָפּענהאַגען און וועגען די דורך די ענטפלאַמטע פאַנטאַזיע צוהיצטע יוגענד־קעפּ, וועלכע האָבען געפונען זייער פריהצייטיגען קבר אין פרעמדען גאַליפּאָלי. ניין, ניט מכח דיעזע ערשיינונג וויל איך איצט רעדען. זאָל פריהער אריבער די מלחמה און די שווערע גזרה פון נייטראַליטעט זאָל בטל ווערען,

דאן וועט מען קאָנען פּריער בעלייכטען דעם מ פּ י ל ־ ג ע ד א נ ק פון די לעגיאָנען. איצט וויל איך זיך אָבשטעלען אויף אַן אנדער ערשיינונג אין אונזער אידישען לעבען, פאר וועלכער איך האָב געזוכט א פּאסענדען נאָמען און אויסגעפונען, אז מען קאָן זי בעצייכענען מיט דעם אויסדרוק „אידישער מיליטאריזם".

דער אידישער מיליטאריזם איז א ריינער גלות־פּראָדוקט, און ווי יעדער גלות־פּראָדוקט געהט ער מיט'ן קאָפּ אראָב. דער אלגעמיינער מיליטאריזם איז געריכטעט, וואו ער איז דאָ, געגען פרעמדע פעלקער. דער אידישער מיליטאריזם איז געריכטעט געגען דאָס אידישע פאָלק גופא. דער אלגעמיינער מיליטאריזם איז „יונקעריש", דער אידישער איז „ט ה ע א ל אָ ג י ש". דער ערשטער קלינגט מיט'ן שווערד און ווארפט אַן א מורא מיט דעם שארפען שפּיז. דער צווייטער קלינגט מיט הילכיגע פראזען און וויל דערשרעקען דעם עולם מיט טומפּע, איבערזעצטע פסוקים. אין צוויי פונקטען זיינען זיי אָבער גלייך איינער צום אנדערען:ביידע זיינען שטארק אגרעסיוו און ביידע ווערען שטארק אונטערשטיצט פון די רייכע באנקירען.

ווען מען וויל שטארקער און רייכער מאכען די אייגענע נאַציאָן אויפ'ן חשבון פון אנדערע נאציאָנען, איז דאָס מיליטאריסטיש פון איין זייט. ווען מען וויל רייכער מאכען די אנדערע נאַציאָנען אויפ'ן חשבון פון דער אייגענער, איז דאָס אויך מיליטאַריסטיש נאָר פון אַן אנדער זייט — דאָס איז ל י נ ק ע ר אָדער א ו י ס ג ע ק ע ה ר ט ע ר מיליטאריזם.

אין גראף מינכהויזען'ס מעשות דערצעהלט דער העלד, ווי ער האָט בעגעגענט א וואָלף אין וועג. דער וואָלף האָט שוין געעפענט ברייט זיין מויל, פארטיג צום איינשלינגען זיין קרבן. פאלט אָבער דער העלד, — א העלד בלייבט א העלד אפילו אין קריטישע מאָמענטען, — אויף א המצאה. ער רוקט אריין זיין האנד טיעף דעם וואָלף אין מויל, פּאַקט איהם פון אינוויייניג פאר'ן עק און קעהרט אוים דעם גאנצען וואָלף אויף דער לינקער זייט. די צוהערער זייַנען געשפּאנט און פרעגען: נו, וואָס איז געוועזן דער סוף? ענט־

פערט זייער העלד: דער וואָלף האָט אָנגעהויבן צו בילן נאָך אינוועניג.

ווען ביי מינכהויזען בלייבט דער וואָלף אפילו אַן אויסגע־קעהרטער מיט'ן פעלץ נאָך אינוועניג — פאר וואָס זאָל מיליטאריזם ניט בלייבן מיליטאריזם אפילו ווען ער איז גערינכטעט געגען די אייגענע נאציאָן?

און גראָד אין זעלבען מאָמענט, ווען די גרעסטע נאציאָנען ווילען פערזיכערן זייער צוקונפט און פיהרען צוליעב דעם די בלוטיגסטע מלחמות, געפינען זיך אידען, וועלכע האָבען פאר זיך גראָד איצט קיין בעסערע אויפגאבע ניט, ווי פיהרען מלחמה אנקעגען די אידישע נאציאָן.

דאָס איז ניט מעהר אַן אנטי־ציוניסטישע מלחמה. דאָס איז ניט מעהר אַ קאמפף־ערקלעהרונג געגען ציון און ירושלים. עס איז אַ מלחמה געגען דעם אידישען פאָלקס־געדאַנק, געגען אלע די אידען בכלל, וועלכע זיינען נאָך איבערצייגט ביז היינטיגען טאָג, אַז זיי געהערען אויך צו אַ פאָלקס־געמיינשאפט, אַז זיי האָבען אַ שטאַם און אַ נאציאָנאלע אָבשטאמונג, וועלכע זיי קאָנען און ווילען ניט פערלייקענען.

ניטאָ קיין אידיש פאָלק. דאָס הייסט אַ נייער כל־נדרי: נדרנא לא נדרי, די שפּראַך איז קיין שפּראַך ניט, די ליטעראטור קיין ליטעראטור ניט, די קונסט קיין קונסט ניט און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער. עס איז מעהר ניט ווי אַ בלבול, וואָס די ציוניסטען און די נאציאָנאליסטען האָבען אויף זיך אליין אויסגעטראכט. עס איז דאָ מעהר ניט ווי די אידישע „רעלידזשאָן", וועלכע פערבינדט די אידען פון דער גאַנצער וועלט. די קאטוילישע קירכע פערבינדעט צום ביישפּיעל פראַנקרייך און עסטרייך, די אָרטאָדאָקסע קירכע פערבינדט רוסלאַנד און בולגאַריען און אז. וו., פונקט אזוי פערבינדט די אידישע „רעלידזשאָן" די אידען פון טעמפּעל עמנואל אין נויאָרק, צום ביישפּיעל, מיט די אידען פון ראמיילעס קלויז אין ווילנע.

צו וואָס ראמיילעס קלויז. אָט דאָ ניט לאַנג האָב איך אריינגעפיהרט איינעם פון מיינע פריינד, אַ גוים, אין איינעם פון די

שענסטע אידישע טעמפלען. איך האָב איהם ניט געזאָגט, וואָס פאר א טעמפעל דאָס איז. ער האָט אויסגעהערט אלע תפלות און די ענגלישע ליעדער. ביים ארויסגאנג פון טעמפעל האָט ער מיך געבעטען, איך זאָל איהם איצט פיהרען אין א אידישע שוהל. מיין פריינד איז ניט געווען פון ראמיילעם קלויז.

און ווי אגרעסיוו דער קאמפף ווערט געפיהרט. עכט מיליטאַ־ריסטיש. מען ריהרט אָן די דעליקאטסטע פראגע. מען שטעלט ארויס פאר דער גאנצער וועלט דעם אייגענעם פאטריאָטיזם און מען פער׳מסר׳ט פאר דער זעלבער וועלט אלע יענע אידען, וועלכע בעטראכטען זיך נאָך אלס קינדער פון זייער פאָלק. און אזוי ווי די צאָהל פון די, וועלכע לייקענען אָב די עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק, איז דאָך סוף כל סוף זעהר קליין, הייסט דאָס, אז מען פער־מסר׳ט כמעט דאָס גאנצע אידישע פאָלק.

אלץ לפי נוסח אשכנז. קיין איינציגעס נייעס וואָרט, קיין איינציגער חידוש. אן אלטער ארטיקעל, מיט דעם אלטען שטעמפעל „מייד אין דזשוירמעני“.

און גראד אין די לעצטע יאָהרען האָט דער קאמפף אפילו אין דייטשלאנד אויסגעזעהען מעהר ניט ווי לעבערליך. די אלטע האָבען זיך צוהיצט און געקעמפפט, און די אידישע יוגענד איז געגאנגען איהר אייגענעם וועג. זי האָט זיך גוט צוגעהערט צו דעם דופק פון דעם אלגעמיינעם רוישענדען און ברויזענדען לעבען און האָט זיך געשאפען א וועלט־אנשויאונג ניט פון קינסטליך צוזאמענגע־שטוקעוועטע האַלבע פסוקים. זי האָט פלייסיג שטודירט די וועלט־געשיכטע, די בעציהונגען צווישען פאָלק און פאָלק, צווישען הער־שער און בעהערשטען, צווישען בעל הבית און שכן און האָט ארויס־געצויגען פון איהר ערנסטען שטודיום די נויטיגע קאָנזעקווענצען.

און ווען עס איז געקומען צום פונקט פאטריאָטיזם, האָט די זעלבע יוגענד בעוויזען, ווי מען איז מקיים די מצוה פון פאט־ריאָטיזם ניט אין אָבגעדראָשענע דרשות, נאָר הלכה למעשה, אין ווירקליכען לעבען. די אידישע נאציאָנאַל בעוואוסטע יוגענד איז געשטאנען אין דער פייער־ליניע און א גרויסער טהייל פון איהר איז געפאלען אין די ערשטע שורות.

יעדער אונפערבלענדעטער דורך שנאה און צאָרן, יעדער קלאָר זעהענדער און קלאָר אורטהיילענדער מוז צוגעבען, אז ווען די אידישע יונענד אין אמעריקא וואָלט קומען צו אזא נסיון, וואָלט זי איהם בייגעשטאַנען נאָך אין א העכערער מדרגה, אויב א העכערע מדרגה איז נאָך מעגליך.

צום גליק ווערען אזעלכע וועלט־פראגען, ווי נאציאָנאליזם, ניט בעשלאָסען אין טעמפּלען איבערהויפּט, און לעבענס־אנשויאונגען ווערען ניט געשאפען אויף דער בערזע. צום גליק וויים אויך די וועלט, אז עס זיינען דאָ צווייערליי פּאטריאָטיזמען: איינער צוליעב וועלכען מען לעבט און איינער פון וועלכען מען לעבט. די גרויסע וועלט גלויבט אין דעם ערשטען און פערהאלט זיך צום צווייטען ווי צו א פייערווערק־פּאטריאָטיזם.

16 נאָוועמבער, 1915.

די אַנאַרכיע אין אונזער פאָלקס־לעבען

לעבען פון היינט אויף מאָרגען, ארבייטען נאָר פאר דעם נאָ־הענטען מאָמענט — דאָס איז דער ערשטער סימן פון פאָליטישער קורצזיכטיגקייט און אונבעהאָלפענקייט. דאָס איז די אַלטע, אין א שעה פון פערצווייפלונג ענטשטאַנענע פילאָזאָפיע, וועלכע האָט געפונען איהר אויסדרוק אין דעם בעקאַנטען שפּרוך: דיה לצרה בשעתה, דאָס הייסט: גענוג פאר דיר צו דאגה'ן, ווען די צרה איז שוין געקומען, דו ביסט אָבער ניט מחויב צו פערדאגה'ן די צוקונפט. דאָס הייסט: דאג'ע היינט פאר מאָרגען, פאר'ן איבערמאָרגען וועסט דו נאָך צייט האָבען צו דאגה'ן.

און אויב איינער וואָלט וועלען שרייבען אַן אָבהאַנדלונג וועגען דער גאַנצער שיטה פון דער אידישער פאָליטיק אין די לעצטע תקופות, וואָלט ער קיין בעסערע מאָטאָ ווי „דיה לצרה בשעתה" ניט געפונען. די אידען, די מאַסען, ווי די פערטרעטער, האָבען זיך אויסגעלערנט צו דאגה'ן, זיי האָבען אָבער פערלערענט פערדאגה'ן. זייער גאַנצע פּאָליטישע פערספּעקטיווע איז געווען אַ שפּאַן לאַנג און אַ טפח ברייט, און אַלע זייערע פּלענער האָבען זיך ניט געצויגען לענגער ווי וויט עס קאָן תופס זיין די צוקונפט דער קליינבירגער־ליכער דורכשניטס־מענש מיט זיינע קליינליך בירגערליכע דורכשניטס־השגות. די מאַסען האָבען געלעכצט נאָך רעטונג פון דער דריקענדער לאַגע, אין וועלכער זיי האָבען געהאַלטען ביים דער־שטיקט ווערען, און די פּערטרעטער האָבען ניט געהאַט קיין ברייטען און וויטען בליק, כדי ארומצונעהמען דעם גאַנצען מצב ווי אַן איינהייטליכעם פּראָבלעם. דאָס אידישע פּראָבלעם האָט זיך אָבגע־שפּיגעלט אין זייערע געדאַנקען ווי דאָס פּראָבלעם פון דעם איינ־צעלנעם אידען, געכפל'ט אויף אַזוי פיעל און אַזוי פיעל מיליאָנען. און ווי די געדאַנקען, אַזוי אויך די האַנדלונגען.

האָט מען צו טהאָן מיט דער צרה, ווען זי איז שוין אויסגעבראָכען, איז ניטאָ קיין צייט און אויך קיין מ ע ג ל י כ ק י י ט אויסצואר־בייטען א שטרענגען פלאַן, א בעשטימטעם פּראָגראם. די גזרה איז שוין דאָ, און אלעס וואָס מען קאָן טהאָן איז נאָר משתדל זיין זיך מבטל צו זיין אָדער אָבצושוואכען די גזרה. האָט מען געהאנדעלט נאָך דעם אלטען רעצעפּט: „ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רע הגזרה“. אין די לעצטע דורות, ווען תשובה און תפלה האָבען פערלאָרען זייער פּאָפּולאריטעט, איז געבליבען נאָר דאָס דריטע מיטעל: צדקה, דאָס הייסט די גאנצע אידישע פּאָליטישע שיטה האָט זיך פערוואנדעלט אין א צדקה־שיטה, דער פונדאמענט — רחמנות, און דער אויפבוי — פילאנטראָפּיע.

מען קאָן ניט בעהויפּטען, אז די ענטוויקלונג פון דעם א ר ו־מ י נ ע ן פּאָליטישען לעבען אין דער ציוויליזירטער וועלט האָט גאָר ניט געהאט קיין השפעה אויף די אידישע גרופּען אין די פערשיעדענע לענדער, — מיר רעדען דאָ פון די מעטהאָדען, פון דער שיטה, און ניט פון די רעזולטאטען, — די אידען האָבען ערגעץ ניט געלעבט גאנץ איזאָלירט, און ווי עס האָבען זיך ניט אָנגע־שטרענגט מאנכע רעגיערונגען צו האַלטען די אידישע בעפעלקערונג כמעט ווי איינגעשלאָסען, אָבגעזונדערט פון דער הערשענדער סביבה, האָט עס זיך זיי דאָך ניט געקאָנט איינגעבען. אפילו אין דער דונקעלער רוסישער מדינה האָבען אויך ג ע מ ו ז ט געמאכט יוערען הנחות פאר פערשיעדענע אידישע קאטעגאָריען, פאר די עקאָנאָמיש אָדער סאָציאַל־קולטורעל העכער שטעהענדע קלאסען. די רעאקציאָנערע רעגיערונג האָט זיי ג ע מ ו ז ט צולאָזען צו די העכערע בעשעפטיגונגס־מדרגות, און דורך זייער בעטהייליגונג אין אלגעמיינעם פּאָליטישען לעבען פון לאנד איז בעאיינפלוסט געוואָרען די גאנצע אידישע וועלט אין זינען פון פּאָליטישער ענט־וויקלונג און פאָרטשריט.

די אידישע פּאָליטישע ענטוויקלונג האָט זיך אָבער לעת עתה אָבגעשטעלט ביי דער ג ר ו פּ ע. זי איז אריבער פון רשות ה י ח י ד אין רשות ה ר ב י ם, אָבער פון פּ ר ט צום כ ל ל האָט זי זיך נאָך ניט ערהויבען. אונמיטעלבאר פון׳ם אידישען לע־

בען זיינען ארויסגעשפּראָצט פערשיעדענע אָרגאַניזאַציאָנען מיט א ברייטערען און ווייטערען פּראָגראַם ווי ביז אהער. דער איינצעל־נער האָט אָנגעהויבען בטל בששים ווערען, עס איז אויסגעארבייט געוואָרען אַ מעהר ענטוויקעלטע פּאָליטישע שיטה פאר די אָדער יענע געזעלשאַפטליכע אָדער עקאָנאָמישע גרופּע, עס פעהלט נאָך אָבער די אומפאַסענדע שיטה, וועלכע נעהמט ארום אַלע איינצעלנע גרופּען און נעהמט אריין אין איהר אינטערעסען־קרייז אַלע בעזונדערע אָרגאַניזאַציאָנען. עס פעהלט די פּאָלקסטהימליכע אָדער די נאַציאָנאַלע שיטה. דער איינצעלנער, ווען ער געהערט נאָר צו אַן אָרגאַניזירטער גרופּע, מוז זיך בויגען פאר דעם קאַטעגאָרישען אימפּעראַטיוו פון זיין גרופּע, ער מוז טראָגען אויף זיך דעם יאָך פון דער גרופּע, ווען ער וויל די פּאַרטייליכע, וואָס זי גיט איהם. מיר האָבען אָבער נאָך ניט די אָרגאַניזאַציאָן, פאר וועלכער די איינצעלנע אָרגאַניזירטע גרופּען זאָלען זיך בויגען.

דעריבער הערשט נאָך אין דיעזער הינזיכט אין אונזער פּאָלקס־לעבען פּאָלשטענדיגער כאַאָס, איידעל אויסגעדריקט, פּשוט הייסט עס אַנאַרכיע. דעריבער קאָן ביי אונז קומען יעדע איינצעלנע גרופּע און אויסנוצען איהר אָרגאַניזירטע קראַפט אפילו דאָרט וואו די פּאָלקס־אינטערעסען ליידען דערפון. דעריבער קאָן ביי אונז קומען יעדע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע איז געגרינדעט נאָר צוליעב דעם שוטץ פון קלאַסען־אינטערעסען אָדער צוליעב אנדערע, געשעפטליכע, אָדער געזעלשאַפטליכע, אָדער רעליגיעזע אינטערעסען, און וועלכע לייקענט גאַנץ אָפּט דעם אידיש־נאַציאָנאַלען פּרינציפּ, און וועלען צווינגען די געזאַמטע אידישע וועלט, אַז זי זאָל זיך פערהאַלטען צו די גרעסטע געשעהעניסען פון שטאַנדפּונקט פון גרופּען־אינטערעסען.

מיר האָבען שוין גרופּען מיט אַ גאַנץ ווייטען האָריזאָנט אין אַלע פראַגען, וואָס זיינען נוגע דער גרופּע אַלס אַזעלכער. אין אונזער פּאָלקס־פּאָליטיק זיינען מיר אָבער נאָך געבליבען ביי דער אַלטער שיטה פון קורצזיכטיגקייט און אונבעהאָלפענהייט און מיר פערלאָזען זיך אויף די אַלטע שתדלנות, ווען די צרה וועט אויס־ברעכען.

און אילוסטראציאָן.

דייטשלאַנד ווייס נאָך אַליין ניט, ווי די אייראָפּעאישע קאַרטע וועט אויסזעהן נאָך דער מלחמה. די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטען האַלטען אין איין שרייען, אַז דייטשלאַנד מוז אַלעס צונעהמען, וואָס זי האָט ביז איצט ערָאָבערט. דאַנעגען זיינען ארויסגעטראָטען, אין נאָמען פון יושר און פון דער דייטשער ווירדע אַזעלכע שטאַאַטסמענער און דענקער ווי דעלבריק, דערנבורג, אנקען, האַרנאַק און נאָך פיעלע, פיעלע אַנדערע פון די לייטענדע גייסטער אין דייטשלאַנד און וואַרנען די רעגיערונג, אַז זי זאָל זיך אָבזאָגען פון איבערשפּאַנטע ערוויטערונגס־פּלענער. די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען זיך אויסגעשפּראָכען געגען יעדען אַנעקסירונגס־געדאַנק אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער איינהייט. זיי ווילען ניט צולאָזען, אַז דייטשלאַנד זאָל פערוואַנדעלט ווערען פון אַ נאַציאָנאַל־שטאַאַט אין אַ נאַציאָנאַליטעטען־שטאַאַט. אַ מערקווירדיגע ערשיינונג, אויף וועלכער עס וועט נאָך אויסקומען אָבצושטעלען זיך.

אלזאָ, די פראַגע איז נאָך ווייט ניט געלעזט, און דאָך איז שוין געשאַפען געוואָרען אַ גאַנצע ליטעראַטור. אויפ'ן דייטשען ביכער־מאַרק צירקולירען שוין פערשיעדענע סאָציאַל־וויסענשאַפטליכע און נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אָבהאַנדלונגען מכח דער שליסונג פון די גרעניצען פאַר די אידישע בעפעלקערונג אין פאַל, ווען פוילען און אַ חלק פון ליטא זאָל בלייבען אין דייטשען רשות.

איך געה דאָ לעת עתה ניט אריין אין דעם תוך פון דער שאלה. ניט איין מאָל וועט נאָך אויסקומען רעדען וועגען דיעזע פראַגע, וועלכע ריהרט אָן דעם לעבענס נערוו פון מיליאָנען אידען. איך שטעל זיך נאָר אָב אויף דיעזער ערשיינונג, כדי צו אילוסטרירען, ווי עס ארבייטען פּאָליטיקער מיט אַ ווייטען בליק, אַלץ איינס — פּראָגרעסיווע אָדער רעאַקציאָנער. זיי זיינען זיך מכין פאַר אַ היסטאָרישען מאָרגען, זיי זאָגען, פון זייער שטאַנד־פונקט, „דיה לצרה בשעתה“.

ביי אונז — אונזערע אָרגאַניזירטע גרופּען, וועלכע האָבען מיט רעכט אָדער אונרעכט ארייגענומען אין זייערע הענד דעם

בעטריעב פון דער אידישער פּאָליטיק, האַלטען נאָך אין איין עקשנ'ען זיך, און טענה'ן אין זייער קורצזיכטיגקייט, אַז מיר האָבען נאָך ניט גענוג צייט, אַז עס איז נאָך ניט געקומען דער מאָמענט צו אָרגאַניזירען זיך אַלס אַ געשלאָסענע איינהייט.

לעבערליך און טרויעריג. מעהר, מעהר טרויעריג אַלס לע־בערליך.

און דער סוף וועט זיין, אַז אויך דיעזע אַלערוויכטיגסטע פראַגע פון גרעניץ־אָפּשפּאַרונג קאָן נאָך געלעזט ווערען דורך די השפּעה פון אַן איינצעלנע אידישע גרופּע, וועלכע וועט דערביי פערפאָלגען ניט די ברייטע און ווייטע פאָלקס־אינטערעסען, נור שמאָלע און ענגהערציגע גרופּען־אינטערעסען.

דאַן וועט די צרה וועט שוין זיין, וועלען קומען צולויפען אונ־זערע שתדלנים, זיי וועלען זיך בעמיהען מבטל צו זיין די גזרה.

עס וועט זיין צו שפּעט, רבותי.

11 דעצעמבער, 1915.

אידישע פּאַרטייען און אידישע שונאים

אין דער קאָנגרעס פראַגע איז ווידער איינגעטראָטען רוהע. איז דאָס מעהר ניט ווי אַ וואפּענשטילשטאַנד, ווייל די געגנער זיינען אַ ביסעל מיעד געוואָרען און זיי זאַמלען נייע כחות פאַר דעם נייעם קאַמפּף? אָדער איז דאָס די לאַנגזאַמע גסיסה פון נאָך אַ שעהנעם געדאַנק, וועלכער ווערט איצט שטילערהייד געטראָגען צו זיין אייביגער רוה?

מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז דער רעיון פון אַן אַלגעמיין אידישען קאָנגרעס, — פון אַן אינטערנאַציאָנאַלען, — איז אבסאָלוט ניט ניי, אַז שוין ניט איין מאָל זיינען געמאַכט געוואָרען אָנשטרענגונגען צו פערווירקליכען דיעזען געדאַנק, נאָר יעדעס מאָל האָבען זיך געפונען עהרווירדיגע חברה-קדישא לייט, וועלכע האָבען זיך עוסק געווען מיט זיין קבורה, און שטענדיג מיט ערפאָלג. און מען קאָן זאָגען, וואָס מען וויל — עס פיהלט זיך ביי אונז אַ דחק אויף שטאַאטסמענער, מיר זיינען ניט געבענשט מיט צו פיעל פעהיגע פיהרער, אָבער קברנים האָבען מיר די והותר. און אונזערע פּאָליטישע קברנים האָבען אַ לאַנגע טראַדיציאָן און פערשטעהען זייער מלאָכה אויף'ן שעהנסטען אופן. זיי האָבען אַן אויסגעאַרבייטעטע שיטה ווי ניט צו דערלאָזען, אַז יעדער פּלאַן, וועלכער שטעהט אין נעגענזאַץ צו זייער אידיש-פּאָליטישער וועלטאַנשויאונג, — זאָל בעקומען ריסוק אברים איידער ער ווערט אָנגענומען.

די שיטה פון די קברנים בעשטעהט הויפּטזעכליך אין פּאָלגענדען:

ערשטענס — נאָך דעם אַלטען כלל: טהיילען און רעגיערען. צווייטענס — ארויסלאָזען דעם דאַמפּף, און דריטענס — געווינען צייט.

די קונסט פון טהיילען און רעגיערען בעשטעהט אין דעם, וואָס

מען זוכט אויס א שוואכען פונקט פון א בעשטימטען פּלאַן, דאָס הייסט א פּונקט, וועלכער קאָן ארויסרופען שטרייטיגקייטען צווישען די פערשיעדענע פּארטייען, און מען שטעלט אידם ארויס, דעם פּונקט, גלייך ווי ער וואָלט געבילדעט דעם שווערפּונקט פון דער גאַנצער פראַגע. אויף דיעזען פּונקט טראָגט מען אריבער די וויכטיגקייט פון דעם פּלאַן און מען זוכט אויפצורייצען די פּאַר־טייליידענשאַפטען. דאָס איז א זעהר פיינע און פּסיכאָלאָגיש בע־גרינדעטע ספּעקולאַציאָן אויף די מענשליכע נאַטור, ווי ווייט זי שפּיעגעלט זיך אָב אין פּאַרטיי לעבען. עס איז א בעקאַנטע טהאַט־זאכע, אז וואָס נעהנטער די פּאָליטישע פּאַרטייען שטעהען איינע צו דער אַנדערער אין זייער פּראָגראַם און ציעל, אַלץ מעהר צייגען זיי ארויס געגענזייטיגע פיינדליכקייטען. זיי קריגען זיך איבער די איינצעלנע פּונקטען, וועלכע מאַכען אויס דעם אונטערשיעד צווישען זיי און פערגעסען די איינינגענדע פּונקטען.

מיר דאַרפען ניט געהן ווייט נאָך ביישפּיעלען. די בונדיסטען, למשל, האָבען ניט איין מאָל אַקצעפּטירט דעם אידיש נאַציאָנאַלען געדאַנק, דאָס הייסט זיי האָבען אַלס פּאַרטיי אָנגענומען דעם נאַ־ציאָנאַלען יסוד פאַר אַן אויסגאַנגס־פּונקט אין זייער גאַנצער טהע־טיגקייט. דערמיט האָבען זיי זיך צוגערוקט צום ציוניזם נעהנטער פון אַלע געוועזענע אידיש־סאָציאַליסטישע גרופּען. דערמיט האָבען זיי זיך אָבגעזאָגט איין מאָל פאַר אַלע מאָל פון אַלע אידיש־אַסי־מילאַטאָרישע גרופּען. און דאָך האָט מען זעהר ווייניג וואָס גע־מערקט פון דער בונדיסטישער מלחמה אנקעגען די אסימילאַטאָרען. אדרבא, אין פּאַקטישען לעבען געהען זיי גאַנץ אָפט, צו אָפט, מיט די אסימילאַטאָרישע גרופּען האַנד אין האַנד. דערפאַר צייגען זיי ארויס גרויסע גבורה אין זייער קאַמפּף אנקעגען דעם ציוניזם, זיי קעמפּפען מיט לייַדענשאַפט, מיט ביטערקייט און האָס.

נאָך נעהנטער האָבען זיך צוגערוקט צום ציוניזם די טעריטאָריאַ־ליסטען. אין דער נאַקעטער טהעאָריע בעשטעהט גאָר קיין אונטערשיעד צווישען זיי און די ציוניסטען. דער אונטערשיעד בע־שטעהט נאָר אין דעם, וואָס גאָט האָט זיי געהאָלפען און זיי ניט נעגעבען קיין טעריטאָריע, האַלטען זיי זיך פאַר גרויסע מיוחסים,

וואָרים כל זמן זיי האָבען ניט קיין בעשטימטע טעריטאָריע געהערט דאָך זיי די גאַנצע וועלט. דוכט זיך אין פלוג, אַז אויך זיי האָבען געמוזט אַנווענדען זייער הויפּט קראַפט צו בעקעמפּפען די אַסימי־לאַציאָן, די שטרעמונג, וועלכע גראָבט אונטער דעם פונדאַמענט פון זייער גאַנצען בנין. וואָס זעהען מיר אָבער אין דער פּראַקטיק? די טעריטאָריאַליסטען האַלטען אין איין מלחמה פיהרען אַנקעגען דעם ציוניזם. מיט די אַסימילאַטאָרען זיינען זיי דוקא זעהר פריינדליך.

צווייטענס — ארויסלאָזען דעם דאַמפּף.

די טאַקטיק פון ארויסלאָזען דעם דאַמפּף בעשטעהט אין פאָל־גענדען. עס ווערט פאָרגעשלאָגען אַ פּלאַן. ער ענטהאַלט אין זיך פיעלע פונקטען, וועלכע מען האָט געקאָנט אייגענטליך גלייך אָפּ־צעפּטירען אָהן שום וכוחים. דאָס טויג אָבער ניט, דער עולם מוז האָבען די געלעגענהייט אויסצוקאָכען זיך אַ ביסעל. טרעט מען אויף געגען דעם ג א נ צ ע ן פּלאַן. מען וועט נאָך צייט האָבען צו דינגען זיך. דערווייל קאָכט זיך דער עולם ביז ער ק אָ כ ט ז י ך א י ב ע ר. די געגנער פון דעם פּלאַן טהוען דאָס ניט מיט דער כונה צו ר י י צ ע ן דעם עולם, זייער כונה איז פיעל טיעפער. אויך די ענערגיע פון אַן עולם איז ניט אונבעשרענקט. און ווען אַ גרויסער טהייל פון דיזער ענערגיע ווערט פערברויכט אויף קאָכע־ניש, בלייבט ממילא ניט פיעל איבריג פאַר שאַפענדע ארבייט. עס נעהט פשוט אוים פּייער. מען ווערט מיעד און אָבגעמאַטערט.

דריטענס — געווינען צייט. דאָס איז אַ ריין ביוראָקראַטישעס מיטעל. מאַכען אַ נדחה׳לע, און גאָט וועט שוין העלפען.

די אַלע דריי מעטהאָדען, פון טהיילען און רעגיערען, פון ארויס־לאָזען דעם דאַמפּף און פון געווינען צייט, זיינען אָנגעווענדעט גע־וואָרען אין דער קאָנגרעס פראַגע. און ווער ווייס? עס קאָן זיין, אַז די געגנער פון דער קאָנגרעס־אידעע וועט זיך אויך איצט איינ־געבען מבטל צו זיין דעם גאַנצען פּלאַן. און עס וועט זיי זיך געוויס איינגעבען, ווען די איינצעלנע אידישע פּאַרטייען, וועלכע זיינען איינפערשטאַנדען מיט דעם גרונד־געדאַנק פון אַ אידישען קאָנגרעס, וועלען, אנשטאַט צו פעראייניגען זיך אויף דער באַזיס פון דעם גרונד־געדאַנק און אָנפיהרען די אַטאַקע אַנקעגען דעם פּ ר י נ צ י־

פ י ע ל ע ן שונא, זיך אויך ווייטער פערנעהמען מיט קליינע צאנ־קערייען און קליינליכע סכסוכים וועגען די פּרטים.

מיר שיינט, אז די אידיש־פּאָליטישע שטעלונג פון די אידען אין פּוילען, וועלכע ווערט איצט ניי געשאַפען, האָט געדאַרפט עפענען די אויגען אַלע אידישע נאַציאָנאַל־געזינטע פּאַרטייען און פער־אנלאַסען זיי, אז זיי זאָלען זיך ערנסטער פערהאַלטען צו די פאָדע־רונגען פון איצטיגען מאָמענט.

אין פּוילען האָבען די אידען צוגעבראַכט די לעצטע דורות צווישען דעם רוסישען האַמער און דעם פּוילישען קלאָטץ. איצט ווערט איבערגעביטען דער האַמער, דער קלאָטץ בלייבט. און ווען די אידישע בעפעלקערונג: ציוניסטען, טעריטאָריאַליסטען און בונ־דיסטען, זוכען אויפצוקלעהרען די נייע רעגיערונג און פערלאַנגען פון איהר, אז זי זאָל זיך צוהערען צו די פאָדערונגען פון די אידישע מאַסען און זאָל ניט שאַפען פאר זיי א נייע אונערטרעגליכע לאַגע פון דעם שעיר לעזאזל צווישען דעם נייעם הערשער און דער היימי־שער בעפעלקערונג, קומען די אָרגאַניזירטע א ס י מ י ל א ט אָ ־ ר ע ן און ערקלעהרען דער רעגיערונג פון זייער זייט, אז זי זאָל זיך ניט צוהערען צו די בקשות פון די ציוניסטען... די אידען ווילען גאָר ניט האָבען קיין אייגענע שולע, זיי האָבען לאַנג מוחל געווען אויף זייער אייגענע שפּראַכע און אז. וו., נאָך דעם אַלטען נוסח פון די פיהרער־פערפיהרער.

דאָס איז מעהר ניט ווי די התחלה אויף דעם וועג פון דער אי־דישער בעפרייאונג אין מזרח אייראָפּאַ. און ווען די אידישע פאָלקס־כחות זאָלען אויך איצט בלייבען אונאָרגאַניזירט, וועלען מיר זוכה זיין צו א צווייטער, פערמעהרטער, אָבער פערשלעכטערטער אויפלאַגע פון אונזער עמאַנציפּאַציאָן.

זאָל די לאַגע אין פּוילען און די נייע פערברעכערישע האַנד־לונג פון די אידישע אסימילאַטאָרען דינען אַלס ווארנונג פאר אַלע אידישע פּאַרטייען, וועלכע מיינען עס ערנסט מיט אונזער נאַציאָ־נאַלער ענטוויקלונג. זאָל זי אויך דינען אַלס ווארנונג אין דער קאָנגרעס־פראַגע און זאָלען שוין אויפהערען אויף א ווײַלע לכל הפחות די אידישע נאַציאָנאַליסטען, צו בעשעפטיגען זיך מיט זייערע

פארטיי חשבונות. הינטער דעם אידישען פאָלק און אויך אין זיין איינענער מיטע לויערט דער אַלגעמיינער שונא, דער פּ ר י נ צ י־ פּ י ע ל ע ר געגנער פון יעדעם אידישען אויפלעבונגס־געדאנק, אין וועלכער פאָרם ער זאָל זיך ניט אויסגיעסען.

17 דעצעמבער, 1915.

מלוכה, מדינה, פאָלק און נאַציאָן

די מלחמה וועט דורך איהרע ערנסטע רעזולטאַטען צווינגען די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט אומצולערנען אין פיעלע היגזיכטען די אַלטע תורה מכח מלוכה, מדינה, פאָלק און נאַציאָן. פיעלע הנחות, וועלכע זיינען ביז איצט בעטראַכט געוואָרען אַלס אמת'ע און האָבען געבילדעט דעם פונדאַמענט פון די אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען, וועלען מוזען פערוואָרפען ווערען, און פיעלע נייע אמת'ען וועלען פערנעהמען דעם פּלאַץ פון די אַלטע. אויך די צוזאַמענגעזעצטע מדינות, די נאַציאָנאַליטעטען־שטאַאַטען, וועלען מוזען רעווידירען זייער אַלטע רעגיערונגס־שיטות און שאַפען נייע כללים, כדי צו רעגולירען דאָס פערהעלטניס צווישען די פערשיעדענע פעלקערשאַפטען. דער נאַציאָנאַלער פּרינציפּ, וועלכער איז געטראָטען געוואָרען מיט די פיס פון פיעלע הערשער, וועט נאָך דער מלחמה מוזען פערנעהמען אַ בכבוד'יגען פּלאַץ, דעם פּלאַץ פון אַ ווינקעלשטיין אין דעם צוקינפטיגען פעלקער בנין. די הערשער און אפילו די זיעגער וועלען מוזען איינגעהן אויף הנחות. די מלחמה האָט זיי צו קלאָר בעוויעזען דעם אונטערשיעד צווישען אַ פריינדליך אָדער פיינדליך געשטימטע בעפעלקערונג, דעם ווערט פון סימפּאַטיע און אַנטיפּאַטיע, ווען עס ברעכט אויס אַ וועלט־קאָנפליקט.

דערווייל אָבער, איידער די מלחמה האָט זיך געענדיגט און איידער עס האָבען זיך אויסקריסטאַליזירט די צוקינפטיגע בעציהונגס־יסודות פון מדינה צו מדינה און פון פאָלק צו פאָלק, האָט זיך איבער דער גאַנצער וועלט פערברייט דער אונשעהנער, אונהומאַנער און רעאַקציאָנערער שאָוויניזם, וועלכער ווערט אויסגענוצט פון די געגנער פון נאַציאָנאַלען געדאַנק אַלס בעוויז, אַז דער נאַציאָנאַליזם ברענגט מיט זיך האַס און פיינדשאַפט, וועלכער איז

אבער אין דער ווירקליכקייט נים מעהר ווי די ע נ ט א ר ט ו נ ג פון דעם ריינעם, געזונדען, פּרינציפּיעלען נאַציאָנאַליזם.

און אין נאָמען פון דיעזען שאָוויניזם קומען די הערשער אָדער די הערשענדע גרופּען און פּאַדערען, אַז די שוואַכערע נאַציאָנאַלע גרופּען זאָלען זיך אָבזאָגען פון זייער „איך" און זיך פערשמעלצען. און אונטער „זיך פערשמעלצען" פערשטעהען זיי ניט אַן אויס־מישונג פון פערשיעדענע עלעמענטען צו אַ נ י י ע ר איינהייט. ניין, אונטער „זיך פערשמעלצען" פערשטעהען זיי פּשוט די ג ייס־טיגע אונטערדריקונג פון די פּאָליטיש שוואַכערע גרו־פּען צוליעב די שטאַרקערע. זיי ווילען ניט, אַז עס זאָל פּאָר־קומען אַ שותפות׳דיגער פּראָצעס פון געגענזייטיגע קאָמפּראָמיסען. ניין, זיך בעטראַכטען זיי אַלס אַ פּאַרטיגען מוסטער: כזה ראה וקדש. זיי זיינען די מענצער, די אַנדערע זאָלען נאַכטאַנצען, זיי זיינען די פּאָלקאָמענהייט, זיי ברויכען זיך ניט מעהר צו ענ־דערן, די אַנדערע זיינען מחויב נאָכצוקוקען און נאָכצומאַכען.

פון דיעזער פּאָדערונג מוז ארויסקומען אַן ערנסטער קאָנ־פליקט, ניט נאָר צוליעב דעם אונ־יושר, וואָס זי ענטהאַלט אין זיך, נאָר צוליעב דער אוממעגליכקייט פון איהר פער־ווירקליכונג פון שטאַנדפּונקט פון דער נאַטירליכער היסטאָרישער ענטוויקלונג. די איינצעלנע דורות זיינען לחלוטין ניט סאָווערען, דאָס הייסט זיי האָבען ניט די שליטה צו בעשטימען זייער אייגענעם פּרצוף, ווייל יעדער דור איז אַ געגעבענער היסטאָ־רישער פּראָדוקט. יעדער דור האָט זיינע עלטערן, און ער ווערט געבאָרען מיט אַ פּאַרטיגער ירושה, ער איז ניט זעלבסט־שטענדיג, ער איז מעהר ניט ווי אַ פּאָרטזעצונג. ער קומט אויף דער וועלט מיט אַ פּאַרטיגער פיזיאָגנאָמיע און כאַראַקטער. און ווי דער דור זאָל ניט זיין פריי אין דער שאַפונג פון זיין צוקונפט, איז ער אָבער געבונדען מיט אַ פערגאַנגענהייט, וועלכע קאָן ניט מעהר געענדערט ווערן. ווען מיר זאָלען אָבער האָבען די מעגליכקייט צו אַנאַליזירען די איינצעלנע דורות, וועלען מיר אויסגעפינען, אַז די פערגאַנגענהייט לעבט אין יעדען דור פיעל שטאַרקער ווי די צוקונפט. דער מענש אין אַלגעמיינעם בעשטעהט פון ניין חלקים

פערגאַנגענהייט און איין חלק צוקונפט. זיין „איך" קאָן ער אי־בערגעבען אונמיטעלבאַר נאָר איין דור, אין זיך אָבער טראָגט ער דעם סך הכל פון דעם פיעל דורות'דיגען איך.

דעריבער, ווען מיר זאָלען שוין זאָגאר אָננעהמען, אַז די אַסי־מילאַציאָן איז מ ע ג ל י ך און ווען מיר זאָלען ניט אריינגעהן אין איהר ריין עטהישען ווערטה — אויך דאַן קאָנען מיר נאָר רע־דען פון אַן אסימילאַציאָן אין דער צוקונפט. קיין מאָל אין לעבען קאָן אָבער ניט שטאַטפינדען אַן אַסימילאַציאָן מיט ר י ק ו ו י ר ־ק ע נ ד ע ר ק ר א פ ט. מיר קאָנען מקריב זיין די קינדער, מיר קאָנען אָבער ניט אומענדערען אונזערע זיידעס. מיר קאָנען רע־פאָרמירען אונזערע טעמפלען אָבער ניט דעם אַלטען בית־עולם. דערפון איז געדרונגען, אַז די אַסימילאַציאָן, ווען זי איז איבער־הויפט מעגליך, קאָן ניט פערווירקליכט ווערען שנעל, און עס איז מעהר ניט ווי נאאיוו, ווען מען גלויבט, אַז זי העננט אָב נור פון אונזער גוטען ווילען. זי מוז מבטל זיין דעם איינפלוס פון אונ־צעהליגע דורות, זי מוז שטיקלעכווייז אָברייסען חלקים פון אַ בע־שטימטען „איך" און פערביינטען זיי מיט אַנדערע חלקים, און דאָס מוז לאַנג דויערען, בפרט נאָך ווען מען האָט צו טהאָן מיט אַן „איך", וועלכער האָט הינטער זיך אַ לאַנגע מסורה.

די וואָס טרעטען אָבער אויף מיט דער שאָוויניסטישער פאָ־דערונג, אַז די פּאָליטיש שוואַכערע גרופען זאָלען זיך אונטערגעבען, זיינען ניט צופריעדען מיט אַ הבטחה צו אַסימילירען זיך אין דער צוקונפט. זיי פערלאַנגען, אַז די שוואַכערע גרופען זאָלען א ו י ס מ ע ק ע ן זייער אייגענע פערגאַנגענהייט, זיי זאָלען זיך בעטראַכטען ו ו י נ י י ־ ג ע ב אָ ר ע נ ע, אָדער נאָך מעהר — זיי זאָלען אָננעהמען אַ פרעמדע פערגאַנגענהייט, די פערגאַנגענ־הייט פון דער הערשענדער גרופע. מיט אַנדערע ווערטער — זיי זאָלען זיך אַליין פערלייקענען, אָבזאָגען זיך פון זיך אַליין. זיי טרע־טען אויף מיט אַזאַ פאָדערונג, ווייל זיי ווייסען, אַז כל זמן די פער־גאַנגענהייט איז ניט א ו י ס ג ע ר י ס ע ן מ י ט ד י ו ו אָ ר צ ל ע ן וועט זי שטענדיג שטערען ביי דעם אַסימילירונגס־פּראָצעס.

שטעלען אזא פאָדערונג בעדייטעט פערלאַנגען עטוואָס, וואָס געהט אנקעגען די געזעצען פון יעדער נאַטירליכער ענטוויקלונג, און דעריבער איז זי פון היסטאָרישען שטאַנדפּונקט מעהר ניט ווי לעכערליך. זי טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון א פּאָליציי־ליכער פעראָרדנונג און אלע סימנים פון א דונקעלער רעאַקציאָן. די רוסישע רעגיערונג האָט געקאָנט שטעלען אזעלכע פאָדערונגען, אָבער ניט א פערנינפטיגע און פאָרטגעשריטענע רעגירונג. ווען דער רוסישער פּאָליציימאַן האָט בעקומען א בעפעהל, פונאַנדערצוטרייבען דאָס פּובליקום, פלעגט ער זעהר אָפט בעפאַלען אויף דעם איינ־צעל שפּאַציערענדען און שרייען אויף איהם מיט כעס, ער זאָל זיך פ ו נ א נ ד ע ר ג ע ה ן. פאר דעם רוסישען פּאָליציימאַן איז ניט געווען קיין תירוץ, אז אליין מיט זיך קאָן מען זיך ניט פונאַנדער־געהן.

אָבער אויסערדעם, וואָס אזא מין פאָדערונג איז ניט קלוג מחמת איהר אונדורכפיהרבארקייט, ענטהאַלט זי אין זיך אויך א געפעהר־ליכען מאָמענט: זי ערציהט דעם בירגער צו פאַלשקייט, זי צווינגט איהם צו זיין אונעהרליך, צו בעהאַלטען עטוואָס, וואָס געהערט צו זיין נאַטור. און צו בעריהמען זיך מיט עטוואָס, וואָס ער בעזיצט ניט. דאָס געזעלשאַפטליכע און פּאָליטישע לעבען ווערט דורכגע־דרונגען מיט א פאַלשער נאָטע, עס פיהלט זיך אומעטום עטוואָס געמאַכטעס, אונאויפריכטיגעס.

און צוליעב נאָך א טעם איז אזא פאָדערונג געפעהרליך. זי פערלאַנגט, אז מענשען זאָלען זיך אָבזאָגען פון זייער פערגאַנגענ־הייט צו גונסטען פון דער מדינה, וואו זיי לעבען איצט. צוגע־געבען, אז דאָס איז מעגליך און די מענשען האָבען זיך אָבגעזאָגט פון זייער פערגאַנגענהייט און האָבען צו איהר מעהר קיין שום שייכות ניט. די מדינה איז מיט זיי זעהר צופריעדען. די פער־העלטניסע קאָנען זיך אָבער דאָך ענדערן, און די מענשען, וועלכע לעבען היינט אין איין מדינה, קאָנען מיט דער צייט לעבען אין אן אַנדער מדינה. דאַן וועט די איצטיגע צוקונפט שוין אויך זיין א פערגאַנגענהייט, און בלייבענדיג טריי צו דער נייער מעטהאָדע, ווע־לען זיי מוזען אויסרייסען די נייע פערגאַנגענהייט צו גונסטען פון

דער נייער מדינה. אויף אזא אופן ווערט געמאכט א פרינציפּ פון א פּאָליטישער צ ו ל אָ ז ע נ ק י י ט, און די גאנצע מענשליכע טראַדיציאָן, אין העכסטען און עדעלסטען זינען פון וואָרט, ווערט בעטראַכט עפּעס ווי א מין מאָדע ארטיקעל, וואָס היינט בענוץ איך איהם און מאָרגען וואַרף איך איהם ארויס.

איך גלויב אָבער, אז דער גאנצער שאָוויניסטישער טומעל איז מעהר ניט ווי א מלחמה טומעל. אין דער מלחמה צייט האָבען זיך צומישט די רעיונות, דאָס מעגליכע מיט דעם אונמעגליכען, דאָס ריכטיגע מיט דעם פאלשען, דאָס עכטישע מיט דעם אונעכטישען.

עס וועט זיך אויסלייטערען דער פּאָליטישער האָריזאָנט, וועט אויך דער מענש אָנהויבען קלאָרער צו דענקען.

19 דעצעמבער, 1915.

די אַמאָליגע און היינטיגע אַסימילאַציע

צו וואָס די קאָנזעקווענטע אסימילאציאָן קאָן פיהרען, וואָס פאר א שטעלונג זי מוז אננעהמען, ווען זי וויל ניט בלייבען אונטריי זיך אליין, צו די וויכטיגסטע אידישע פראבלעמען, קאָן מען גראד איצט בעאבאכטען ביי דעם נייעסטען צוזאמענשטויס פון די איינצעלנע גרופּען־אינטערעסען מיט די גרויסע מאסען־אינטערעסען. און וויעדער איז דאס א צוזאמענשטויס צווישען מזרח און מערב. קיין אבסטראקטער אידעען־צוזאמענשטויס, וועלכער בעהערשט אונזער גאנצע ווירקליכקייט אין די לעצטע דרייסיג יאָהר, נאָר א פשוט'ער קאָנקרעטער צוזאמענשטויס צווישען די אינטערעסען פון א הייפּעלע אידען אין מערב אייראָפּאַ און פון די פּויליש־אידישע מאַסען.

איך רעד פון א הייפּעלע אידען, ווייל ווער עס קאָן נאָר די סאָציאלע סטרוקטור פון דער דייטשער יודענהייט, איהרע שטרעמונגען און בעציהונגען צו דער אַלגעמיינער אידישער פראגע, מוז מודה זיין, אז אפילו אין דייטשלאנד קאן מען ניט רעדען פון אן איינהייטליכער יודענהייט און פון א הערשענדער, דאמינירענדער שטרעמונג. דער אלטער דור, ווי ווייט ער איז ניט רעליגיעז־קאָנסערוואטיוו און איז דורך ט ר א ד י צ י א ן ניט געצוואונגען צו בעטראכטען זיך אלס חלק פון כל ישראל, געהערט ניט מעהר צו די אסימילאנטען, ער געהערט שוין צו די א ס י מ י ל י ר ט ע. דאס הייסט, ער האָט שוין דערגרייכט דעם העכסטען פונקט פון דעם אנפּאסונגס־פּראצעס, וועלכען ער האָט דורכגעמאכט אהן הפסקות אין לעצטען יאהרהונדערט. דער אלטער דור בעשטעהט שוין פון אידען אָהן פראגען. זייער וועג איז קלאר פאר זיי. זיי האָבען ניט מעהר צו ליידען פון ספקות און אינווענינגסטע מלחמות. זיי בעטראכטען זיך אלס בעפארצוגטע, אלס אידען, וואס האָבען געהאט דעם מזל אריינצודריגען אין די גרויסע, מעכטיגע, עקאָנאָמיש־פעסטע און קולטור רייך־

כע דייטשע משפחה. זיי פערדריסט נאָר וואס זייערע עלטער זיי־
דעם און זיידעס האָבען געהאט אַ צו ענגען האָריזאָנט און זיינען ניט
געווען גענוג ווייטזיכטיג צו פערשפּאָרען זייערע אוראייניקלעך די
איבעריגע טרחה פון אויסטענה'ן זיך מיט די שכנים וועגען זייער
ניט־אידישקייט. און פיעלע פון זיי, פון די פאָרשטעהער פון דעם
עלטערן דור, זוכען גוט צו מאכען דעם פעהלער פון זייערע זיידעס,
זיי זוכען צו פערבעסערען די ג ע ב ו ר ט ס־ע ו ל ה, ווי זיי רו־
פען דאס אָן. הונדערטע און אפשר טויזענדע פון עלטערען שמד'ן
אָב יאהר אויס יאהר איין זייערע קינדער גלייך ביי דער געבורט.
אדער שפּעטער, ווען די קינדער זיינען נאָך שטום מקיים די מצוה
פון כבוד אב ואם און פּראָטעסטירען ניט אפילו אנקעגען אַ צו קאל־
טע וואנע.

און ערך מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק האָט זיך אנגע־
הויבען אַ געהרונגס־פּראָצעס אויך אין דער דייטשער יודענהייט.
דורך די נאָך אנאנדער פאלגענדע גזרות אויף דער אידישער יוגענד
אין רוסלאנד, האָט זיך אריינגעגאסען כמעט מיט עלעמענטארער
קראַפט אַ מעכטיגער אידישער שטראָם פון מזרח אין מערב. די
דייטשע אוניווערזיטעטען און האָכשולען זיינען מיט אמאָל פער־
פלייצט געוואָרען פון טויזענדע אידישע תלמידים פון רוסלאנד און
פּוילען. צווישען די רוסיש־פּויליש־אידישע סטודענטען האָבען זיך
געפונען פיעלע מיט שטארקע נאַטורען און מיט אַן אויסגעשפּראָכע־
נער אידיש־נאַציאָנאלער וועלט־אנשויאונג. דער ציוניזם אלס פּאַר־
טיי־לאָזונג האָט נאָך ניט עקזיסטירט, דער נאָמען „חובבי ציון"
האָט עפּעס ניט אזוי שטארק געצויגען צו זיך די יוגענד. דאָך קאָן
מען בעהויפּטען, אז שוין אויך דענסטמאָל האָבען כמעט אלע אידי־
שע נאַציאָנאַליסטען מודה געווען אין דעם נאַציאָנאַליסטישען פּרינ־
ציפּ, און ווען מען האָט געַרעדט פון אַ לאנד, האָט מען דערונטער
פערשטאַנען אַ ב ע ש ט י מ ט ע ס לאנד.

אמת, דער פיעל גרעסערער טהייל פון די רוסיש־פּויליש אידי־
שע סטודענטען איז צו יענער צייט בעשטאַנען פון יונגע לייט, וועל־
כע האָבען געהאַלטען אין איין דערווייטערען זיך פון דער אידישער
וועלט מיט איהרע אינטערעסען און פּראָבלעמען, נאָר זיי האָבען

ניט געהאט קיין שום השפעה אויף דער פרעמדער סביבה, וואו זיי איז אויסגעקומען צו ווירקען. דאגעגען האבען די נאציאנאל גע־זינטע זיך בעמיהט מיט אלע כחות אריינצודרינגען אין די אידיש־דייטשע קרייזען און אריינצוטראגען אין זיי די אידעע פון דער אי־דישער פאלקס־אויפלעבונג. דער טעם איז פשוט. די ערשטע מא־כען דורך א צוברעקלונגס־פראצעס, די לעצטע זוכען פעראייניגונג. די ערשטע האבען ניט אנקעגען וואס צו פראטעסטירען, ווען זיי זע־העו, אז די אידיש־דייטשע סטודענטען האלטען זיך פון זיי ווייט און ווילען מיט זיי ניט קומען אין בעריהרונג. די לעצטע, אנהענגער פון דער אידישער איינהייט, האבען פון זייער ערשטער בעקאנט־שאפט אן מיט דער נייער סביבה געקוקט מיט בעדויערן און פרא־טעסטירענדע געפיהלען אויף די אונגאטירליכע פרעמדקייט, וועלכע זיי האבען געמערקט זייטענס דער אידיש־דייטשער סטודענטישער יוגענד. און מיט דעם גאנצען כח פון אינערליכער ענטריסטונג האבען זיי זיך א ווארף געטהאן מלחמה צו האלטען אנקעגען די איי־זערנע מחיצה, וואס טהיילט אב א אידען פון א אידען.

די מלחמה איז געווען זעהר א שווערע, און לאנג לאנג האט עס געדויערט ביז עס האט זיך איינגעגעבען דורכצוברעכען די אסי־מילאטארישע וואנד און געווינען איניגע נפשות פון „י ע נ ע ר ז י י ט". אבער דאס איז געשעהען, און פון יענער צייט אן הויבט זיך אן א ניי קאפיטעל אין דער ענטוויקלונגס־געשיכטע פון דער אי־דיש־דייטשער יוגענד. ניט דא איז דער ארט אבצושטעלען זיך אויף די פרטים פון דיעזער ענטוויקלונג. עס איז גענוג צו זאגען, אז ביי דעם אויסברוך פון דער מלחמה האט ד י י ט ש ל א נ ד געהאט די בעסטע, נאציאנאל־בעוואוסטעסטע, ווידערשטאנדס־פעהיגסטע אידישע יוגענד.

דער קאנטראסט צווישען דעם עלטערן דור און דעם יונגען האט זיך אלץ מעהר און מעהר פערמעהרט, דער אבגרונד צווישען זיי איז געווארען אלץ טיעפער און טיעפער, דער מיטעלערער דור, וועלכער איז געצויגען געווארען פון צוויי ענטגעגענגעזעצטע שטרעמונגען, האט זיך אויך אנגעהויבען שטארק צו ב ע ו ו ע ג ע ן. דער זיידע

און דער אייניקעל האָבען זיך אנגעהויבען ארומצושלאָגען װעגען דעם טאַטען. יעדער האָט איהם געריסען צו זיך.

און איך גלויב, אז דערזעלבער צושטאנד הערשט נאָך אויך איצט אין דער דייטשער יודענהייט. די מלחמה האָט דאָרט צו־שטערט די צאָהל פון די צדדים אבער ניט די פּראָפּאָרציאָן פון זייע־רע כחות. נאָך אלע ידיעות, װעלכע דערגרייכען אונז, קאָן מען זעהן, אז די דייטש־אידישע נאַציאָנאלע יוגענד איז נאָך איצט פעסט אָר־גאניזירט און העלפט, עס מוז געזאָגט װערען צו איהר כבוד, צו קעמפפען פאר די אינטערעסען פון דער אידישער אלגעמיינהייט קעגען װילען פון איהרע זיידעס און טאַטעס.

דאס שלימע דערבײַ איז נאָר, װאס די פיהרערשאפט געפינט זיך נאָך לעת עתה, — װי אומעדום, אין די לענדער פון דער אידי־שער עמאַנסיפּאציאָן, — אין די הענד פון די אסימילירטע זיידעס. און די אסימילירטע זיידעס האָט ביז איצט געהאָלפען ערשטענס די השגחה און צווייטענס די פּרייסישע רעגיערונג. די השגחה האָט זיי געהאָלפען, װאָס זי האָט פערטהיילט די אידען מיט גרוים גנאָד, — פון שטאַנדפּונקט פון דער אידיש־דייטשער אסימילאציאָן, — און געגעבען דייטשלאנד נאָר אַ קליינעם חלק פון אידישען פאָלק. די פּרייסישע רעגיערונג האָט דורך איהרע גזרות און גזרות לגזרות שטאַרק געזאָרגט, אז דער קליינער חלק זאָל חלילה ניט פער־גרעסערט װערען דורך אַ צושטראָם פון מזרח.

האָבען זיך די זיידעס אזוי געלעבט בשלום, אָהן שרעק און מורא פאר זייער און זייערע קינדערס צוקונפט. זיי האָבען געפיהרט אַ שטענדיגע ביטערע און ערביטערטע מלחמה אנקעגען די אידיש־נאַציאָנאלע שטרעמונג, װאָס קומט פון מזרח. זיי האָבען אבער גע־גלויבט, אז די השגחה װעט זיי אויך װייטער איינהיטען פון קאַ־טאַסטראָפען, זיי װעלען ניט האָבען צו טהאָן אלס אונמיטעלבאר פעראינטערעסירטע מיט די פּראָבלעמען פון די אידישע מאַסען. זיי האָבען בשום אופן ניט געקאָנט ערװאַרטען, אז דער מזרח אייראָפּאַ װעט זיך צורוקען צום מערב.

דאַ איז געקומען די מלחמה, און עס איז געשעהען דאס, װאס האָט געקאָנט געשעהן. ניט דער מזרח צום מערב האָט זיך גערוקט,

נאָר דער מערב האָט דערווייל איינגעשלונגען א שטיק מזרח, און אין דעם איינגעשלונגענעם שטיק זיינען פערכאפט געווארען אייניגע מי־ליאָן אידען...

און די אסימילירטע יודענהייט אין דייטשלאנד לעבט איצט דורך איינעם פון איהרע גרעסטע קאנפליקטען. אלס דייטשע פרע־העז זיי זיך איבער יעדען דייטשען נצחון, אלס אסימילירטע אידען אבער ציטערן זיי פשוט פאר די מזרח נצחונות, זיי ציטערען פיעל מעהר פאר די עכטע דייטשען. די עכטע דייטשען האָבען נאָר אפשר מורא פאר די נייע פרעמדע עלעמענטען, די אסימילירטע אידען אי זיי האָבען מורא, אי זיי שעמען זיך. און אין זייער בעשעמט־הייט האָבען זיי אליין פערלארען די חרפה און די בושה און אנגע־הויבען אזוי צו שילדערען און כאראקטעריזירען די מזרח־אידישע בעפעלקערונג, אז פיעלע אנטיסעמיטישע שרייבער מאָגען זיי מקנא זיין.

און מיר, מיר אלע, זיינען איצט עדות פון איינע פון די טרויע־ריגסטע ערשיינונגען פון אונזער גלות לעבען. קליינע, אונבעדייטענ־דע אידישע גרופען נוצען אוים די אונאָרגאניזירטהייט פון די אידישע מאסען און בעדעקט מיט אייביגער שאנדע נים נאָר זיך אליין, נאָר דעם אידישען נאָמען. אידישע געלעהרטע מיט דעם פראָ־פעסאָר־טיטעל, פיהרער פון געמיינדען און חברות מאכען אויפמערק־זאם זייער איינענע רעגיערונג אויף די סכנה, וואס שטעקט אין די מזרח־אידען, און בעטען ביי דער רעגיערונג רחמים, אז זי זאל זיי נים צולאָזען צו פרייער בעוועגונג, צו פרייער ענטוויקלונג.

קיינער האָט ניט געקאנט ערווארטען, אז די אסימילאציאן וועט ארויסטרעטען אזוי נאקעט, אפילו אָהן א פייגענבלאט צו בעדעקען די שאנדע.

10 מערץ, 1916.

נאָהענטע און ווייטע

דער שטרענג גלויביגער לעבט אין צוויי וועלטן. זיינע געדאַנ־קען בעוועגן זיך אין די צוויי גרויסע אידעען־קרייזען פון „עולם הזה" און „עולם הבא". צווישען דיביידע וועלטען איז אבער פאַר דעם גלויביגען ניטאָ קיין מחיצה, זיי זיינען ניט סותר איינע די אנדערע. די וועלט איז פאַר איהם מעהר ניט ווי א „פּרוזדור", א פאָרהאַלע פון דעם וואונדערבאַרען, פון דעם אבגלאַנץ פון דער שכינה אליין בעלייכטעטען „טרקלין" — דער פּאלאַץ, וואו די פרומע לעבען און געניסען די אייביגקייט נאָכדעם ווי זיי געהען דורך דעם פּרוזדור. די אייביגקייט איז לאַנג. זי ציהט זיך פון „פאַר'ן אָנפאַנג" און געהט ביז „נאָכ'ן סוף", און דאָ, אויף דער וועלט, ווערען געמאַכט נאָר די הכנות, כדי אויפגענומען און איינגעשלונ־גען צו ווערען אין איהר אונענדליכען שטראָם. דאס זיינען ניט צוויי בעזונדערע וועלטען מיט בעזונדערע לויפענדע ערשיינונגען, וועלכע פיהרען צום מיט־זיך־צווייפעל־ברענגענדען דואליזם אָדער פּאַראַלעליזם, דאס איז די האַרמאָנישע פערשמעלצונג פון דעם חלק מיט דעם גאַנצען, דאס אויפגעהן פון דעם מאָמענטאַנען אין דער אייביגקייט.

און עס איז אבסאָלוט פאַלש, ווען מען דענקט, אז דיעזער גלויבען אין צוויי וועלטען, נאָכמעהר — דיעזעס לעבען אין צוויי וועלטען כאַראַקטעריזירט נאָר די רעליגיעזע זייט פון דער מענשלי־כער נשמה, גענומען אין וואָכעדיגען זין פון דעם בעגריף „רע־ליגיאָן". דער „עולם הבא" געדאַנק איז די טרייבענדע קראַפט. פיעל מעהר — די איינציגע טרייבענדע קראַפט פון דעם פיעלזייטיגען מענשליכען שאַפען אויף אלע געביטען, וואו דער אייביגער גייסט אָדער דער גייסט פון דער אייביגקייט ענטפּלעקט זיך אין די ווערק פון די מענשען. נעהמען מיר די עכטע קונסט־

ווערק, זאָל עס זיין א בילד, א סטאַטוע, א געדיכט אדער א מעלאָדיע, געפינען מיר אין זיי נאָר אויף אזוי פיל קונסט, אויף ווי פיל זיי טראָגן אין זיך די אידעע פון דער אייביגקייט, אויף ווי פיל עס שפיגעלט זיך אין זיי אָב דאס צייטליכע ניט אלס עטוואס בעגרענצטעס, נאָר אלס עלעמענט פון דער אונענדליכקייט. דער אמת'ער קינסטלער, ווי דער אמת'ער גלויביגער, קאן זיך ניט בענוגענען מיט דעם צייטליכען, פאראיבערגעהענדען, פערגענגליכען און צום סוף פערשווינדענדען. דער איינצעלנער מאָמענט, ארויסגעריסען פון זיין צוזאמענהאנג, ווי שטארק ער זאָל ניט זיין, קאָן נאָר רייצען אויף א ווײלע. איהם צו בעפעסטיגען, דעם איינצעלנעם מאָמענט — דאס קאָן אויך דער ט ע כ נ י ק ע ר. ער, דער קינסטלער, האָט גרעסערע אמביציאנען. ער טראגט אין הארצען א גרעסערען פערלאנג. ער ציעלט זיך צו „השארת הנפש". צוערשט פאר זיין ווערק און ערשט דורך זיין ווערק פאר זיך אליין. זיין וועלט איז די נשמות־וועלט, אדער די נשמה פון דער וועלט. זיין גאָט איז אונענדליך אין זיין ערהאבענהייט, און ער דיענט איהם מיט ליעבע און פרייד, מיט בעגייסטערונג און היינגעבונג, אבער „ניט ווי דער קנעכט, וואס דיענט זיין הערן, כדי צו בעקומען בעצאָהלט". און בשעת ער דיענט זיין גאָט, שאפט ער, און עטוואס פון דעם אייביגען בלייבט רוהען אויף זיין ווערק.

א פאָלק, אין זיין געזאמטהייט, איז ש ט ע נ ד י ג גלויביג. א פאָלק, אין זיין געזאמטהייט, בענוגענט זיך קיין מאָל ניט מיט „עולם הזה" אליין. שוין דער בעגריף „פאָלק" ענטהאלט אין זיך עטוואָס היילִיגעס. עס שטאמט פון דער אייביגקייט, וועלכע גליעדערט אָן א דור צו א דור און א תקופה צו א תקופה, און א פאָלק, וואָס הערט אויף צו שאפען פאר זיין א י י ג ע נ ע צוקונפט, פאר די קומענדע דורות, פערלייקענט זיך אליין. א פאלק — דאס איז דאס העכסטע קונסט ווערק פון דעם היסטאָרישען פראצעס, אין דער זעלבער צייט אבער איז דאס פאָלק דער גרעסטער קינסטלער און געשטאלטער פון דער מענשליכער ענטוויקלונג. כל זמן די איינצעלנע זיינען געווען נאָר איינצעלנע האָבען זיי געלעבט אין דעם צייטליכען, און זייער שאפען און ווירקען האָט זיך אויסגעלעבט אין

און אויסגעשעפּט מיט דעם מאָמענט. דער איינצעלנער איז גע־ווען צו בענגרענצט און צו שוואך תופס צו זיין די עביגקייט. ערשט דאס פאָלק, ווי קליין עס איז ניט געווען אין אנפאנג, האָט געמאכט דעם ערשטען שפּרונג פון טעכניק צו קונסט, פון ערדישען צום הימ־לישען, פון עולם הזה צו עולם הבא. ערשט דאָס פאָלק האָט אָנ:ע־הויבען בליקען ווייט אין די צוקונפט, „ביז צום סוף פון די דורות" און אריינדרינגען הינטערן פאָרהאנג, אין דעם סוד פון דער אייביג־קייט.

און ווען א פאלק הויבט אָן אויפצוגעהן אין די דאגות פאר'ן „היינט" און קימערט זיך ווייניג פאר דעם „מאָרגען" — איז דאס דער ערשטער סימן פון א גייסטיגער ירידה. פעלקער, וועלכע פער־ליערען דעם גלויבען אין די אייגענע צוקונפט, האָבען זיך אליין פערלאָרען. דיעזע שאפענדע קראפט ווערט שוואך און זיי אליין הויבען אָן צו זינקען און אונטערצוגעהן, ביז זיי פערשווינדען אין גאנצען פון האָריזאָנט. אזוי לערנען מיר אָפּט אין דער געשיכטע פון פערשוואונדענע פעלקער. אין אמת'ן אבער איז עס פער־קעהרט: ווען א פאָלק ווערט שוואך און מיעד און האָט ניט מעהר קיין כח צו שאפען, פערליערט עס דעם גלויבען אין די אייגענע צו־קונפט. די אינערע שוואכקייט איז די סבה און דער פערלאָרענער גלויבען איז דער סימן.

דאס פאלק אומפאסט אלע איינצעלנע, אבער ניט אלע איינ־צעלנע פערנעהמען דעם זעלבען פלאץ אין פאָלק. עס זיינען דאָ נ אָ ה ע נ ט ע און ו ו י י ט ע. די נאָהענטע — דאס זיינען די, וועלכע ציעהען נאָך יניקה פון שרש און פיהלען און עמפּפינדען, אז אָהן זייער פאָלקסטהום וואלטען זיי געווען ארימע בעטלער. ניטאָ וועמען צו ליעבען און פון וועמען געליעבט צו ווערען. די ווייטע — זיי זיינען שוין לאנג אוועק צו פרעמדע און לעבען זעעליש אין שכנות. אלץ געבאָרגט, פון דער שפּראכע ביז צום געשמאק, פון דעם געדאנק ביז צום מנהג. זיינען זיי ביסלעכווייז אבגעשטאָר־בען פאר זייער פאלק. קיינער האָט זיך אבער אויף זיי ניט מרחם געווען, קיינער האָט זיי ניט אראָפּטירט. געהען זיי ארום ווי לע־בעדיגע מתים און געפינען ניט קיין תיקון.

ראנגלען זיך די נאָהענטע און די ווייטע. רופען די נאָהענטע צו „חיי עולם", לאַדען איין די ווייטע צו „חיי שעה". זאגען די נאָהענטע: דאס פאָלק וויל לעבען, פערהעלפט איהם צו פרייהייט. ענטפערען די ווייטע: ניטאָ קיין האָפנונג, רופט חברה־קדישא. און עס ענטשטעהט א קאמפף, א העפטיגער, א ביטערער.

ווער וועט זיעגען, וועלכער צד וועט מנצח זיין? איין תשובה קאָן נאָר זיין. די ווייטערע קאָנען ניט זיעגען. זיי קאָנען ניט צושטערען דאס, וואס דאס לעבען האָט ניט צושטערט ביז איצט. זייער קראפט איז די קראפט פון פערניינונג, זייער ווילען איז א נעגאטיווער, זייער גייסט איז א צושטערענדער. עס וועט זיעגען די בעיאָהענדע קראפט, דער פאזיטיווער ווילען. דער אויפבויענדער גייסט.

14 אפריל, 1916.

די צוריקוואַנדערונג פון דעם יודענטהום

דאָס האָבען נאָר געגנער אויסגעטראכט, אז די ציוניסטישע אָרגאניזאציאָן אלס אזעלכע פערהאלט זיך פיינדליך צו דער אידישער שפּראך און צו איהר ליטעראטור. מיט דער אונגעלומפּערטער בעשולדיגונג וויל מען בעווייזען, ווי ווייט אונפאָלקסטימליך די ציוניסטישע בעוועגונג איז, ווי ווייט זי קימערט זיך ניט פאר די אינטערעסען פון די גרויסע פאלקס־מאסען, ווי ווייט זי פערטרעט נאָר בעשטימטע גרופּען אין יודענטהום. די בעשולדיגונג איז אבער פאלש און גרונדלאָז. די ציוניסטישע אָרגאניזאציאָן האָט פאר די צוואנציג יאהר פון איהר עקזיסטענץ קיין איינציגעס מאָל ניט גענומען קיין שטעלונג צו דער אינערער שפּראכען־פראגע, וועלכע איז אויפּגעבוישט געווארען ביי אונז אויף א קינסטליכען אופן. זי האָט קיין מאָל ניט פּוגע געווען איהר כבוד און זי האָט זיך פערהאלטען תמיד מיט רעספּעקט און פרייד, ווען עס האָבען זיך געמעלדעט נייע טאַלאנטען אויף דעם געביעט פון דער אידישער ליטעראטור. ניט נאר די צענטראלע ציוניסטישע ארגאניזאציאן, נאָר אויך די איינצעלנע לאנדס־ארגאניזאציאנען און פעדעראציאנען האָבען קיין מאָל ניט געפּאסט וואס עס איז פאר א בעשלוס, וועלכער וואָלט געקאָנט אין וועלכער עס איז הינזיכט בעטראכט ווערען אלס בעליידיגענדער פאר די אידישע שפּראך און ליטעראטור. דאך מוז צוגעגעבען ווערען, אז די ציוניסטישע ארגאניזאציאן האָט זיך ביז אין דער גאנץ לעצטער צייט ניט פערהאלטען מיט דעם נויטיגען ערנסט צו דער אידישער שפּראך, אלס וויכטיגער און פיעל בעדייטענדער פאקטאָר אין אונזער לעבען. מען האָט ניט אויסגענוצט גענוג די אידישע פּרעסע אלס מיטעל צו פערברייטען די נאציאָנאלע אידעע צווישען די ברייטע פאָלקס־מאסען. אויף דיעזען געביעט האָט מען געקאָנט לייסטען ניט אין אן ערך מעהר, ווי עס איז געלייסטעט געווארען.

עס איז אבער גאנץ נאטירליך, אז די האלטונג פון דער ציוניס־טישער וועלט־ארגאניזאציאן צו דער העברעאישער שפראך און צו דער גאנצער העברעאישער קולטור, צו דער אלטער ווי צו דער נייער, איז געווען, האט געמוזט זיין א פיעל פאזיטיווערע. דער ציוניזם איז דער העכסטער אויסדרוק פון דעם אידישען דראנג נאך דעם אריענט, פון דעם היסטארישען ווילען צו שאפען פאר זיך א סביבה און בעדינגונגען, וואו דער אידישער גייסט זאל זיך קאנען פריי ענטוויקלען און אהן שטערונגען זיך אויסלעבען אויף אלע געביעטען פון מענשליכען טהאן און שאפען. דער ציוניזם איז פונדאמענטירט אין דער גרויסער אידישער פערגאנגענהייט, און די אידישע פערגאנ־גענהייט, דאס הייסט, די פערגאנגענהייט, וועלכע האט איבערגע־לאזען נאך זיך פאזיטיווע סימנים און משפיע געווען אויף די גע־שטאלטונג פון דעם אידישען גייסט, איז פון אנהויב ביז צום סוף א העברעאישע. אפילו די קולטור־ווערק, וועלכע זיינען געשאפען גע־ווארען אין פרעמדע שפראכען, האבען געמוזט איבערגעזעצט ווערען אין העברעאיש, כדי זיי זאלען אריינגענומען ווערען אין דאס גיי־סטיגע גרונד קאפיטאל פון דעם אידישען פאלק. ווער וואלט גע־וואוסט צום ביישפיעל ביי היינטיגען טאג פון א מורה נבוכים אדער א כוזרי, ווען זיי וואלטען געבליבען אין אריגינאל. זיי וואלטען געלעגען בעהאלטען ערגיץ וואו אין די אראבישע אבטהיילונגען פון די עפענטליכע ביבליאטהעקען. דאס אידישע פאלק וואלט פון זיי נאר נישט געהאט. נאך א ביישפיעל פון דער נאהענטער פערגאנ־גענהייט, כמעט פון דער געגענווארט. גרעטץ'ס געשיכטע פון אידי־שען פאלק ווערט מעהר פערברייטעט אין דער העברעאישער איבער־זעצונג אלס אין דער אריגינאל שפראך, אין וועלכער דאס מייסטער־ווערק איז פערפאסט געווארען.

און אזוי ווי דער ציוניזם איז מחויב אלעס דאס אבצוהיטען, וואס ווערט געצעהלט צו די גייסטיגע גיטער פון אונזער פאלק, האט ער געמוזט שענקען א גאנץ בעזונדערע אויפמערקזאמקייט דער ענט־וויקלונג פון דער העברעאישער שפראך און ליטעראטור. ווייל ער האט אין איהר, אין דיעזער ענטוויקלונג, געזעהען די גאראנטיע פון א געמיינשאפטליכער אידישער פאלקס־צוקונפט. מיר טארען זיך

ניט נארען. די אויסערע אנפּאסונג צו די נייע סביבות, אין וועלכע די אידען לעבען, איז אזוי אינטענסיוו, אז יעדער קלאָר־דענקענדער איד מוז געפּאקט ווערען פון א שרעק, ווען ער דענקט מכח אונזער קולטורעלע צוקונפט צווישען די פעלקער. ניט נאָר פעהלט אונז די זיכערהייט, אז אונזער פאלקס־שפּראך וועט לאנגע דורות לעבען און פערבינדען דורך איהר קראפט די צוזעעטע און צושפּרייטע פאָלקס־טהיילען — נאָך מעהר, מיר זעהען מיט אונזערע אייגענע אויגען דעם וואקסענדען יונגען דור, ווי ער ווערט היינגעריסען פון דער סביבה און דערווייטערט זיך אלץ מעהר און מעהר פון זיין שטאַם. מיר האלטען דאָס פאַר איינע פון די געפעהרליכסטע און טרויעריג־סטע ערשיינונגען פון אונזער לעבען. מיר זעהען אויך נאָך עטוואס. מיר זעהען, אז אפילו דאָרט, וואו די אידישע שפּראך שפּיעלט נאָך א בעדייטענדע ראָליע אין אונזער לעבען, דערווייטערט זיך זי אליין פון דעם מקור, פון וועלכען זי האָט געשעפּט אין דער גאנצער צייט פון איהר ענטוויקלונג נאהרונג און גלאנץ. זי, די שפּראך אליין, הויבט זיך אויך אן זעהר שטאַרק צוצופּאסען צו די נייע לעבענס־בעדינגונגען, צו דעם געשמאק פון דער פרעמדער סביבה, און הערט אויף צו זיין פאר אונזערע פאלקס מאסען דאס, וואס זי איז געוועזען ביז איצט, אן ערהאלטענדע, קאָנזערווירענדע קראפט. איך מיין ניט דעם אויסבייט פון די דייטשע און אנדערע סלאווישע ווערטער און אויסדריקע אויף ענגלישע. דערין איז נאָך ניטאָ קיין סכנה, איך מיין אבער די ענטפרעמדונג פון דעם העברעאיש־אריענטאַלישען גייסט, וועלכער האָט געבילדעט דעם גאנצען חאראקטער פון דער אידישער שפּראך. פיעלע רופען אָן אידיש א דייטשען דיאלעקט, אין ווען מען וועט פערבייטען די דייטשע עלעמענטען אויף ענגלישע, וועט זי זיין אן ענגלישער דיאלעקט — אזוי אורטהיילען אבער נאָר מענשען, וועלכע בעטראכטען די שפּראך אלס א מעכאנישען אפּאַ־ראַט און שאטצען אב איהר גייסט נאָך די קליידער, וועלכע זי האָט אנגעצויגען אויף זיך. אן אבערפלעכליכער, אונוויסענשאפטליכער אין אונפילאָלאָגישער אורטהייל. די אידישע שפּראך האָט בעקומען דעם גרעסטען טהייל פון איהר גייסטיגער נאהרונג פון דער העברעאישער שפּראך, ניט פון דעם שבת׳דיגען, נאָר

פון דעם וואַכעדיגען העברעאיש, פון דעם העברעאיש, וועלכער איז אריינגעדרונגען אין די נשמה פון אידישען פאָלק און איז אליין געוואָרען אַ בעשטאַנד־טהייל פון דער פאָלקס־נשמה.

און דאָ האָבען מיר אַ קלאָהרען סימן. די עמי הארצים, די וואָס האָבען ניט קיין בעגריף פון תנ״ך, האָבען קיין מאָל אין לעבען ניט געהערט קיין מדרש און ווייסען ניט די העברעאישע אויסדריקע, וועלכע ווערען געברויכט אין אלטעגליכען אידישען לעבען, וועלען אסור פערשטעהן די קלאַסיקער פון דער אידישער ליטעראַטור. ניט זיי מענדעלע, טראגט זיי אונטער פרץ, דערלאנגט זיי שלום עליכם, זיי וועלען לעזען די ווערק, און זיי וועט זיך אויסדרוכטען, אז זיי פערשטעהען זיי, אין אמת׳ען אָבער וועט דאָס זיין אַ צער בעלי חיים, עס וועט זיי אויספעהלען עטוואס אין יעדער שורה, אין יעדער פראַזע, עטוואס וואָס בילדעט דעם גאנצען חן פון דער שפראַך, עטוואס וואָס מאַכט אוים די בעסטע שטעלע פון דעם אינהאַלט.

און עס קאָן קיין שום ספק ניט זיין, אז אין דעם מאָמענט, ווען די העברעאישע שפראַך זאל אין גאנצען פערשווינדען אלס אַ ליטעראַטור־שפראַך אין דער געגענוואַרט, וועט אויך די אידישע שפראַך פערליערען דאָס לעצטע ביסעל כח, וואָס זי האָט נאָך אין זיך, און וועט אָבזאָגען די פאָר גראָשען...

פון דיזער ערקענטניס מוזען מיר זיך לאָזען לייטען ווען מיר ווילען, אז אונזערע בעציהונגען צו אונזערע שפראַכען און ליטעראַטורען זאָלען זיין ריכטיגע, ניט דיקטירט פון אן אונגערעכטער גאוה פון איין זייט און פון אַ צדקהכעים־געפיהל פון דער אנדער זייט. מיר דאַרפען וויסען, אז אונזער גרעסטער שונא איז די שטיינענדע עם הארצות, וועלכע פרעסט אויף אונזער יוגענד...

מיר בעגריסען דעריבער מיט פרייד די נייע העברעאישע בעוועגונג, וועלכע האָט זיך אנגעהויבען אָט דאָ ניט לאנג אין אמעריקא. די נייע געגרינדעטע העברעאישע ארגאניזאציאָן האָט דעם צוועק צו פעראייניגען די עקזיסטירענדע העברעאישע חברות אין ניו יאָרק און אין דער פראָווינץ און צו שאפען נייע חברות, דאָרט וואו זיי פעהלען ביז איצט, צו פערברייטען די העברעאישע ליטעראַטור און פרעסע

נאָך מעגליכקייט און מלחמה צו האַלטען, מיט איין וואָרט, געגען די וואַקסענדע עם הארצות.

א גרויסעם געביעט, א קאָלאָסאַלעם ארבייטס־פעלד. נאָר חשק, נאָר ענערגיע, נאָר סיסטעמאַטישע ארבייט. פערדיענען דערפון וועט ניט נאָר די פערהעלטניסמעסיג קליינע גרופּע, וועלכע וועט אויספיהרען די ציוויליזאַטאָרישע ארבייט, עס וועט פּראָפּעטירען דערביי דאס געזאַממטע יודענטהום, אפילו די טהיילען פון אונזער פאָלק, וועלכע האָבען שוין לאַנג פערוואָרפען אי העברעאיש, אי איר דיש. ווען ניט זיי אליין, וועלען זייערע קינדער געניעסען די פּירות פון דיעזער ניטצליכער ארבייט. דאס יודענטהום מאכט איצט דורך א צוריק־וואַנדערונג.

20 יוני, 1916.

פּאַטריאָטען

עס זיינען דאָ פיעלע ערשיינונגען אין לעבען פון די פעלקער, וועלכע זעהען אויס ווי שפּאָגעל נייע, אין אמת'ען אבער זיינען זיי גאנץ אלט, זיי האָבען נאָר אנגענומען א נייע פארם. דער אלטער תוך האָט בעקומען א נייע קליפּה. די ערשיינונגען האָבען זיך א י ב ע ר ג ע ט ה אָ ן, ארויפגעצויגען אויף זיך א נייעם אנצוג לויט דער הערשענדער מאָדע, ווייל אויך די פּסיכאָלאָגישע ערשיינונגען זיינען אונטערוואָרפען דעם געזעץ פון מ י מ י ק ר י. זיי מוזען זיך אנפּאסען אן די הערשענדע שטרעמונגען, דאס הייסט אננעהמען די פארב פון דער גייסטיגער אומגעבונג.

נעהמען מיר צום ביישפּיעל דעם אנטיסעמיטיזמוס אלס היסטאָרישע ערשיינונג — און דער אנטיסעמיטיזם איז טהאטזעכליך איינע פון די עלטעסטע היסטאָרישע ערשיינונגען, — זיין געשיכטע איז אלט, צו זיין ו ו ע ז ע ן איז כמעט גאר נישט צוגעקומען אין דעם משך פון די פיעלע תקופות, וועלכע ער האָט דורכגעלעבט. ווען מיר זאָלען נעהמען די גריכיש־אלכסנדרינישע אָדער די רוימישע עפּאָכע, ווען דער אנטיסעמיטיזם האָט ערשט אנגעהויבען אויפצרבליהען, און פערבייטען די אלטע נעמען מיט די נעמען פון די מאָדערנע העלדען פון דעם געגענווערטיגען אנטיסעמיטיזם, וועט קיינער ניט בעמערקען דעם טעות, ווען מיר זאלען בעטראכטען דעם אנטיסעמיטיזם נאָר נאָך זיין אינהאלט און נאָך זיין הויפּטציעל. עס ענדערן זיך נאָר די פ א ר מ ע ן, אין וועלכע ער קליידעט זיך, נאָר די בעשולדיגונגס־פּונקטען מוזען זיין צוגעפּאסט צו דעם חאַראקטער פון דער תקופה. איז די תקופה בעהערשט פון רעליגיעזען פאנאטיזם, טראגען אויף זיך אלע אנטיסעמיטישע בעשולדיגונגען א רעליגיעזען שטעמפּעל. אין די אויפגעקלעהרטע עפּאָכען, ווען די געזעלשאפט שטאָלצירט מיט איהרע פרייע רעליגיעזע געזינונגען, מוז

דער אנטיסעמיטיזם בעקומען א נייע בעגרינדונג. זיינע מאָטיווען זיינען אדער עקאָנאָמישע אדער ראסען-שאָוויניסטישע. און די בעשולדיגונגס-פונקטען מוזען זיך בייטען מחמת דעם זעלבען טעם. אין מיטעלאלטער, למשל, האָט מען בעשולדיגט די אידען, אז זיי פערגיפטען די ברונען און ברענגען דערמיט טויט און פערדערבען צו דער קריסטליכער וועלט. היינטיגע צייטען קאָן מען מיט אזעלכע בעשולדיגונגען ניט האָבען קיין ערפאָלג. ערשטענס, קאָן מען זעהר לייכט בעווייזען דורך א כעמישע אונטערזוכונג, אז די בעשולדיגונג איז פאלש און בערוהט נאָר אויף א בלבול, צווייטענס, האָט מען כמעט אומעדום וואסערלייטונג, און די וואסערלייטונג ווערט גוט אבגעהיט (מען דאַרף ניט פערגעסען, אז דער מאָדערנער אנטיסעמיטיזם איז אין זיין גרעסטען טהייל א ש ט א ד ט י ש ע ר פראָדוקט, וואו עס לעבען כמעט 95 פּראָצענט פון דער געזאמטער אידישער בעפעלקערונג אין דער גאנצער וועלט). אויך דער בלוט-בלבול האָט אָבגעלעבט זיין צייט. ער שווימט נאָך ארויף אַמאָל אין א יובל און אָפטמאָל אמאָל אין א שמיטה. אבער אויף א גרויסען ערפאָלג קאָנען די אנטיסעמיטען מיט דעם בלוט-בלבול ניט רעכענען. ביי דער מאָדערנער געריכטסבארקייט, וואו מען האָט צו טהאָן מיט געשווארענע, און די פערהאנדלונגען מוזען געפיהרט ווערען עפענטליך, איז עס זעהר שווער צו דערשטיקען דעם אמת. דאס האָבען מיר ניט לאנג געזעהען ביי דעם ביילים פּראָצעס. די רעגיערונג האָט אָנגעווענדעט אלע מאכט-מיטעל, וואָס געפינען זיך אין איהר האנד, זי האָט אנגעשטעלט עדות און זאגאר געלעהרטע, וועלכע האָבען מאנס געוועזען די וויסענשאַפט, און דאָך האָט זיך איהר ניט איינגעגעבען צו פערהווירקליכען אין גאנצען איהר אבזיכט, און דער קרבן איז ארויסגעריסען געוואָרען פון דעם תליון'ס הענד.

דערפאַר אבער האָט דער מאָדערנער אנטיסעמיטיזם ערפונדען א נייעם בעשולדיגונגס-פונקט: פּאַטריאָטיזם. מיר ווילען דערמיט ניט זאגען, אז דער בעשולדיגונגס-פונקט איז ווירקליך ניי. אין גרונד גענומען איז ער אפשר נאָך עלטער פאר די פערשיעדענע בעשולדיגונגס-פונקטען פון מיטעלאלטער, ווארום מיר געפינען איהם פארמוליערט נאָך ביי פּרעה'ן. ער האָט אָבער אין דער נייער צייט

געוואונען מעהר בעדייטונג. און דעריבער האָבען איהם די אנטי־סעמיטען ארויסגערוקט אויפ'ן ערשטען פלאן, זיי האָבען איהם גע־וועהלט פאר א ווינקעל־שטיין פאר זייער גאנצען אנטיסעמיטישען בנין. דער חידוש בעשטעהט אויף אזא אופן אין דער חשיבות, וואס מען שרייבט איצט צו דעם פונקט פאטריאטיזם. די קירכע האָט אויפגעהערט צו שפּיעלען די ראָלע פון א פּאָליטישען הויפּט־פאק־טאָר, בעזונדערס אין די מלוכות, וואו עס איז דורכגעפיהרט געוואָ־רען די אבזונדערונג פון דער קירכע פון שטאאט, און דאָס איז גע־שעהן כמעט אין אלע ציוויליזירטע לענדער. אין נאָמען פון דער ר א ס ע ן־ריינהייט איז אויך ניט אזוי לייכט צו קומען מיט אנטי־סעמיטישע טענות. ערשטענס, ליעגט די גאנצע ראסענטהעאָריע ערשט אין די וויקעלעך. זי איז נאָך זעהר שוואך וויסענשאפטליך בעגרינדעט. צווייטענס, בעשטעהט כמעט יעדער שטאאט פון פער־שיעדענע ראסען־עלעמענטען. מיר רעדען שוין ניט פון עסטרייך, וואו די מלוכה מוז אפיציעל אנערקענען גאנצע 17 נאציאָנאליטעטען, און פון אמעריקא, וואו יעדע מעגליכע ראסע און נאציאָנאליטעט איז פערטראטען, אדער פון רוסלאנד, וואו די בעפעלקערונג איז עבענפאלס צוזאמענגעזעצט פון די פערשיעדענסטע ראסען און נאַ־ציאָנאליטעטען. אפילו דייטשלאנד, ענגלאנד, — אבגעזעהען פון אירלאנד, — אין פראנקרייך, — אָבגעזעהען פון פראוואנס, — קאָ־נען זיך ניט בעריהמען מיט זייער ראסען־ריינהייט. יעדענפאלס מאָטערען זיי זיך צו שאפען זייער יחוס־בריעף, וועלכער זאל ערשט בעווייזען דיעזע ריינהייט.

דעריבער האָט זיך דער אנטיסעמיטיזם אנגעכאפט אן דעם נייעם פאקטאָר, וועלכער האָט ניט צו טהאָן ניט מיט דער קירכע און ניט מיט דער ראסע, וועלכער שפּיעלט אָבער די הויפט־ראָלע אין דער געזעלשאפט פון דעם מאָדערנעם שטאאט, דאס איז דער פאטריא־טיזם.

און מען מוז צוגעבען, אז פאטריאטיזם, אדער ריכטיגער, מאנ־געל אין פאטריאטיזם, איז פאסענדער פאר א בעשולדיגונגס־פונקט מעהר ווי רעליגיעזע אדער ראסען־מאָטיווען. גראד מחמת דעם, ווייל קיינער האָט ניט פעסטגעשטעלט און וועט ניט קאָנען פעסטשטעלען

די גרעניצען פון פאטריאטיזם, ווייל ער קאן ניט איינגעפאסט ווערען אין א ראהם פון בעשטימטער גרעניצבעצייכענונג. צוויי זיינען מקריב זייער לעבען פאר דאס פאטערלאנד און ביידע זיינען געפאלען אויפ'ן שלאכטפעלד, קעמפפענדיג פאר די אינטערעסען פון דער מדינה — און דאך קאן מען קומען און בעהויפטען, אז איינער איז געפאלען ווי א פאטריאט און דער אנדערער נאר אזוי זיך, ווייל ער האט קיין אנ־דער ברירה ניט געהאט. עס איז ניט גענוג צו מקריב זיין זיך, מען מוז זיך מקריב זיין מיט חשק, מיט התלהבות. ביז איצט האָ־בען מיר אבער נאך ניט קיין גראדמעסטער צו בעשטימען דעם גראד פון חשק און התלהבות.

דעריבער קאן פארקומען אזא הימעלשרייענדער פאקט. איבער זעקס הונדערט טויזענד אידען געפינען זיך איצט אויף די פערשיע־דענע שלאכט־פעלדער. דאס אידישע פאלק גיעהט אָב מיט בלוט אין בוכשטעבליכען זין פון וואָרט, די אידישע יוגענד ווערט אויס־געשלאכטעט, און אין דעם זעלבען מאָמענט וואקסט אויס פאר אונ־זערע אויגען די ריעזיגע און שרעקליכע בעשולדיגונג: די אידען זיינען ניט קיין פאטריאטען, און זייערע קרבנות דארפען דעריבער ניט אריינגענומען ווערען אין חשבון...

צוערשט קומט די פערדעכטיגונג, דער חשד. דער חשד ווערט פערוואנדעלט אין א געוויסהייט, פון פרט ווערט די בעשולדיגונג אריבערגעטראגען אויפ'ן כלל, און דער אלטער בלבול פון א אידישער פערגיפטונג שטעהט אויף תחית המתים אין א נייער פארם.

און דער נייער בלבול איז פיעל שרעקליכער פאר אלע אלטע, פון נאָר די אלטע צייטען און פון מיטעלאלטער, ווייל עס פעהלען די מיטעל איהם אבצולייקענען, ווייל די מאָדערנע געזעלשאפט איז אנגעשטעקט ניט פון ריינעם פאטריאטיזם, נאָר פון מ אָ ר ד־פאט־ריאטיזם. און די מאָרד־פאטריאטען ווּעלען זיך ניט בערוהיגען אפילו ווען איהר וועט אויסקעהרען אייער נשמה אויף דער לינקער זייט.

די אויפגאבע פון די בעסטע האָט איצט געדארפט זיין צו פיה־רען א קאמפף געגען דעם מאָרד־פאטריאטיזם. און דערצו גיט עס נאָר איין וועג. מען מוז זיך שטעלען אויפ'ן ש ט א ט ל י כ ע ן

שטאנדפונקט. דאס הייסט, מען מוז נעהמען אין בעטראכט נאר די ח ו ב ו ת, וואס דער שטאאט לעגט ארויף אויף זיינע בירגער. ווייטער פון די חובות טאר מען ניט געהן, מעהר פון די חובות טאר מען ניט פאדערן. ווען ניט, ניט מען די מארד־פאטריאטען די שארפסטע כלי־זיין אין די הענד, און די כלי זיין וועלען געוויס אויסגענוצט ווערען...

אונזערע גרויסע טהוען אבער פערקעהרט. גראד דעם איצטיגען סכנות'דיגען מאמענט האבען זיי געוועהלט פאר זייערע חשבונות מיט זייערע פאליטישע געגנער. גראד דעם איצטיגען מאמענט האבען זיי געוועהלט אנצוציהען פאטריאטישע טענות. גראד דעם איצטיגען מאמענט האבען זיי געוועהלט צו נעהמען אויף זיך די פערטרעטונג פון דעם מארד־פאטריאטיזם.

האבען זיי פערלארען דעם קאפ, אדער דאס פעראנטווארטליכקייטס־געפיהל?

11 יולי, 1916.

נייע כלי זין — אַלטע געגנער

די שטאַרקייט פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי אָדער אָרגאַניזאַציאָן בעאורטהיילט מען געוועהנליך נאָך דער צאָהל פון די מיטגליעדער, וועלכע האָבען זיך אָן איהר אָפיציעל אָנגעשלאָסען. דער חשבון איז ניט שטענדיג אַ ריכטיגער, ווייל אויסער אָפיציעלע מיטגליעדער געפינען זיך נאָך שטילע אָנהענגער. זיי זיינען מיט אַלע זייערע סימפּאַטהיען פאַר דער פּאַרטיי אָדער אָרגאַניזאַציאָן, מעהר ניט זיי זיינען צו איהר ניט צוגעשטאַנען מחמת וועלכער עס איז סבה, וואָס האָט ניט צו טהאָן מיט זייער פּאָליטישער איבערצייגונג. זעהר אָפט איז די סבה — סאָציאַלע פּוילקייט, אָדער ווי מען רופט עס אָן אויפ'ן ערעלען לשון — פּאַסיווע נאַטור. אָן אַנדער מאָל זיינען דאָס ריין אויסערליכע אורזאַכען, וועלכע פערשליגען די גאַנצע ענערגיע פון דעם מענשען אַזוי, אַז עס בלייבט ביי איהם גאָר נישט איבריג פאַר וועלכע עס איז פּאָליטישע טהעטיגקייט. דאָך, ווען דער חשבון איז אפילו ניט גאַנץ ריכטיג, שטימט ער דאָך אין אַ געוויסען זין, ווייל מען פערגלייכט אַ פּאַרטיי מיט אַ פּאַרטיי און אַן אָרגאַניזאַציאָן מיט אַן אָרגאַניזאַציאָן פון דעם זעלבען מין, לאָזט מען אויס די שטילע אָנהענגער אי ביי דער פּאַרטיי, וועלכע מען שאַצט אָב, אי ביי די אַנדערע, מיט וועלכע מען פערגלייכט זי. אויף אַזאַ אופן שטימט ניט די רעכענונג גאַנץ נאָר אבסאָלוט, רעלאַטיוו איז זי אָבער כמעט ריכטיג.

גאַנץ אַנדערש זעהט עס אָבער אויס, ווען מיר האָבען צו טהאָן מיט ב ע װ ע ג ו נ ג ע ן און מיר ווילען אָבשאַצען זייער שטאַרקייט. אויך יעדע בעוועגונג, זאָל זי זיין אַ נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע אָדער עטהישע, ווערט אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון אַ פּאַרטיי אָדער אָרגאַניזאַציאָן, דאָס הייסט אַ פּאַרטיי אָדער אָרגאַניזאַציאָן ר ע פּ ר ע ז ע נ ט י ר ע ן די בעוועגונג. און דעריבער מעסטען

מיר אויך בעוועגונגען נאָך דער שטאַרקייט פון דער גרופּע, וועלכע פערטרעט זיי, ווייל אונז איז פיעל לייכטער צו האָבען צו טהאָן מיט א פעסטען פונקט, מיט עטוואָס וואָס רוהט, איידער מיט אן ערשיינונג, וועלכע ווערט געטראָגען פון אונרוהע — און דאָס איז יעדע בעוועגונג. די געשלאָסענע פּאַרטיי, די פעסטע אָרגאַניזאַציאָן איז די ס ט א ט י ק פון דער אידעע, די בעוועגונג איז איהר ד י נ א מ י ק, און פאר אונז איז אימער בעקוועמער אויס־צורעכענען דעם סטאַטישען צושטאַנד פון די אידעען, און מיר ווענ־דען אָן די זעלבע מעטהאָדען ביי ערפאָרשונג פון בעוועגונגען ווי ביי דער אָבמעסטונג פון פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציאָנען.

דאָס איז א פאַלשע מעטהאָדע און זי פיהרט קיינמאָל ניט צו א ריכטיגער אָבשאַצונג.

גראָד אין דער לעצטער צייט האָט זיך די געגנערישע פרעסע אָנגעהויבען זעהר שטארק בעשעפטיגען מיט דעם ציוניזם. נאָך יאָהרען און יאָהרען פון איגנאָרירען און אָפּטמאָליגען אויסלאכען זיינען די געגנער אויף איין מאָל געוואָרען אַזוי ערנסט, און האָבען אָנגעהויבען צו ברענגען אַרטיקעל נאָך אַרטיקעל איבער דעם נייעם ישוב, איבער דעם צושטאַנד פון דער קאָלאָניזאַציאָן, איבער די ארבייטער און מעהר פון אַלץ — איבער די מעגליכקייט, אָדער ריכטיגער איבער די אונמעגליכקייט פון דער פערווירקליכונג פון דעם ציוניסטישען אידעאַל.

ווי אַזוי איז געקומען מיט אמאָל אַזא ענדערונג אין דער טאַק־טיק פון די ציוניסטישע געגנער? וואָס האָט זיי געצוואונגען אויפ־צוגעבען זייער אַלטע שיטה פון טויט־שווייגען און בעשעפטיגען זיך אַזוי אינטענסיוו מיט דער ציוניסטישער ווירקליכקייט? פאַר וואָס האָבען זיי אויף אמאָל אויפגעהערט מורא צו האָבען, אַז שוין מיט זייער אָפּטער קריטיק אַליין, ווען זי איז אויך א נעגאַטיווע, מאַכען זיי א גרויסע רעקלאַמע פאַר דעם ציוניזם? זיי ווייסען דאָך, וואָס רעקלאַמע בעדייטעט, בעזונדערס נאָך אין אַמעריקא? זיי אַליין לאָזען דאָך גאַנץ אָפּט ארויס אין זייער אָרגאַן נעמען פון רעדנער אפילו פון בעצאָהלטע אַנאָנסען? זיי, די קליינע אין גרויסע אַנגעלעגענהייטען, זיינען דאָך תמיד גרויס אין קלייניגקיי־

טען — היינט ווי קומט עס צו זיי אנצופילען זייערע בלעטער מיט מאמרים וועגען ציוניזם און ארץ ישראל?

און פאר וואס האָבען זיי זיך מישב געווען צו בייטען זייער טאקטיק צום ציוניזם דוקא איצט, אין דער צייט פון דער שרעקליכער מלחמה, ווען די גאנצע וועלט איז דערשיטערט, אויפגעציטערט, און די פערספעקטיווען זיינען געווארען אזוי אונקלאָר?

האָבען זיי זיך דערשראקען פאר דער ציוניסטישער א ר ג א נ י ז א צ י אָ ן? דאָס וואָלט געווען אן אונגעמאָלירכע ערשיינונג. די ציוניסטישע ארגאניזאציאן א ל ס ז אָ ל כ ע, איז אין דער מלחמה צייט ניט שטארקער געווארען. דאס איינציגע לאנד, וואו די ציוניסטישע ארגאניזאציאן איז אויסגעוואקסען און ניט אין אן ערך שטארקער געווארען אין די לעצטע צוויי יאָהר, איז אמעריקא. אין סך הכל אבער האָט זי, ווי א חלק פון אידישען פאלק, בעקומען אין דער גאנצער וועלט טיעפע וואונדען און די שורות זיינען שיטערער געווארען אין איהר מחנה. יאהרען און יאהרען וועלען מוזען פערגעהן, ביז די וואונדען וועלען זיך פערהיילען און די לעדיגע פלעצער וועלען וויעדער אנגעפילט ווערען מיט מוטהיגע ארבייטער.

אלזאָ, אין דער אויסערער שטארקייט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן קאן ניט ליעגען די ערקלערונג פון דעם געגנערישען שרעק.

אין פאלעסטינא גופא קאָן אויך ניט ליעגען די סבה. אמת, פאר דער מלחמה האָט זיך דער ישוב אזוי גלענצענד ענטוויקעלט, דאס נייע לעבען האָט אזוי שטארק פולסירט, אז די געגנער פון דער אידיש־נאציאָנאלער אויפלעבונג האָבען באמת געהאט פאר וואס מורא צו האָבען. אמת, אז אפילו איצט, אין רעכטען ברען פון דער מלחמה האָט זיך דער נייער ישוב ארויסגעוויעזען אלס דער וויךערשטאנדס־פעהיגסטער עלעמענט פון אונזער פאלק. איין קאָלאָניע איז ניט צושטערט געווארען און קיין איינציגער קאָלאָניסט האָט ניט פערלאָרען זיין אייגענטהום. אבער — שטארקער איז דאָך דער ישוב דורך די מלחמה יעדענפאלס ניט געווארען, אז די געגנער זאלען זיך פאר איהם איצט מעהר שרעקען ווי פאר דער מלחמה?

עס בלייבט נאָר איין ערקלעהרונג. די גענגנער האָבען זיך דערשראָקען ניט פאַר דער ציוניסטישער אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י אָ ן, אויך ניט פאַר דעם פאָרטשריט פון דער ארץ־ישראל'דיגער קאָלאָ־ניזאַציאָן — זיי האָבען זיך דערשראָקען פאַר דער צ י ו נ י ס ט י־ש ע ר ב ע װ ע ג ו נ ג.

און איך מוז צוגעבען — די גענגנער זיינען גערעכט, זעלבסט־פערשטענדליך פון ז י י ע ר שטאַנדפּונקט, װאָרים די מאַכט פון דער ציוניסטישער בעװעגונג האָט זיך אַרויסגעשטעלט אין איהר גאַנצער גרויס, ערשט אין דער מלחמה צייט. זי האָט זיך ענטדעקט אין דער גרויסער פ אָ ל ק ס־סימפּאַטהיע פאַר דעם נייעם ישוב, זי האָט זיך ענטדעקט אין דער גרויסער פערברייטונג פון דעם ציו־ניסטישען ג ע ד אַ נ ק. זי האָט זיך אויך ענטדעקט אין דער קאָנגרעס־בעװעגונג, װעלכע קאָן נאָר בעטראַכט װערען אַלס אַ נע־בען־שטראָם פון דעם ציוניזם. די גענגנער האָבען אויך דעריבער פערזוכט צו פּסל'ענען די קאָנגרעס בעװעגונג דורך זייער געשריי, אַז זי פיהרט צום ציוניזם. די מיטעל האָבען אָבער ניט געהאָלפען. די גרויסע מאַסע האָבען דערפיהלט מיט זייער געזונדען נאַציאָנאַלען אינסטינקט, אַז די קאָנגרעס אידעע דריקט אויס זייער אייגענעם בעהאַלטענעם װאונש און האָבען זיך אַנגעשלאָסען אָן איהר ניט דערפאַר, װאָס מען האָט זי פערשריען אַלס אַ ציוניסטיש קינד, נאָר װייל מען האָט אין איהר דערקענט דעם ציוניסטישען ג ע ד אַ נ ק.

דאָ האָבען זיך דערשראָקען די גענגנער. זיי זיינען אָבער צו שװאַך צו בעקעמפּפען די ב ע װ ע ג ו נ ג, האָבען זיי זיך גענו־מען פאַר דער אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י אָ ן, פאַר די קאָנקרעטע פראַ־גען פון דער קאָלאָניזאַציאָן און אַז. װ. און אויך אין דיעזער היג־זיכט האָבען זיי אַרויסגעשלעפּט פון זייער אַרסענאַל די אַלטע פער־ראָסטעטע כלי זיין: די אַראַבער פראַגע, די תימנים פראַגע און ענהליכע פראַגען, גלייך װי זיי װאָלטען זיי ענטדעקט.

25 יולי, 1916.

נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם

I

דער נאַציאָנאַליזם פון די סאָציאַליסטען.

צווישען אלע סאָציאַליסטישע ארגאניזאציאנען אין דער גאַנ־צער וועלט פערנעהמט אָהן קיין שום צווייפעל די סאָציאַלדעמאָ־קראַטיע דעם ערשטען פּלאַץ. ניט נאָר ווייל זי איבערפליגעלט אלע אַנדערע עהנליכע אָרגאַניזאַציאָנען אין דער צאָהל פון איהרע אנ־הענגער, נאָר אויך צוליעב איהר אינערען אויסבוי, וועלכער פער־שאַפט איהר אן אונגעוועהנליכע געזעלשאַפטליכע און אָפטמאָל זא־גאר א שטאַאַטס־ערהאַלטענדע קראַפט. ניט איין מאָל איז שוין פאָרגעקומען אין דער לעצטער צייט, אַז די אָדער יענע רעגיערונג האָט זיך געמוזט שטיצען ביי דער דורכפיהרונג פון סאָציאַלע רע־פאָרמען אויף דעם אָרגאַניזירטען ארבייטער געגען די קאָנסערוואַ־טיווע און פעאָדאַלע עלעמענטען פון פאָלק. בעזאָנדערס זיינען אַזעלכע פאלען פאָרגעקומען אין דייטשלאַנד, וואו די סאָציאַל־רע־פאָרמאטאָרישע געזעצגעבונג האָט אויפצואווייזען דעם גרעסטען פאָרטשריט.

ביז פאַר דער מלחמה איז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געוועזען די טאָן־געבענדע, די צאָהלרייכסטע, די בעסט ארגאַניזירטע, די שטאַרקסטע נאָך דעם חלק, וועלכען זי האָט איינגענומען אין דער געזעצגעבערישער קערפּערשאַפט פון דייטשען רייך, האָט זי אויך געגעבען דער וועלט די בעסטע און גרינדליכסטע אידעאַלען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער לעהרע. און עס איז דעריבער ניט געוועזען קיין וואונדער, וואס די אויגען פון אלע ארבייטער אָר־גאניזאַציאָנען אין דער גאַנצער וועלט זיינען געווען געריכטעט אויף דייטשלאַנד. אפילו די פערשטייפט־קאָנסערוואַטיווע טרייד־יוניאָ־

ניסטען אין ענגלאַנד האָבען אויך אנגעהויבען פיעלעס איבערצונעהמען פון דער דייטשער סאציאַל־דעמאָקראַטיע. זיי האָבען זיך פשוט געלערנט פון איהר און געקוקט אויף איהר ווי אויף די בערופענע פיהרערין אין דעם אלוועלטליכען קלאַסען־קאַמפף.

עס איז שווער פאָראויסצוזאָגען, ווי עס וועלען זיך געשטאַלטען נאָך דער מלחמה די אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען צווישען די פערשיעדען־לענדישע ארבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען. עס זיינען דאָ שווארצזעהער, וועלכע זאָגען נביאות, אַז דער פערביטערטער און פערצווייפעלטער קאַמפף אויף לעבען און טויט, וועלכער ווערט איצט געפיהרט כמעט פון אלע אייראָפּעאישע נאַציאָנען, וועט צושטערען אונבארמהארציג די סאָלידאַריטעט פון די פערשיעדענע נאַציאָנאַלע ארבייטער ארגאַניזאַציאָנען. אינוועניג וועט אויך ווייטער אָנגעפיהרט ווערען דער קלאַסען־קאַמפף, אָבער לגבי חוץ וועט הערשען דער ענגער, בעשרענקטער נאַציאָנאַליסטישער גייסט. מיט אנדערע ווערטער: דער קלאַסען־קאַמפף וועט פערלירען זיין אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַקטער און וועט זיך פערוואַנדלען אין פיעלע בעזונדערע אינער־נאַציאָנאַלע קעמפפע.

איך גלויב, אַז די נביאות פון די שווארצזעהער וועט ניט מקוים ווערען. זי וועט ניט מקוים ווערען, ווייל זי שטעהט אין געגענזאַץ צו דער אלגעמיינער מענשליכער ענטוויקלונג, צו דעם גאַנצען פּראָצעס, וואָס די געזעלשאַפט האָט דורכגעמאַכט אין די לעצטע דורות, און וועלכער קאָן ניט איבערגעריסען אדער גאָר אָבגעהאַקט ווערען אפילו צוליעב די פאָלגען פון דער אונגעהייערער מלחמה.

און ווען מיר קוקען זיך גוט צו צו דעם פּראָצעס, זעהען מיר, אַז זיין הויפּט טענדענץ איז ניט קיין נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ס ט י ש ע, נאָר אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע. ליידער פערוועקסעלט מען אין פּאָליטישען לעבען ווי אויך אין דער פּרעסע די צוויי בעגריפען, גלייך ווי זיי וואָלטען געוועזען שמות נרדפים, ווען אין אמת'ן שליעסען זיי זיך געגענזייטיג אויס. די נאַציאָנאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג פיהרט צו הערשערזוכט, צו אבשליסונג, צום גרויס ווערען אויף חשבון פון די אנדערע, מיט איין וואָרט — צום נאַציאָנאַלען גרוי־

סען־וואהן. די נאציאָנאַלע וועלטאנשויאונג פיהרט צו אנערקע־נונג פון די רעכטע פון יעדער נאציאָן אויף זעלבסטבעשטימונג און זעלבסטשטענדיגקייט. די נאציאָנאַליסטישע פראקסיס פיהרט צום אימפעריאליזם, די נאציאָנאַלע — צום אויף א רעכטליכער גרונדלאגע אויפגעבויטען אינטערנאציאָנאַליזם.

און עס איז מעהר ניט ווי לעבערליך, ווען מען בעהויפטעט, אז דער וועלט־קריעג איז ענטשטאנען אלס א פאָלגע פון דער נאציאָנאַלער טענדענץ פון די הערשענדע נאציאָנען. די סבה פון דעם וועלט־קריעג איז, אומגעקעהרט, ניט די נאציאָנאַלע טענדענץ, נאָר די נאציאָנאַליסטישע שטרעמונג, אדער דער נאציאָנאַלער גרויסען־וואהן פון די נאציאָנען, וועלכע האָבען אויסגעברייט זייערע פליגעלען איבער א האלבע וועלט און אין זייער אונערזעטליכען אפעטיט געוואלט איינגעהמען אויך די צווייטע העלפט.

און גראד דער איצטיגער וועלט־קריעג, — אזוי איז צו ערווארטען, — וועט דערצו בייטראגען, אז די נאציאָנאַליסטיש געזינטע מלוכות זאלען אויפגעבען איין מאָל פאר אלע מאָל זייער חלום וועגען א וועלט־הערשאפט, זיי זאָלען זיך אומקעהרען צו זיך אליין, און תופס זיין דעם אמת, אז עס זיינען דאָ אויך אנדערע, וואָס ווילען לעבען אויף גאָט'ס ערד, און צוואר אנשטענדיג לעבען, ניט אונטער דעם אייביגען דרוק פון דעם וועלט־ערָאבערער. דער העלישער פייער און דאָס פערלאָרענע בלוט וועט זיי מאכען פאר „חוזרים בתשובה“, און אויף דעם חורבן פון דער נאציאָנאַליסטישער געזינונג וועט אויפגעבויט ווערען א טעמפעל פאר דעם ריינעם, מענשליכען נאציאָנאַליזם.

און מען קאָן שוין זאָגאר איצט, אפילו ווען די קאנאָנען זיינען נאָך ניט פערשטומט געוואָרען און מענשען ווערען נאָך געשניטען ווי זאנגען אויף די פעלדער — אפילו איצט קאָן מען שוין מערקען די קאָנטורען פון דער קינפטיגער ענטוויקלונג. און ווידער הערען מיר די שטימע פון דער דייטשער סאציאַל־דעמאָקראטיע, וועלכע קינדיגט אן די קומענדע טענדענץ. די דייטשע סאציאַל־דעמאָקראטיע האָט זיך אויסגעשפראכען נעגען יעדען אנעקסירונגס־געדאנק. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראטיע האָט ניט פערלאָרען דעם קאָפ

און שרייט נים וועגען דעם חורבן פון די אינטערנאציאָנאַלע בעצי־הונגען נאָך דער מלחמה, ווי עס טהוען דאס פיעלע פון זייערע גע־נאָסען אין די אנדערע מלחמה פיהרענדע מדינות. אמת, עס זיינען פארגעקומען איצט, צוליעב דער שטעלונג צו דער מלחמה, שפּאל־טונגען אין דייטשען סאציאל־דעמאָקראטישען לאגער, אבער עס איז פאראויסצוזעהן, אז גלייך נאָך דער מלחמה וועט זי ווידער קאָנען אויפטרעטען ווי א געשלאָסענע איינהייט, און אפשר נאָך געשטארקט אינווענדיג און איינפלוסרייכער נאָך אויסען.

און ווייסט איהר פאר וואס? מחמת די דייטשע סאציאל־דעמאָקראטיע האָט נאָך מיט פיעלע יאהרען צוריק אקצעפּטירט דעם נ א צ י אָ נ א ל ע ן פּ ר י נ צ י פּ, און האָט זיך אָבגעזאָגט פון דעם אונקלאָהרען, פערשוואומענעם און בעריהמערישען קאָסמאָ־פּאָליטיזם, וועלכער האָט אין זיינע בעסטע יאהרען געבליהט נאָר אין די מחות פון טהעאָרעטיקער און האָט קיין מאָל נים געהאט קיין ווארצלען אין דער רעאלער ווירקליכקיים. נאָך מיט פיעלע יאהרען צוריק האָט דער בערופענסטער פיהרער פון דער דייטשער סאציאל־דעמאָקראטיע, אוגוסט בעבעל, ארויסגעגעבען א הכשר די פּוילישע סאציאל־דעמאָקראטען צו פערבינדען זייער סאציאל־דע־מאָקראטישע געזינונג מיט זייער טהעטיגקייט פאר די ווידערהער־שטעלונג פון דער נאציאָנאלער עקזיסטענץ פון פּוילישען פּאָלק. ער איז געגאנגען נאָך ווייטער. נים נאָר א הכשר האָט ער זיי געגע־בען, ער האָט זאגאר בעהויפּטעט, אז אין זייער איינענשאפט אלס סאציאל־דעמאָקראטען זיינען זיי זאָגאר מ ח ו י ב צו בעטהיי־ליגען זיך אין זייער נאציאָנאלער פּאָלקס־בעוועגונג. און מען זאל נים אונטערשעצען אזא קאטעגאָרישע אויסערונג פון א וועלט בע־ריהמטען סאציאל־דעמאָקראטישען פיהרער אין א צייט, ווען אין די בעגריפען האָט נאָך געהערשט פערווירונג און מען האָט געוואָרפען אין איין הויפען דעם נאציאָנאליזם פון דער „נאוואָיע ווּרעמיא“, צום ביישפּיעל, מיט דעם נאציאָנאליזם פון די אונטערדריקטע און אונטעריאָכטע פעלקער, ווען דער אויסדרוק „נאציאָנאל“ איז געווען פּסול, כמעט טרפה אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט.

איך וועל אין נעקסטען ארטיקעל אָנווייזען אויף איינינע

פאראלעלען אין דער ענטוויקלונג פון דער דייטשער און אונזער איינענער סאציאל־דעמאָקראטיע און צייגען, אז אויך אונזער סאָציאל־דעמאָקראטיע מאכט דורך די זעלבע עוואָלוציאָן ווי די דייטשע, נאָר, ווי געוועהנליך, מיט א פערשפעטונג אויף א פּאָר צעהנדליג יאהר.

II

דער קאַמפף צווישען כהן און נביא.

פון אנהויב אן איז די קראפט פון דער סאציאל־דעמאָקראטישער לעהרע — דער מארקסיזם — געלעגען ניט אין איהר שטרענג וויסענשאפטליכען ווערט, ניט אין איהר טהעאָרעטישער בעגריגדונג, נאָר הויפטזעכליך אין דער גרויסער ליידענשאפט, וועלכע זי האָט אין זיך געטראָגען און וועלכע האָט געדיענט אלס גרויסע אנציהונגסקראפט פאר די אונטערדריקטע, אונטערייאָכטע און אָהן דערבאַרמען עקספּלואַטירטע מאסען פון איין זייט און פאר די פּאָר יושר און גערעכטיגקייט עמפּפינדליכע נאטורען פון דער אנדער זייט. ניט דער היסטאָרישער מאַטעריאליזם, אלס גרונדלאגע פאר א נייע וועלטאנשויאונג, ניט דער „צוגאָב־ווערטה" פון די ארבייטס־פּראָדוקטען און די ערקלעהרונג פון די קריזיסען — ניט זיי האָבען געהאט די מאגישע ווירקונג אויף די ברייטע ארבייטער מאסען, וועלכע זיינען גאָר ניט געווען אימשטאנד צו אריענטירען זיך אין אזעלכע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. און אפילו אויף די אינטעליגענטערע קרייזען, וועלכע זיינען צוגעשטאנען צו דער מארקסיסטישער לעהרע, האָבען די מארקסיסטישע היפּאָטהעזען געהאט נאָר אַ אונטערגעאָרדענטע ווירקונג. געריהרט די מאסען האָט דאס היילינע פייער, מיט וועלכע די נייע לעהרע איז געווען דורכגעדרונגען. די גליהענדע פונקען, מיט וועלכע זי האָט געשפּריצט, האָבען אָנגעצונדען די געמיטהער, צוהיצט די ליידענשאפטען, און עס האָט אויסגעזעהען, גלייך ווי א בעגריגדער פון א נייער רעליגיאָן שטעהט ווי א ריעזען־שמיעד מיט'ן אייזערנעם האמער און קלאפּט אויף די געזעלשאפט.

און ניט אומזיסט האָבען זיך פאר דער נייער לעהרע דערשראָקען מעהר פון אלעמען די דיענער פון דער הערשענדער קירכע. ניט אומזיסט האָבען זיך גענומען די גלחים פון אלע קריסטליכע קאָנפעסיאָנען צו בעקעמפּפען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע תורה מיט מעהר פייער, מיט מעהר גאַל און מיט מעהר האַס און פיינדשאַפט אפילו ווי די קאפּיטאליסטען און די פעאָדאלען. די לעצטערע האָבען אין אנפאנג געהאט נאָר א פעראכטונגס־געפיהל פאר די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע היץ־קעפּ, די גלחים אָבער האָבען מיט זייער חוש הריח, — וועלכער, נעבענביי בעמערקט, איז ביי זיי זעהר ענטוויקעלט, — דערפיהלט, אז דאָ רוקט זיך אָן א נייע סכנה פאָר זיי און זייער גאנצער השפעה אין דער געזעלשאַפט. און זיי האָבען ניט געהאט קיין טעות, ווייל דער מארקסיזם האָט אין זיך ווירקליך געטראגען סימנים פון א נייער רעליגיאָן. און געריכטעט איז ער געוועזן געגען די הערשענדע קירכע. איך וויל מיך קלאָהרער אויסדריקען. דער מארקסיזם אלס אזעלכער האָט ניט געהאט צו טהאָן מיט טהעאָלאָגישע פראגען, זיין אביעקט איז געוועזן ניט גאָט, די וועלט און דער מענש, נאָר די מענשליכע געזעלשאַפט, און אין פלוג האָט ער ניט מחיב געוועזן זייגע אנהענגער צו קיין בעשטימטער רעליגיעזער וועלט אויפפאסונג. אן איבערצייגטער, שטרענג גלויביגער מארקסיסט קאָן צו גלייכער צייט זיין שטרענג גלויביג אדער פריינעזאַנען אין זיין רעליגיעזען לעבען און ניט אריינפאלען דערביי אין א אינערען ווידערשפּרוך מיט זיך אליין. און דאָך איז דער מארקסיזם געוועזן געריכטעט געגען די קריסטליכע קירכע, ניט מחמת ער איז געוועזן א פיינד פון קריסטליכען גאָט, נאָר ווייל ער האָט געזעהען אין די קריסטליכע כהנים מיט זייער בערוהיגענדער מיסיאָן די גרעסטע שטערונג פאר דעם געזעלשאַפטליכען פאָרטשריט, ווייל זיי בענוצען די רעליגיאָן ווי א נאַרקאָטיקום פון איין זייט פאר די אין שווערער ארבייט אבגעשטומפּטע מאסען, זיי זאלען ניט פיהלען זייער וועהטאָג, און פון דער אנדער זייט פאר די רייכע און זאטע, זיי זאלען ניט פיהלען קיין געוויסענסביסע פאר זייערע אייגענע עבירות.

דעם קאמפּף צווישען דעם מארקסיזם און דער קירכע אין די

ערשטע יאָהרצעהנטען פון זיין ענטוויקלונג קאָן מען ביז אַ געוויסען גראַד פערגלייכען מיט דעם אַלטען קאַמפּף צווישען דעם נביא און דעם כהן. דער כהן וויל מיט דעם רויך פון קטורת און מיט דעם בלוט פון אָקסען און שעפּסען מכפּר זיין אויף קליינע און גרויסע, לייכטע און שווערע זינדען. דער נביא האָט ניט געזוכט קיין בעי־רוהיגונג, אים געגענטייל, ער האָט געוואָלט, אז דאָס מענשליכע געוויסען זאָל זיך האַלטען אין איין צאַפּלען און פיהרען אַ שטענדי־גע מלחמה געגען יעדע אונגערעכטיגקייט. דער נביא האָט דערי־בער העפטיג מיט פייערגלוט פּראָטעסטירט געגען דאָס שכור־מאַכענדע בלוט פון פעטע קרבנות.

און אויך דער מאַרקסיזם, צוגעפּאַסט צו די מאָדערנע אַנשוי־אונגען און שטרעמונגען אין דער מענשליכער געזעלשאַפט, האָט אין זיך געהאַט אַ ניצוץ פון יענעם גרויסען פּראָטעסטירענדען גייסט, וועלכער האָט פון די אור־אַלטע צייטען אָן ניט געלאָזען איינשלאָפען דאָס מענשליכע געוויסען, אַ ניצוץ פון יענער גרויסער ליידענשאַפט, וועלכע האָט צוערשט אויפגעפלאַקערט אויף דעם סיני און דערנאָך אריבערגעשפּרונגען אויף אַנדערע פלעצער און זיי בעלויכטען מיט דעם סיני'אישען אבגלאַנץ. און עס איז געווען מערקווירדיג צו בעאָבאַכטען, ווי איין אַ י ד האָט ארונטערגע־נומען פון פיעדעסטאַל אַן אַ נ ד ע ר אַ י ד ע ן, און ניט האָ־בענדיג די כונה צו פערנעהמען זיין פּלאַץ, דעם כמעט דורך יאָהר־טויזענדע געהייליגטען פּלאַץ, האָט ער איהם דאָך פערשאַפט די שטאַרקסטע קאָנקורענץ. די בילדער פון קאַרל מאַרקס און פערדי־נאַנד לאַסאַל האָבען פערנומען דעם פּלאַץ פון ה י י ל י ג ע ביל־דער, איינער אַלס „גרינדער“, דער צווייטער אַלס „אַפּאָסטאָל“, אין די אונצעהליגע קליינע ארבייטער דירות, וואוהין זיי האָבען אריינ־געטראָגען ליכט און וואַרימקייט.

פאַר די ארבייטער האָט זיך די מאַרקסיסטישע לעהרע פער־וואַנדעלט אין אַ נייע „ענטפּלעקונג“, אין אַ נייע תורה, און ווי יעדע נייע תורה האָט אויך דער מאַרקסיזם געמוזט דורכמאַכען זיין ש ט ו ר ם א ו ן ד ר א נ ג פעריאָדע. אין דיעזער צייט פון שטורם און דראַנג האָבען די מאַרקסיסטישע אַפּאָסטעל געדונערט

אנקעגען די קירכע מיט דערזעלבער ביטערקייט, ווי יעדע נייע אמונה טרעט אויף אקעגען די אַלטע. זיי האָבען געזוכט מיאוס צו מאַכען ביי די מאַסען אַלע קירכליכע איינריכטונגען, ארויסשטעלען זייער לעבערליכקייט און פאַלשקייט, ביז זיי האָבען זיך דערקליע־בען צום קריסטליכען גאָט אַליין, ניט רעכענדיג זיך מיט דער פאָלקס פסיכע. זיי האָבען געשטרעבט מ ב ט ל צו זיין דאָס קריסטענטהום און אויף זיינע רואינען אויפבויען דעם מארקסיזם אלס א פ ר א ל ע ט א ר י ש ע רעליגיאָן אים געגענזאַץ צו דער הערשענדער רעליגיאָן פון די רייכע. איז דאָ א טיעפער אבגרונד צווישען ארבייט און קאַפּיטאַל, מוז פערוואָרפען ווערען יעדע רעלי־גיאָן, וועלכע זוכט צו בויען בריקען צווישען דעם ארבייט־געבער און דעם ארבייט־נעהמער. דער קאָנפליקט מוז זיין שטרענג דורכ־געפיהרט, ביז צום הימעל, ביז צו דער גאָטהייט.

און אין איינעם מיט דער רעליגיאָן האָט מען זיך גענומען פאַר דאָס נאַציאָנאַלע געפיהל פון די מאַסען. די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע פיהרער האָבען אין זייערע בעציהונגען צום נאַציאָנאַלען פאָלקס־געפיהל געמאַכט דעם זעלבען פאַלשען חשבון ווי זיי האָבען געמאַכט אין זייער פערהעלטנים צו דער רעליגיאָן. אי דאָס נאַציאָנאַלע געפיהל האָבען זיי בעטראַכט ווי א פּראָדוקט פון דער בעשטעהענדער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, און ווי באַלד זיי זיינען געקומען צו בעקעמפּפען די בעשטעהענדע אָרדנונג און איינפיהרען א נייע, מוז אַלץ אַוועקגערוימט ווערען, וואָס איז פערבונדען מיט דער אַלטער אָרדנונג. אויבערפלעכליך האָבען זיי גע־מערקט, אז די רעליגיאָן ווערט אונטערשטיצט פון די הויכע, זיי בויען די קירכען, זיי בעצאָהלען די פּרעדיגער, און די קירכע שטעהט אים דיענסט פון דעם קאַפּיטאַל. פונקט אזוי האָבען זיי אויבער־פלעכליך געמערקט, אז די רייכע זיינען זעהר נאַציאָנאַליסטיש גע־שטימט און אונטערשטיצען דעם א פ י צ י ע ל ע ן נאַציאָנאַליזם. מסתמא, טויגען זיי ביידע אויף כפרות און מען מוז זיי ערקלעה־רען א פערניכטונגס קאַמפּף.

זיי האָבען זיך אָבער ניט פערטיעפט אין די מענשליכע פסיכע און זיי האָבען ניט א קלעהר געטהאָן: אפשר געהט פאַר אויף דעם

געביעט פון דער רעליגיאָן און דעם נאַציאָנאַליזם עטוואָס עהנליכעס ווי אויף דעם עקאָנאָמישען געביעט? אפשר האָט דער ק אַ פּ י ־ טאַ ל י ז י ר ו נ ג ס פּ ר אָ צ ע ס ארומגענומען אויך די רעלי־ גיעזע און די נאַציאָנאַלע זייט פון דער געזעלשאַפט און פונקט ווי אויפ'ן עקאָנאָמישען געביעט קאָנצענטרירט זיך אין די הענד פון א קליינער גרופּע אויך עטוואָס אנדערעס וואָס ווערט געשאַפען פון גאַנצען פאָלק און בילדעט זיין גייסטיגעס פערמעגען? אפשר איז נאָר די רעליגיאָן ווי אויך דאָס נאַציאָנאַלע עמפּפינדען אַ און פאַר זיך עטוואָס, וואָס געהט ארויס פון דער פאָלקס נשמה, טיעף אין איהר איינגעוואָרצעלט און פעסט מיט איהר פערבונדען פאַר אייביג, א ו ן ג ר אָ ה מ ח מ ת ד ע ם ט ע ם האָבען זיך די רייכע און די שטאַרקע אָנגעכאַפּט אָן דיעזע צוויי מאָמענ־ טען, געזוכט איינצושפּאַנען זיי אין זייער איינענעם וואָגען, כדי צו האָבען מעהר השפּעה אויף די מאַסען?

א לאַנגע צייט האָט עס גענומען ביז די פיהרער האָבען זיך ארומגעזעהן, אז עס איז פּשוט געפעהרליך אָנצופיהרען דעם קולטור קאַמפּף מיט די זעלבע מעטהאָדען, ווי זיי האָבען איהם געפיהרט אין דער שטורם־ און דראַנג־פּעריאָדע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־ טישער בעוועגונג. זיי האָבען געמוזט איינזעהען, אז דער מאַרק־ סיזם האָט מעהר ניט ווי א ו י ף א ו ו י י ל ע פערנומען דעם פּלאַץ פון א פאָלקס רעליגיאָן, נאָכדעם איז ער געוואָרען דאָס, וואָס ער איז אין עצם געווען פון אָנהויב אָן — א פּאָליטיש־סאָציאַלע לעהרע, וועלכע ענטשפּרעכט ד ע ם ו ו א ו נ ש פון די ארביי־ טענדע מאַסען אויף דעם געביעט פון זייער עקאָנאָמישען קאַמפּף. ניט ווייניגער אָבער אויך ניט מעהר.

און שריט ביי שריט האָבען זיי זיך אָבגעזאָגט פון דער אָ פ י צ י ע ל ע ר בעקעמפּפונג פון דער רעליגיאָן אלס אזעלכע, און שריט ביי שריט האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט צו ד ע ם נאַ־ ציאָנאַליזם, אָהן וועלכען א געזונד פאָלק קאָן גאָר ניט עקזיסטירען. נאָך לאַנג, לאַנג פאַר דער מלחמה האָבען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פערטרעטער געפונען פאַר נויטיג הילכיג צו ערקלעהרען אין דייטשען רייכסטאַג, אז דעם אמת'ען פּאַטריאָטיזם דאַרף מען זוכען ניט

ביי די רייכע, נאָר ביי די אַרבייטער. ז י י, די אַרבייטער, האָבן הויפּטזעכליך מיט זייער שוויים און בלוט אויפגעבויט דעם שטאַט, און זיי וועלן איהם בעשיצען מיט זייער ברוסט אין דעם מאָמענט פון געפאַהר. אין די בירגערליכע קרייזען איז מען געווען ערשטוינט איבער די פּאַטריאָטישע רעדען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פיהרער. ז י י האָבן אָבער געהאַלטען אַזעלכע רעדען ניט כדי צו נושא חן זיין ביי דער רעגיערונג אָדער ביי בירגערליכע קלאַסען, נאָר מחמת זיי האָבן אין דיזע רעדען אויסגעדריקט די אמת'ע שטימונג פון די אַרבייטער־מאַסען.

דער אַרבייטער האָט זיין פּסיכאָלאָגיע ניט געענדערט. געענ־דערט האָט זיך די אויפפאַסונג און די טאַקטיק פון די פיהרער.

עטוואָס ערהנליכעס איז אויך פאַרגעקומען ביי אונז, אין אונזער סאָציאַלער ענטוויקלונג, אָבער מיר האָבן געהאַט פיעל מעהר ווי די אַנדערע אויסצושטעהען פון דער שטורם־ און דראַנג־פּעריאָדע, וועל־כע האָט געטראָגען אויף זיך דעם אונשעהנעם גלות־שטעמפּעל, ווי אַלעס וואָס שפּיעלט זיך אָב אין אונזער גלות לעבען.

III

די נאַציאָנאַלע ערוואַכונג פונ'ם אידישען אַרבייטער

אין מיינע פריהעריגע אויספיהרונגען האָב איך זיך אָבגע־שטעלט אויף די פאָרמען פון דעם קולטור־קאַמפּף, וועלכע די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אין די ערשטע יאָהרצעהנטען פון איהר ענטוויקלונג געפיהרט אנקעגען די קירכע און דעם פאָלקס־נאַציאָנאַליזם. איך האָב זיך אויך בעמיהט צו בעווייזען, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע לעהרע, וועלכע איז אריינגעטראָגען גע־וואָרען אין די אַרבייטער מאַסען, האָט אַליין באַלד אָנגענומען אַ מין רעליגיעזען כאַראַקטער. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דאָגמען האָבן זיך באַלד פערוואַנדעלט אין אַ פּראָלעטאַרישען „אני מאמין" און דער מאַרקסיזם איז אריינגעקוועטשט געוואָרען אין פּאַראַגראַפען פון אַ פּאַרטײגען „שולחן ערוך". פאַר די מאַסען, וועלכע האָבן ניט

פיעל פרייע צייט און זיינען אויך ניט פארבערייטעט פאר וויסענ־שאפטליכע חבורים, איז געשאפען געוואָרען א מארקסיסטישער קאַטעכיזם, א מין „קיצור שולחן ערוך“. דיזעלבע ערשיינונג, ווי מיר טרעפען זי אַן אין דער ענטוויקלונג פון כמעט אלע אמונות. אויף נאָך איין איינציגען פונקט וויל איך הינדייטען, וועלכער בעווייזט קלאָהר, ווי וויים די מאסען האָבען געקוקט אויף דעם סאָציאַל־דעמאָקראטיזם ווי אויף א נייע ת ו ר ה, אז אפילו די רעליגיעזע טערמינאָלאָגיע האָט געפונען אָנווענדונג בנוגע צום מארקסיזם. מארקס איז געווען א פילאָזאָף, א בעגרינדער פון א נייער געשיכטס אויפפאסונג, ער איז דערגאנגען, אָדער געגלויבט אז ער איז דערגאנגען צו דער א ו ר ־ צ ע ל ע פון די געזעל־שאפטליכע בעציהונגען. ווי איך האָב שוין פריהער דערמאָנט, האָט ער זיך מיט טהעאָלאָגישע פראגען ניט בעשעפטיגט. און דאָך איז ער דער איינציגער אונטער די פילאָזאָפישע דענקער, וועלכער האָט זוכה געווען צו האָבען א ר ט ה אָ ד אָ ק ס ע אנהענגער. ווער האָט איינגעפיהרט דעם טערמין אָרטהאָדאָקס אין פערבינדונג מיט דעם מארקסיזם? איך גלויב, אז ווען אפילו אירגענד אַן איינציגער אינטעליגענט האָט צוערשט געברויכט דיעזען אויסדרוק, איז דאָס אויך א סימן פאר די שטימונגען, וועלכע האָבען געהערשט אין די מאסען. ווען די מאסען וואָלטען ניט געגעבען זייער חתימה אויף דיעזע אויסערגעוועהנליכע בעצייכנונג, וואָלט דער אויסדרוק „מארקסיסטישע אָרטהאָדאָקסיע“ ניט בעקומען קיין בירגער־רעכט אין דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער ליטעראַטור.

אין דער אידישער וועלט האָט דערזעלבער קולטור קאמפף אָנ־גענומען נאָך א פיעל העסליכערען און א פיעל שעדליכערען כאַ־ראקטער ווי אין דייטשלאנד אָדער אין די אנדערע מדינות.

אין דייטשלאנד גופא האָט דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער קולטור־קאמפף אויף קיין האָר ניט אָנגעריהרט דאָס אידישע לעבען. דער אידישער ארבייטער איז אין דייטשלאנד כמעט ניט בנמצא. און די איינצעלנע אידישע אינטעליגענטען, וועלכע זיינען צוגע־שטאנען צו דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער אָרגאַניזאַציאָן, זיינען דערשלונגען געוואָרען אין דער אלגעמיינער מאסע. זיי זיינען

אריינגעטראָטען אין די אָרגאַניזאַציאָן ווי די דייטשען, אָהן זאָנדער אינטערעסען, אָהן ספּעציעלע אויפגאַבען, ניט ווילענדיג און ניט וויסענדיג האָבען זיי בעשטימט אריינגעטראָגען אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רייהען אַ ספּעציפיש אידישע נאָטע — אָבער דאָס האָט ניט קיין שייכות צו דעם ענין, וועלכער אינטערעסירט אונז דאָ.

פון דייטשלאַנד איז דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם אריבערגע־וואָרפען געוואָרען אין רוסלאַנד, און אַ בעדייטענדער טהייל פון דער אידישער יוגענד איז גלייך צוגעשטאַנען צו איהם, מיט היץ און אייפער, ווי די יוגענד, און בעזונדערס נאָך מיט אַן אָריענטאַלישער ליידענשאַפט, איז נאָר אימשטאַנד נאָכצולויפען אַ נייער אידעע. אָבער אויך די אידישע יוגענד אין רוסלאַנד איז צוגעשטאַנען צו דער נייער בעוועגונג ניט ווי אַ אידישע יוגענד, נאָר ווי אַ טהייל פון דער אַלגעמיינער רוסישער. דעם אידישען קולטור קאַמפּף האָט זי ניט אויפגענומען, ווייל זי האָט דאָס יודענטהום פשוט איג־נאָרירט. ווען זי איז אפילו געגאַנגען צו דעם אידישען אַרבייטער, האָט זי זיך ווענ̇יג געקימערט וועגען זיין אויסנאַהם־שטעלונג אין דער אַרבייטער וועלט גופא. זי האָט ניט פערשטאַנען, אַז די אידישע געזעלשאַפט האָט אַן אייגענע סטרוקטור צוליעב דער אייגענער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע, וועלכע דאָס אידי־שע פאָלק נעהמט איין צווישען די הערשענדע נאַציאָנען. ניט נאָר האָט זי זיך ניט פערטיעפט אין דאָס אידישע פּראָבלעם, זי האָט געלייקענט די עקזיסטענץ פון דעם פּראָבלעם, ניט אנערקענט זיין בעדייטונג. די אידישע פראגע — דאָס איז מעהר ניט ווי אַ צופעליגקייט, די פאָלגע פון אַ בעשטימטען מלוכה רעזשים. ווען דער רעזשים וועט אונטערגעהן, וועלען ממילא די אידישע און עהנ־ליכע פראגען פערענטפערט ווערען.

ערשט מיט דעם וואוקס פון דער אידישער אַרבייטער צאָהל, ערשט מיט דער ענטשטעהונג פון נייע פון אידען געשאַפענע אינ־דוסטריען, וואו דער אידישער אַרבייטער האָט געפונען בעשעפטיגונג (פון די רוסישע פאַבריקען איז דער אידישער אַרבייטער געבליבען כמעט ווי אויסגעשלאָסען עד היום הזה), האָט אָנגעהויבען קלאָהר

צו ווערען פאר דעם אידישען אינטעליגענטען סאָציאַל־דעמאָקראַט, אז מען קאָן ניט קומען צו די אידישע מאסען מיט אַ פארטיגען „שולחן ערוך", אז פיעלעס מוז אנדערס צוגעשניטען זיין, מעהר צוגעפּאסט צו די בעדערפניש און צו דעם חאראקטער פון דעם אידישען ארבייטער.

דורך די נויט פון די אומשטענדען, דורך דעם צוואַנג פון אונטען איז געבאָרען געוואָרען דער „בונד", די ערשטע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציאָן. די ענטשטעהונג פון דעם „בונד" איז געווען איינע פון די וויכטיגסטע עטאַפּען אויף דעם ענטוויקלונגס וועג פון דעם אידישען ארבייטער. מיט דעם ערווערב פון אַן אייגענער פערטרעטערשאַפט, האָט ער זיך אָנגעהויבען צו עמאַנסיפּירען פון דעם אינערען יאָך, וועלכען ער האָט ביז אהין געטראָגען אין די ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנען גופא. ליידער אָבער האָבען די פיהרער פון „בונד", לכל הפחות אין די ערשטע 6—8 יאָהר פון זיין ענטשטעהונג, נאָך געלעבט אין די אַלטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טראַדיציאָנען. אלס אייניקלעך פון זיידעס, וועלכע האָבען אָבגעהיט דעם שולחן־ערוך מיט אַלע חומרות, האָבען זיי אין מארקסיזם פערטראָטען די עקסטרעם אָרטהאָדאָקסע ריכטונג און דעם קולטור קאַמפּף האָבען זיי אָנגעפיהרט נאָך מיט מעהר ביטערקייט ווי די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין זייער צייט. עס איז געווען אַ פערניכטונגס־קאַמפּף געריכטעט אי געגען די אידישע רעליגיאָן מיט אַלע איהרע טראַדיציאָנען, אי געגען דעם אידישען נאַציאָנאַליזם. דער פאַקט וועט בלייבען פערשריבען אין דער אידישער געשיכטע אויף אייביג: די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט בעקעמפפט די אידיש־נאַציאָנאַלע בעפרייאונגס בעוועגונג, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם ציוניזם, ניט מיט ווייניגער שאַרפקייט און געהעסיגקייט ווי די רייכע אסימילאַטאָרישע און אסימילירטע בורזשואזיע מיט איהרע העלפער און העלפערס העלפער.

מיט דער צייט אָבער האָט דער „בונד" געמוזט ענדערען זיין פּראָגראַם בנוגע צום פונקט נאַציאָנאַליזם, און ווידער אונטער דעם דרוק פון אונטען. דאָס ביסעל נאַציאָנאַליזם, וואָס דער „בונד"

האָט אויפגענומען אין זיין פּראָגראַם, איז געקומען ניט ווי דער מהוי פון אויבען, נאָר ווי אַ קוואַל פון אונטען, דורך די פאָדערונגען פון די אידישע אַרבייטער־מאַסען. און נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג איז די דיסטאַנץ צווישען דעם פּראָגראַמאַטישען נאַציאָנאַליזם פון דער אידישער סאָציאַל דעמאָקראַטיע און צווישען די נאַציאָנאַלע שטימונגען פון די אידישע מאַסען זעהר גרויס. די אידישע מאַסען זיינען באמת נאַציאָנאַל געשטימט און אָפען פאַר די העכסטע נאַציאָנאַלע אידעאַלען. די פיהרער אָבער האָבען מעהר ניט ארויסגעגעבען אַ הכשר אויף אַ פאַרעוועז נאַציאָנאַליזם, פּונקט ווי אַ ליבעראַלער רב ניט ארויס אין אַ נויט־פאַל אַ הכשר אויף ארבעס און הערינג צו פּסח.

די גרויסע דיפערענץ צווישען די שטימונגען פון די מאַסען און צווישען דער וועלט אנשויאונג פון די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פיהרער האָט ארויסגערופען אַ נייע אידישע אָרגאַניזאַציאָן — די פּועלי־ציוניסטישע, וועלכע איז בערופען צו פערנעהמען מיט דער צייט דעם פּלאַץ פון דער אמת'ער און אַלזייטיגער פערטרעטעריין פון די אידישע ארבייטער מאַסען. זי איז נאָך יונג אין יאָהרען דערוויל, זי האָט נאָך ניט געקאָנט גובר זיין אין דער קורצער צייט פון איהר עקזיסטענץ די נעגאַטיווע השפּעה פון איהרע עלטערע שוועסטער, וועלכע האָבען געזוכט צו ווירקען אויף די אידישע מאַסען ענטנאַציאָנאַליזירענד. איהר צוקינפטיגע ענטוויקלונג איז אָבער זיכער, ווייל זי ענטשפּרעכט דעם אידישען פאָלקס־גייסט, ווייל זי האָט איהר טהעאָרעטישע בעגרינדונג ניט געבאָרגט, ניט געליהען און אין איהר ענטוויקלונג קיינעם ניט נאָכגעטאַנצט, ווייל זי קומט צו די אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנען ווי אַ גלייכע צו גלייכע, ווען ניט אין דער שטאַרקייט, וואָס דריקט זיך אוים אין צאָהלען, אָבער אין דער שטאַרקייט פון איהר ספּעציפישען געוויכט, פון איהר אינערער וואַרהאַפטיגקייט.

צופיעל האָבען מיר נאָכגעטאַנצט אַנדערע און פערלייקענט אונזער אייגענע נאַטור. מיר האָבען דערביי פערגעסען, אַז ווי דער דייטש, דער פראַנצויז און אַזוי ווייטער זאָל ניט פערדיגען אפילו דעם עקסטרעמסטען קאָסמאָפּאָליטיזם, איז די סכנה פאַר דעם נאַ־

ציאָנאַלען קיום פון זייער פאָלק ניט גרויס. דער דייטש, דער פראנצויז און אז. וו. האָט ניט פשוט וואוהין צו ענטלויפען. ער מאָג זיך צורייסען, ער בלייבט דאָך אין זיין פאָלק, רעדט זיין שפראַך, האָדעוועט זיינע קינדער אין דעם גייסט פון זיין פאָלק און העלפט בויען די געזאמטע קולטור פון זיין אייגען פאָלק. ביי אונז אָבער איז דאָ וואוהין צו אנטלויפען, און אונזער יוגענד איז טאקע נעלאָפען, האָט געזעעט פרעמדע פעלדער, געטרעטנקט פרעמדען באָ־דען אי מיט שוויס, אי מיט בלוט, און איז געוואָרען א היטערין פון פרעמדע ווייגגערטנער.

די יוגענד איז געלאָפען, און די פיהרער האָבען צוגעפּאטשט „בראַוואָ", ביז עס איז געקומען דער קריזיס, דער שרעקליכער קרי־זיס, ביז מיר האָבען איינגעזעהען, אז אונזער איגערער חורבן איז אפשר גרעסער און סכנות'דיגער פאר אונזער קיום, ווי אלע פער־פאָלגונגען, וועלכע מיר האָבען אויסצושטעהן פון אונזערע שונאים.

און א שטארקער מאַהנרוף האָט פערהילכט די אידישע וועלט, א מאַהנרוף צו בעזיעגען זיך און אומצוקעהרען זיך צו זיך אליין.

און דער אידישער ארבייטער קאָן ניט בלייבען טויב פאר דיעזען רוף. ער וועט זיך מוזען אָברופען.

12—17 אָקטאָבער, 1916.

אַ דוחק אויף ווערטער

דאָ ווערט געערדט מכח אַ קולטורעלער קראַנקהייט, פון וועלכער די מענשהייט ליידט אָבער ניט ווייניגער און אפשר נאָך מעהר ווי פון די פיזישע קראַנקהייטען. די קראַנקהייט בעשטעהט אין דעם, וואָס מיר אָפּערירען מיט אַלטע ווערטער, וועלכע דעקען ניט מעהר די ניי געבאָרענע בעגריפען און טראָגען דורכדעם אריין אַ פּלאָנטער אין די געדאַנקען וועלט. דאָס קומט דערפון, וואָס די שפּראַכע, דאָס וויכטיגסטע פערקעהרס־מיטעל צווישען מענש און מענש, איז מעהר קאָנסערוואַטיוו, מעהר ריקשטעהנדיג אין איהר ענטוויקלונג ווי אַלע אנדערע מיטלען, וואָס דיענען צום זעלבען צוועק. דאָס לעבען ווערט מיט יעדען טאָג קאָמפּליצירטער, יעדען טאָג ווערען מיר רייכער מיט נייע בעגריפען, מיר זיינען אָבער זעהר לאַנגזאַם אין דער שאַפונג פון נייע ווערטער. אין דער טעכניק געהט עס נאָך ווי עס איז, ווייל די נויט צווינגט אונז צו געבען אַ נייעם נאָמען דעם נייעם געגענשטאַנד, זוכען מיר אויס אַלע ווערטער און שאַפען פון זיי נייע קאָמבינאַציאָנען. אם מייסטען מאַכען מיר אַ הלואה ביי די אַלטע גריכען אָדער די אַלטע רוימער. מיר זיינען פּראַקטיש. מיר מאַכען דאָרט הלואות, וואו מען ברויכט ניט צו צאָהלען ציינזען און וואו קיינער פערלאַנגט אויך דעם קרן ניט צוריק. קומט אָבער צו דער אידעען וועלט, ציינט זיך דאָ ארויס אונזער גאַנצע אונפעהינקייט צו זיין שעפּפעריש, און ווען מיר דענקען אפילו מיט נייע בעגריפען, שלעפּען מיר זיך נאָך די אַלטע ווערטער.

נו, קאָן מען מיינען, אז דערין שטעקט ניט קיין סכנה. זאָלען וועגען דעם דאגה'נען די פילאָזאָפען אָדער די וואָרט־קינסטלער ווען זיי פיהלען אַ שפע אין בעגריפען און אַ דוחק אין ווערטער. דער דורכשניט מענש האָט זיך ניט וואָס צו קימערען וועגען דער ווערטער

קנאפהיים. דער דורכשניט מענש קען אפילו ניט די העלפט ווער־
טער פון זיין אייגענער שפראכע, און ווען ער קען זיי, ווייס ער ניט
ווי מען ווענדט זיי ריכטיג אן. מען טאר אבער ניט אורטהיילען
אזוי. מען טאר ניט פערגעסען, אז א ווארט איז מעהר ווי א ס י מ ן,
מעהר ווי א ב ע ש ר י י ב ו נ ג פון א בעגריף. מיט דעם ווארט
גיבען מיר אבער איינער דעם אנדערן אויך דעם א י נ ה א ל ט
ג ו פ א פון דעם בעגריף, און דעריבער, ווען מיר ווענדען אן
פאלשע ווערטער, טראגען מיר אריין פאלשקייט אויך אין אונזערע
בעגריפען און דערנאך איז אונז שווער ארויסצוקריעכען פון אונזער
אייגענעם סכסוך. מילא אין דער קאנקרעטער וועלט פון געגענ־
שטאנדען איז די געפאהר ניט אזוי גרויס, ווען דאס ווארט פאסט
ניט אזוי צום געגענשטאנד. דער וואס איז פעראינטערעסירט אין
דעם געגענשטאנד פערלאזט זיך ניט אויף דאס ווארט, ד. ה. אויף
דעם נאמען פון געגענשטאנד. ער אונטערזוכט דעם געגענשטאנד
גופא. קויפט ער, צום ביישפיעל, אן אויטאמאביל, וועט ער זיך ניט
פערלאזען אויף דעם נאמען אויטאמאביל, ער ווייס געווים דעם
אונטערשיעד צווישען א פעקארד און א פארד, א. אז. וו., אבער אין
דער אידעען וועלט, וואו מען האט צו טהאן מיט אבסטראקטע
בעגריפען, וואו מען קאן דעם געגענשטאנד ניט אנטאפען, טראגט
אריין די אנווענדונג פון ניט פאסענדע ווערטער א צוטומלעניש אין
די בעגריפען, מען קומט צו פאלשע אורטהיילען, און דער אמת, די
ריכטיגע זאכלאגע ווערט פערדונקעלט. דיעזער אומשטאנד האט
ניט נאר א טהעארעטישע בעדייטונג, ער איז וויכטיג ניט נאר פאר
געלעהרטע, ער שפיעלט א בעדייטענדע פראקטישע ראליע, ער האט
א גרויסען איינפלוס אויף די ענטוויקלונג פון אונזערע אידעען
און פארשטעלונגען און דורך זיי אויף אונזער גאנצען פארטשריט.

אהן קיין שום ספק וואלט די מענשהייט ניט געווען אזוי גע־
שטערט אין איהר פארטשריט, ווען מיר וואלטען קאנען דערגריי־
כען איינער דעם אנדערן אונמיטעלבאר מיט די געדאנקען, אדער
ווען אונזער שפראכע וואלט געווען אזוי פאלקאמען, אז מיר זאלען
מיט ווערטער קאנען אויסדריקען גאנץ פרעציז אונזערע געדאנקען.
דערווייל זיינען מיר נאך ווייט פון דעם אידעאל.

אין דער לעצטער צייט איז מיר אויסגעקומען זעהר אָפט צו בעגעגענען זיך מיט אמעריקאניש-ענגלישע זשורנאליסטען. זיי האָבען אַלע גערעדט מיט מיר מכח דער מלחמה און מעהר ווי אַלץ האָט זיי אינטערעסירט דער אָנפאַנג, די אורזאכע פון דער מלחמה, ניט די פּאָליטישע אָדער די דיפּלאָמאַטישע אורזאכע, וועלכע יעדע פון די קעמפּפענדע מלוכות טרייסעלט פון זיך אָב און ווארפט זי ארויף אויף איהר געגנערין, די ענגלענדער אויף די דייטשען, די דייטשען אויף די ענגלענדער און אז. וו. — זיי האָט אינטערעסירט די וועלט־היסטאָרישע אורזאכע, וועלכע האָט צו טהאָן ניט מיט איינצעלנע מלוכות, נאָר מיט דער ענטוויקלונג פון דער גאנצער מענשהייט. איך האָב זיך דערפרעהט, ווען איך האָב געמערקט, אז אויך די אמעריקאנער זשורנאליסטען דערהויבען זיך צו א העכערער מדרגה פון זוכען און פאָרשען, ווארים פון א העכערען שטאנדפּונקט אויס בעטראכטעט קאָנען מיר דאָך ניט צולאָזען, אז אן איינצעלנע מלוכה, אָדער נאָר אן איינצעלנע פּאסירונג אין אַ בעשטימטער מלוכה קאָן אראָבפיהרען פון וועג א האלבע וועלט און אָנמאכען אזא חורבן. אזעלכע קאטאסטראָפען ווי מלחמות איבערהויפּט און נאָך ווי די איצטיגע מלחמה מוזען פערשטאנען ווערען ווי א רעזולטאט פון דער אלגעמיינער אינטערנאציאָנאלער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. עטוואס מוז זיין פאלש אָדער פערדאָרבען אין דער גאנצער ענטוויקלונג, ווען די וועלט־מלחמות זיינען נאָך מעגליך.

ווי גרויס איז אָבער געווען מיין ערשטוינונג, ווען איך בין בעקאַנט געוואָרען מיט דער הערשענדער מיינונג וועגען דער אורזאכע פון דער מלחמה, וועלכע איז אקצעפּטירט געוואָרען פון דער זשורנאליסטישער וועלט אלס א פעסטשטעהענדער אמת. אַלע, אָהן אויסנאהמע, מיט וועמען מיר איז אויסגעקומען דורכצושמועס'ען זיך מכח דעם ענין, האָבען בעהויפּטעט, אז זיי זעהען די ערשטע און די הויפּט אורזאכע פון דער איצטיגער מלחמה אין דעם „נאציאָנאליזם". די פעלקער זיינען צו אויסגעשפּראָכען „נאציאָנאל" אין זייערע עמפּפינדונגען, און דעריבער קאָנען זיי ניט לעבען מיט איינאנדער בשלום.

פשוט און גלאַט, ווי דער מעכאַניזם פון אַן איינגערזאַל זיי־נערל.

איך האָב געפּרואווט מתוכח זיין זיך מיט זיי. איך האָב פּער־זוכט צו צווינגען זיי, זיי זאָלען זיין לאָגיש. ביי די הנחות איז עס נאָך געגאַנגען, דאָס הייסט ביי דער טהעזע און דער אַנטי־טהעזע. איז אָבער געקומען צום בעשלוס, צום סילאָגיזם — דאָ האָבען זיי זיך אָנגעהויבען צו בריקען און עקשנ׳דיג ניט מודה זיין אין שטרענג לאָגישע אויספיהרונגען.

— זייט איהר מודה, אַז אַ נאַציאָנאַליסט מוז אַנערקענען דעם נאַציאָנאַליזם אַלס **פּרינציפּ?**

— יע, מיר זיינען מודה.

— זייט איהר מודה, אַז ווי באַלד מיר זיינען **פּרינציפּיעלע** נאַציאָנאַליסטען מוזען מיר אַנערקענען דאָס רעכט פון יעדער נאַציאָן אויף פרייע ענטוויקלונג?

— יע, מיר האָבען ניט וואָס איינצואווענדען געגען אַזאַ הנחה.

— זייט איהר מודה, אַז דער, וואָס צושטערט פרעמדע נאַ־ציאָנען דורך אונטערדריקונגען אָדער מלחמות, ארבייט **געגען** די פאָדערונגען פון דעם פּרינציפּיעלען נאַציאָנאַליזם?

— יע, אונז שיינט, אַז אויך דיעזע בעהויפּטונג איז אַ ריכ־טיגע.

— היינט פאַר וואָס ווארפט איהר די שולד פון דער מלחמה אויף דעם **נאַציאָנאַליזם** און איהר זעהט ניט איין, אַז אין אמת׳ען פאַלט די שולד אויף די צושטערער פון דעם נאַציאָ־נאַליזם, אויף די, וועלכע ערקענען **ניט** אַן דעם נאַציאָנאַליזם אַלס פּרינציפּ?

— אָבער זיי זיינען דאָך פּאָרט נאַציאָנאַליסטען! ביסמאַרק און מאָלטקע — זיינען זיי דען ניט געווען קיין נאַציאָנאַליסטען? האָט זיי דען די גאַנצע וועלט ניט בעטראַכט ווי די פּערקערפּערער פון דעם אולטראַ־נאַציאָנאַלען געדאַנק? האָבען דען מיר אַליין, אין אונזער אייגענשאַפט אַלס זשורנאַליסטען, זיי ניט אַרויסגע־

שטעלט אלס מוסטער בילדער פון נאַציאָנאַליזם? אין אייער לאָ־גיק מוז שטעקען אַ בעהאַלטענער סאָפיזם!

איך הויב אָן פון אָנהויב, ווי מיט חדר אינגלעך צו בויען דעם סילאגיזם און וויל זיי איבערצייגען, אַז זיי אַפּעריִרען מיט פאַלשע ווערטער, אַז דאָס וואָס זיי רופען אָן נאַציאָנאַליזם איז דער אויס־געשפּראָכענער אַנטי־נאַציאָנאַליזם. עס העלפט אָבער ניט. איך מערק, אַז די קראַפט פון אַ וואָרט, פון אַן אקצעפּטירטער בעצייכנונג פון אַ בעגריף איז שטאַרקער פאַר יעדען לאָגישען בעווייז.

איך מאַך אַ פּערזוך.

אַ שטאַרקער שלאָגט אַ שוואַכען. וואו ליגט די אורזאַכע — אין דעם כח פון דעם שטאַרקען אָדער אין די הילפסלאָזיגקייט פון דעם שוואַכען? וועט איהר געבען אַן עצה, כדי עס זאָלען מעהר ניט פּאָרקומען קיין שלעגערייען, אַז מען זאָל שוואַך מאַכען דעם שטאַרקען, ביז ער וועט קיין כח ניט האָבען צו שלאָגען זיך, אָדער שטאַרק מאַכען דעם שוואַכען, זאָל עס זיין דורך געזעלשאַפטליכען שוץ אָדער דורך דעם שוץ פון דער מלוכה? און ווי וועט איהר אָנרופען דעם שטאַרקען, וואָס שלאָגט זיך, מיסברויכענדיג זיין איבערלעגענעם כח: איז ער נאָך אייער מיינונג אַן אינדיווידואַליסט, אָדער אַן אַנטי־אינדיווידואַליסט? מוז דען ניט דער אינדיווידו־אַליסט מודה זיין אין דאָס אינדיווידועלע פּרינציפּ און אַנערקענען דאָס רעכט פון יעדער איינצעלנער פּערזאָן אויף פרייהייט, לכל הפחות אויף ניט געשלאָגען ווערען?

— יע, איהר זייט גערעכט. געוויס איז דער שטאַרקער, וועל־כער שלאָגט זיך, אַן אַנטי־אינדיווידואַליסט.

— הייַנט מיט וואָס פאַר אַ רעכט רופט איהר אָן די גרויסע און די קליינע ביסמאַרקס, אָדער ווי זיי הייסען דאָרט, נאַציאָנאַ־ליסטען? בעגרייפט נאָר דעם שאָדען, וואָס איהר זייט גורם דער־מיט. איהר רופט אָן דעם ע ר אָ ב ע ר ע ר, דעם אונטער־דריקער נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ס ט, און איהר פּרעדיגט דער וועלט, אַז די גאַנצע מלחמה איז ענטשטאַנען צוליעב נאַציאָנאַליזם. פּער־אורטהיילט איהר, הייסט דאָס, דעם נאַציאָנאַליזם. דערנאָך קומט דער אונטערדריקטער, דער אונטערדריקטער און ער שרייט וועגען בע־

פרייאונג אין נאָמען פון נאַציאָנאַלען פּרינציפּ. דאָס גרויסע פּובלי־קום איז אָבער בעאיינפלוסט געוואָרען פון אייערע שרייבערייען, הערט דאָס וואָרט נאַציאָנאַליזם און ווערט פערצאַפּעלט, און עס מוז נעהמען אַ לאַנגע צייט, ביז מען ערקלעהרט דעם פּובליקום דעם אונטערשיעד צווישען די צוויי מינים נאַציאָנאַליזם, און ניט אַלע מאָל גיט זיך דאָס איין, ניט אַלע מאָל קאָן מען אויפקלעהרען אַ פּובליקום.

איז עס שוין ניט די העכסטע צייט, אַז מיר זאָלען שאַפען אַ ניי וואָרט אָדער פאַר דעם ערשטען אָדער פאַר דעם צווייטען בעגריף פון נאַציאָנאַליזם? דאָס נייע וואָרט וועט אונז העלפען ארויס פון דעם פּלאָנטער, אין וועלכען מיר געפינען זיך איצט. דאַן וועלען מיר אויך פערשטעהען, אַז די מלחמה איז געקומען ניט צוליעב דעם אַנטי־נאַציאָנאַליזם פון די שטאַרקע, צוליעב דעם וואָס זיי טרעטען מיט די פיס דאָס נאַציאָנאַלע פּרינציפּ, צוליעב דעם וואָס זיי רעכענען, אַז זיי געהערט די גאַנצע וועלט, אַז די אַנדערע, די שוואַכערע זיינען געשאַפען, אום זיי צו בעדיענען. און ווען אונזער אויפפאַסונג וועט זיין אַ ריכטיגע, וועלען מיר אויך ניט זיין מעהר מטושטש און זוכען דעם ריכטיגען וועג, וועלכער פיהרט צום אמת'ען פאָרטשריט.

דאָס זיינען פּרימיטיווע געדאַנקען, אַזוי איינפאַך און קלאָהר. מען מוז זיי אָבער שטענדיג איבער'חזר'ען, כל־זמן זיי זיינען ניט אריין אין דעם אלף־בית.

1 נאָוועמבער, 1916.

נאָר אַ שפּאַן פון פעסטען באָדען

עס שטעהען פאר מיר אויף בילדער פון מיין יוגענד־צייט, אזוי לעבעדיג, אזוי קלאָהר, אזוי דייטליך אין די אומריסען, גלייך ווי איך וואָלט זיי ערשט נעכטען דורכגעלעבט. מיין יוגענד צייט פאלט צוזאמען מיט דעם אויפבליהען פון דער אידיש־נאציאָנאַלער בעוועגונג. איינצעלנע זיינען מיר געווען. מאנכע מיט שנעע ווייסע קעפּ, אנדערע נאָך כמעט יונגליך. דער געמיינזאמער איד־דעאל האָט זיי ווי אויסגעגלייכט. אין די אַלטע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען א יונג פייערל, אויף די יוגענדליכע שטערנס האָבען זיך בעוויזען קוים בעמערקבארע אָנדייטונגען פון צוקינפטיגע קנייטשען, א רמז אויף אונרוהיגע געדאנקען. מיר האָבען געבילדעט א חברה, איינע פון די ערשטע חובבי־ציון חברות אין מינסק, די מעהר אייראָפּעאישע שטאָדט אין ליטא ווי אלע אנדערע, אייראָפּעאישער אפילו פון ווילנא. ווילנא איז אידישער. אין ווילנא רוהט אומעדום די גלות־שכינה. אין ווילנא פיהלט זיך די אידישע טראדיציאָן אויף טריט און שריט. בנוגע צו אייראָפּעאיזם איז מינסק געשטאַנען העכער, עפּעס מעהר וועלטליכער, פיעל וועלטליכער אפילו פאר קאָוונא, וועלכע שטעהט אם נאָהענטסטען צו דער מערב'דיגער קולטור, לכל הפחות געאָגראפיש.

אין מינסק איז ענטשטאַנען די שטארקסטע חבת־ציון בעוועגונג. דערפאר איז אָבער אויך די געגנערשאפט אין מינסק געווען די שטארקסטע. אין ווילנא זיינען די חובבי־ציון געווען ניט אנגרעסיוו. זיי האָבען זיך אויפגעפיהרט רוהיג, בעל־הבית'יש. אין מינסק האָט די חבת־ציון דורכגעמאכט איהר שטורם און דראנג־פעריאָדע, די געגנער אין ווילנא זיינען געווען מייסטענס די שטרענג אָרטהאָדאָקסישע רבנים און זייערע אָנהענגער, וועלכע האָבען בעקעמפפט די חבת־ציון מיט פסוקים און מדרשים, אָבער אויך אָהן פייער און

ליידענשאפט. אין מינסק האבען מיר געהאט צו טהאן מיט מאָ־דערנע געגנער, מייסטענס אידישע סאָציאליסטען, און אונזער אידעע איז אָנגעגריפען געוואָרען פון צוויי זייטען, פון דער אלטער אָרטהאָדאָקסישער זייט און פון דער יונגער סאָציאליסטישער. אידישע סאָציאליסטישע אָרגאַניזאַציאָנען האָבען אין יענער צייט נאָך ניט עקזיסטירט, און אלע אידישע סאָציאליסטען זיינען געווען פייערדיגע רוסישע פאַטריאָטען. ווי האָט מען אונז בעקעמפפט? וואָס זיינען געווען די אַרגומענטען? איך בעדויער זעהר, וואָס קיי־נעם פון אונז איז ניט איינגעפאלען צו סטענאָגראַפירען די וכוחים. מיר וואָלטען זיי איצט קאָנען גוט פערוועגדען, מיר וואָלטען זיי פערקויפט צו אונזערע ה י י נ ט י ג ע געגנער. זעהר אָפט לעז איך די נעגנערישע פּרעסע און זי קלינגט פאר מיר פונקט ווי די מינסקער וכוחים. די זעלבע טענות, די זעלבע אַרגומענטען.

און איך געדענק דעם ערשטען „טעג־דעי", וואָס מיר האָבען פעראַנשטאלטעט אין מינסק. זעלבסטפערשטענדליך איז דאָס ניט געווען א „טעג דעי" אין אמעריקאנישען זין. ערשטענס האָבען מיר קיין אבצייכען ניט פארטהיילט, צווייטענס האָבען מיר קיין געלד ניט געזאמעלט. דאָס איז געווען א ריינער פּראָפּאַגאנדא טאָג. אנ'ערך צוויי הונדערט פּראָפּאַגאַנדיסטען האָבען זיך א לאָז געטהאָן איבער די שטאָדט, און זייער אויפגאבע איז בעשטאַנען אויסצוגעפינען, ווי גרויס דער ציוניסטישער חיל איז. מיר האָבען זיך א לאָז געטהאָן צו די קרעמער. אויף מיין חלק איז אויסגעפאַ־לען צו בעזוכען אלע קרעמער אין א שמאָלער גאס, וועלכע טראָגט דעם נאָמען „צווישען די קראָמען". דער נאָמען איז זעהר צוטרעך־פענד, וואָרים אייגענטליך איז די גאס גאָר קיין גאס ניט: פון ביי־דע זייטען קראָמען, און אין מיטען א דורכגאנג צווישען די קרעמער און קרעמערקעס, געגוג פאר איין מענשען, אויך נאָר דאַן, ווען ער איז ניט צו דיק. די גאס האָט דערצו נאָך א טבע, ניט דורכצו־לאָזען קיין איינציגען זונען־שטראַהל. זי ליעגט אין אייביגען שאָטען.

צו איינעם פון די קרעמער בין איך אריין און גלייך צוגע־טראָטען צו דער אויספיהרונג פון מיין מיסיאָן. אין דער געאָגראַ־

פיע פון ארץ ישראל בין איך געווען בע׳הבינ׳ט. ערשטענס פון תנ״ך און צווייטענס פון „אהבת ציון״ און „אשמת שומרון״. האָב איך אָנגעהויבען צו טענה׳ן צו דעם קרעמער אין דער גאס, וואָס ליעגט אין אייביגען שאָטען, בזה הלשון:

שוין צוויי טויזענד יאָהר, — דערמיט בעגינען זייערע אגיטאַ־טאָרישע רעדען אויך די היינטיגע פּראָפּאַגאַנדיסטען, — ווי אונ־זער פאָלק וואַנדערט ארום פון איין לאַנד אין גלות אין דאָס אַנ־דערע, געשלאָגען און געפּייניגט, פערפאָלגט און געהעצט. עס איז שוין דעריבער צייט, מיר זאָלען דערוואַכען פון אונזער דרעמעל און אויפהויבען אונזערע אויגען צום מזרח. דאָרט טרויערט אונזער לאַנד. און דאָ האָב איך אָנגעהויבען צו שילדערען די נאַטור־שעהנהייט פון ארץ ישראל, פון איהרע בערג און טהאָלען, פון איהרע פעלדער און ווייַנבערגער, ניט פערגעסען אויך די איילבערטען און די מילגרוי־מען. גערעדט האָב איך מיט האַלבע פסוקים, פון שיר השירים און פון אהבת־ציון, און איך בין געווען איבערצייגט, אז דער קרעמער וועט בעגייסטערט ווערען פון מיינע ווערטער.

דער קרעמער האָט מיך אויסגעהערט און געגעבען מיר א קור־צע אָבער קאטעגאָרישע תשובה: ניין, איך וועל ניט לאָזען אייראָ־פּאַ און אויסוואַנדערען צוריק נאָך אזיע.

נו, מילאָ ניט איז ניט. פיעל צייט צו פערלירען האָב איך ניט געהאט. עס זיינען דאָ ביי גאָט און ביי זיין פאָלק ישראל נאָך פיעלע קרעמער. איך האָב געטהאָן מיין חוב. איך האָב דערקלעהרט די לאַגע. ווייטער — ווי גאָט וועט געבען.

אין מיין בעריכט האָב איך דערצעהלט פון איינער פון די שטאַרקע געגנערישע טענות: מען קאָן ניט פערבייטען אייראָפּאַ אויף אזיע. „צווישען די קראָמען״ איז פאָרט א שטיק אייראָפּאַ. דער כרמל, דער שרון ליעגען פאָרט אין אזיע.

דענסטמאָל האָב איך נאָך ניט אזוי גוט פערשטאַנען דעם וויץ פון דעם אידישען קרעמער אין דער שמאָלער גאס, וואָס ליעגט אין אייביגען שאָטען. דאָס הייסט, דער קרעמער האָט ניט געוואָלט מאַכען קיין וויץ. ער האָט זיין ענטפער געגעבען אין פשטות, און דאָך ווי וויציג איז געווען די תשובה.

דאָס איז געווען אין אַ צייט, איידער ענגלאַנד האָט זיך בעד־פעסטיגט אין קאַווייט, אין דרום אַרם נהרים, און איידער דייטש־לאַנד האָט אָנגעהויבן צו חלומ'ען וועגן אַן אייזנבאַהן פון בער־לין ביז בגדד. ווער האָט אין יענער צייט געזאָלט וויסן פון דער וועלט־ראָליע וואָס אַזיען וועט אַמאָל שפּילען אין די אַמביציאָנען פון די פעלקער.

און נאָך אַן ערלעבניס פון יענער צייט האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. ווי איך האָב שוין פריהער דערצעהלט, האָבען זיך די חובבי ציון אין מינסק אויפגעפיהרט אַגרעסיוו. פון צייט צו צייט פלעגען מיר פעראַנשטאַלטען גרויסע מאַסען פערזאַמלונגען. איך איבערטרייב ניט — גרעסער ווי די פערזאַמלונגען אין קופּער יוניאָן אין ניו יאָרק. די פּאָליציי־ליכע בעדינגונגען זיינען געווען זעהר שווערע, אָבער מיר האָבען זיי גובר געווען. מיר פלעגען צאָה־לען פון דער מאַה, אַזוי פיעל און אַזוי פיעל פאַר יעדע הונדערט אידען. די פּאָליציי פלעגט טאַקע דעריבער בעשטעהען דערויף, אַז אויב שוין אַ נעהיימע פערזאַמלונג, זאָל זי לכל הפּחות זיין אַ גרוי־סע. צוליעב אַ קלענער פערזאַמלונג לוינט זיך ניט צו ריזיקירען.

חול המועד סכות האָבען מיר אָבגעהאַלטען אונזער גרעסטע פערזאַמלונג אין דער ביער ברויעריי פון די ברידער פרומקין אויף דעם טערקישען באַרג. דער באַרג הייסט אייגענטליך „טראַאיצקאַיאַ גאָראַ“, ווייל אויף איהם שטעהט אַ קלויסטער וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דער הייליגער דריי אייניגקייט. די אידען האָבען אָבער איבערגעמאַכט דעם נאָמען „טראַאיצקאַיאַ“ אויף „טורעצקאַיאַ“. ניט אין גאַנצען, אָבער פאַרט אַ ביסעל מגייר געווען דעם באַרג. די ביער ברויעריי איז געווען גרויס. איבער דריי טויזענד מענשען האָבען זיך דאָרט געקאָנט בעקוועם פערזאַמלען.

דער זאַאַל איז געפּאַקט. די שטימונג — אַ בעגייסטערטע. איין רעדנער בייט אָב דעם אַנדערען, איך וואַרט מיט אונגעדולד. איך בין נאָך אפילו יונג, אָבער מען איז מיך שוין אָפּט מכבד מיט אַ פּסוק.

איך שטעה שוין אויבען, אויף דער אימפּראָוויזירטער בימה. איך איבערבליק די אָרמעע ווי אַ יונגער לייטענאַנט און וואַקס אויס

אין מיינע אייגענע אויגען מיט צעהן קעפ העכער, העכער פאר דער בימה, אויף וועלכער איך שטעה. קוים האב איך אויסגעדריקט דעם געדאנק פון די צוויי טויזענד יאהר, און איך זעה, פון אלע זייטען ווערט א געדרענג. האנדטיכער פליהען און די פעטראלעאום לאמפען ווערען אויסגעלאשען. א מורמעל געהט דורך פון מויל צו מויל: פאליציי קומט. ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעשטעלט, איז די פאליציי חלילה ניט אויסען געווען קיין רשעות. זי האט זיך מעהר ניט ווי געוואלט איבערצייגען, צי האט מען זי ניט אבגענארט אין חשבון. מען האט זיך בעדונגען מיט איהר פאר אן אסיפה פון טויזענד מענשען, און זי האט דארט ענטדעקט מעהר פון דריי טויזענד. עס האט געדויערט ביי א שעה צייט. מען איז ווי עס איז מיט איהר דורכגעקומען פאר די איבעריגע צוויי טויזענד, אנגעצונדען ווידער די לאמפען און פארטגעזעצט די דרשות. מעהר ניט פאר די איבעריגע צוויי טויזענד האט מען געמוזט בעצאהלען טהייערער. די פאליציי האט געהאט א ריכטיגע טענה. עס איז ניט גלייך, — אזוי האט זי גע'טענה'ט, — דער אבצאהל פאר כשרה סחורה צו דעם אבצאהל פאר קאנטראבאנדע סחורה. קיין בייז. האט מען מעהר בעצאהלט.

דערשראקען האבען זיך מיינע פריינד פאר מיין גורל און פאר דעם גורל פון מיינעם א חבר. מיר האבעןביידע געטראגען די שילער אוניפארם מיט די מעטאלענע קנעפ. און ווען דער שול דירעקטאר דערוויסט זיך דערפון, קאן ער אונז אויסשליעסען פון דער שולע. האט מען אונז, גלייך ווי די פאליציי איז געקומען, געפאקט און געהייסען אונז אראפלאזען זיך אונטען אויף א טרעפ אין קעלער אריין, דארט וואו עס ליעגט דער מאלץ. עס איז געווען פינסטער. די שטופען האבען מיר ניט געזעהען, האבען מיר זיך ביידע געגליטשט אויף די פארענצעס פון די טרעפ. מיר גליטשען זיך און גליטשען זיך, לאנגזאם און פארזיכטיג און מיר קאנען ניט דעררייכען דעם באדען. ווער וויים, קלערען מיר, ווי טיעף דער קעלער איז, און מיר בעשליעסען צו בלייבען הענגען אויף די פארענצעס, ביז מען וועט קומען נאך אונז. אונזערע מוסקעלן האבען זיך אפילו זעהר אנגעשטרענגט, אבער אויסגעהאלטען די פראבע.

ווען מען איז פּאַרטיג געוואָרען מיט דער פּאָליציי אויבען, איז מען געקומען צו אונז נאָך אונטען מיט א סטעאַרין ליכט. מען האָט אונז געפונען הענגענדיג אויף די פּאַרענצעס. מיר האָבען דערזעהן, אז מיר זיינען געווען ביי דער אונטערשטער שטופע. נאָך איין גליטש און מיר וואָלטען געהאַט פעסטען באָדען אונטער די פיס. מיר האָבען זיך צולאַכט.

פיעלע יאָהרען זיינען אריבער. און ווען איך הער איצט די טענה פון אייראָפּאַ און אזיע, דערמאָהן איך זיך אָן דעם קרעמער אין דער שמאָלער גאַס, וואָס ליעגט אין אייביגען שאָטען. און ווען מען פרעגט מיך, ווי ווייט מיר זיינען פון ציעל, דערמאָהן איך זיך אָן דער פערזאַמלונג אין דער ביער ברויערײ: איך ווייס ניט ווען מען וועט אויבען מושווה ווערען מיט דער פּאָליציי און אונטען אריינטראָגען ליכט — אפשר נאָר א שפּאַן פון פעסטען באָדען.

24 דעצעמבער, 1916.

דאָס נייטראַלע יודענטהום

די טויזענד יאָהריגע אַבהענגיגקייט פון דעם ווילען און די קאפריזען פון פרעמדע הערשער און פעלקער האָט אויסגעארבייט אין אונז א בעזונדערע, מערקווירדיגע פסיכאָלאָגיע. מיר שפעקולירען אויף פלוצלינגע פערענדערונגען. עס וועט קומען איין געווינשטער מאָמענט און וועט מאכען א סוף צו אַלע אונזערע ליידען. די וועלט וועט מיט אמאָל איינזעהען, אז זי האָט בעגאנגען געגען אונז גרויסע עולות, און זי וועט ראדיקאל ענדערען איהר בעציהונג צו אונז. מיר אליין, אונזער אייגענער ווילען, פערוואנדעלט אין אקטיוויטעט, וועט דערביי קיין ראָליע ניט שפּיעלען. דער ווענדעפונקט אין די בעציהונגען פון די פעלקער צו אונז וועט קומען אָהן אונזער אריינמישען זיך, ער וועט קומען ווען דעם אונטערדריקער און דעם פערפאָלגער וועט דערעסען ווערען דאָס אייביגע אונטערדריקען און פערפאָלגען, אָדער ווען ער וועט איינזעהן זיין אייגען אונרעכט און וועט חוזר בתשובה זיין.

דאָס איז די פסיכאָלאָגיע פון פאסיווען ווידערשטאנד, אלס א רעזולטאט פון א לאנגדויערענדען צושטאנד פון אונבעהאָלפענהייט. מען פערליערט דעם גלויבען אין זיך אליין, אין די איינענע שאַפענדע כחות, און מען שליעסט זיך אויס אלס פאקטאָר אין די אלע קאָמבינאציאָנען מכח דער נייגעשטאלטונג פון דער צוקינפטיגער וועלט לאגע. און דאָס איז דאָס שלימסטע אין גלות, די נעגאטיווסטע פון אלע זיינע בעגלייטערשיינונגען. מאָג דער אנדערער קוקען אויף מיר ווי ער וויל, מאָג ער איינשאצען מיינע פעהינקייטען און מיינע קרעפטע אזוי ניעדעריג ווי ער וויל, מאָג ער מיך איגנאָרירען און ניט אריינרעכענען אין זיינע קאלקולאציאָנען — כל־זמן איך פאל ניט אראָב ביי זיך, כל־זמן איך פערליער

ניט מיין ווערטה אין מיינע אייגענע אויגען, האָב איך נאָך בעוואהרט דאָס בעסטע פון לעבען. די צייטען קאָנען זיך ענדערן, און מיט זיי אויך די הערשענדע אנשויאונגען. און איך האָב נאָך די האָפנונג צו צווינגען די סביבה דורך מיין זעלבסטרעספעקט, אז אויך זי זאָל מיך אָנהויבען צו רעספעקטירען. איך מוז אָבער וויסען, אז זעלבסטרעספעקט איז דער א י י נ צ י ג ע ר וועג, וועלכער פיהרט צום רעספעקטירט ווערען. דעריבער טאָר איך ניט וואַרטען אויף א ישועה, וואָס זאָל קומען א ה ן מ י י ן מ י ט ו ו י ר ק ו נ ג. דאָס איז אָ סימן פון שוואכקייט און פערלאָרענהייט.

סימנים פון דיעזער קראנקהאפטער פסיכאָלאָגיע, פון שוואכ־קייט און פערלאָרענהייט, האָט אויך ארויסגעצייגט די נייטראַלע יודענהייט אין דעם איצטיגען קריזיס־מאָמענט. איך רעד פון דער נייטראַלער יודענהייט, ווייל, ערשטענס, קאָן מען ניט שטעלען גרוי־סע פאָדערונגען צו ד י אידען, וועלכע זיינען אליין אזוי הארט בעטראָפען געוואָרען אונמיטעלבאר פון דער מלחמה, צווייטענס, ווייל גראד ד י אידען, די פון דער מלחמה בעטראָפענע, האָבען ארויסגעצייגט, הויפטזעכליך אין רוסלאנד, מעהר אָרגאניזאציאָנס טאַלענט, מעהר זעלבסטאכטונג און מעהר אקטיוויטעט ווי דער ניי־טראַלער טהייל פון אידישען פאָלק. און דאָס איז זעלבסטפער־שטענדליך, אז ווען עס ווערט גערעדט מכח דער נייטראַלער יו־דענהייט, קומט די אמעריקאנער יודענהייט צוערשט אין בעטראכט.

פון אָנהויב אָן, גלייך ווי די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, און מען האָט נאָך ניט געאהנט פון די אונגעהויערע דימענזיאָנען, וועל־כע זי וועט אָננעהמען, איז פאָרגעקומען א גרויסע ערוואכונג, אן אינסטינקטיווע ערוואכונג אין די אידישע מאסען פון אמעריקא. מיט דעם פאָלקס־חוש, וועלכער לעבט אימער אין די מאסען, האָ־בען זיי דערפיהלט, אז דאָ דערנעהנטערט זיך די שיקזאל־שטונדע פאר דאָס אידישע פאָלק, און זיין גורל ווערט דאָ געלעגט אויף די וואָגשאָל. קיין קלאָרען חשבון האָט מען זיך נאָך ניט געקאָנט אָב־געבען, מען האָט ניט געקאָנט וויסען, וואָס מען האָט צו טהאָן, איין זאך איז אָבער יאָ געווען קלאָהר: עס איז נויטיג, אז אלע מזומנ׳ע כחות פון דער אידישער בעפעלקערונג זאָל אָרגאניזירט

ווערען ביז צו זייער העכסטער אָנשטרענגונג. עס איז געווען קלאָר, אַז אויב עס איז געקומען די שעה פון גרויסע פערענדערונגען, מוז ראשית כל געענדערט ווערען די שטעלונג פון די אידען גופא צו דעם אידישען פּראָבלעם, אַז מען טאָר זיך ניט פערלאָזען אין איצטיגען מאָמענט אויף פ ר ע מ ד ע הילפע.

און וואָלט דער מאָמענט פון דער אידישער ערוואכונג געפונען אָדער ארויסגעבראַכט ענטשפּרעכענדע פיהרער; וואָלטען די פיהרער עבען אזוי טיעף געפיהלט ווי די מאסען דעם חוב וואָס זיי האָבען איצט צו בעצאָהלען זייער פאָלק; וואָלטען זיי פערשטאַנען, וואָס פאר א גרויסע קראַפט שטעהט הינטער זיי, ווען זיי וועלען זי נאָר קאָנען איינשפּאַנען און אויסנוצען זי פאר א גרויסע אויפגאבע — די אַמעריקאַנער יודענהייט וואָלט מיט אַמאָל דערהויבען געוואָרען צו אַן אונגע׳חלום׳טער מדרגה. זי האָט געקאָנט ווערען די וואָרט פיהרערין פון אידישען פאָלק.

וואָס איז אָבער געשעהען?

די אַלטע פיהרער האָבען זיך דערשראָקען. ניט חלילה פאר דעם אידישען חורבן האָבען זיי זיך דערשראָקען, אויך ניט חלילה פאר דעם געדאַנק, טאָמער וועט קומען די אָרגאַניזירונג פון די אידישע קרעפטען צו שפּעט. ניין, זיי האָבען זיך דערשראָקען פאר ז י י ע ר פיהרערשאַפט, די הויפּט סכנה האָבען זיי דערבליקט אין דעם, וואָס עס רוקען זיך אָן נייע פיהרער... זיי האָבען מורא געהאַט, טאָמער וועט פערגרעסערט ווערען דער קרייז פון די אידישע פיהרער, און איינער אָדער דער אַנדערער פון די אַלטע וועט מוזען אָבטרעטען זיין פּלאַץ אָדער געשטעלט ווערען אין שאָטען דורך דעם גלאַנץ פון דעם נייעם פיהרער. צוויי יאָהר זיינען פערשוואונדען אין רייבונגען, צאַנקערייען, קליינליכע סכסוכים, חשדים און רכילות׳ען. און ווען אַלע מיטעל האָבען ניט געהאָלפען, און די הערשענדע שטימונגען אין די מאַסען האָבען געצוואונגען די אַלטע פיהרער צו מאכען הנחות און איינצוגעהן אויף א פשרה — האָט זיך אָנגעהויבען א לאַנגע שורה פון פערהאַנדלונגען און דינגערייען, גלייך ווי דאָס הויפּט פּראָבלעם בעשטעהט אין דער ריכטיגער פערטהיילונג פון כבודים...

און די גאנצע אידישע ענערגיע איז אויסגעגעבען געוואָרען אויף די פרימיטיווע, הילפּס ארבייט. איך רוף זי אָן פּרימיטיוו, ווייל אויך אויף דיעזען געביעט, אויף דעם ריין פילאנטראָפּישען, איז ניט געשאפען געוואָרען עטוואָס גרויסעס, אימפּאָנירענדעס. ווען מען זאָל בעדענקען, אז נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם האָט דאָס אמעריקאנער יודענטהום געזאמעלט אָהן בעזונדערע אָנשטרענגונג אייניגע מיליאָנען, און היינט נאָר אייניגע מאָל אזוי פיעל. ווען מען זאָל ווייטער בעדענקען די שפע, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסען אין דער מלחמה צייט אויף אמעריקא אין דער פאָרם פון א גאָלדענעם רעגען, פון וועלכען אויך די אידישע בעפעלקערונג, און בעזונדערס, איהר רייכערער טהייל, האָט פּראָפּיטירט — ווען מען זאָל דאָס אלעס נעהמען אין אנבעטראכט, מוז מען קומען צו דעם טרויערינגען בעשלוס, אז אפילו אויף דעם געביעט פון דער פּרימיטיווער מאטעריעלער הילפסלייסטונג איז ניט פיעל געשאפען געוואָרען. איך רוף אָבער די הילפע פּרימיטיוו נאָך מחמת פיעל טיעפערען גרונד. די אמעריקאנער יודענהייט האָט זיך ניט געטאָרט בענוגענען נאָר מיט דעם זאמלען פון דעם געלד און מיט דער פערטהיילונג פון איהם דורך א שליח. די אמעריקאנער יודענהייט האָט געמאָגט פון אנהויב אָן האבען איהרע פערטרעטער אויפ'ן אָרט און שטעלע, וואו די פערטהיילונג געשעהט, און ניט זיין אָנגעוויזען אויף טענדענציעז געפארבטע בעריכטען פון זייטיגע פּאָליטיק טרייבענדע פאקטאָרען. דורך די דירעקטע פערבינדונג פון אמעריקא מיט די ליידענדע און בעדירפטיגע וואָלט פערמיעדען געוואָרען א גרויסער טהייל פון די רייבונגען, וועלכע האָבען איינגעשלונגען די אידישע ענערגיע.

קומט מען מיט תירוצים און מען זאָגט, אז עס איז אונמעגליך צו האָבען דאָרט אייגענע פערטרעטער. די בעטרעפענדע רעגיערונגען לאָזען דאָס ניט צו. זיינען דען געמאכט געוואָרען ערנסטע פערזוכען אין דיעזער ריכטונג? אפשר איז געשאפען געוואָרען אזא סיטואציאָן, גראד ווייל אמעריקא האָט ביז איצט ניט געשיקט קיין אייגענע פערטרעטער, און די דאָרטיגע פערטרעטער, פון אמעריקא אויס געקרוינט און געשטיצט, ווילען איצט ניט צו-

לאָזען, אז אנדערע זאָלען זיך מישען אין זייער ווירטהשאַפט? און ווער בעהויפּטעט עס, אז די דאָרטיגע פּערטרעטער זיינען אזוי שטאַרק, אז מען קאָן זיי גאָר ניט מנצח זיין? מיר האָבען אן אל־טעם ביישפּיעל, און מיר מאָגען פון איהם עטוואָס לערנען. זיינען דאָך גאָר אמאָל, בשעת דאָס אידישע פאָלק האָט געזוכט א לאַנד צום ערשטען מאָל אין זיין געשיכטע, געקומען די מרגלים און דער־צעהלט רויבער געשיכטען פון די ריזען, וואָס זייער קאָפּ דער־גרייכט אזש ביז צום הימעל, און פון די פעסטונגען, וואָס זיינען ניט איינגנעהמבאר. און דאָך האָט עס זיך ארויסגעשטעלט אלס די איינבילדונג פון שוואַכע פערזאָנען מיט א קראַנקהאַפטער פאַנטאַזיע. אפשר האָבען מיר אויך אין איצטיגען פאַל צו טהאָן מעהר מיט איינבילדונג ווי מיט בילדונג?

ווייטער קומט מען און מען טענה'ט, אז עס איז ניט די פּאַסענ־דע צייט צו פערנעהמען זיך מיט גרויסע און אויסגעארבייטעטע פּלענער. דאָרט ליידט מען הונגער, דאָרט קומט מען אום פון קעלט. די איינציגע זאַך, וואָס מיר קאָנען איצט טהאָן איז נאָר זאַמלען געלד און שיקען דורך ווּעמען עס איז.

א פאַלשער תירוץ. אזוי צו אורטהיילען האָט דאָס רעכט דער הונגעריגער און דער נאַקעטער דאָרט, אָבער ניט דער זאַטער און דער גוט בעקליידעטער דאָ. און מערקווירדיג. דער פּראָטעסט געגען דעם בילינגען אופן ווי די הילפע ווערט געלייסטעט קומט גראָד פון יענער זייט, גראָד פון די הונגעריגע און די נאַקעטע.

די סאָציאַל דעמאָקראַטען האָבען זיך איין מאָל בעקלאָגט אין דייטשלאַנד, אז זיי זיינען מעהר ניט ווי א ן א ב י ע ק ט פון דער פּרייסישער געזעצגעבונג. די ליידענדע אידען זיינען איצט בעהאַנדעלט געוואָרען ווי א ן א ב י ע ק ט פון דער אמערי־קאַנישער פילאַנטראָפּיע. מען האָט זיך מיט זיי קיין עצות ניט געהאַלטען, ו ו י מען זאָל פערווירקליכען די הילפע פאַר זיי. מען האָט זיי נישט געפרעגט, וואָס איז בעסער צו טהאָן. צו וואָס פרע־גען — עס איז דאָ אן אלטער אויסגעטראָטענער וועג פון צדקה פערטהיילען, און מען זוכט ניט קיין נייע וועגען אין מלחמה צייטען. דאָס איז סימפּטאָמאַטיש אויך פאַר אונזערע ווייטערע אַק־

ציאָנען. מען וועט אריינגעהמען אין חשבון אַלע פאַקטאָרען. איין פאַקטאָר וועט בלייבען דערביי אויסגעשלאָסען — דאָס אידישע פאָלק גופא.

ניט אַלעס איז נאָך פערלאָרען, און עס איז די העכסטע צייט, אַז יעדער דענקענדער איד זאָל איבערטראַכטען און בעטראַכטען אויף דאָס ניי דאָס גאַנצע פּראָבלעם. און זאָל מען זיך גאָר ניט שרעקען. וואָס אָרגאַניזירטער מיר וועלען אַליין זיין, וואָס גרעסער עס וועט זיין די אויפגאַבע, וועלכע מיר וועלען אונז שטעלען, אַלץ מעהר וועלען מיר פּאַרטיג ברענגען, אויך אויף דעם געביעט פון מאַטעריעלער הילפע.

30 דעצעמבער, 1916.

קיין נדחה אין ציוניזם

די פאטריאָטען פון אלע פעלקער מיט דער אויסנאהמע פון זייער אייגען פאָלק, די נשמה פערזאָרגער פון דער גאנצער וועלט, די ליכט־טראָגער מיט פערבונדענע אויגען, די איינגעבילדעטע לעה־רער אָהן תלמידים — די אידישע אסימילאַטאָרען, די פערביסענע געגנער פון דער אידישער נאציאָנאלער בעפרייאונג האָבען זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט. די ציוניסטען וועלען מורא האָבען — אזוי האָבען זיי גע'חשבונ'ט — ארויסצוטרעטען אָפען מיט זייערע סעפעראטיסטישע אידעען און ציעלען בשעת די הערשער־נאציאָנען וועלען זיין פערנומען מיט דעם גרויסען קאמפף. זיי וועלען מורא האָבען צו ציינען, אז אין דיזען וויכטיגען מאָמענט בלייבט נאָך ביי זיי איבריג צייט און ענערגיע פאר זייערע אייגענע, בעזונדערע דאגות, פאר זייערע אייגענע, בעזונדערע האָפנונגען. זיי, די אסימילאַטאָרען, האָבען זיך פון אָנהויב אָן אנגעשלאָסען אָן דעם עקסטרעמען פליגעל פון די הורהא־ און מארד־פאטריאָטען און מיט חוצפה געטיימעלט אויף די ציוניסטען: מיר וועלען אקאָרשט זעהן, וואָס פאר א פנים איהר וועט איצט האָבען מיט אייער אידישען נאציאָנאליזם; און אין זייער פראָוואָצירענדער האלטונג האָבען זיי זיך ניט אָבגעשטעלט אפילו פאר דראָהונגען און מסירות. אנדערש ווי מיט דעם נאָמען מסירה קאָן מען ניט בעצייכענען דעם ארויסטריט פון געוויסע אסימילאַטאָרען אין מלחמה־צייט מיט א בעשולדיגונג, אז דער אידישער נאציאָנאליזם שטעהט אין ווידערשפרוך מיט דעם חוב־געפיהל צום פאטערלאנד, און מיט בעשולדיגונגען פון דעם מין איז געווען פול די אידיש־אסימילאטארישע פרעסע, ניט בעאכטענדיג דעם כלומר'שטען „בורג־פריעדען“, וועלכען די אידישע פארטייען האָבען געשלאָסען פאר די דויער פון דער מלחמה.

דאָך, ניט די דראָהונגען און ניט די פּראָוואָקאַציאָנען האָבען ניט געהאָלפען. די ציוניסטען האָבען זיך ניט דערשראָקען, און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן איז בעשטאַנען די גרויסע פייער־פּראָבע. אין דייטשלאַנד, ווי אין עסטרייך, אין ענגלאַנד און פראַנקרייך, ווי אין רוסלאַנד. אין אַלע לענדער, אָהן אַן אויס־נאַהמע, האָבען די ציוניסטען געבראַכט דעם בעסטען בעווייז, ווי מען קאָן בלייבען טריי דעם אידיש־נאַציאָנאַלען אידעאַל און אין גלייכער צייט ערפילען דעם ערשטען און דעם העכסטען בירגער־ליכען חוב אויף אַזאַ אופן, אַז אפילו די שלימסטע אידישע געגנער און חטאים זוכער זאָלען מוזען שטומען, ניט האָבענדיג גאָרנישט וואָס איינצואווענדען. די ציוניסטען האָבען אומעדום אָנגעפילט די ערשטע שורות פון די פרייוויליגע און די ערשטע שורות אויף די שלאַכט־פעלדער. זיי האָבען בעפרידיגט די שטרענגסטע פאָ־דערונגען, וואָס די מלוכה קאָן שטעלען צו דעם איינצעלנעם בירגער און דאָך האָבען זיי אויף איין וויילע ניט מסיח דעת געווען פון דער גרויסער אידישער אויפגאַבע, וועלכע ליעגט אויף זיי. מיט אַלע כחות האָבען זיי זיך בעמיהט צו פעסטיגען די אָרגאַניזאַציאָן, צו שיצען און אונטערשטיצען אונזערע פּיאָנירען אין ארץ ישראל און דעם גאַנצען בנין פון דעם נייעם ישוב. פון די טרענטשעס האָבען זיי געשיקט זייערע שקלים, זייער בייטראַג פאַר דעם נאַציאָנאַל פאָנד און פאַר די ערהאַלטונג פון די פּאַלעסטינישע אינסטיטוציאָ־נען. אין איינצעלנע לענדער, ווי צום ביישפּיעל, אין עסטרייך און ענגלאַנד, איז די ציוניסטישע ארבייט אין דער מלחמה צייט אָנגע־גאַנגען אינטענסיווער און ענערגישער ווי פאַר דער מלחמה. אין עסטרייך האָבען די ציוניסטען אָרגאַניזירט אַ פאָנד, וועלכער דיענט דעם צוועק פון באָדען־קויף אין ארץ ישראל פאַר די רואי־נירטע פון דער מלחמה נאָך דער מלחמה. אין ענגלאַנד, וואו די ציוניסטישע אקטיוויטעט איז פאַר דער מלחמה געווען שוואַך, איז פערשטאַרקט געוואָרען גראַד אין דער לעצטער צייט די אָרגאַניזאַ־ציאָן. אין דייטשלאַנד, וואו אַ גרויסער טייל פון די ציוניסטען שטעהט אין אקטיווען מלחמה דיענסט, איז דאָך די אָרגאַניזאַציאָן ניט שוואַכער געוואָרען. און אויך אין רוסלאַנד, וואו עס קומט אויס

צו ארבייטען ביי בעזונדערס אונגינסטיגע אומשטענדען, מערקט זיך אויך איבעראל א שטייגערונג פון דער ציוניסטישער אקטי־וויטעט. מיט איין ווארט, די אסימילאטארישע האפנונג האט זיך נים ערפילט, און די ציון'ס געגנער זיינען נאך אמאל אבגענארט געווארען אין זייערע ערווארטונגען. שטעהען זיי איצט ווי פאר א רעטעניש און קריצען מיט די צייהן.

און מערקווירדיג, די פרעמדע, פאר וועמען די אסימילאציאן ציטערט, האבען פערשטאנען די בערעכטיגונג פון די ציוניסטישע געפיהלען אפילו אין דער מלחמה צייט. די עדעלערע צווישען די פרעמדע האבען נים נאר פערשטאנען, נאר אויך אויסגעדריקט זייער סימפאטיע מיט דער אידיש־נאציאנאלער שטרעבונג. גרויסע שטאאטסמענער, וויסענשאפטלער און קינסטלער האבען געפונען פאר נויטיג צו זאגען אין קריטישען מאמענט א גוט־ווארט וועגען דעם אידיש־נאציאנאלען אידעאל. די איינציגע, וואס קאנען זיך נים בערוהיגען, די איינציגע, וואס בעמיהען זיך ארויסצושטעלען דעם ציוניזם אין פאלשען ליכט, צו פערדרעהען זיין זין און צו קאנסטרואירען א געגענזאץ צווישען איהם און די בירגער־חובות, זיינען אונזערע אייגענע אסימילאטארען. אין זייער היפער־פאט־ריאטישען געקינסטעלטען און קראנקהאפטען פאטריאטיזם, אין וועלכען, נעבענביי בעמערקט, קיינער גלויבט נים, אויסער די וואס שרייבען וועגען איהם, זוכען זיי אויפצורייצען געגען די אידישע נאציאנאלע עלעמענטען די עפענטליכע מיינונג. אומזיסטע מיה. פאר דער גרויסער עפענטליכקייט האט דער ציוניזם שוין לאנג אויפגעהערט צו זיין א מיסטעריום.

עס זיינען איצט צו אונז אנגעקומען די לעצטע נאכריכטען וועגען דאס ציוניסטישע לעבען און שטרעבען אין דייטשלאנד. די נאכריכטען ענטהאלטען אן אויספיהרליכען בעריכט וועגען דעם אויסעראָרהענטליכען דעלעגירטען־טאג פון די דייטשע ציוניסטען, וועלכער איז אבגעהאלטען געווארען אין לעצטען דעצעמבער. מיר לעזען די איינצעלנע בעריכטען און רעפעראטען. מיר הערען זיך צו פון דער ווייטען צו די פערהאנדלונגען און דעבאטען פון די דע־

לעגאַטען און מיר פערגעסען זיך אויף אַ ווײַלע, אַז די קאָנפערענץ קומט פאָר אין מלחמה־צייטען און אין מלחמה־פיהרענדע לענדער. מען דערמאָהנט די געפאַלענע חברים, מען שיקט אַ גרוס צו די חברים אין פעלד, אָהן הויכע ווערטער, אָהן בעריהמעריי, אָהן בעזונדערע בעטאָנונג. אַלעס ערשיינט אַזוי זעלבסט פער־שטענדליך. עס איז זעלבסט פערשטענדליך, אַז יעדער ציוניסט ערפילט זיין בירגער־חוב. עס איז זעלבסט פערשטענדליך, אַז ער פערלאַנגט ניט קיין דאַנק פאַר זיין איבערגעבענהייט. עס איז אָבער אויך זעלבסט פערשטענדליך, אַז יעהער ציוניסט מוז אויך ערפילען זיין חוב צו זיין אָרגאַניזאַציאָן, מוז זוכען זי צו בעפעס־טיגען און מאַכען זי ווידערשטאַנדס־פעהיג. עס איז אויך זעלבסט פערשטענדליך, אַז די גרויסע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען פערבונ־דען מיט דעם ציוניסטישען הויפּט ציעל, טאָרען ניט אָבגעלעגט ווערען אָהן אַ זייט, עס טאָר ניט איינטרעטען קיין שטילשטאַנד, עס טאָר ניט געמאַכט ווערען אַ נדחה אין דער ציוניסטישער ענט־וויקלונג.

און דורך אַלע רעפּעראַטען און דורך אַלע וכוחים געהט דורך איין גרונד געדאַנק: די בעפרייאונג מוז זיך אָנהויבען אין די גלות־לענדער. גראַד איצט, דורך די וועלט־קאַטאַסטראָפע, איז פאַר דעם דענקענדען, זוכענדען און פאָרשענדען ציוניסט נאָך קלאָרער גע־וואָרען, ווי ווייט דאָס אידישע לעבען, אפילו פון דעם ציוניסט, איז דאָך געוועזען בעאיינפלוסט ניט נאָר פון אַן אונמיטעלבארער פרעמדער סביבה, נאָר אויך פון אַ פרעמדער געדאַנקען־וועלט, פון פרעמדע אויפפאַסונגען, פון פרעמדע אידעאַלען. אפילו דער אי־דישער נאַציאָנאַליזם איז אויך פול פסלת, פערמישט מיט פרעמדע עלעמענטען, וועלכע שאַדען איהם נאָר. דער אידישער נאַציאָנאַליזם קאָן ניט לעבען אין פריינדשאַפט אָדער גאָר אין שותפות מיט דעם עראָבערונגס־גייסט. דער אידישער נאַציאָנאַליזם איז דער נאַ־ציאָנאַליזם פון דער צוקונפט, ווען דער גלייכהייטס־אידעאַל וועט זיעגען און וועט דיענען אַלס דאָס רעגולירענדע געזעץ אין די אינ־טערנאַציאָנאַלע בעציהונגען פון דער מענשהייט.

די בעפרייאונג מוז זיך אָנהויבען אין די גלות לענדער. עס

מוז ראדיקאל געענדערט ווערן די ערציהונג פון דער אידישער יוגענד. העברעאיש, שפראכע און ליטעראטור, מוז פערנעהמען א וויכטיגען פלאץ אין דער אידישער ערציהונג. נאך די העברעאישע שפראך איז אימשטאנד אריינצופיהרען דעם אידישען תלמיד אין די ריינע אונפערשטעלטע אידישע פארשטעלונגס־וועלט, נאר זי בע־זיצט די קראפט צו בעפרייען דעם אידישען גענאנק פון די פרעמדע עלעמענטען, וועלכע ער האט אין זיך אריינגעזויגען. די ציוניס־טישע ארגאניזאציאן ווערט דעריבער אויפגעפאדערט צו גרינדען איבעראל העברעאישע קורסען, און געבען אויך די ערוואקסענע ציוניסטען די מעגליכקייט איינצוהאלטען א חלק פון דעם פער־זוימטען.

נייע געדאנקען, נייע בעגרינדונגען זיינען אין די פאדערונגען נים ענטהאלטען. די בעסטע עלעמענטען פון די מערב אייראפע־אישע ציוניסטען זיינען שוין לאנג פאר דער מלחמה געקומען צו דער זעלבער ערקענטניס, אז דער ציוניזם קאן נים לאזען קיין טיעפע ווארצלען, ווען ער זאל נים האבען א העברעאיש־קולטורעלע גרונד־לאגע. דער ציוניזם קאן נים וואקסען און ערנעהרען זיך פון דער לופט, ער מוז האבען א נאהרבאדען. אינטערעסאנט איז אבער און נאך מעהר אלס אינטערעסאנט, ביי וועלכע אומשטענדען און אין וואס פאר א צייט די פראגען זיינען פערהאנדעלט געווארען.

די זעלבע ערשיינונג ווערט בעאבאכטעט אויך אין רוסלאנד. אין מאסקווע גרינדען די ציוניסטען א נייע העברעאישע וואכען־שריפט, גרינדען א פאנד פאר א העברעאישע קינדער־ליטעראטור און אז. וו.

און נאך איין וואונש בעזעעלט איצט די ציוניסטישע וועלט. אויף דעם דייטשען דעלעגירטען טאג האלט דר. מארטין בובער א ספעציעלען פארטראג איבער די נויטווענדיגקייט פון א מעהר נא־הענטער פעראייניגונג צווישען די מזרח־אייראפעאישע און די מערב אייראפעאישע ציוניסטען און ער ווענדעט זיך מיט א מאהנונג צו ביידע צדדים. די ציוניסטען האבען איצט צו ערפילען אן אויפגא־בע, דיקטירט פון דעם איצטיגען היסטארישען מאמענט: ז י י מוזען רעפרעזענטירען ד י א י י נ ה י י ט פ ו ן ד ע ם א י ד י ש ע ן

פ אָ ל ק. אויך ניט קיין נייער געדאַנק, **אָבער עס איז געווען** נויטיג, **ער זאָל איצט ארויסגעזאָגט ווערען** מיט **בעטאָנונג און בעוואוסטזיין. ער מוז איצט ווערען צום לייטענדען געדאַנק פון א ל ע ציוניסטען.**

9 פעברואר, 1917.

די גייסטיגע קראפט פון אידישען פאלק

עס ווירקט ווי באלזאם, בערוהיגענד און ערפרישענד, ווען עס קומען צו אונז אן איצט, אין מאמענט פון גרויסער דאגה און טיעפען שמערץ, ידיעות פון יענער זייט ים, וועלכע דערצעהלען אונז פון א שטארקען בטחון, פון א פעסטען גלויבען, פון א שאפען פון האפנונג אין לעבען פון אונזערע ברידער. ניט זעהר אפט קומען זיי אן, אט די ידיעות, נור ווען זיי דערגרייכען אונז, טראגען זיי אריין אין אונזער אלטאג עפעס א מין יום־טוב'דיגע שטימונג און פילען אונז אן מיט אן אינערען שטאלץ. מיר ווערען שטאלץ אויף זיי, אויף אונזערע ברידער, אזוי נאהענט צום חורבן און אזוי ווייט פון קליינמוטהיגקייט און פערצווייפלונג! און דאס שטאלץ־געפיהל מישט זיך אוים מיט א געפיהל פון קנאה, אבער ניט פון יענער קנאה, וועלכע ווארצעלט אין מענשליכען עגאאיזם און איז פערבונדען מיט ניט פערגינען. א העכערע קנאה ערפאסט אונז. מיר ווילען חלילה ניט אבנעהמען זייער חלק, זייער העלדענמוטה, מיר בעדויערען נור, וואס מיר זיינען אזוי ווייט פון זיי און האבען ניט די זכיה מיטצוהעלפען און מיטצואווירקען, לייטערן זיך גלייך מיט זיי און גלייך מיט זיי ארויסגעהן פון דעם אומגעשטאלטענדען פראצעס אויסגעלייטערט, ריינער, אויפגעקלעהרטער, בעסער, עדעלער און וויעדערשטאנדספעהיגער.

איך הויב אן מיט רוסלאנד.

אן ערך א האלבע מיליאן אידישע סאלדאטען שטעהען אויף פערשיעדענע שלאכט־פעלדער, וועלכע ציהען זיך אזוי ווייט, פון ווילנא און מינסק ביז צו די קארפאטען, פון באלטישען ים ביז די הויכע בערג פון קאווקאז און נאך ווייטער. קאנט איהר זיך פארשטעלען דאס בילד? איז אייער איינבילדונגס־קראפט גענוג שטארק, איהר זאלט האבען א השגה פון דעם וואס קומט פאר?

זייט איהר אימשטאנד ארומצונעהמען אי די האלבע מיליאן אידישע סאלדאטען און די לכל הפחות איינינע מיליאנען זיידעס און באבעס, טאטעס און מאמעס, שוועסטער, ברידער און קינדער, וועלכע קעמפ־פען אויס ז י י ע ר מלחמה ביי זיך אין דער היים; אן אינערע מלחמה מיט זיך אליין, יעדער אין זיין אופן, יעדער נאך זיין שטיי־גער? דאס זיינען די, וועלכע ערלעבען אלע מלחמה שרעק פון דער וייטען, בייטאג אין דער פאנטאזיע, ביי נאכט אין חלום.

און די „אנטלויפענדע“? — דאס איז דער טעכנישער נאמען פאר דעם נייעם וואנדערער וועלכער איז אויסגעריסען געווארען פון זיין שטענדיגען באדען און געטריבען געווארען „ווי מעקענע פון שייער“, „ווי א בלאט פאר'ן ווינד“ אהן א ציעל, אהן א בעשטימונג. ניט איינצעלנע, צעהן און הונדערט טויזענדע מיט אמאל, איינער צום אנדערען צוגעטוליעט, ווי די שעפסען, ווען עס פאקט זיי א שטורם, דורך רעגען און האגעל, ווינד און שנעע, דורך פעלדער און וועלדער האלב נאקעט, הונגעריג און דורשטיג. קאן מען פון וייטען האבען א פארשטעלונג פון אזא בילד? קאן מען האבען א השגה פון אזעלכע קאנצענטרירטע ליידען, פון דעם ברענענדען שמערץ, פון דער שטעכענדער בעליידיגונג?

מיר גלויבען ניט מעהר אין וואונדער, מיר לעבען מיט'ן שכל און אין אלץ זוכען מיר דעם טרוקענעם חשבון. און דאך איז גע־שעהן דאס וואונדערבארסטע. מיר האבען עס ביז איצט נור קוים בעמערקט, וויל די ידיעות וועגען די פאקטען קומען אן צו אונז נור פעראיינצעלט און זיי האבען זיך נאך ניט פערשמאלצען אין אונזער השגה אלס אן איינהייט.

געדענקט נור! אומעדום, וואוהין דער שיקזאל האט פער־ווארפען די „אנטלויפענדע“, ווערען געגרינדעט נייע קהלות, עס ווערען געעפענט אידישע שולען פאר די נאך איבערגעבליבענע קינ־דער, און די אנטרונענע טראגען אריין אין די קהלות א נייעם גייסט, א גייסט פון אידישקייט. אין ס י ב י ר וועקט דער נייער איינ־געדרונגענער גייסט די אלטע עלעמענטען, די דערוויטערטע, די פון זייער שטאם אבגעריסענע, און אין קאלטע, ווינטערדיגע סיבירישע שטעדט ווערט געשאפען אן אטמאספערע פון ווארעמענדער האפ־

נונג. אין ליטא חרוב געוואָרענע ישיבות וואַקסען אויס ווי אַ פעניקס פון זייער אייגענער אש אין טיעף רוסישע צענטרען.

געדענקט נור! די „אנטלויפענדע" געהען דורך אויף זייער וואנדערונג שטעדט און שטעדטלעך. מען טהיילט זיך מיט זיי מיט דעם לעצטען ביסען, מען בעדעקט זייערע פערפראָרענע אברים און מען שיקט מיט זיי... ספרים און מלמדים. די חדר אינגלעך זאָלען חלילה עברי ניט פערגעסען. ווער וויים, ווי לאנג עס וועט זיי אויסקומען צו וואנדערען!

אין פעטראָגראד פערזאמעלט זיך די אידישע אינטעליגענץ. אויסער די עלעמענטארע דאגות פאר דעם גורל פון די רואינירטע עקזיסטענץ, טראָגט זי אין זיך נאָך אַ דאגה, אַ הייליגע דאגה. מען מוז בויען אַ טעמפעל פאר דער אונגעפעלשטער אידישער קונסט. אַ אידיש טהעאטער זאָל געשאפען ווערען.

אין מאָסקווע ווערט געגריינדעט אַ נייע העברעאישע צייטונג. מען דארף ניט צולאָזען, אז דאָס העברעאישע וואָרט זאָל פער־שטומט ווערען, עס טאָר ניט זיין קיין הפסקה אין דער העברעאישער ענטוויקלונג.

מען פייערט דעם האלבען יובל פון ביאליק'ס שאפען. דער־מאָהנט מען זיך אָן די קליינע, אָן אונזער וואקסענדע האָפנונג. מען זאמעלט אַ פאָנד פאר אַ העברעאישע קינדער ליטעראטור. עס איז טאקי נויטיג, מען טאָר ניט ווארטען, ווער וויים, ווי לאנג די מלחמה וועט נאָך דויערען!

דאָס זיינען נור איינצעלנע פאקטען. קאָן מען דען אלעס אויפ־צעהלען? ווייסען מיר דען אלעס? ערשט שפעטער וועלען מיר זיך דערוויסען פון אלע וואונדער, וואָס אונזער גייסט האָט געשאפען אין דער מלחמה צייט.

איך געה איבער צו עסטרייך.

קיין חלקים פון דעם חורבן איז אויסגעפאלען אויף דעם גורל פון גאליציען. ווי אַ שפיעל־באָל זיינען די גאליצישע אידען גע־וואָרפען געוואָרען און איבערגעגאנגען פון האנד אין האנד און פון רשות אין רשות. און נהאר דיעזע פיעל געפלאָגטע, פון פערשיעדענע זייטען פערפאָלגטע „גלייכבערעכטיגטע בירגער" האָבען געצייגט אַ

ביישפּיל פון פעסטער טרייהייט און איבערגעבענקייט. פּיעל האָבען זיי געליטען. שרעקליך האָבען זיי געהאט אויסצושטעהן, ווייל זיי האָבען ניט געקאָנט בעהאלטען זייערע געפיהלען, זיך בויגען און חנפ׳ענען, ווי עס האָבען געהאנדעלט די אנדערע גרופּען. די אין לעבען פערלאכטע און פערשפּאָטעטע האָבען געדיענט אלס מוסטער פון אינערן שטאָלץ אין מאָמענט פון דער גרעסטער סכנה. אין וויען און אין פּראג און אין די אנדערע שטעדט, וואו די אידיש־נאציאָנאלע בעוועגונג האָט געפונען פּלאַץ, פּעראייניגען זיך די נאציאָנאלע כחות צו שיצען די גערעטעטע פון דעם שווערד פון דעם שונא און פון די מסירות פון די שכנים. זיי זוכען זיי צו שיצען פון הונגער און נויט און פון דער אונבארמהערציגער רחמנות פון דער אָפיציעלער פּילאנטראָפּיע, וועלכע וויל יוצא זיין אנקעגען זיי מיט אַן ארויסגעשליידערטער נדבה... זיי גרינדען פאר זיי שולען, נעהמען זיך אָן פאר די קינדער, עס זאָל אין זיי ניט פערלאָשען ווערען דער גליהענדער פונק פון ליעבע און אכטונג צו זייער פּיעל געפּרופטען פאָלק.

און אין דייטשלאנד.

דאָס אָפיציעלע, ה ע ר ש ע נ ד ע, ר ע ג י ע ר ע נ ד ע א י ד י ש ע ד י י ט ש ל א נ ד האָט באנקראָטירט. קנעכטיש אין געזינונג, ביוראָקראטיש אין האנדלונג, פרעמד, קאלט און גאוה׳דיג אין בעציהונג צום מזרח־אייראָפּעאישען אידען, האָט זיך דאָס אָפיציעלע יודענטהום אין דייטשלאנד בלאמירט אין דעם איצטיגען גרויסען מאָמענט. קיין פערענטפערען זיך וועט ניט העלפען, קיין ארויסקייקלען די שולד פון איינעם אויף דעם אנדערען וועט ניט נוצען. עס מאכט ניט אויס, ווער אלס איינצעלנע פּערזאָן איז ארויסגעטראָטען אין דער עפענטליכקייט. ניט איינצעלנע פּערזאָנען ווערען דאָ גע׳משפט, עס ווערען גע׳משפט ריכטונגען און געזעלשאפטליכע קלאסען. און דער פאקט בלייבט א פאקט, אז בשעת די רוסיש־אידישע אינטעליגענץ איז געווען בעשעפטיגט מיט דער גרויסער דאגה פאר דעם קיום פון דעם אידישען פאָלק, בשעת די בעסטע אין עסטרייך האָט געשמידט פּלענער, ווי צו בויען די אידישע צוקונפט נאָך דער מלחמה, איז א געוויסע געזעלשאפטליכע

שיכט פון דייטשען יודענטהום געווען פערנומען מיט דער דאגה, ווי צו פערהיטען דייטשלאנד פון דער פויליש־אידישער סכנה. איידער דער גורל פון פוילען איז נאך בעשלאסען געווארען, האט מען זיך שוין געוואלט פערווארענען מיט מחיצות און אבצוימונגען.... פער־טרעטער פון אפיציעלען יודענטהום האבען פערלארען יעדע בושה, יעדעס געפיהל פון עלעמענטארער אנשטענדיגקייט און פערלוימדעט אויף'ן שרעקליכסטען, העסליכסטען אופן זייערע ווייטע ברידער. זיי האבען זיך געוואלט א ו נ ט ע ר ק ו י פ ע ן, אויספיינען, און זיי האבען זיך דערמיט אליין פערקויפט און מיאוס געמאכט. זיי פיהלען דאס איצט אליין. זייערע שכנים האבען מסכים געווען צו זייער חאראקטעריסטיק בנוגע די פוילישע אידען, זיי זיינען אבער ניט מסכים, דאס צווישען דעם פערלוימדער און פערלוימ־דעטען איז א גרויסער אונטערשיעד פאראן...

מען מוז אבער געדענקען, אז שוין פון לאנג געהט אן אין דייטשען יודענטהום גופא א שפאלטונגס פראצעס, און עס וואלט געווען א ביטערע עולה, פאלש און אונגערעכט ארויפצואווארפען די אחריות פאר די העסליכע פאליטיק אויף דאס געזאמטע דייטשע יודענטהום. דאס דייטשע יודענטהום ערנייערט זיך, עס מאכט דורך אן אויסלייטערונגס־פראצעס. געגען דאס אפיציעלע יודענטהום ערהעבט זיך דער נייער דור, די יוגענד. און איך גלויב ניט, אויב די דייטשע אידישע יוגענד האט וואס אראבצופאלען בנוגע איהרע בעציהונגען צום אידישען פאלק, צו זיין גענענווארט און צוקונפט, פאר דער מזרח־אייראפעאישער יוגענד.

פאר אונז ליעגט א בעריכט פון דער דייטש־ציוניסטישער קאנוועגשאן, וועלכע איז אבגעהאלטען געווארען אין בערלין אין לעצטען דעצעמבער. פון דעם בעריכט געהט ארויס, אז אין פונקט נאציאנאלע פאליטיק אויף אין די גלות לענדער זיינען אין דער לעצטער צייט צוגעשטאנען צו די ציוניסטען אויך פיעלע אינטע־ליגענטע כחות. דער עולם הויבט זיך אן ארומצוזעהען אין וואס פאר א זומפ די אסימילאציאן און דאס אסימילאטארישע קריכער־טהום האט זיי פארשלעפט...

מיר לעזען דעם בעריכט און מיר פערגעסען אויף א ווייל,

אַז עס טרעטען דאָרט אויף און זיינען זיך מתוכח מענשען, וועלכע געפינען זיך אויפ'ן רעכטען שויפּלאַץ פון דער שרעקליכער מלחמה. מען רעדט אין בערלין מיט בעגייסטערונג פון דעם מזרח אייראָ־פּעאישען יודענטהום, דעם בעפּרוכטענדען, דעם שאַפענדען, דעם ערמונטערענדען, דעם בויענדען. מען רופט און מען מאָהנט צו פערבריידערונג, צו פערשמעלצונג, צום אויפגעהן אין א י י ג ע נ ע ם פ אָ ל ק ס ט ה ו ם. ניטאָ קיין אויפגעבלאָזענער פּאטריאָטיזם — דער פּאטריאָטיזם ווערט געצייגט אויף די שלאַכטפעלדער, דאָ איז דער פּלאַץ פון חשבון הנפש, מען אונטערזוכט די אייגענע נשמה, מען וויל זי ערהאַלטען, זי שענער מאַכען, עדעלער, געלייטערטער. מען טרעט אויף געגען די פאַלשע פּאָליטיק פון צובּרעקלונג פון דעם אידישען פּראָבלעם מען רעדט פון איין גרויסער, שותפות'דיגער אויפגאַבע, מען רעדט וועגען איין געמיינזאַמער רעטונג, וועגען צו־שטערונג פון אַלע מחיצות צווישען מזרח און מערב אין יודענטהום. עס הערט זיך אַ פּראָטעסט פון אַן אָנגעוועהטאַגטער נשמה, אַ געשריי נאָך גאַנצקייט, נאָך פאָלקס־איינהייט.

ווי באַלזאַם ווירקען זיי די איינצעלנע, זעלטענע ידיעות. מיר לעבען מיט'ן שכל און גלויבען ניט מעהר אין וואונדער. און דאָך שטעהען מיר פאַר דעם וואונדערבּאַרען, ווי עס איז בעשריבען אין אונזערע אַלטע ביכער.

11 פעברואַר, 1917.

מדה כנגד מדה

דער וועלט־בעריהמטער דייטשער עקאָנאָמיסט אוגוסט פאָן־שמאָלער, איינער פון די איינפלוסרייכסטע מענער אין דייטשלאנד, ניט נאָר אלס געלעהרטער, נאָר אויך אלס פּאָליטיקער, צו וועמעס וואָרט די געבילדעטע געזעלשאפט הערט זיך צו און צו וועמעס מיינונג זי פערהאָלט זיך מיט גרויס רעספּעקט — האָט דאָ ניט לאנג געמאכט א ביטערען אנגריף אויף די אידען אין דייטשלאנד. אוגוסט פאָן שמאָלער איז ניט געווען בעקאנט אלס אנטיסעמיט, אין זיינע ווערק און אין זיינע פּאָליטיש־עפענטליכע אויפטרעטונגען האָט מען ניט געקאָנט מערקען סימנים פון דעם אידען־האַס, וועלכער איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר פיעלע דייטשע געלעהרטע, בעזונדערס אויף דעם געביט פון די סאציאלע וויסענשאפטען, ד. ה. אויף דעם געביעט, וואו עס מוזען אנגעריהרט ווערען די בעציהונגען צווישען קלאסען און גרופּען. דעריבער האָט דער אנגריף פון שמאָלער געווירקט אין דייטשלאנד ווי א בליץ פון קלאָרען הימעל. קיינער האָט איהם ניט ערוואַרט, און ער האָט אויף יעדען געווירקט ווי אן איבערראַשונג. מעהר ווי אלע אָבער זיינען איבערראַשט געוואָרען, זעלבסטפערשטענדליך, די, אויף וועמען דער אנגריף איז געמאכט געוואָרען — די אידען. די אידען אין דייטשלאנד ווייסען דעם ווערטה פון דעם „וויסענשאפטליכען" אנטיסעמיטיזם, זיי ווייסען פון ערפאהרונג, אז די אמת'ע סכנה שטעקט ניט אין די אנטיסעמיטישע האנדלונגען פון א רעגיערונגס־בעאַמטען, ניט אין דעם וואולגארען גאַסען־אנטיסעמיטיזם, ניט אין די ביליגע אויסערונגען פון די נאָך ביליגערע פּאָליטיקער. די אמת'ע סכנה, אזוי וויית האָבען די דייטשע אידען געלערנט פון דעם נסיון פון די לעצטע עטליכע דורות, שטעקט אין דעם „פיינעם" אנטיסעמיטיזם, אין דעם

„אויסגעפוצטען“, אין דעם „בעגרינדעטען“, ווייל פאר דעם בעגרינדעטע אנטיסעמיטיזם זיינען אפען אלע אויערען און אלע טהירען, ווייל דעם בעגרינדעטען אנטיסעמיטיזם קאן מען ניט מבטל זיין מיט א פאר הויך־קלינגענדע, אלגעמיינע און אבגעדראשענע פראזען, ווייל געגען דעם אנטיסעמיטיזם, וועלכער פערשאנצט זיך הינטער די פעסטע מויערן פון דער וויסענשאפט, מוז מען אויפטרעטען מיט שווערע קאנאנען, און דאס איז ניט אזוי לייכט. ווייטער ווייסען זיי פון דער זעלבער ערפאהרונג, אז י ע ד ע אנטיסעמיטישע אויסערונג ווערט בעטראכט אלס וויסענשאפטליך בעגרינדעט, ווען זי געהט ארויס פון א וויסענשאפטסמאן. דער וויסענשאפטסמאן, ווען ער איז אנערקענט און פאפולער, געניסט דעם זכות אין דער געזעלשאפט ניט קאנטראלירט צו ווערען. ער ברויכט זיך ניט אנצושטרענגען און ברענגען דוקא בעווייזע, וועלכע זאלען שטיצען זיין מיינונג. זאגט ער ארויס א מיינונג, פערלאזט זיך אויף איהם דער עולם בלינד: מסתמא האט ער שוין אן אויסרייכענדען גרונד. דער וויסענשאפטסמאן קאן אליין זאגאר קעמפפען געגען דעם בלינדען גלויבען, ער קאן פערלאנגען, אז יעדע קליינינקייט זאל בעוויזען ווערען מיט אותות ומופתים, אבער גראד דורך דעם שאפט ער פאר זיך אליין אן אטמאספערע פון ג ל ו י ב ע ן. דער גרויסער עולם מאכט דעם חשבון אזוי: ווי זאל מען ניט גלויבען א מאן, וועלכער בעקעמפפט דעם גלויבען און וויל, אז אלעס זאל זיין בעגרינדעט און בעוויזען?

דער אנגריף פון שמאלער איז געמאכט געווארען נאר אגב אורחא, אזוי זיך פארבייגעהענדיג. א אידישער געלעהרטער, א מיטגליעד פון בערלינער שטאדט־ראטה, א כלל־טהוער אין בעסטען זין פון ווארט מיט א גרויסער השפעה אין זיין ווירקונגס־קרייז, האט פערפאסט א חיבור איצט אין מלחמה־צייט, וואו ער בעהאנדעלט די ברענענדע עקאנאמישע צייט־פראגען פון דעם איצטיגען הייסען מאמענט. דער פערפאסער ווערט בעטראכט אלס אויטאריטעט אויף דעם געביעט פון דער סטאטיסטישער וויסענשאפט. ער איז אויך פראפעסאר פון דער בערלינער אוני־

ווערזיטעט, ד. ה. ווי הונדערטע אנדערע אידישע געלעהרטע איז ער נור פריוואט־דאָצענט און דעם פראָפעסאר טראָגט ער נור אלס געשענקטען עהרען־טיטעל. (אין דייטשלאנד, ווי אין מאנכע אנדערע מדינות, עקזיסטירט דער טיטעל פראפעסאר נור אלס טיטעל. מען זאגט, אז ער איז געשאפען געווארען כמעט אויס־שליסליך צוליעב די אידישע געלעהרטע, און די פראפעסארען, וועלכע טראגען דעם טיטעל און האָבען ניט קיין קאטהעדער, זייי־נען בעקאנט אונטער דעם נאָמען „רחמנות־פראפעסארען"). דער־צו מוז נאָך געזאגט ווערען, אז אלס וויסענשאפטלער געהערט ער ניט צו דער שמאָלער'שער שולע און אלס פאליטיקער געהערט ער ניט צו דער שמאָלער'שער פארטיי. דער גרויסער געלעהרטער שמאָלער האָט רעצענזירט דאס ווערק פון דעם אידישען פראפע־סאר און האָט בענוצט די געלעגענהייט אבצורעכענען זיך הערביי מיט דעם „סעמיטישען גייסט", וועלכער איז אריינגעדרונגען פון א פרעמדער וועלט אין די דייטשע געזעלשאפט און וויל זי בע־הערשען. דער רעצענזענט שטעלט זיך ניט אָב אויף איינצעלנע פונקטען, און ניט ביי די איינצעלנע פונקטען מאכט ער זיין אטאַ־קע. ווי א געניטער סטראטעג פיהרט ער אויס א ג ע נ ע ר א ל א ט א ק ע. אויך גרייפט ער ניט אָן דעם איינצעלנען אידען, ער אטאקירט דעם אידען אין דעם איינצעלנען פונקט, ווי עס האָט געהאנדעלט דער עלטער־עלטער־זיידע פון דעם אנטיסעמיטיזם. ער איז געווען אין כעס אויף מרדכי'ן און אויסגעלאזען דעם כעס האָט ער צו מרדכי'ס פאָלק.

צו שמאָלער'ס וואָרט הערט מען זיך שטענדיג צו. דאָך גלויב איך, אז צו אזא פרסום ווי זיין לעצטע רעצענזיאן פון א וויסענשאפטליכען ווערק האָט נאָך קיין פאליטישע רעדע פון איהם ניט זוכה געווען. מען האָט די רעצענזיאן אונטערגעכאפט און זיך בעמיהט צו פערשפרייטען זי ווי א נייע ענטפלעקונג.

און נאָך מעהר איז מען איבערראשט געווארען, ווייל דער אנגריף איז געמאכט געווארען דוקא אין דער צייט פון דעם אזוי אנגערופענעם „בורג־פריעדען". די פאליטישע פארטייען אין דייטשלאנד האָבען נעמליך בעשלאָסען ניט צו בעקעמפפען זיך

געגעגזייטיג כל זמן די מלחמה וועט דויערען. דאס איז א מין נדר פון פאליטישען שווייגען. איך ווייס ניט, אויב מען האט די אי־דען שפעציעל איינגעלאדען אלס גלייכבערעכטיגטע אין דעם „שוויג נדר“, עס איז אבער א פאקט, אז די אידען האבען זיך מיט שמחה אנגעשלאסען אן דעם „בורג פריעדען“, ד. ה. זיי האָ־בען מבטיח געווען, אז זיי פון זייער צד וועלען זיך ניט בעשעפטי־גען מיט דעם אנטיסעמיטיזם, מיט דעם תנאי, אז אויך דער אנדער צד זאל זיך איינהאלטען. די ערשטע צייט נאך דער אבמאכונג האט טאקע אויסגעזעהען עטוואס פריעדליכער אין דייטשלאנד. דאך איז שווייגען, ווי עס זעהט אויס, ניט גאר קיין לייכטע אויפ־גאבע, און די מלחמה דויערט אזוי לאנג. איז דער נדר געבראָ־כען געווארען. דערווייל האט איין צד עובר געווען אויף דעם נדר, און די אידען שטעהען אין פערלעגענהייט און קאָנען זיך קיין עצה ניט געבען. פארמעל זיינען זיי אויך בערעכטיגט צו ברעכען דעם נדר, און דאך האבען זיי מורא און אפעלירען נאך אימער צו דעם „בורג־פריעדען“.

מערקווירדיג, ווי אומעדום זיינען מיר דער יוצא מן הכלל. אפילו בנוגע א „בורג־פריעדען“ אין מלחמה־צייטען האט מען מיט אונז געמאכט די ע ר ש ט ע אויסנאהמע.

שמאָלער'ס אנגריף, און גראד אין איצטיגען מאָמענט, קאָן ניט בעטראכט ווערען אלס אן איינצעלפאל. ער איז סימפטאָמא־טיש, ער בעווייזט, ווי פאלש זיינען די האפנונגען, וועלכע ווערען אויפגעבויט אויף מ אָ מ ע נ ט א ל ע שטימונגען. שטימונגען, וועלכע ווערען ארויסגערופען פון אן ע ק ס ט ר א אָ ר ד י נ ע־ר ע ן מאָמענט אין דעם לעבען פון די פעלקער, פערשווינדען מיט דעם פארבייגעהן פון דעם מאָמענט, און אויב דער מאָמענט דויערט צו לאנג, פערשווינדען זיי איידער נאך דער מאָמענט איז גוסס. דאס האט איצט פאסירט אין דייטשלאנד מיט די אידישע האפנונגען. תיכף נאך דעם אויסברוך פון דער מלחמה, ווען גאנץ דייטשלאנד איז געפאקט געווארען פון אן עלעמענטארען פערשמעלצונגס־דראנג, איז געשלאָסען געוואָרען דער „בורג־פריע־דען“. אין דעם מאָמענט האט מען אויך די אידען מצרף געווען

צום מנין. גלייך האָט די אידישע פּרעסע אנגעהויבען צו זאגען נביאות, אַז דער אַנטיסעמיטישער גייסט איז אויף אייביג פער־שוואונדען פון דער געזעלשאפט און וועט מעהר ניט אויפשטעהן תחית המתים. די אידישע פּאָליטיקער האָבען געגומען אויף זיך די ראָליע פון חברה־קדישא לייט און האָבען פערגשטאָלטעט פאַר דעם אַנטיסעמיטיזם אַן ערשט־קלאַסיגע לויה, אפילו מיט הספדים און געמאכטע טרעהרען: מיר האָבען געגען איהם געקעמפפט כל זמן ער האָט געלעבט, אבער אין גרונד איז ער גאר ניט געווען אזא רשע... ביי אַ הספד געפינט מען תמיד אַ שטיקעל שבח אויף פאַר דעם גרעסטען שונא. זיי האָבען זיך צוגעאיילט, די חברה קדישא לייט פון דעם אַנטיסעמיטיזם, און איצט שטעהען זיי מיט גרויס פערוואונדערטע אויגען: האָבען מיר זיך אבגענארט אין חשבון, אדער האָבען מיר פאַר זיך ווירקליך אַ פאקט פון תחית המתים?

מיר זוכען ניט קיין נקמה, דאך האָט די געשיכטע אבגעצאָהלט די דייטשע אידען מדה כנגד מדה. בשעת עס איז געשלאָסען גע־וואָרען דער „בורג־פריעדען" האָבען די אידישע גרופּען געשלאָסען אויך צווישען זיך אַ מין קליינעם „בורג־פריעדען", אַ מין שטיל־שטאַנד צוליעב „שלום בית". מען האָט אַבגעמאַכט, אַז ביז עס וועט קומען דער וועלט פריעדען זאָלען די אַסימילאַנטען פון איין זייט און די ציוניסטען פון דער אַנדער זייט ארויסלאָזען די כלי זין פון זייער האַנד און אַרבייטען געמיינשאַפטליך פאַר די שותפות'דיגע אידישע אינטערעסען. דער אידישער „שלום בית" האָט אבער נאָך פיעל ווייניגער געדויערט ווי דער אַלגעמיינער דייטשער „בורג־פריעדען". די אַסימילאַנטען האָבען צוערשט גע־בראָכען זייער הבטחה און אנגעהויבען צו פיהרען דעם קאַמפּף גע־גען דעם אידיש־נאַציאָנאַלען געדאַנק נאָך מיט מעהר ביטערקייט און מיט מעהר אונפערשעמטהייט ווי פאַר דער מלחמה. זיי האָ־בען געגלויבט דורך דעם אַלגעמיינעם בורג־פריעדען, אַז זיי זיצען שוין זעהר פעסט אין זאָטעל און אנגעהויבען צו צייגען ווער זיי זיינען.

אָבער גראַד די אַסימילאַנטען מיט זייערע אומגעלומפּערטע אויפטרעטונגען אין דער לעצטער צייט געגען דעם אידישען נאַציאָ־

נאַליזם — גראָד זיי האָבען פּראָוואָצירט די נייע אַנטי־סעמיטישע שטרעמונג אין דייטשלאַנד. זיי שניידען איצט וואָס זיי האָבען אַליין געזעעט.

16 פעברואר, 1917.

ברייטע און ענגע אידעען

איך האָב איצט ניט דאָס ווערק אונטער מיין האַנד און איך מוז זיך פערלאָזען אויף מיין זכרון. איך גלויב אָבער, אז די ענטדעקונג געהערט דעם געלעהרטען פּראָפעסאָר לאַנגע, דעם מחבר פון „דער געשיכטע פון דעם מאַטעריאַליזם“. ער האָט געמליך פעסטגעשטעלט, אז אויך דער מאָדערנער ציוויליזירטער מענש איז ניט אימשטאַנד צו דענקען אין רייגע אבסטראַקציאָנען און מיט יעדען אבסטראַקטען בעגריף מוז ער פערבינדען די פאָר־שטעלונג פון א בעשטימטער געאָמעטרישער פיגור. צום ביישפּיעל, ווען מיר נעהמען דעם בעגריף ליעבע. די אויסערונגען פון דער ליעבע זיינען קאָנקרעט, דער בעגריף אָבער פון ליעבע ווערט געצעהלט צו די אבסטראַקטע. מיר רעדען פון דער ליעבע און האָבען א מאָס פאַר ליעבע. מיר זאָגען מעהר ליעבען, ווייניגער ליעבען, און ניט ווילענדיג מאָלט זיך אויס אין אונזער פאָרשטע־לונג א ליניע, וועלכע מיר בענוצען אלס מאַסשטאַב פאַר דער ליעבע, און מיט דעם מעהר און ווייניגער פערבינדט זיך דער בעגריף פון לענגער און קירצער, דיקער און דינער, ברייטער און שמעלער. מיט אנדערע ווערטער, ניט אָבגעבענדיג זיך קיין חשבון, מעסטען מיר איינעם פון די העכסטע אבסטראַקטע בעגריפען מיט'ן מעטער, יאַרד אָדער אייל, פּונקט ווי מיר וואָלטען דאָ געהאַט צו טהאָן מיט א געוועהנליכען קרעמער־אַרטיקעל. עס איז ניט נויטיג דוקא צו מעסטען די ליעבע. מען קאָן זי אויך וועגען. מיר רעדען פון א גרויסער און קליינער ליעבע, מיר רעדען אָבער אויך פון א וויכטיגער (און וויכטיג איז דאָס זעלבע ווי וואָגיג) און פון א לייכטער ליעבע. אַם בעסטען האָט דער דערמאָנטער גע־לעהרטער דעמאָנסטרירט זיין געדאַנק דורך די פערשיעדענע שם התאר'ס (אַדיעקטיוואַ), וועלכע זיינען פערבונדען מיט דעם בע־

גריף צייט אין די פערשיעדענסטע שפּראַכען. דער בעגריף צייט איז ענטשיעדען איינער פון די אבסטראַקטעסטע, און ניט אומ־זיסט האָבען זיך געמאַטערט די דענקער פון אַלע צייטען ביז אויף היינטיגען טאָג פעסטצושטעלען, וואָס פאַר א מהות האָט די צייט. ווילען מיר אָבער צ י י ג ע ן די צייט, מוזען מיר האָבען צ י י ג ע ר און דערצו נאָך א ציפערבלאַט. דאָס הייסט, מיר קאָנען תופס זיין די צייט נאָר אין רוים, און ווען מיר דענקען פון דער צייט, דענקען מיר פון א קורצער און א לאַנגער צייט. מיר מוזען פערגלייכען די צייטען. קורץ און לאַנג איז אָבער א ריין געאָמעטרישער בעגריף. ווייטער האָט ער אונטערזוכט עטימאָ־לאָגיש די נעמען פאַר די פערשיעדענע צייט־אַבשניטען (טאָג, וואָך, חדש א. אז. וו.) אין די אַלטע סעמיטישע און אַרישע, ווי אויך אין די נייע שפּראַכען. עס געלינגט ניט אַזוי לייכט צו קומען צום מקור, צו דער אורשפּרינגליכער בעדייטונג פון א נאָמען, ווען מען וויל זיך ניט פערלירען אין השערות און סברות. אין פיעלע פון דיעזע נעמען האָט ער אָבער פעסטגעשטעלט די פער־בינדונג פון דעם וואָרט מיט א בעשטימטער געאָמעטרישער פיגור. דער אַלטער העברעער האָט זיך, צום ביישפּיעל, אויסגעדריקט „חגים ינקפו“, וואָס עס בעדייטעט די ימים טובים האָבען געמאַכט א קרייז. די דייטשען רעדען איצט פון א רונדען יאָהר, און מיר אידען פון א קיילעכדיגען. ווען מיר רעדען פון א קיילעכדיגען יאָהר, בעקומט ביי אונז דער בעגריף יאָהר דאָס בילד פון דעם לויתן, וועלכער רינגעלט ארום די וועלט און האַלט זיין אייגענעם עק אין מויל. עס איז אָבער ווייטער ניט דוקא נויטיג צו האָבען די פאָרשטעלונג פון יאָהר פערבונדען מיט דער פיגור פון א קרייז. אנדערע פערבינדען די פאָרשטעלונג פון יאָהר מיט א קוואַדראַט פיגור, וואו די פיער צייטען פון יאָהר בילדען די זייטען פון דעם קוואַדראַט.

בקיצור, ער האָט פעסטגעשטעלט, אז אונזערע מייסטע בע־גריפען, ווען זיי זיינען אפילו ריין אבסטראַקט, ווערען געדאַכט קאָנקרעט, ד. ה. פערבונדען מיט קאָנקרעטע פאָרשטעלונגען אין רוים. איך געדענק, אז בשעת איך האָב זיך דערוואוסט פון

דיעזער ענטדעקונג, האָב איך אָנגעהויבען מיך אַליין צו קאָנטראָ־לירען, אָנגעהויבען צו אנאַליזירען אַלע מיינע אבסטראַקטע השגות און אז איך האָב ארויסגעפונען די ריכטיגקייט פון דער ענטדע־קונג, בין איך ביי זיך שטאַרק אראָבגעפאַלען. די אבסטראַקטע השגות האָבען פערלאָרען פאַר מיר א גרויסען חלק פון זייער קדושה, און איך האָב פערלאָרען מיין רעספּעקט פאַר זיי: זייט איהר דאָך אויך ניט מעהר ווי פּשוט׳ע חי וקים׳ס און איך קאָן צו אייך צוטרעטען מיט א מעטער און מיט׳ן פונט אין דער האַנד. איך האָב זיך שפּעטער געטרייסט. איך האָב דאָך בעגריפען, אז ליעבע קאָן מען ניט מעסטען אויפ׳ן מעטער און א יאָהר קאָן מען ניט בויגען, מעהר ניט אונזער דענק־אפּאַראַט איז ניט פאָל־קאָמען, עס פעהלט אין איהם עפּעס א שרייפעל, וואָס לאָזט אונז ניט צו די עולמות העליונים.

איך האָב אָבער קיין מאָל ניט גערעכענט, אז דאָס געאָמעט־רישע דענקען זאָל פערורזאַכען אזוי פיעל צרות אין אונזער אידעען־וועלט, און בעזונדערס ווירקען אזוי שטערענד ביי דער פערווירקליכונג פון אונזערע אידעען. איך געדענק נאָך פון מיינע יונגענד־יאָהרען, ווען איך בין אלס א תלמיד פון א מיטעל־שולע בעקאַנט געוואָרען מיט מיינע יונגענדליכע פּאָליטישע געגנער. איך בין דענסטמאָל געווען א חובב ציון, און מיינע געגנער זיינען געווען סאָציאַליסטען, ניט חלילה אידישע סאָציאַליסטען, נאָר סאָציאַליסטען אידען. און איך געדענק אין וועלכער פערלעגענ־הייט זיי פלעגען מיך פערזעצען, ווען זיי פלעגען מיר צום שלום פון א הייסען ויכוחים־אָוועגד א שליידער טהאָן אין פּנים דעם פאָרוואורף: מיר דיענען א ב ר י י ט ע ר אידעע, און דו דיענסט א שמאָלער אָדער אן ע נ ג ע ר אידעע; אין אונזער סאָציאַ־ליזם נויטיגט זיך די גאַנצע וועלט, דאָס איז אן אידעע, וואָס אומפאַסט די גאַנצע מענשהייט, און דו אינטערעסירסט זיך פאַר א מין חבת ציון אידעע, וועלכע האָט צו טהאָן מיט א קליינער אומה און נאָך ניט מיט דער גאַנצער אומה, נאָר מיט א הייפעלע פון דיעזער אומה. איך האָב געפיהלט, אז דאָ שטעקט א סאָפיזם, איך האָב זיך געראַנגעלט ווי ווייט איך האָב געקאָנט, דאָך פלעגען

מיינע געגנער על פּי רוב ארויסגעהן די זיעגער. ברייטע אידעען און ענגע אידעען האָבען זיך פערהאלטען צו איינאנדער ווי א קאנאָנע צו א רעוואָלווער, היינט געה און האלט מלחמה מיט א רעוואָלווער געגען א קאנאָנע!

יאָהרען זיינען געגאנגען. פון יונגלינג איז געוואָרען א מאן. דער מאן האָט דערגאנגען דעם סוד, אז די קאנאָנע איז געווען נאָר פון פּאַפּיער און איהרע קוילען האָבען נאָך געקאָנט ווייניגער מזיק זיין ווי ארבעס פון א קינדערשען ביקסעל. די חבת ציון איז מעהר ניט ווי די אָנווענדונג אויף דאָס אידישע פּראָבלעם פון דעם אלגעמיינעם נאציאָנאלען פּרינציפּ. דער אלגעמיינער נאציאָנאלער פּרינציפּ אומפּאסט אָבער די גאנצע מענשהייט פּונקט ווי דער סאָציאליזם און פּונקט ווי די אנדערע אלמענשליכע אידעען. דער מאן האָט פערשטאנען, אז די וויכטיגקייט פון אן אידעע הענגט אָב פון איהר אינערען ווערטה און ניט פון דער צאָהל מענשען, וועלכע נויטיגען זיך נאָך אין איהר פערווירקליכונג. דער מאן האָט פערשטאנען דעם סאָפיזם, וועלכער שטעקט אין דעם זשאָנגלירען מיט ברייטע און שמאָלע אידעען. ווען די וויכטיגקייט פון אן אידעע זאָל בעשטימט ווערען דורך איהר ברייט, ד. ה. דורך דער צאָהל מענשען, וועלכע נויטיגען זיך אין איהר פערווירקליכונג, וועט אויסקומען, אז יעדע ברייטע אידעע פערוואנדעלט זיך אין אן ענגע און שמאָלע נאָך דעם גראד פון איהר פערווירקליכונג. הייסט עס, אז די וואָס ווילען דיענען ברייטע אידעען, טאָרען ניט צולאָזען זייער פערווירקליכונג.

א ביישפּיעל. א האלבע וועלט האָט זיך אָנגענומען פאר בעלגיען. בעלגיען איז א קליינע אומה. האָט זיך א האלבע וועלט אָנגעכאפּט אָן א שמאָלער אידעע.

ווי גרויס איז אָבער געווען מיין איבערראשונג, ווען איך האָב אויך דאָ אין אמעריקא דערהערט די אלטע טענות און אלטע וכוחים וועגען ברייטע און שמאָלע אידעען און אין נאָך א יואוולגארערער פאָרם ווי אין אָנהויב פון אונזער פרייהייטס־בעוועגונג. מען בעקעמפּפט נאָך שטענדיג דעם אידישען נאציאָנאליזם אויף דער אסמכתא, ווייל ער איז צו ענג, און דעם ציוניזם, ווייל ער

אומפאסט נאָר א טהייל פון אידישען פאָלק. מען קאָנסטרואירט נאָך אימער א נעגענזאץ צווישען נאציאָן און מענשהייט, ווייל די נאציאָן איז נאָר א טהייל פון דער מענשהייט. מען וויל נאָך ניט פערשטעהן, אז עס קאָנען עקזיסטירען אידעען, אין וועמעס פערווירקליכונג עס נויטינט זיך נאָר א קליינע גרופע, אָדער זאָגאר נאָר איין איינציגע פערזאָן, און דאָך טראָגען זיי אין זיך אן אל־מענשליכען ווערטה, און עס קאָנען עקזיסטירען אָ ר י מ ע אידעען, פרימיטיווע, ווען אפילו די גאנצע מענשהייט זאָל זיין פעראינטע־רעסירט אין זייער פערווירקליכונג. מען וויל נאָך ניט פערשטעהן, אז דער י ו ש ר פון אן אידעע ווערט ניט קלענער דערפון, וואָס נאָר א קליינע גרופע נויטינט זיך אין איהם. מען וויל ניט פער־שטעהן, אז די וויכטינקייט פון אן אידעע הענגט ניט אָב פון איהר אבסאָלוטען געוויכט, נאָר פון איהר ספעציפישען געוויכט.

און די קליין־קרעמער מיט דעם מעטער און מיט דעם פונט אין דער האנד געהען ארום און בעריהמען זיך: איהר האָט הונ־דערט טויזענד, מיר האָבען פינף הונדערט טויזענד, אונזער מחנה איז גרעסער! דיעזע בעריהמעריי האָט שוין ווירקליך הערעסען. די וועלט איז ניט קיין מארק און אידעען זיינען ניט קיין קרעמער־ארטיקעל. צעהלט ניט אייער מחנה; מיר זיינען ניט אויף א קנעכט־מארק און ניט אויפ'ן שלאכט־פעלד. זאָגט וואָס ווינשט אייער מחנה, וואָס וויל זי? וואוהין און נאָך וואָס שטרעבט זי? אפשר נאַרט איהר זיך אליין אָב אין חשבון? אפשר מאכט איהר נאָר דעם חשבון אָהן דעם בעל הבית? וואָרים ווען עס וועט קומען דער ריכטיגער מאָמענט, וועט דער קאמפף אויסגעפאָכטען ווערען ניט צווישען צאָהל און צאָהל, נאָר צווישען אידעע און אידעע, אידעאַל און אידעאַל.

19 פעברואר, 1917.

אונזער וועג, אונזער שפּראַך

אַנטיסעמיטיזם, שוין ווי עס צייגט די עטימאָלאָגיע פון דעם וואָרט, איז נים קיין פּרימערע ערשיינונג, נאָר אַ סעקונדערע, ד. ה. דער אַנטיסעמיטיזם איז אַרויסגערופן געוואָרען דורך די עקזיס־טענץ פון אַן אַנדער ערשיינונג, צו וועלכער ער האָט זיך געשטעלט אין אַ געוויסען געגענזאַץ אָדער זאָגאַר פיינדליך. די אַנדערע ערשיינונג איז דער סעמיטיזם. דאָס איז עלעמענטאַר, כמעט באַ־נאַל. דאָך מוז עס זעהר אָפט בעטאָנט ווערען, כדי אַרויסצושלאָגען איין מאָל פאַר אַלע מאָל די אונזיניגע פערקעהרטע בעהויפּטונג פון די קרומע מוחות, וועלכע זוכט צו ערקלעהרען די אידישע עקשנות׳דיגע עקזיסטענץ אויף צו להכעיס אַלע אומשטענדען און בעדינגונגען, דורך דעם אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז די פערברייי־טעסטע און די הערשענדע מיינונג אין אַלע אַסימילאַטאָרישע קריי־זען. די אידען וואָלטען שוין לאַנג פערשוואונדען אַלס אידען פון דער וועלט־געשיכטע, נאָר די אַנטיסעמיטען דערלאָזען זיי נים דערצו, זיי מינטערען זיי אָב, זיי שרייען זיי אָב און לעצטען קריי־טישען מאָמענט. די אַנטיסעמיטען זיינען מעכב די אידישע גסיסה. וועמען פון אונז איז נים אויסגעקומען צו הערען דיעזען וואונדער־באַרען געדאַנק אין פערזאַמלונגען ; וועמען איז נים אויסגעקומען צו לעזען מכח דיעזער וואונדערבאַרער טהעאָריע אין דער אַסימי־לאַטאָרישער פּעריאָדישער פּרעסע און אין אַסימילאַטאָריש טענדענ־ציעזע ספרים ? אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז קיין זעלבסט־שטענדיגע לעבענס־קראַפט בעזיצט שוין דאָס אידישע פאָלק נים מעהר. מעהר נים עס בעזיצט נאָך אַ דוקא־כח, אָדער נאָך ריכטיגער, ווען מיר זאָלען בלייבען שטרענג לאָגיש, אפילו קיין דוקא־כח בעזיצט דאָס אידישע פאָלק אויך נים מעהר, עס לעבט נאָר פון די חסדים פון דעם אַנטיסעמיטיזם. מיט אַנדערע ווערטער : די אַנטי־

סעמיטען געהען אזוי אוים נאָך די אידען, אז זיי לאָזען זיי ניט אויסגעהן.

מיר האלטען די אנטיסעמיטען ניט פאר אזוי נאריש און מיר בעטראכטען זיי ניט פאר אונזערע בעלי טובות. מיר נעהמען דעריבער אראָב פון אונז די גאנצע אחריות פאר דעם גרויסען כבוד, וואָס די אסימילאציאָן שרייבט זיי צו מיט זייער בעהויפטונג, אז דער אנטיסעמיטיזם בילדעט די ערהאלטענדע קראפט פון דעם אידישען פאָלק, די קראפט, וועלכע געפינט זיך אויסער אונז, וואכט אָבער איבער אונז און שיצט אונז פון אונטערגאנג. אונז האָט אפילו דער אנטיסעמיטיזם ניט איבערגעשראָקען, מיר האָבען ניט פערלאָרען אונזער קאָפּ און ניט אויסגעקעהרט די לאָגיק אויף דער לינקער זייט. און ווייל מיר זיינען לאָגיש, זיינען מיר זיך מודה אין אונזער פערברעכען. ניט די אנטיסעמיטישע פראָוואָקאציאָן האָט ארויסגערופען אונזער בעטאָנונג פון אונזער אייגענעם פאָלקס-איך, ניט דורך הדיפות און גזרות זיינען מיר דאָס וואָס מיר זיינען, נאָר אומגעקעהרט. מיר זיינען זיך מודה ומתודה פאר דער גאנצער קולטור-מענשהייט, אז דורך אונז, און נאָר דורך אונז, איז געקומען אויף דער וועלט דער אנטיסעמיטיזם, דורך דעם פאקט פון אונזער פ אָ ל ק ס ט ה ו ם, דורך דעם פאקט פון אונזער א נ ד ע ר ש געשטאלטעטען איך, דורך דעם פאקט פון אונזער פ ע ר ש י ע ד ע נ ע ר וועלט-אנשויאונג, וועלכע ענטפלעקט זיך אין אלע אונזערע שאפונגען, אין דעם גאנצען אידעען-גאנג פון אונזער גייסט. און מיר זאָגען ווייטער: מיר זיינען זיך מודה ומתודה, מיר געהען ניט אריין אין פשרות, ניט מיט זיך אליין, ניט מיט דער וועלט. און אויב די וועלט, די קולטור-וועלט, בעטראכט דאָס אלס א פערברעכען, אָדער נאָר ווי א חוצפה פון אונזער זייט, זיינען מיר מוכן ומזומן צו ערהאלטען די פערדיענטע שטראָף. מיר ווילען אָבער נאָר דאָן מצדיק זיין דעם דין, ווען די ריכטער, וועלכע ווילען אונז משפט'ען, ווילען ארויסצייגען עלעמענטארען יושר און אָנווענדען די זעלבע שטראָף אויך אויף אלע אנדערע, וואָס האָבען בעגאנגען דאָס זעלבע פערברעכען אָדער ארויסגעוויזען די זעלבע חוצפה ווי מיר. מיר ווילען פערלאנגען, מיר ווילען פאָדערען, אז מיט אונז

אינאיינעם זאָלען בעשטראָפט ווערען אויך אַלע אומות העולם, אַהן אַן אויסנאַהמע, וואָרים זיי האָבען אַלע געזינדיגט אינאיינעם מיט אונז — זיי האָבען געקעמפּפט מיט אַלע כחות פאַר זייער פאָלק׳ס קיום. מיט אַלע פערברעכער פון דיעזען מין האָבען מיר קיין מורא ניט בעשטראָפט צו ווערען. וואָס קאָן אונז דען קומען דערפאַר, אין וואָס קאָן דען בעשטעהן דער פסק דין? אויס־קויילענען איינער דעם אנדערען — די גאַנצע מענשהייט קאָן דאָך ניט בעגעהן קיין זעלבסטמאָרד. וועט נאָר בלייבען איין ברירה — געפענגנים. וועט זיך די וועלט פערוואַנדלען אין איין גרויסע תפיסה און יעדעס פאָלק וועט בעקומען זיין פּלאַץ. נו, דאָס מיינען מיר דאָך טאַקע. ווי די פערטהיילונג פון די פּלעצער זאָל ניט אויספאַלען, מיר האָבען זיך ניט וואָס צו שרעקען. זאָלען ציטערען די גרעסערע פעלקער, וועלכע האָבען פערכאַפּט אַ האַלבע וועלט און ווילען נאָך פערכאַפּען אויך די אַנדערע העלפט. זיי וועלען טאַקע פערליערען דעם גרעסטען חלק פון זייער פערמעגען דורך אַ יושר׳דיגער פערטהיילונג. אונז וועט דער יושר ניט שאַדען.

אַט דאָס איז אונזער שטאַנדפּונקט. אַט דאָס איז די שפּראַך, מיט וועלכער מיר ווענדען זיך צו דער קולטור־וועלט. אַט דאָס איז די פאָרמולירונג פון אונזערע טענות, ווען מיר טרעטען אויף אפילו פאַר דער אַנטיסעמיטישער וועלט. מיר זיינען ניט געזונקען אַזוי טיעף צו קריכען און צו בעטלען. מיר זיינען ניט אַזוי ווערטה־לאָז און ניעדריג אין אונזערע אייגענע אויגען צו קומען און צו בעטען זיך: האָט רחמנות, לאָזט אונז נאָר אַ ווייַלע צורוה, מיר וועלען אליין גוסס זיין. מיר האָבען ניט פערלאָרען די חרפּה און די בושה צו געהן און צו דערצעהלען מעשיות פון אַ פערשוואונדענער שאַפונגס־קראַפט, פון אַ פערלאָרענעם גייסט, פון אַן אויסגעטריקענ־טער נשמה. מיר קאָנען דאָס ניט טהאָן, מיר וועלען דאָס ניט טהאָן, און קיין מאַיאָריטעטס־בעשלוס וועט אונז צו אַזאַ האַלטונג ניט צווינגען, ווייל אַביסעלע לעבען וועגט איבער פיעל טויט, ווייל אין אַזעלכע פראַגען ענטשיידעט דער לעבעדיגער און ניט די אָב־געשטאָרבענע. די טויטע אויך — אָבער די וואָס ליגען אין די קברים און ניט די אָבגעשטאָרבענע, וואָס געהען ארום צווישען די

לעבעדיגע. און די טויטע אין די קברים זיינען מיט אונז. זיי האָבען זייער האָפנונג גענומען מיט זיך, און זי שפּראָצט פון די אַלטע קברים, זיי האָבען זייער בטחון געלאָזען אונז בירושה, זייער בטחון און דעם זכות צו רעדען אין זייער נאָמען.

און מיר זיינען איבערציינגט, אַז אפילו די שלימסטע אַנטי־סעמיטען וועלען זיין געצוואונגען צו ענדערען זייערע בעציהונגען צו אונז. זיי וועלען בלייבען אַנטיסעמיטען, אָבער זיי וועלען זיך פערהאַלטען צו אונז ווי די אַנטי גערמאַנען צו די גערמאַנען אָדער ווי די אַנטי סלאַווען צו די סלאַווען, און אַז. וו. עס וועט בלייבען די געגנערשאַפט, אָבער עס וועט פערשווינדען די פעראַכטונג, מען וועט אויפהערען צו „הלומען" זיך איבער אונז. מען וועט אונז אָנהויבען צו פערשטעהן.

דער אַנטיסעמיטיזם וואָלט ווייט ניט געווען אַזוי געפעהרליך, ווען דער סעמיטיזם וואָלט פערשטאַנען ווי צו האַלטען זיך, ווי צו רעפּרעזענטירען זיך, ווי צו רעדען, ווי צו פערהאַנדלען. געוויס קאָן מען ניט זוכען קיין יושר ביי די פּראַקטישע אַנטיסע־מיטען, אָבער מיר מוזען זיך אויך מודה זיין, אַז אומזיסט וועלען מיר זוכען פּאָליטישען פערשטאַנד און טאַקט ביי די אַסימילאַ־טאָרישע פערטרעטער פון אונזער סעמיטיזם. זיי האָבען פער־טראַטען אונזער זאַך אָהן שכל און אָהן ווירדע, און מיר געניסען יעצט די פירות פון זייערע פלאַנצונגען.

מיר האָבען דעריבער פאַר זיך אַ שווערע אויפגאַבע. איידער מיר געהען אַרויס אין די גרויסע עפענטליכקייט, מוזען מיר פער־האַנדלען מיט אונזערע אונלאָגישע סעמיטען. מיר מוזען זיי בע־קעהרען, מיר מוזען זיי איבערציינגען, אַז זייערע בקשות ביי די אַנטיסעמיטען און זייער מלחמה געגען אונז וועלען זיי ניט העלפען, מיר מוזען זיי קלאָר מאַכען, אַז די וועגען, אויף וועלכע זיי האָבען אונז ביז איצט געפיהרט, האָבען צו נישט געפיהרט, און אַז מיר שטעהען איצט אין אונזער לעבען פאַר גרעסערע און קאָמפּליציר־טערע פּראָבלעמען ווי מיט פיעלע דורות צוריק. מיר מוזען ווייטער זיי אָנווייזען אויף דעם פאַקט, אַז די קולטור־מענשהייט האָט גראָד אין די לעצטע דורות געמאַכט גרויסען פאָרטשריט אין דער אַנער־

קענונג פון דעם נאציאָנאַלען פּרינציפּ, אַז די נייע אָרדנונג, וועלכע וועט איצט נאָך דער גרויסער וועלט־קאַטאַסטראָפּע מוזען איינגע־פיהרט ווערען, וועט זיין פונדאמענטירט אויף דעם נאציאָנאַלען פּרינציפּ, און אַז די קולטור־וועלט וועט אונז פּשוט ניט פערשטעהן, ווען מיר אליין וועלען אויסבייטען אין דעם גרויסען מאָמענט אונזער גרויסע נאציאָנאַלע פאָדערונג אויף קליינע בקשות, צו וועלכע די וועלט האָט זיך שוין לאנג צוגעוועהנט.

די קולטור־וועלט וועט אונז בעדויערען. די אנטיסעמיטישע וועלט וועט אונז אויסלאכען. מיר ווילען ניט זיין ניט בעדויערט, ניט אויסגעלאכט. מיר ווילען פערלאנגען אונזער פּלאַץ אונטער דער זון.

23 פעברואר, 1917.

ווער פּראָוואָצירט אַנטיסעמיטיזם ?

די טאַקטיק, וועלכע די אידישע אַסימילאַציאָן האָט אָנגעווענדעט אין איהר קריעגס־צוג געגען די אידיש נאַציאָנאַלע תביעות אין די איינצעלנע לענדער, וואו עס שלאָגט נאָך דער אידישער פאָלקס־פולס, און מיט פערדאָפּעלטער קראַפט געגען דער איהר פערהאַסטער ציוניסטישער בעוועגונג אין דער גאַנצער וועלט, האָט געפיהרט צו נעגאַטיווע און זעהר טרויעריגע רעזולטאַטען. זי, די אַסימילאַטאָרישע טאַקטיק, האָט אומעדום פּראָוואָצירט דעם אַנטיסעמיטיזם און איהם בעוואַפענט מיט נייע כלי־זין, געריכטעט ניט אַנטקעגען איינצעלנע גרופּען, נאָר געגען דעם געזאַמטען אידישען פאָלק. די ליפעראַנטען פון די נייע כלי־זין האָבען זיך געציעלט אויסשליסליך אין *זייערע* געגנער, די וואָס האָבען אָבער בענוצט די כלי־זין, האָבען ביי די ליפעראַנטען ניט געפרעגט קיין עצה, וואוהין צו ציעלען זיך און וועמען צו טרעפען, פּונקט ווי עס בעראַטה זיך ניט דער קונה פון א רעוואָלווער מיט׳ן קרעמער, צו וועלכען צוועק ער זאָל דעם רעוואָלווער געברויכען. ליידער האָט נאָך קיינער ביי אונז ניט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע אויסצופאָרשען די ענטוויקלונג פון דעם אַנטיסעמיטיזם אלס געזעלשאַפטליכע ערשיינונג אין דער לעצטער תקופה, אין צוזאַמענהאַנג מיט די מעטהאָדען פון אונזער אייגענעם עפענטליכען אויפטרעטען, אי ווען מיר גרייפען אָן, אי ווען מיר פערטהיידיגען זיך, און אַרויסגעפינען די פאַקטאָרען, וועלכע האָבען גורם געווען דעם אַנטיסעמיטישען וואוקס. דאָס וואָלט געווען ניט נאָר אַן אינטערעסאַנטע פּסיכאָלאָגישע אָבהאַנדלונג איבער א וויכטיגע היסטאָרישע ערשיינונג, דאָס וואָלט געווען אויך א לעהררייכע אָבהאַנדלונג, וועלכע וואָלט קודם כל אונז אליין געגעבען די מעגליכקייט צו אורטהיילען איבער דעם נוצען און דעם שאַדען פון אונזער אייגענער

האלטונג, פון אונזערע אייגענע מעטהאָדען, וועלכע מיר ווענדען אָן געגענאיבער דער גרויסער וועלט אין אונזער שטענדיגען קאמפף, דעם אויסערען ווי דעם אינערען. אזא אָבהאנדלונג, ניט טענדענציעז געפארבט, נאָר בעגרינדעט אויף אָביעקטיווע פאקטען, וואָלט בעוויזען, ווער פון אונז איז דער שולדיגער אין דער פ ע ר ב ר י י ט ו נ ג פון דעם אנטיסעמיטיזם: די וואָס בעקענען זיך אָ פ ע ן צום אידישען נאציאָנאליזם און זאָגען דעם אמת, אז זיי זוכען ניט דאָס גליק אין דער פריינדשאפטליכער האלטונג פון די אנטיסעמיטישע קרייזען, די וואָס קומען ניט מיט בקשות און פערטהיידיגונגען און אפּאָלאָגעטישע מליצות, אָדער די וואָס האלטען זיך שטענדיג אין איין פערענטפערען זיך און אין איין בעטען מחילה און ענטשולדיגונג פאר זייער עקזיסטענץ? די וואָס פאָדערען ג ע ר ע כ ט ע מענשליכע בעציהונגען צו זיך אויפ'ן גרונד פון גלייכער עקזיסטענץ־בערעכטיגונג פאר אלע פעלקער, נאציאָנען אָדער נאציאָנאלע גרופּען, אָדער די וואָס גיבען אָן אין נדן זייער טענדענץ צו פערשווינדען, אָבצורוימען דעם פלאץ און ניט ווארפען זיך מעהר אין די אויגען פון דער הערשענדער בעפעלקערונג?

און עס איז די העכסטע צייט, אז דער צוזאמענהאנג צווישען דעם אנטיסעמיטיזם און דער אידישער האלטונג אין עפענטליכען לעבען זאָל פעסטגעשטעלט ווערען, כדי די אידישע וועלט זאָל פערשטעהן דעם ערך פון דעם שאָדען, וואָס די אסימילאציאָן ברענגט דער אידישער געזאמטהייט, ניט נאָר מיט דעם, וואָס זי רייסט ארויס פון פאָלק'ס אָרגאניזם א טהייל פון זיינע שאפענדע כחות, נאָר אויך מיט איהרע מעטהאָדען, וועלכע זי ווענדעט אָן, ווען זי טרעט אויף אגרעסיוו געגען דער אידיש נאציאָנאלער בעוועגונג.

פון דער געשיכטע, — און דער אנטיסעמיטיזם האָט זעהר א לאנגע געשיכטע, כמעט אזוי לאנג, וואָס איז אויך נאטירליך, ווי די געשיכטע פון דעם סעמיטיזם, — האָט מען געקאָנט אויפווייזען מיט אותות ומופתים, אז דער שטארקסטער און העפטיגסטער אויסברוך פון דעם אנטיסעמיטיזם אין אלע תקופות, ממצרים ועד הנה, אָנהויבענדיג פון דער אלכסנדרינישער עפּאָכע און ענדיגענדיג מיט דער נייער צייט, איז צוזאמענגעפאלען שטענדיג מיט דער אויס־

געשפּראָכענער אסימילאַטאָרישער ריכטונג אין די העברעא קרייזען פון דער אידישער געזעלשאַפט. דער אנטיסעמיטיזם האָט טויזענד מאָל געמאָנט פּאָרמולירען זיין בעשולדיגונג, אז די אידען ווילען בילדען אַ שטאַאט אין שטאַאט. אין אמת'ען אָבער איז דאָס געווען מעהר ווי אַן אָפּיציעלע טענה פון זיין זייט, ווייל דערמיט, מיט אזא מאָטיווירונג, האָט ער זיכערער און שנעלער געקאָנט אריבערציהען אויף זיין זייט די עפענטליכע מיינונג. די אנטיסעמיטען האָבען געוואוסט דעם סוד, אז די מאַסען קאָן מען אַם בעסטען שרעקען מיט דעם פּרעמדען. די מאָטיווירונג איז אָבער געווען אַ פאַלשע, ווארום מיר זעהען, אז יעדעס מאָל, ווען דער פּרעמדער, אין דעם פאַל דער איד, האָט אָנגעהויבען צו צייגען אַ טענדענץ מקריב צו זיין זיין אייגענאַרטיגקייט, האָבען די אנטיסעמיטען אָנגעהויבען צו שרייען נאָך העכער, נאָך קרעפּ־טיגער צו פּראָטעסטירען. דער האַס צום זיך אסימילירענדען אידען האָט פיעלפאַך איבערטראָפען די געגנערשאַפט צו דעם נאַטירליכען אידען. דאָ ווערט ניט גערעדט מכח דער אויבערפלעכליכער אסימילאַציאָן, וועלכע דריקט זיך אויס אין די אויסערע לעבענס־פּאָרמען, און וועלכע קאָן בעטראַכט ווערען אלס אַ נויטווענדיגע אָנפּאַסונג צו דער סביבה. דאָ האַנדעלט זיך מכח דעם אינערען פּראָצעס פון דער אסימילאַציאָן, מכח דער ראַדיקאַלער גייסטיג־קולטורעלער אסימילאַציאָן, וועלכע וועט איבערבייטען אַ וועלט אויף אַ וועלט, זיטען אויף זיטען, געשמאַק אויף געשמאַק און קולטור אויף קולטור.

איך וויל זיך אָבשטעלען אויף אַ ביישפּיעל, ארויסגענומען פון די דייטש־אידישע און די רוסיש־אידישע בעציהונגען אין דער נייסטער צייט. די אידען אין דייטשלאַנד שפּיעלען זעהר אַ גרויסע ראָלע אויף דעם געביעט פון ליטעראַרישען שאַפען, בעזונדערס אין דער פּובליציסטיק און אין דער קריטיק. די זעלבע ערשיינונג האָט זיך אויך אָנגעהויבען צו מערקען אין דער לעצטער צייט אין רוסלאַנד. און אין ביידע לענדער איז דורך דיעזען אומשטאַנד אויפגעוועקט געוואָרען דער אנטיסעמיטיזם אין אזעלכע קרייזען, פון וועלכע מען האָט ניט ערוואַרט, אז זיי זאָלען אָנגעשטעקט

ווערען פון דער אנטיסעמיטישער קראַנקהייט — נעמליך אין די פיינערע קינסטלער־קרייזען. מען האָט בשום אופן ניט געוואָלט מוחל זיין די אידישע השפעה אויף שפּראַכען און ליטעראַרישען געשמאַק.

איך ריהר דאָ אָן די פראַגע נאָר מיט אַ פּאָר ווערטער. צוליעב איהר איז שוין אָבער געשאַפען געוואָרען אַ גרויסע ליטעראַטור, און זי ווערט ברענענדער פון טאָג צו טאָג. איך פערלאָז זי איצט און געה איבער צו דער פראַגע פון די אַסימילאַטאָרישע קאַמפּפּס־מעטהאָדען געגען דעם אידישען נאַציאָנאַליזם און וועל זיי אילוס־טרירען אויך נאָר דורך אַ פּאָר ביישפּיעלען, ווי ווייט זיי פער־העלפען דעם אנטיסעמיטישען וואוקס.

דאָס איז געווען גלייך נאָך דער מיליטערישער רעוואָלוציאָן אין דער טירקיי. די פערטרעטער פון דער הערשענדער טערקישער פּאַרטיי פון איינינונג און פּראָגרעס האָבען בעזוכט די מייסטע אייראָפּעאישע הויפּט־שטעדט. זייער פּאַרטיי האָט דורכגעפיהרט אַ גלענצענדע שטיק ארבייט. נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט מען ניט געגלויבט, אַז עס וועט זיך איינגעבען אַזוי לייכט ארונטערנעהמען פון טהראָן אבדול האמיד׳ען, פאַר וועלכען דאָס גאַנצע אָטאָמאַנישע רייך האָט געציטערט, און אָבשיקען איהם מיט אַ רעשטעל ווייבער פון זיין הארעם אין דער אידישער ווילא אין סאַלאָניקי. די וועלט האָט בעוואונדערט די יונג טערקען, און אין די אייראָפּעאישע הויפּט־שטעדט האָט מען זייערע פערטרעטער געמאַכט אַ שעהנעם קבלת פּנים. אין פּאַריז האָט זיך פּאָרגע־שטעלט פאַר זיי אַ דעפּוטאַציאָן פון דער אליאַנס איזראַעליט אוני־ווערסעל, מיט דעם בעיאָהרענטען פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט אָן דער שפּיצע. דער בעיאָהרענטער פּרעזידענט פון אַ געזעל־שאַפט, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען „כל ישראל חברים“, האָט בעגריסט די יונג־טערקישע פערטרעטער זעהר חניפה׳דיג און האָט געפונען פּאַר נויטיג ארייגצופלעכטען אין זיין בעגריסונג איינינע אויפקלעהרענדע ווערטער מכח דער אליאַנס איזראַעליט און די אנדערע אידישע אָרגאַניזאַציאָנען. ער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט די יונג־טערקישע פערטרעטער, אַז די אליאַנס איזראַעליט

פערפאָלגט נאָר פריוואַטליכע צוועקען און האָט ניט די אַמביציאָן, ווי דאָס איז דערה פאַל מיט אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציאָנען (אויב מיין זכרון נאַרט מיך ניט, האָט ער די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן דערמאַהנט בפירוש), אָבצורייסען עטוואָס פון דער טערקיי.

פון יענער צייט אָן, — דאָס קאָן מען בעווייזען, — האָט די יונג טערקישע פארטיי אָנגעהויבען צו פערהאַלטען זיך מיט מעהר חשד אויך צו דער טהעטיגקייט פון דער אליאַנס איזראעליט אין ארץ ישראל. דער גרונד איז אַ פּשוט'ער. די טערקישע רעגיע־רונג האָט געמאַכט אַזאַ חשבון: אויב די ציוניסטען ווילען ווירקליך פון איהר עטוואָס אַבּרייסען, קאָן די אליאַנס דאָס זעלבע וועלען מיט דער צייט. זי איז דאָך פאָרט אַ אידישע אָרגאַניזאַציאָן. די זעלבע מעטהאָדע פון אונטערקויפען זיך אויפ'ן חשבון פון אַ געגנערישער אָרגאַניזאַציאָן האָט אויך איינינגע מאָל אָנגעווענדעט דער הילפס־פעראיין פון די דייטשע אידען, אויך פאר דער זעלבער טערקישער רעגיערונג. אין דעם הילפס־פעראיין האָט זיך מתקנא געווען די שוואַכע אין כחות און בעטעל־אָרימע אין מיטלען ניי געגרינדעטע נעזעלשאַפט איק"א און האָט זיך אויך ערלויבט צו רעדען מיט דעם זעלבען לשון מיט דער טערקישער רעגיערונג. די רעזולטאַטען זיינען געווען גלייך די ערוועקונג פון אַן אַלגעמיינעם חשד געגען אַלע אידישע אָרגאַניזאַציאָנען, מיט אַנדערע ווערטער, די פּראָוואָצירונג פון דעם אַנטיסעמיטיזם.

אין דייטשלאַנד האָבען אידישע פיהרער זיך ערלויבט, איצט אין מלחמה צייט, אַרויסצוטרעטען מיט שרעקליכע בעשולדיגונגען אַנקעגען די פּוילישע אידען. זיי האָבען זיך געוואָלט שיצען און האָבען גערעכענט, אַז די בעשימפּפונג פון דעם פּוילישען אידען וועט זיין אַ גוטעס פּראָפילאַקטישעס מיטעל געגען דעם אַנטי־סעמיטיזם אין דייטשלאַנד. און רעזולטאַט — די שטייגערונג פון דעם געזעלשאַפטליכען אַנטיסעמיטיזם אין דייטשלאַנד. דער גרונד איז ווידער אַ פּשוט'ער. די אַנטיסעמיטען האַלטען, אַז דער דייטשער איד און דער פּוילישער זיינען דאָך גאַנץ נאָהענטע קרובים. זיי גלויבען ניט אין ריינאַך'ס טהעאָריען.

נאָך פיעל, פיעל ביישפיעלען האָט מען געקאָנט ברענגען צו ציינען, אז אונזערע אסימילאטאָרען זיינען ניט נאָר שלעכטע אידען — זיי זיינען נאָך שלעכטערע פסיכאָלאָגען און װעלען זיך האָבען צו בראָטען אויף דעם פייער, װאָס זיי אליין בלאָזען פאנאנדער.

2 מערץ, 1917.

מיתת נשיקה

איך האָף, אונזערע עקסטרעמע אידישיסטען וועלען מיר מוחל זיין, ווען איך וועל זיך אָבשטעלען אויף דעם העברעאישען אויס־דרוק: „מיתת נשיקה". איך קאָן געבען די פערזיכערונג, אז איך האָב דאָס מאָל געוועהלט דעם העברעאישען אויסדרוק, ניט כדי אימיצען איינצו'רוגז'ען, נאָר פשוט מחמת איך געפין איהם, דעם אויסדרוק, פאַר קורץ, שארף און פרעציז. צוויי ווערטער — און דאָך כאראקטעריזירען זיי א גאנצע סיסטעם, א גאנצע שיטה, ווי פטור צו ווערען פון זאכען, וועלכע מען האָט ניט ליעב.

„מיתת נשיקה" איז דער נעגענזאץ פון „מיתת חניקה" — א מיטעל, וואָס ווערט זעהר אָפט אָנגעווענדעט אין פּאָליטישען קאמפף פון געגנערישע פארטייען. עס שווימט ארויס א נייע אידעע, א נייער פּלאַן. איין צד פערטהיידיגט זיי, דער אנדער צד בעקעמפפט זיי, ווייל ד ע ר ש ט י ק ע ן די אידעע, דעם פּלאַן. ניט אלע מאָל אָבער קאָן מען דערשטיקען דאָס נייע מיט ברוטאלער קראפט. דאָס נייע האָט ערוואָרבען צופיעל אנהענגער, צופיעל פּאָפּולער געוואָרען אין די מאסען, און פאר די מאסען מוז מען האָבען אָבשיי, אביסעל דרך ארץ, און ווען ניט דרך ארץ, מוז מען זיך דאָך רעכענען מיט די שטימונגען פון די מאסען, ווייל די מאסען האָבען שוין אזא טבע מורד צו זיין אין די פיהרער, ווען די פיהרער ווילען זיי פערפיהרען צו ווייט. בייט דער געגנערישער צד איבער די טאקטיק. פון „מיתת חניקה" געהט ער איבער צו „מיתת נשיקה". ער ערקלעהרט זיך מיט אמאָל אויך איינפער־שטאנדען מיט דעם נייעם פּלאַן און גרייט צו אונטערשטיצען איהם, אונטערצושטופּען, העלפען ביי זיין פערווירקליכונג. אָפטמאָל דערגעהט עס ביז צו א ליעבעס־ערקלעהרונג צו דעם נייעם פּלאַן. ווערט שוין דער פּלאַן א בשותפות'דיגער,ביידע צדדים נעהמען

איהם ארום,ביידע הויבען אָן צו רייטען אויף איהם, ביידע ווערען זיינע בעלי בתים. בשעת אָבער איין צד איז ערנסט און דיענט דעם פּלאַן מיט זיין גאַנצען הארצען, טראָגט זיך ארום דער אנדער צד מיט גאַנץ אַנדערע כונות. דאָס וואָס ער האָט ניט געקאָנט דערגרייכען מיט דער שיטה פון דערשטיקען און דערווערגען, מיט „מיתת חניקה", זוכט ער צו דערגרייכען מיט דעם סיסטעם פון האַלזען און קושען, מיט „מיתת נשיקה". יעדער פון אונז געדענקט נאָך דעם „וישקהו" מיט פּינטעלעך, וואָס מיר האָבען געלערענט אין חומש. די מעשה איז אַ פּשוט'ע. צוויי ברידער, עשו און יעקב, האָבען זיך נאָך לאַנגע יאָהרען פון ענטפרעמדונג וויעדער בעגעגענט. און אַז ברידער בעגעגענען זיך, צוקושט מען זיך געוועהנליך. האָט אָבער עשו זיך געקושט מיט פּינטעלעך...

מיר פאַלט ניט איין חלילה צו פערגלייכען ווער עס איז פון אונזערע אינערע געגנער מיט עשו'ן. ערשטענס, בעזיצען זיי ניט זיין גבורה און ווי כשר'ע אייניקלעך פון יעקב'ן ציהען זיי חיונה גלייך מיט דעם אַנדער צד ניט פון שווערד נאָר פון „הקול קול יעקב", און צווייטענס האָבען זיך אונזערע אינערע געגנער דערווייל זיך נאָך גאָר ניט צוקושט מיט אונז. אַזוי ווייט האַלט עס נאָך ניט. לעת עתה האנדעלט עס זיך נאָר מכח שותפות־דיגע ארבייט ביי דער אויספיהרונג פון איין איינציגען פּלאַן. אָבער איך גלויב, אַז דער אויסדרוק „מיתת נשיקה", אָדער אַ „וישקהו" מיט פּינטעלעך, ווען מען וואָלט ניט הארפען געבען קיין פּירושים אויף איהם, איז די בעסטע כאַראַקטעריסטיק פאַר דער טאַקטיק פון דעם געגנערישען צד אין דער קאָנגרעס־בעוועגונג.

צוויי יאָהר נאָכאנאנד כמעט האָט מען זיך אַזוי געהיצט. די צדדים האָבען געפיהרט אַזעלכע הייסע וכוחים, עס איז דער־נאַנגען ביז צו פערזענליכע בעליידיגונגען און געגענזייטיגע בעשול־דיגונגען אין וועלען שלאָגען פּארטיי־קאַפּיטאַל פון דעם אידישען חורבן. און, דאנק גאָט, די צדדים זיינען זיך צונויפגעקומען, ווי עס איז מושווה געוואָרען, געאייניגט זיך אויף אַ קאָמפּראָמיס־פּראָגראַם און אָנגעזאָגט דער גאַנצער וועלט, אַז פון איצט אָן הערשט שלום און אחדות אין אַמעריקאַניש־אידישען לאַגער.

און וואָס שטעלט זיך איצט ארוים? פון שלום און אחדות, פון אן ערנסטער אייניגונג, פון אן עהרליכער פשרה קאָן נאָר די רעד ניט זיין. די עלעמענטען, וועלכע זיינען געווען געגען דער קאָנגרעס־אידעע פון אָנהויב אָן, זיינען געבליבען די זעלבע אויס־געשפּראָכענע געגנער. מעהר ניט זיי האָבען אומגעביטען זייער טאַקטיק. ווען עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען צו דערשטיקען די קאָנגרעס אידעע גופא, האָבען זיי זיך בעמיהט צו דערשטיקען אין זיך אויף א צייט לאַנג זייער געגנערשאַפט, אומגעביטען די אָפענע אָפּאָזיציאָן אין א בעהאַלטענע און אָנשטאָט צו שטערען פון דרויסען זוכען זיי צו צושטערען פון אינוועניג.

די קאָנגרעס־אידעע האָט געהאַט צוויי שטאַרקע אָפּאָזיציאָ־נעלע גרופּען. מיר רעדען דאָ איצט נאָר פון איינער, פון דעם „נאַציאָנאַלען ארבייטער קאָמיטע".

די וואָרט־פיהרער פון דעם „נאַציאָנאַלען ארבייטער קאָמיטע" האָבען זיך א ביסעל צוגעאיילט. דערמיט האָבען זיי נאָר זיך אליין געשאַדט. מיר מוזען זיי זיין דאַנקבאַר פאַר דעם גאַנצען אמת, וואָס זיי האָבען ארויסגעזאָגט אין זייער לעצטער קאָנ־ווענשאָן. מיר זיינען שטענדיג פאַר אבסאָלוטע פרייהייט, ווארום נאָר ווען מען פיהלט זיך פריי, זאָגט מען דעם אמת, און די וואָרט־פיהרער פון נאַציאָנאַלען ארבייטער קאָמיטע האָבען קענטיג זיך ווירקליך געפיהלט פריי, נאָכדעם ווי זיי זיינען פטור געוואָרען פון די פּועלי ציוניסטישע און אנדערע נאַציאָנאַליסטישע פער־טרעטער, און האָבען אונטער דער השפעה פון א פרעהליכער, פרייער שטימונג, אויסגעזאָגט פון חדר.

מיך אינטערעסירט ניט דער געזונדער מענשען־אפּעטיט, וועל־כען די „וואָרטפיהרער" פון „נאַציאָנאַלען ארבייטער קאָמיטע" האָבען ארויסגעצייגט, ווען זיי האָבען בשעת חדוה געשטעלט דעם אנטראַג, אז דאָס קאָמיטע זאָל זיך פערוואַנדלען אין א פ ע ר מ א ־ נ ע נ ט ע קערפּערשאַפט אלס א ג ע ז ע צ ל י כ ע פערטרע־טערין פון דער אָרגאַניזירטער ארבייטערשאַפט אין אלע פראַגען פון נאַציאָנאַל־אידישען כאַראַקטער און בעדייטונג. מיך אינטע־רעסירט דאָ אויך ניט די געזונדע אָפּאָזיציאָן, וואָס די ווירקליכע

א ר ב י י ט ע ר ־ פ י ה ר ע ר האָבען געמאַכט די „וואָרט־פיהרער“. נאָכמעהר, איך ערוואַרט פון דער אָפּאָזיציאָן קיינע ישועות ניט פאַר דער גאַנצער קאָנגרעס־בעוועגונג. ווען צוויי חסידים קריעגען זיך איבער אַ רבי, דאַרף זיך אַ מתנגד ניט אַריינמישען. צוויי חסידים פון צוויי בעזונדערע רבי'ס וועלען גיכער שלום ווערען ווי דער דאָקטאָר און דער אַפּטהעקער נאָך אַ סכסוך. וואָס מיך אינטערעסירט דאָ — איז די שטעלונג פון דעם נאַציאָנאַלען אַר־בייטער קאָמיטע אין דער פערזאָן פון די „וואָרט־פיהרער“ צו ד ע ם ג אַ נ צ ע ן א י ד י ש ע ן פּ ר אָ ב ל ע ם, צו די אויפ־גאַבען, וועלכע דער גרויסער מאָמענט שטעלט אונז. קאָנסטרוק־טיווער רעליעף איז פערוואָרפען געוואָרען. עס האָבען זיך זאָגאַר געפונען מענשען, וועלכע האָבען זיך ציניש אויסגעלאַכט פון דעם גאַנצען געדאַנק פון קאָנסטרוקטיווען רעליעף, זיי האָבען זיך פער־שטעלט פאַר תם'עוואַטע און געפרעגט: וואָס איז קאָנסטרוק־טיווער רעליעף? דעם געדאַנק פון אַ נאַציאָנאַלער הלואה האָט מען אָבגע־פּטר'ט מיט אַ פּאָר ביליגע וויצען: ווי באַלד עס איז שווער צו ערוואַרטען, אַז דער אָדער יענער אידישער גביר זאָל געבען צו אַזאַ צוועק מיליאָנען, איז פערשפּאָרט צו רעדען וועגען אַזעלכע פּלענער. עס האָט אויך ניט געהאָלפען וואָס דער געדאַנק פון אַ נאַציאָנאַלער הלואה איז אַרויסגעלאָזען געוואָרען אין דער גרויסער פּרעסע מיט אַזאַ טאַראַראַם נאָכדעם ווי דער שליח פון דעם אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע האָט זיך אומגעקעהרט פון זיין געלונגענער נסיעה נאָך אייראָפּאַ. די פּאַלעסטינאַ־פראַגע? אָבער זי איז דאָך שוין לאַנג געשטאַנען ביי ד ע ר חברה ווי אַ ביין אין האַלז, און כדי צו בעפרייען זיך פון איהר, האָט איינער פון די וואָרט־פיהרער זאָגאַר געביך געמוזט ערקלעהרען, אַז וועגען פּאַלעסטינאַ איז איבעריג צו רעדען, ווייל די אידען לעבט זיך דאָרט אויך איצט אָהן עין הרע זעהר גוט.

„אויף ניין האָט מען קיין חרטה ניט!“ דאָס איז געווען דער לייט־מאָטיוו פון דער גאַנצער קאָנווענשאָן.

און פון זיך אַליין שווימט אַרויף די גרויסע פראַגע: היינט צו וואָס אַ קאָנגרעס? צו וואָס נייע פּלענער, נייע וועגען, נייע

אָרגאַניזאַציאָנען? פאַר דעם אידישען פאָלק בלייבט דאָך סיי ווי סיי קיין אַנדער ברירה ניט, ווי אָנצופערטרויען זיין גורל אין די הענד פון די אַלטע גבאים, זיי וועלען שוין צונויפקלייבען די נדבות. אידען זיינען פון שטענדיג אָן געווען רחמנים בני רחמנים: אָדער רחמנות געהאט, אָדער געלעבט פון רחמנות, און אויך איצט וועלען זיי זיך מיט רחמנות ווי עס איז דורכשלאָגען.

און פון זיך אליין שווימט ארויף די פראגע: צוליעב וועלכען צוועק האָבען זיך די וואָרט־פיהרער פון נאַציאָנאַלען ארבייטער קאָמיטעט נאָך געדונגען, אז מען זאָל זיי געבען דוקא זעקס פער־טרעטער אין קאָנגרעס? וואָס ווילען זיי דאָרט פערטרעטען? ווילען זיי דאָרט רעדען מכח דער אידישער אחדות, כדי אָבצו־טויטען מיט געמאכטער פריינדליכקייט דאָס, וואָס זיי האָבען ניט געקאָנט דערשטיקען מיט פאָליטישען כח?

אָבער ניט נאָר עטוואָס אונאויפריכטיגעס, אויך עטוואָס קינדיש־נאאיוועס שטעקט אין אזא פאָליטיק. מען לאָזט ארויס פון חשבון א וויכטיגען אומשטאנד. דאָס אידישע פראָבלעם האָט צוויי זייטען, אין זיין לעזונג זיינען פעראינטערעסירט ניט נאָר די אידען, אויך די אינטערנאציאָנאַלע וועלט איז דערין פער־אינטערעסירט. דאָס אידישע פראָבלעם וועט ארויפגעשטעלט ווערען אויף דער טאגעס־אָרדנונג ביי די פריעדענס־פערהאנדלונגען אויך אָהן די צושטימונג פון דער אָדער יענער אידישער אָרגאַניזא־ציאָן. מען וועט זיך רעכענען ניט מיט די „וואָרט־פיהרער“, נאָר מיט דעם גרויסען פאקט פון דער אונגעלעזטער אידישער פראגע.
און די אמת׳ע וואָרט־פיהרער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט, די וואָס וועלען האָבען צו זאָגען א דעה, וועלען זיך בעסער צו־הערען צו פאָרמולירונגען און פאָדערונגען, וועלכע וועלען זיין בעגרייפליכער, פערשטענדליכער, ווייל אלגעמיין מ ע נ ש ל י כ ע ר. און מענשליך איז, ווען א פאָלק זוכט נאַציאָנאַלע פרייהייט, מענש־ליך איז, ווען א פאָלק זוכט א לאַנד, א היים.

6 מערץ, 1917.

די פּסיכאָלאָגיע פון „אַנדערען“

די פּסיכאָלאָגיע איז אין פערגלייך מיט איהרע שוועסטער־וויסענשאַפטען, ווי די פיזיאָלאָגיע אָדער די ביאָלאָגיע צום ביישפּיעל, זעהר פערצווייגט, ווייל זי האָט צו טהאָן ניט נאָר מיט דעם איינצעלנעם נפש נאָר אויך מיט גרופּען, קלאַסען, מאַסען, נאַציאָנען און פעלקער אלס קאָלעקטיווע איינהייטען. איהר פאָרשונגס־אָביעקט איז דער מענש און די געזעלשאַפט, זי קומט אין בעריהרונג מיט די עקזאַקטע נאַטור־וויסענשאַפטען פון איין זייט און מיט דער סאָציאָלאָגיע אין ברייטסטען זין פון וואָרט פון דער אַנדער זייט. אין די לעצטע יאָהרצעהנטען האָט זי זיך אַזוי אויסגעברייט, אַזוי פערצווייגט, אַז פיעלע פון די פאָרשער, ניט האָבענדיג מעהר קיין מעגליכקייט צו בעהערשען זי אין גאַנצען, האָבען אָנגעהויבען צו בעשרענקען זיך אויף איינצעלנע אָבגעגרענצטע געביטען פון דער אַלגעמיינער פּסיכאָלאָגיע און ווידמען דעם איינצעלנעם געביעט זייער גאַנצע פאָרשונגס־קראַפט.

איינע פון די נייע צווייגען פון דער אַלגעמיינער פּסיכאָלאָגיע איז „די פּסיכאָלאָגיע פון דעם א נ ד ע ר ע ן“, א פּראָדוקט פון די נײַ־צייטליכע פאָרשונגען. צוליעב דעם חבור פון דעם „אַנדערען“ איז שוין געשאַפען געוואָרען א גאַנצע ליטעראַטור — ליידער אָבער א צו איינזייטיגע ליטעראַטור, ווייל זי בעמיהט זיך צו בעלויכטען ניט דעם „אַנדערען“, ניט זיין זעעלישען צושטאַנד, נאָר די בעציהונגען צום „אַנדערען“ מצד דעם „אייגענעם“. עס איז צוואָר אמת, אַז דער אַנדערער „אַן און פיר זיך“ האָט ניט קיין אַנדער פּסיכאָלאָגיע, ער איז פ א ר ז י ך א געוועהנליכער אייגענער און ערשט דער אַנדער „אייגענער“ מאַכט איהם צום „אַנדערען“. דאָס איז אָבער מעהר ניט ווי א ריין טהעאָרעטישער אמת, א פילאָזאָפישער אמת, אָבער ניט אַן אמת פון לעבען. אין

לעבען בעשטעהט יעדע געזעלשאפט פון „אייגענע“ און פון „אנ־דערע“, און די „אייגענקייט“ און די „אנדערקייט“, אויב מען קאן זיך אזוי אויסדריקען, בערוהען ניט אויף געגענזייטיגע גלייכע בעציהונגען, נאר אויף גאנץ בעשטימטע איינזייטיגע בעציהונגען פון די „אייגענע“ צו די „אנדערע“. בלייבען טאקע די אייגענע „אייגענע“ אפילו אין די אויגען פון די אנדערע, און ווערען טאקע די אנדערע בעטראכט אלס „אנדערע“ אפילו פון זיך גופא. צו ווערען געהאלטען אלס אן „אייגענער“ און צו שפיעלען די ראליע פון אן „אייגענעם“ אין דער געזעלשאפט — דאס איז א פריווילעגיום, וואס דער אנדערער בעמיהט זיך צו דערגרייכען, אבער דערגרייכט דאס קיין מאל ניט אין גאנצען. אין בעסטען פאל דערגרייכט ער די שטופע פון „כמעט אן אייגענעם“, אבער „כמעט אן אייגענער“ איז דאך „אן אנדערער“. דער „כמעט“ לעגט אויף איהם ארויף א בעזונדער חתימה. זייגען אלע אייגענע ניט גע'חתמ'עט, און ער איז א גע'חתמ'עטער אייגענער. א גע־חתמ'עטער אייגענער איז אבער מעהר ניט ווי „אן אנדער אנדערער“, אבער בשום אופן ניט קיין גאנצער אייגענער. און עס איז דא א סימן מובהק, נאך וועלכען מען קאן דערקענען דעם „כמעט אן אייגענעם“ אין דער געזעלשאפט און אונטערשיידען איהם פון דעם אמת'ען אייגענעם. דער אמת'ער אייגענער שווייגט וועגען זיין „אייגענקייט“, דער כמעט אן אייגענער שרייט וועגען איהר תמיד, ער זוכט א געלעגענהייט און נוצט אוים יעדע געלעגענהייט זי צו בעטאנען, צו מאכען זי בולט'דיגער. דער אמת'ער אייגענער האט ניט פאר וועמען צו בעריהמען זיך. דער „כמעט אן אייגענער“ מוז ערשט ברענגען א בעווייז, א כתב, אז ער איז פונקט ווי דער אייגענער.

די פארשער, וועלכע האבען אין זייערע ווערק בעלויכטען די פסיכאלאגיע פון דעם אנדערען, האבען זיך ליידער מעהר אינטערע־סירט מיט דער ווירקונג פון דעם אנדערען אויף דעם אייגענעם ווי אומגעקעהרט. ערשט ווען אויך די צווייטע העלפט פון דיעזען וויסענשאפטליכען צווייג פון דער אלגעמיינער פסיכאלאגיע וועט זיין אזוי גוט בעארבייט און אויסגעפארשט ווי די ערשטע העלפט.

וועלען מיר האָבען עטוואָס גאַנצעס. ביז איצט האָבען מיר פאַר אונז נאָר איין העלפט פון דעם אינטערעסאַנטען פּראָבלעם, און מיר זיינען זיך מודה, אונז אינטערעסירט פיעל מעהר די צווייטע זייט ווי די ערשטע, ווייל „אייגענע" זיינען מיר שוין אזוי לאַנג ניט געווען און „אַנדערע" זיינען מיר שוין אזוי לאַנג, זאָגאַר אביסעלע צו לאַנג, אזוי לאַנג, אז פיעלע פון אונז פערשטעהען שוין ניט מעהר די פּסיכאָלאָגיע פון דעם אייגענעם.

אויף די פּאַרשער קאָן מען אָבער קיין פּאַראיבעל ניט האָבען. זיי זיינען אליין אייגענע און אינטערעסירען זיך מעהר פאַר זייערע „אייגענע" ווי פאַר זייערע „אַנדערע". וואָס מיך פערדריסט אָבער יאָ, איז דאָס, וואָס די פּאַרשער דערמאָהנען ניט אין זייערע ווערק דעם ערשטען בעגרינדער, דעם אור־אור־זיידען פון „דעם פּסיכאָלאָג פון דעם אַנדערען", דעם, וואָס האָט צוערשט בענוצט „די פּסיכאָ־לאָגיע פון דעם אַנדערען" פאַר זיינע פּאָליטישע צוועקען און וואָס האָט זי צוערשט אזוי גוט פאָרמולירט. עס קאָן זיין, די פּאַרשער שעהמען זיך מיט איהם, עס פּאַסט זיי ניט דער יחוס פון דעם בעגרינדער — חרפּה אָן א זייט, וויסענשאַפטלער טאָרען ניט קוקען אויף יחוס.

דער ערשטער, וועלכער האָט, ווי עס זעהט אויס, גוט פער־שטאַנען די פּסיכאָלאָגיע פון דעם אַנדערען, זי קלוג פאָרמולירט און געשפּיעלט אויף איהר, איז אָהן צווייפעל געווען דער דורך אונז פעראייביגטער העלד פון דער מגילה — המן, דער זוהן פון המדתא. ער פערלאַנגט נאָר איין קלייניגקייט, מען זאָל איהם אויסליעפערען אלע אידען פון די הונדערט און זיבען און צוואַנציג מדינות, און ער וועט שוין זיי טהאָן זייער רעכט. אזא וואונש, אזא משונה'דיגער וואונש מוז דאָך בעגרינדעט ווערען. האָט מען דאָך געקאָנט ערוואַרטען, אז ער וועט קומען ווי א בעדייטענדער פּראָקוראָר מיט אַן אָנקלאַגע לכל הפּחות אויף צוואַנציג עמודים. עס הויבט זיך אָבער גאָר ניט אָן. די גאַנצע „המן מסירה" בע־שטעהט פון איין געוועהנליכען פּסוק: „און עס האָט געטהאָן זאָגען המן צום קעניג אחשורוש, עס איז פאַראַן איין פאָלק, צוזעעט און צושפּרייט צווישען די פעלקער אין אלע מדינות פון דיין

קעניגרייך, און זייערע דינים (ריכטיגער — מנהגים) זיינען אַנ־דערש פון די דינים פון יעדען פאָלק און די דינים פון קעניג טהוען זיי ניט און פאַר'ן קעניג איז ניט ווערטה זיי צו לאָזען". המן זאָגט ניט, אַז די אידישע דינים זיינען שלעכט, אָדער ערגער פון די אַנדערע. ער רעדט אויך ניט פון דעם היזק, וואָס די אידען ברענגען דער מדינה מיט זייערע דינים. ער לאָזט זיך ניט אריין אין חקירות. פאַר איהם איז גענוג, וואָס די אידישע דינים זיינען אַנדערש פון די דינים פון די אַנדערע פעלקער. אין דעם אַנדערש זיין ליעגט דער הויפּט־פּונקט פון דער בעשולדיגונג.

און דאָך איז געבליבען „המן'ס מסירה" אלס אַ צייכען פון שרעק ביז אויף היינטיגען טאָג. און מיט רעכט ווערט זי בעטראַכט אלס די שרעקליכסטע מסירה. בעשולדיגונגען קאָן מען ווידערלע־גען, בלבולים קאָן מען אָבלייקענען, בעווייזען מיט אותות ומופתים, אַז זיי זיינען פאַלש. וואָס קאָן מען אָבער טהאָן געגען די בעצי־הונגען צום „אַנדערען", וועלכע זיינען טיעף איינגעוואָרצעלט אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם „אייגענעם"?

מען דאַרף ניט פערגעסען: דער אַנדערער איז ניט דער פרעמדער. דעם פרעמדען איז מען מוחל זיין פרעמדקייט, מען פערהאַלט זיך צו איהם זאָגאַר מיט רעספּעקט, ווען מען וויים, אַז ביי זיך איז ער אַן אייגענער, אָדער אַז ער האָט לכל הפחות אַ פּלאַץ, וואו ער קאָן גילטען אלס אַן אייגענער, ווען ער וויל. דער אַנדערער אָבער איז דער, וואָס איז ערגעץ ניט קיין אייגענער, און ער איז דעריבער פער'משפּט אויף שטענדיג צו פערנעהמען דעם צווייטען פּלאַץ. דער ערשטער פּלאַץ בלייבט רעזערווירט פאַר דעם „אייגענעם". דער פרעמדער איז אַ מענש מיט אַ פרייער ברירה, דער אַנדערער האָט ניט קיין ברירה, ער האָט ניט וואוהין צו געהן. די געזעלשאַפט אַכטעט דעם מענשען מיט אַ פרייער ברירה.

וואָלטען דאָס נאָר פערשטאַנען אונזערע „אַנדערע", וואָלטען זיי נאָר בעגריפען, אַז אין דעם מאָמענט, ווען נאָר אַ טהייל פון אונז וועט בעשטעהן פון „אייגענע", בעקומען אויך זיי, די וואָס בלייבען אלס אַנדערע, אַ פרייע ברירה. זיי וועלען אָנהויבען

בעטראכט ווערען אלס א י י נ ע נ ע א י ן ד ע ר פ ּ א ט ע נ ץ, און זייער שטעלונג אין דער געזעלשאפט וועט מוזען ווערען א בעסערע, א מעהר נאטירליכע. זיי וועלען צוריק געווינען די פער־לארענע זעלבסט־אכטונג און די געזעלשאפט — די פערלארענע אכטונג צו זיי.

9 מערץ, 1917.

וואָכעדיגע צדקה און נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ

שטיל און רוהיג, כמעט בעהאַלטענערהייד איז פאַריגען זומער אָבגעפאָהרען דער פערטרעטער פון דעם אמעריקאַנישען אידישען הילפסווערק נאָך אייראָפּא אום צו שטודירען די פערהעלטניסע אם אָרט און שטעלע. מיט פויקען און טראָמפּעטען איז ער נאָך איינינע חדשים צוריקגעקעהרט, נאָכדעם ווי ער האָט שוין אַלעם אויסגעשטודירט און די ריכטיגע זאַכלאַגע ארויסגעפונען. אונטער פויקען און טראָמפּעטען פערשטעה איך די אָנקינדיגונג גלייך נאָך דער צוריקקעהרונג אין דער גאַנצער אמעריקאַנישער טאָגעס־פרעסע וועגען דעם צעהן מיליאָן דאָלאַר־פאָנד, וואָס איז נויטיג אום צו שטילען דעם מאָמענטאַנעם הונגער, און וועגען דעם הונדערט מיליאָן גמילות חסד־פאָנד, וואָס איז נויטיג אום צו אונטערנעהמען גרויסע אַקציאָנען, כדי צו פערהיטען דאָס אידישע פאָלק פון רואין און אונטערגאַנג. עס נעהט אונטער דאָס אידישע פאָלק אין פוילען, גאַליציען און ליטא. עס האָט מעהר קיין כח ניט אריבערצוטראָגען דעם שווערען דרוק, וואָס איז אויסגעפאַלען אויף זיין גורל. עס איז מעהר ניט אימשטאַנד צו לייסטען ווידערשטאַנד. די איינציגע האָפנונג איז אמעריקא, אַלע אידישע אויגען, ווען דאָס ליכט איז נאָך ניט אויסגעלאָשען אין זיי, בליקען אויף די אמעריקאַנער אידען. זיי אַליין האָבען נאָך די מעגליכקייט אָבצואווענדען פון מיליאָנען אידישע קעפּ די פערניכטונגס־סכנה, וועלכע שוועבט איבער זיי.

דאָס אונגעפעהר איז געווען דער קורצער, שאַרפער און שניידענדער זין פון דער אָבגעגעבענער ערקלערונג פון דעם צוריקגעקעהרטען אמעריקאַנער שליח. און פיעלע, וואָס זיינען אפילו ניט געווען איינפערשטאַנדען מיט זיין טאַקטיק און מיט זיינע האַנדלונגען אין אייראָפּא, פיעלע, וואָס האָבען שאַרף פער־

אורטהיילט די איינזייטיגע אויפפאסונג פון דער גרויסער אויפ־
גאבע, וועלכע ער האט געהאט אויסצופיהרען, פיעלע, וואס האבען
בעטראכט די בעפעסטיגונג פון די אסימילאטארישע כחות אין די
מלחמה־לענדער דורך די סאנקציאן פון דעם אמעריקאנער שליח
אלס א נאציאנאלעם אונגליק, האבען זיך אויף א צייט לאנג צוריק־
געצויגען מיט זייער קריטיק און פעראורטהיילונג. זיי האבען
זיך געטרייסט: עס זיינען געמאכט געווארען גראבע פעהלער ביז
איצט, איצט אבער, ווען די סיטואציאן איז אזוי קלאר און דער
חורבן האט זיך ענטפלעקט אין זיין גאנצער שרעקליכער נאקעט־
קייט, איצט — אזוי האבען זיי געדאכט — וועט מען אויך אין
אמעריקא איינזעהן, ווי ווייניג מען האט ביז איצט געלייסטעט
און מען וועט זיך נעהמען צו דער ארבייט מיט דאפעלטער און
דרייפאכער ענערגיע. ניט נאר וועט מען זעהן וואס שנעלער צו
זאמלען דעם צעהן מיליאן דאלאר פאנד, וועלכער איז נויטיג פאר
די פליסענדע נויט, ווייל עס איז דאך ניטא קיין נדחה אויף הונגער,
נאר מען וועט אויך באלד צוטרעטען צו דער רעאליזירונג פון דעם
גרעסערען פלאן, מען וועט זיך בעפרייען פון דעם ענגען קרייז
פון די פילאנטראפישע בעגריפען און מען וועט איבערגעהן צו
שטאאטסמענישע אקציאנען.

דאס איז ניט אזוי לייכט פאר מענשען, וועלכע האבען א
לעבען־לאנג אפערירט אין זייער עפענטליכער טהעטיגקייט מיט
צדקה און נדבות — אבער דער מאמענט. האבען זיך דאך געמעל־
דעט גאנץ נייע כחות אויך ביי אנדערע פעלקער, דער מאמענט
האט זיי ארויסגערופען, די גרויסע נויט האט זיי ארויסגעשלעפט
פון דער רעזערווע און אוועקגעשטעלט אין די ערשטע שורה. אפשר
וועט אויך מיט אונז פאסירען אזא נס. האבען זיך דאך געפונען
אידען אין דייטשלאנד, ענגלאנד און אין אנדערע מדינות, וועלכע
די רעגיערונגען האבען אנפערטרויט גראד איצט זעהר פעראנט־
ווארטליכע אויפגאבען, וואס פאדערען גרויסען ארגאניזאטארישען
טאלאנט. אפשר וועלען זיך דא אויך אברופען איינינע טאלענטירטע
כחות, כדי צו ארבייטען פאר זייער אייגען פאלק? אזוי האט מען
גערעכענט, געהאפט און געווארט.

אזוי האָט מען גערעכענט, געהאָפט און געוואַרט, און דער־ווייל איז אריבער נאָך א ווינטער. נאָך א ווינטער — אפשר דער ווייכטיגסטער ווינטער, אפשר דער לעצטער ווינטער פאר דעם סוף פון דעם גרויסען וועלט־סכסוך. און וואָס האָבען מיר אין רעזולטאט? דער גרויסער פּלאַן איז צושמאָלצען געוואָרען אין איינעם מיט דעם ווינטערדיגען שנעע, און דער קלענערער פּלאַן איז אפילו אויף א דריטעל ניט אויסגעפיהרט געוואָרען. לאנגזאם און קנאפּ, טראָפּענווייז ווי פון א פערשטאָפּטען רעהר פליסען די נדבות, און די פּאַפּיערענע אויפרופען האָבען מעהר קיין ווירקונג ניט אויף דאָס גרויסע פּובליקום. טומפּע קולות דערגרייכען נאָך צו אונז פון צייט צו צייט פון יענער זייט ים, אָבער דער עולם האָ רעאגירט אויף זיי נאָר זעהר שוואַך. עס נעהען אוים די כחות דאָרט צו שרייען, פון טאָג צו טאָג זינקט די ענערגיע דאָ צו העלפען.

וואו ליעגט די סבה, וועלכע רואינירט דאָס גאַנצע הילפּס־ווערק? ליעגט זי טיעף אין כאַראַקטער פון דער אידישער בעפעל־קערונג דאָ אין אמעריקא, אָדער נאָר אין דער שיטה, וועלכע עס האָבען אָנגעווענדעט די וואָס האָבען אָרגאַניזירט דאָס הילפּס־ווערק? איז דאָס דער פּועל יוצא פון אַן אָרגאַנישען פעהלער פון די אידישע מאסען, אָדער דער רעזולטאט פון פאַלשע מעטהאָ־דען? אין ערשטען פאַל וועט קיין תרופה ניט העלפען, ווארים עס בייטען ניט מאסען אזוי שנעל זייער כאַראַקטער. אין צווייטער פאַל איז די האָפנונג נאָך ניט פערלאָרען.

און איך בין איבערצייגט, אַז דער פעהלער ליעגט ניט אין כאַראַקטער פון אונזער פאָלק, ניט אין דער שטעלונג פון אונזערע מאסען, נאָר אין דער פאַלשער שיטה, מיט וועלכער מען האָט זיך אונטערגענומען דורכצופיהרען דאָס הילפסווערק.

און די שיטה איז בעשטאַנען אין פאָלגענדען. די, וואָס שטעהען אַן דער שפּיצע פון דעם הילפּס־ווערק, האָבען פון אָנהויב אָן ניט צוגעלאָזען, אַז די הילפּס־אַקציאָן זאָל אָננעהמען דעם כאַראַקטער פון א גרויסער נאַציאָנאַלער אויפגאַבע. זיי האָבען איינפאַך ניט צוגעלאָזען, אַז די אידישע וועלט אין אמעריקא זאָל

דורך א גוט אָרגאניזירטען אויפקלעהרונגס־דיענסט בעקומען א ריכטיגען בעגריף פון דעם, פון וואָס עס האנדעלט זיך דאָ. און וויסען האָט געזאָלט די אידישע וועלט, אז דאָ האנדעלט זיך ניט מכח פשוט׳ער צדקה נאָר מכח א קאמפף פאר די נ א צ י אָ נ א ל ע עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק. דער וועג צום אידישען געלד־בייטעל האָט דאָ געפיהרט דורך דעם פערשטאנד, דורך דער ריכ־טיגער אויפפאסונג פון דעם פּראָבלעם, און דער וועג איז פער־צוימט געוואָרען פון אָנהויב אָן. „מיר טרייבען ניט קיין פּאָליטיק״ איז געווען דאָס לאָזונגס־וואָרט פון די פיהרער. מיר בעשעפטיגען זיך נאָר מיט צדקה. יעדע צדקה האָט אָבער איהרע גרעניצען, וועלכע זי קאָן ניט איבערשרייטען. יעדעס רחמנות־געפיהל ווערט געזעטיגט מיט דער צייט. נאָר נ א צ י אָ נ א ל ע אויפגאבען זיינען אימשטאנד צו וועקען אלץ מעהר און מעהר ענערגיע אין א פאָלק.

די גאנצע פּראָפּאגאנדא איז געפיהרט געוואָרען אויף א צדקה־בטלנישען אופן. מען האָט געזוכט אויסצוקומען מיט „באבסקע סגולות״. עס איז ניט געווען קיין בעפרוכטענדער גע־דאנק, קיין צענטראלע אידעע, קיין ווייטע פערספעקטיווע. דער שווערפּונקט פון דער פּראָפּאגאנדא איז געלעגען אין „אַפּיעל״, און דער אַפּיעל איז געווען שטענדיג א מאָגערער, אַן איינאָרטיגער, אַן איבערגע׳חזר׳טער צום הונדערט און איינטען מאָל. מען האָט גערעדט נאָר פון דער געגענוואַרט אָהן וועלכע עס איז פערבינדונג מיט וועלכער עס איז צוקונפט, מען האָט געלעבט פון היינט אויף מאָרגען און פון האנד אין מויל, מיט קורצע השגות און קליינע מאָטיוון. עס איז ניט געווען קיין שוואונג, מען האָט געזוכט ארויסצודריקען העכסטענס פון אויג א טרעהר און פון געלד־בייטעל א דאָלאר, אָבער ניט א נייע מחשבה פון קאָפּ און בעגייס־טערונג פון דער נשמה. בעגייסטערונג איז פערבונדען מיט האָפ־נונג — און פון האָפנונגען איז ניט געווען קיין סמן, קיין זכר. אלץ וואָס האָט א שייכות צו א נאציאָנאלער האָפנונג, איז געווען פערבאָטען, אויסגעשלאָסען.

איצט לאַדעט מען איין נייע „מכשפים״. אפשר וועלען ז י י

דערגרייכען דעם עולם. איך גלויב ניט, אז מיט נייע טעכנישע מעטהאָדען זאָל מען עטוואָס דערגרייכען. ניט די טעכניק איז שולדיג אין דעם מיסערפאָלג פון דעם הילפסווערק. די סבה ליעגט פיעל טיעפער. זי ליעגט אין דער פאלשער אויפפאסונג פון דער אויפגאבע. און ווען עס ווערט שוין יא אונטערנומען א רעוויזיאָן, זאָל מען זיך ניט אָבשטעלען אויף די טעכנישע מעטהאָדען. א מאשינע קאָן דורך טעכניק געהאָלפען ווערען, אָבער א הילפס־ווערק פון נאציאָנאלער בעדייטונג איז ניט קיין טויטע מאשינע.

11 מערץ, 1917.

צייט פראגען

א.

א מערקווירדיגע זאך — שוין אזוי לאנג שטודירען מענשען געשיכטע, פארשען אוים איהרע געשעהעניסען און דרינגען אריין אין איהר זין, און דאך זיינען די בעסטע געשיכטס־פארשער ניט אימשטאנד פאראויסצוזעהן און פאראויסצוזאגען דעם גרויסען מא־מענט, כאטש א קורצע צייט איידער ער טרעט איין. אפנים עס זיינען נאך דא סודות אין דער געשיכטע און אפנים, אז דער מענש־ליכער שכל איז ניט גענוג שארף, אום אריינצושניידען זיך אין די צוקונפט און וויסען וואס עס טוט זיך אין איהרע פערבארגענע קא־מערען.

די צוויי גרעסטע געשעהעניסען פון דער נייעסטער צייט, די וועלט־מלחמה און די רוסישע רעוואלוציאן, ערשיינען איצט ביידע אזוי לאגיש, זיי געהען ארוים מיט אזא נויטווענדיגקייט פון דער גאנצער פריהערער ענטוויקלונג, און דאך זיינען זיי ביידע אנ־געקומען אזוי פלוצלונג, אזוי אונגערווארטעט, אזוי אונגעריכטער־הייט, און די גאנצע קלוגע ערפאהרענע און געבילדעטע וועלט איז אזוי איבערראשט געווארען פון זיי ביידען. אמת, מען האט גע־וואוסט, אז די מלוכות האלטען אין איין פערגרעסערען זייערע אר־מעען און פלאטען, בויען פעסטונגען און גרייטען אן כלי זין, און דאך האט קיינער ניט געגלויבט, אז די מענשהייט האלט ביי ערב מלחמה. מען האט זיך געטרייסט מיט דער טעאריע פון בעוואו־פענטען פריעדען. אמת, אלע האבען געוואוסט, אז רוסלאנד גע־פינט זיך שוין זייט א לאנגער צייט אויף א פולווער פאס, אז די אונ־צופריעדענהייט וואקסט אין דער מעהר ציוויליזירטער רוסישער געזעלשאפט פון טאג צו טאג, און דאך איז קיינעם ניט איינגעפא־

לען דער געדאַנק, אַז די רעוואָלוציאָן וועט אויסברעכען גראַד איצט אין רעכטען מיטען פון דער מלחמה. ווייטער האָבען אַלע מומחים נביאות געזאָגט, אַז ביי דעם היינטיגען שטאַנד פון דער קריעגס־טעכניק קאָן אַ מלחמה צווישען גרויסע נאַציאָנען ניט לאַנג דויע־רען, עס מוז שנעל קומען צו אַ מורא'דיגען צוזאַמענשטויס צווי־שען די קעמפּפענדע צדדים, און נאָך דעם צוזאַמענשטויס מוז קו־מען שנעל די ענטשיידונג. בנוגע צו דער רוסישער רעוואָלוציאָן האָט מען נביאות געזאָגט, אַז זי וועט לאַנג דויערען און זי וועט זיין איינע פון די בלוטיגסטע. איז געקומען די ווירקליכקייט און האָט אָבגעלייקענט אַלע חשבונות, עפּעס פּונקט ווי זי וואָלט זיך געוואָלט לוסטיג מאַכען איבער די אויסרעכענונגען פון די מומחים. די מלחמה דויערט אַזוי לאַנג, אַז די מומחים האָבען שוין זאָגאַר אויפגעהערט נביאות צו זאָגען וועגען איהר סוף, און די רוסישע רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט געבראַכט אַזאַ ראַדיקאַלע איבערקעה־רענים אין דער גרעסטער אייראָפּעאישער מדינה, איז אָבגעגאַנגען כמעט ווי פריעדליך, כמעט ווי אָהן קרבנות.

אָבער ווי עס זאָל זיך ניט אָבנאַרען דער מענשליכער שכל אין זיינע פּאָראויסזאָגונגען, בערוהיגט ער זיך קיינמאָל ניט, ער וויל פּאַסען אי די רוהיג ליעגענדע פערגאַנגענהייט, אי די ברויזענדע געגענוואַרט, אי די אָנקומענדע צוקונפט. ער וויל הערשען איבער די צייטען, לכל הפּחות — געדאַנקליך.

און איך גלויב, אַז יעדען פון אונז ווילט זיך איצט וויסען: וואָס וועט זיין דער סוף פון דער מלחמה, ווי וועט אויסזעהן די וועלט־קאַרטע נאָך דער מלחמה? ווי וועט אָבלויפען די רוסישע רעוואָלוציאָן — וועלען ניט קומען נאָך אַמאָל די שוואַרצע כחות פון דעם פּיעל געשטראָפטען לאַנד און אַ דרעה טאָן דאָס ראָד ווי־דער אויף צוריק? און צום שלום — וואָס וועט זיין מיט אונז? וועט זיך די וועלט וועלען רעכענען נאָך דער מלחמה אויך מיט אונזער היזק, וועט זי אונז אריינרעכענען אין דער משפּחה פון די פ ע ל ק ע ר, וועלכע האָבען געבראַכט די גרעסטע קרבנות, אָדער זי וועט אונז פאַנאַנדערוואַרפען אויף פערשיעדענע בלעטער פון דעם גרויסען וועלט־קאָנטאָ־בוך נאָך דער צאָהל פון די לענדער, וואו

עס לעבען די צושטרייטע חלקים פון אונזער פאָלק? און וואָס וועט זיין מיט אונזערע ברידער אין בעפרייטען רוסלאנד? וועט זייער עמאנציפּאציאָן זיין נאָר אַ צווייטע אויפלאַגע פון דער מערב־אייראָפּעאישער ציוויליזאציאָן, אַ סטערעאָטיפּע אויפלאַגע, ניט פערמעהרט און ניט פערבעסערט? אָדער וועט זי טראָגען אַ גאַנץ אַנדער חאראקטער, און די אידען וועלען צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע בעקומען פרייהייט ניט אלס איינצעלנע בירגער, נאָר אלס אַ נאציאָנאלע מינאָריטעט?

זעלבסטפערשטענדליך מוז מען ביי דער בעאַנטוואָרטונג פון די פאָרמולירטע פראגען אפּערירען מיט השערות. השערות מוזען זיך שטיצען אויף דעם נסיון און די פאקטען פון דער פערגאנגענהייט, אָבער קיינער קאָן אויף זיך ניט נעהמען די אחריות פאר זייער ריכטיגקייט, ווייל מיר האָבען שטענדיג צו טאָן מיט „צוגעקומענע מאָמענטען", מיט פאקטאָרען, וועלכע ליעגען ערגעץ פערשטעקט און שפּרינגען ארויס גראד, ווען מען ריכט זיך ניט אויף זיי.

איך וויל מאכען אַ פערזוך צו געבען אַן אנטוואָרט אויף די געשטעלטע פראגען, אָבער דאָס מאָל ניט „על ראשון ועל אחרון", נור אומגעקעהרט, איך וועל אָנהויבען מיט דער לעצטער פראגע.

וואָס קאָן מען ערווארטען בנוגע דער עמאנציפּאציאָן פון אונזערע ברידער אין רוסלאנד? ווי וועט זי אויסזעהן, וועלכען חאראקטער וועט זי טראָגען? אלס פאָראויסזעצונג נעהמען מיר אָן, אַז דער נצחון פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן איז אַן אבסאָלוטער, און די נייע אָרדנונג שטעהט פעסט און געזיכערט.

איך וועל זיך ניט ארייַנלאָזען אין חקירות און וועל נעהמען פאר מיינע השערות אַ שטיצפּונקט נור איינינע טהאטזאכען.

רוסלאנד איז אַ נאציאָנאליטעטען־שטאאט, און מיט דער פּראָקלאמירונג פון בירגערליכער גלייכבערעכטיגונג אליין וועט קיין נייע רעגיערונג ניט יוצא זיין אנקעגען די נאציאָנאלע מינאָריטעטען, וועלכע האָבען געליטען אונטער דעם אלטען רעזשים אלס נאציאָנאלע איינהייטען ניט ווענינער ווי עס האָבען געליטען די

איינצעלנע בירגער אלס בירגער. די בעפרייאונג פון דעם איינ־
צעלנעם בירגער אהן דער בעפרייאונג פון דער נאציאנאלער גרופע,
צו וועלכער ער געהערט, איז נור א האלבע בעפרייאונג, און א
רעגיערונג, וועלכע וויל זיין מאדערן און עקזיסטירען אויף געז־
זונדע יסודות, טאר ניט צולאזען, אז אין גרויסע מאסען זאל הערר־
שען אן אונצופריעדענהייט. עס איז דעריבער שווער אנצונעהמען,
אז די נייע רוסישע רעגיערונג, וואו די ליבעראלע שטרעמונג
שפיעלט א גרויסע ראליע, זאל איגנארירען די פאדערונגען פון די
נאציאנאלע מינאריטעטען. אדרבא, מיר האבען גענוג אסמכתות,
וועלכע ערלויבען אונז צו גלויבען, אז די נייע רעגיערונג וועט אנ־
ווענדען פון איהר זייט אלע מיטלען, כדי צו רעגולירען די נאציא־
נאליטעטען פראגע אין רוסישען שטאאט ניט אויפ'ן גרונד פון
קראפט און איבערגעוויכט, נור אויפ'ן גרונד פון די אלגעמיינע
פרינציפען פון יושר און פון פרייהייט גראד ווייל רוסלאנד איז
דאס לעצטע לאנד, וועלכע מאכט דורך אזוי שפעט איהר ערנייע־
רונגס־פראצעס, וועט זי מוזען איינפיהרען ביי זיך אויך די מאד־
דערנסטע רעפארמען.

א צווייטע טהאטזאכע.

מיט עלף יאהר צוריק, אז עס האט זיך געגרינדעט אין רוס־
לאנד, נאך דער רעוואלוציאן פון 1905, דער „פערבאנד צו דער־
גרייכונג פון פולבערעכטיגונג פאר אידען", זיינען ענטשטאנען
היציגע דעבאטען וועגען דער פארמולירונג פון די אידישע פאדע־
רונגען. כמעט קיינער פון די גרינדער פון פערבאנד האט ניט
אנגענומען אן אסימילאטארישען שטאנדפונקט, עס האבען זיך
נאר געפונען איינציגע, וועלכע האבען געראטהען, אויס טאק־
טישע גרינדע, צו בענוגענען זיך מיט דער פאדערונג פון ביר־
גערליכע און פאליטישע רעכטע און לאזען די נאציאנאלע פאדע־
רונגען אויף שפעטער. דיעזע עצה איז פערווארפען געווארען,
און מען האט מיט איבערוויעגענדער מאיאריטעט אנגענומען, אז
אונטער פולבערעכטיגונג פערשטעהט מען: בירגערליכע, פאלי־
טישע און נאציאנאלע גלייכבערעכטיגונג.

ווען מיר זאלען נעהמען אין בעטראכט, אז מיט עלף יאהר

צוריק, ווען מען האָט אפילו געגלויבט אין דער קראַפט פון דער נייער פערפאַסונג און איהר דויערהאַפטיגקייט, האָט מען דאָך געוואוסט, אַז די רעגיערונג איז געבליעבען די אַלטע, די צאַריסטישע רעגיערונג, און מען וועט זיך מוזען מיט איהר שטאַרק רעכענען ביי יעדער קלענסטער פרייהייטסעראָבערונג. דאָך האָבען זיך די אידישע פערטרעטער ניט דערשראָקען און קלאָהר פאָרמו־לירט זייערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. ווען מען זאָל ווייטער נעה־מען אין אַנבעטראַכט, אַז דאָס נאַציאָנאַלע בעוואוסטזיין איז פאַר די לעצטע עלף יאָהר געשטיעגען ביי די אידען אין רוסלאַנד, און אַז איצט וועט מען זיך ווענדען צו אַ נייער, ליבעראַלער רעגיע־רונג — נעהמענדיג דאָס אַלעס אין אַנבעטראַכט, מוז מען ער־ווארטען, אַז אונזערע ברידער אין רוסלאַנד וועלען איצט נאָך מעהר פעסטער און געשלאָסענער פערטהיידיגען זייער נאַציאָנאַלע פאָזיציאָן.

ב.

24—25טען מערץ איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין ניו יאָרק די נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישע קאָנווענשאָן, אויף וועלכער די פער־טרעטער פון די פערשיעדענע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אָרגאַ־ניזאַציאָנען — נאַציאָנאַל אין אידישען זין — און פון הונדערט און פופציג טויזענד אָרגאַניזירטע אידישע ארבייטער האָבען אָנ־גענומען, אין פערבינדונג מיט דעם בעפאָרשטעהענדען אידישען קאָנגרעס, אַ דעפיניטיווע שטעלונג צו אַלע הויפּטפראַגען, וואָס שטעהען יעצט אויף דער טאָגעס אָרדנונג פון אונזער פּאָליטישען לעבען. די קאָנווענשאָן האָט שטאַטגעפונדען אין דעם זעלבען זאַל, אין בעטהאָווען האָל, וואו עס זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען די זיצונגען פון דער ערשטער קאָנווענשאָן, וועלכע איז אָבגעהאַלטען געוואָרען צום זעלבען צוועק, מיט אָנדערטהאַלב יאָהר צוריק. די

פערטרעטער פון די נאציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָנען זיינען געווען בעטהייליגט אויך אין דער ערסטער קאָנווענשאָן, אָבער נור אַלס א מינאָריטעט. דענסמאָל האָבען זיי נאָך געגלויבט, אַז די אָ פּ י צ י ע ל ע פיהרער פון דער אָרגאַניזירטער אידי־שער ארבייטערשאַפט וועלען סוף כל סוף אויפגעבען זייער ענט־נאציאָנאַליזירענדע פּאָליטיק, וועלכע זיי האָבען געטריבען ביז איצט, און וועלען זיך אָנשליסען גאַנץ אויפריכטיג אַן די קאָנ־גרעס בעוועגונג, וועלען מיטהעלפען, אַז דער קאָנגרעס זאָל אָננעה־מען א נאציאָנאַלעס פּראָגראַם, און וועלען מיטווירקען ביי דער דורכפיהרונג פון דיזען פּראָגראַם. זיי האָבען אַזוי געגלויבט, ווייל די אויפלעבונג פון דער נאציאָנאַלער אידעע אין דער גאַנצער וועלט און בעזונדערס אין די סאָציאַליסטישע רייהען האָט זיי בערעכטיגט צו דער מיינונג, אַז די אידישע אַרבייטער־פיהרער וועלען ניט קאָנען בלייבען די איינציגע אויסנאַהמען אין דער גאַנצער וועלט און וועלען מוזען, אונטער דעם דרוק פון דער הער־שענדער וועלט שטימונג, אַנערקענען די אידישע נאציאָנאַלע פאָ־דערונגען. און די ערשטע צייט האָט עס טאַקי אַזוי אויסגעזעהען, אַז עס טרעט אריין אַן אויסניכטערונג אין די מחנות פון דער אידישער ארבייטערשאַפט. די החלטות, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען אויף דער ערשטער קאָנווענשאָן בנוגע צו דער הויפּט־אויפגאַבע פון דעם קאָנגרעס, זיינען געווען צופריעדענשטעלענדע. זיי זיינען אָנגענומען געוואָרען אויף'ן גרונד פון א פשרה. איין זייט האָט זיי בעטראַכט אַלס א פּראָגראַם מאַקסימום, די אַנדער זייט — אַלס א פּראָגראַם מינימום, און מען מוז צוגעבען, אַז ביידע צדדים זיינען געגאַנגען אין זייער געגענזייטיגען נאָכגעבען אַזוי וויים, ווי עס איז נור מעגליך געווען פאַר זיי. און ווער וויים — עס קאָן זיין, אויב דער קאָנגרעס וואָלט פערווירקליכט געוואָרען גלייך נאָך דער ערשטער קאָנווענשאָן, וואָלט די ערציעלטע פער־אייניגונג אפשר ניט צושטערט געוואָרען. מיט א פּאָליטישען אָבמאַך איז ווי מיט א שידוך. וואָס וועניגער צייט מען האָט חרטה צו האָבען, אַלץ בעסער פאַר'ן שידוך. ליידער אָבער האָט זיך די קאָנגרעס פראַגע צו לאַנג פערצויגען, און „דאָס נאציאָנאַלע

ארבייטער קאָמיטע", — די בעפּאָלמעכטיגטע פון דער ערשטער קאָנוועגשאָן — האָט אָנגעהויבען שריט ביי שריט אָבצוזאָגען און אָבצוטרייסלען זיך פון די אָנגענומענע החלטות. די נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישע עלעמענטען האָבען קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו פערלאָזען זייער פּלאַץ אין נאַציאָנאַלען ארבייטער קאָמיטע, כדי ניט צו סאַנקציאָנירען זיינע נייע בעשליסע, וועלכע שטעהען אין ווידערשפּרוך מיט די אין דער ערשטער קאָנוועגשאָן אָנגענומענע החלטות. און פון דעם מאָמענט אָן, ווארפט אראָב דאָס נאַציאָנאַלע קאָמיטע פון זיך יעדע מאַסקע און הויבט אָן אויסצוזאָגען זיך פון די אידישע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען מיט דעם זעלבען ציניזם ווי גאָר אמאָל אין די גוטע אַלטע צייטען, ווען די פיהרער פון דער אידישער ארבייטערשאַפט האָבען זיך געפיהלט אַלס אונבעשרענקטע זעלבסטהערשער אויף דער אידישער גאַס. דאָס נאַציאָנאַלע ארבייטער קאָמיטע האָט ווייטער אָנגעהויבען צו רעדען וועגען זיין אַלייניגער פערטרעטונג פון דער געזאַמטער אידישער ארבייטערשאַפט און האָט אויסגעארבייט זאָגאַר אַ פּלאַן, ווי צו בעפעסטיגען זיין הערשאַפט אויף אייביגע צייטען. די „דיפּלאָמאַטען" האָבען דאָס מאָל אַ גרויסען טעות געהאַט אין חשבון, און זייער פּלאַן האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען. צום ערשטען מאָל פּילייכט האָבען די דיפּלאָמאַטישע פיהרער ארויסגערופען מיט זייער טאַקטיק און נאָך מעהר מיט זייערע אבזיכטען, צו־צו־שמיעדען די ארבייטערשאַפט צו די פיהרער אויך אין אַלע נאַציאָנאַל אידישע פראַגען, אַ העפטיגע אָפּאָזיציאָן אין זייער אייגענער מחנה.

דאָס איז געווען דער ערשטער קלאַפּ פאר דעם „נאַציאָנאַלען ארבייטער קאָמיטע". דעם צווייטען קלאַפּ, אַ פּיעל שטאַרקערען, האָט איהם פערזעצט די קאָנוועגשאָן פון די נאַציאָנאַליסטען. ווען מען נעהמט אין אנבעטראַכט, אַז זיי האָבען געהאַט נור ווייניג צייט אויפצוקלערען און צו ארגאַניזירען די מאַסען, און ווען מען בעריקזיכטיגט, אַז די גאַנצע מאַשינע, וועלכע הערשט איבער דעם אידישען ארבייטער, געפינט זיך אין די געגנערישע הענד, מוז דער ערפאָלג פון דער נאַציאָנאַל סאַציאַליסטישער קאָנוועג־

שאָן בעטראכט ווערען אלס א קאָלאָסאלער. ווי דער „פאר־ווערטס" זאל ניט ארויס פון די כלים מאכענדיג צו קליינגעלד די רעזולטאטען פון דער קאנווענשאָן, דער פאקט, אז זי האָט פערטראטען הונדערט און פופציג טויזענד ארגאניזירטע אידישע ארבייטער פון ארבייטער רינג און פון פערשיעדענע יוניאָנס, בלייבט א פאקט, וואס רעדט פאר זיך, און מען קאן איהם ניט מבטל זיין, ניט מיט פערשווייגען, ניט מיט זיעדלערייען. און מיר זאגען, אז ווען די קאנווענשאָן וואלט דערגרייכט נור דאס איין ציעל, צו צושטערען די געפעלשטע מיינונג פון דער אליינהערשאפט פון געוויסע פיהרער איבער די אידישע ארבייטער מאסען, וואלט איהר פערדיענסט אויך דענסטמאָל געווען זעהר גרויס, און די צאָהל הונדערט און פופציג טויזענד איז א שעהנע התחלה.

דאָך דער ווערט פון דער קאָנווענשאָן איז געווען א פיעל גרעסערער און איהרע פאָזיטיווע רעזולטאָטען זיינען ווייט בעדייטענדער ווי די צושטערונג פון א פערברייטעטער געפעלשטער מיינונג. די קאנווענשאָן האָט קלאָר בעוויזען, אז דער אינטעליגענטערער און ענטוויקעלטערער טהייל פון די ראדיקאלע עלעמענטען פון אונזער פאָלק דערנעהענטערט זיך אלץ מעהר און מעהר צו אונזער נאציאָנאלער אידעע און נעהמט אָן אלע איהרע לאָגישע קאָנזעקווענצען. די בעשליעסע פון דער קאָנווענשאָן וועגען די פאָדערונגען פון נאציאָנאלע רעכטע, וועגען א גרויס געפּלאנטער נאציאָנאלער הלואה, און דער הויפּט בעשלוס וועגען דער פאָדערונג, אז אונזער פאָלק זאל געגעבען ווערען די מעגליכקייט צו שאַפען פאר זיך א היים אין ארץ ישראל, וועלען געווים פערשריעבען ווערען אין דער געשיכטע פון אונזער אויפלעבונג מיט גאָלדענע בוכשטאבען. דער טיעפער ערנסט, מיט וועלכען עס זיינען געווען דורכגעדרונגען אלע רעדען און בעריכטען, און די וואונדערבארע געהויבענע שטימונג, וועלכע האָט די גאנצע צייט פון די פערהאנדלונגען געהערשט צווישען די דעלעגאטען, וועלען בלייבען לאנג אין זכרון פון די, וואס האָבען געהאט די יזכיה צו בעטהייליגען זיך אין דער קאנווענשאָן אלס דעלעגאטען אדער אלס צושויער. און די שטימונג איז געשאפען געוואָרען, ווייל די לייטער פון דער קאנווענשאָן זיינען געשטאנען אויף דער הויך פון

דעם היסטאָרישען מאָמענט, וועלכען מיר לעבען איצט איבער, ווייל זיי האָבען ניט צוגעלאזען קיין וואכעדיגען טאָן אין די פער־האנדלונגען.

קריצען מיט די צייהן, זיעדלען זיך מיט ציוניזם און מגן דוד — דאס וועט ניט העלפען. די בעסטע עלעמענטען פון אונ־זער פאלק וועלען זיך ניט לאָזען בלענדען און פארפיהרען. זיי וועלען געהן מיט זיכערע שריט אויף דעם וועג, וואס פיהרט צו אונזער ערלעזונג.

ג.

געהערען זיי צו אונז אדער צו אונזערע געגנער?

ברענט אין זיי א וועלכער עס איז פונק, און זיי אליין האָבען ניט געוואוסט דערפון, דען אונטער אש איז ער געלעגען בעגראָ־בען, און ווען די גרויסע שטונדע האָט געשלאָגען, די לייטערענדע, די קלערענדע, די רייניגענדע, און זי האָט בעריהרט דאס איינגע־שלאָפענע געפיהל און דאס בעהאלטענע פייערל, איז ארויס דער פערשטעקטער פונק און האָט זיי ווארטער אריינגעגעבען, וואס טראָגען אין זיך א הייליג פייער, און זיי רעדען איצט פון שטורם, פון א שטירמישען הארץ און א לעבצענדער נשמה?

אדער זיי פאסען זיך נור צו צו דער גרויס פון דעם מאָ־מענט, און אין הארצען ביי זיי איז לעדיג, אָהן א קויהל, אָהן א פונק, און זיי בענוצען זיך נור מיט פרעמדען פייער, גענומען פון א פרעמדען מזבח, אזוי, אויסגעבאָרגט, אויף א ווייל, ווייל עס פאסט זיך צו זיין בעגייסטערט אין מאָמענט, ווען עס ווערט אומ־געאָרדענט די וועלט, און ווען עס פעהלט אינערע בעגייסטערונג, איז מען יוצא מיט אויסערער, אבי מען צייגט סימנים פון בע־גייסטערונג און התפעלות?

דאָס איז די פראַגע, וועלכע עגבערט מיין מח און נעהמט

פון מיר אוועק מיין זעעלישע רוח. ניט חלילה ווייל איך האָב די געוואוינהייט צו זוכען פעהלער, ניט ווייל מיר פעהלט דער גלויבען אין דער אויפריכטינקייט און דער ליטערערער געזינונג פון די וואָס קעהרען זיך אום, אויך ניט צוליעב ענגהערציגקייט, ווייל איך האָב חלילה מורא, עס וועלען נאָך קומען די נייע און ענג מאַכען די אַלטע. פעהלער זוך איך ניט, חושד בין איך קיינעם ניט אין זייטיגע כונות און פניות און אויך האָב איך קיין מורא ניט, עס זאָל זיין וועניג פּלאַץ פאַר אַלעמען. אויב נאָך גאָר פּארצייטען, ווען אונזערע עלטער־זיידעס פלעגען עולה־רגל זיין פון אַלע עקען נאָך ירושלים, „האָט קיין מענש ניט געזאָגט, ענג איז מיר דער פּלאַץ, איך זאָל נעכטיגען אין ירושלים", וועלען מיר היינט געווים געפינען גענוג אַרבייט, מיר אַלע, די נייע און די אַלטע. אַ ברייט אַרבייטס־פעלד ליעגט פאַר אונז אויסגעשטרעקט און עס קאָן אויף דיעזעם פעלד געפינען בעשעפטיגונג יעדער מח און יעדע האַנד. הלואי זאָלען זיי זיך נאָר פעראייניגען. מיר ווייסען דאָך אַלע, אַז אויב מיר ליידען, ליידען מיר פון מאַנגעל אין כחות, וואָרים פון אונזער וועלט האָבען זיך פיעלע דער־ווייטערט, ווענען מיר האָבען געוואונשען צו האָבען ביי זיך. יעדער איז געגאַנגען אין זיין איינענע זייט, יעדער אין זיין אייגען פעלד — אין אמת'ען אַ פרעמד פעלד, און אונז האָבען זיי פער־לאָזען אַליין. זיינען געבליבען נאָר וועניגע, כמעט איינצעלנע. זיי האָבען אָבער ניט אַרויסגעלאָזען די פאָהן פון האַנד און האָבען גערופען צו אַרבייט און ערנייערונג. און מיר ווייסען דאָך, ווי גרויס עס איז געווען די שמחה פון די איינצעלנע, ווען זייער מחנה איז רייכער געוואָרען מיט אַ צוגעקומענעם. מיט אָפענע אָרעמס האָבען זיי איהם אויפגענומען און מיט פרייד געגעבען איהם אַ פּלאַץ אין דער שותפות'דיגער אַרבייט.

און דאָך, ווען איך פערנעהם איצט קלינגענדע ווערטער וועגען דער נבואה פון אונזער צוקונפט, ווי זי ווערט מקוים, און וועגען משיח'ס צייטען, וואָס רוקען זיך צו צו אונז אַזוי נאָהענט, און איך פערנעהם די ווערטער פון דער פרעמדער זייט, פון וואַנען איך האָב זיך ניט גערעכנט אויף זיי — איז אָנשטאָט פרייד און

גענוגטהואונג גנב'עט זיך צו מיר אריין א דאגה און דער גייסט פון ספקות הויבט אָן צו בעוועלטיגען מיך. „בעשטימט" און „טאָמער", „געוויס" און „אפשר", אָן „אודאי" און „ספקות" ראַנג־לען זיך אין מיר: וועלען די נייע, די צוגעקומענע, די איצט אַזוי בעגייסטערטע בלייבען מיט אונז אויף שטענדיג, אויף לאַנגע יאָהר און וועלען אונז ערנסט העלפען, אָדער, וואָס איז אַלץ איינס, מיר וועלען זיי העלפען? אָדער זיי מאַכען אונז נאָר א בעזוך פאר א קורצע ווייַלע, און ווען דער גרויסער מאָמענט וועט זיין פארביי, וועלען זיי זיך אומקעהרען צו אונזערע געגנער?

אָט איז דער ערשטער. א שאַרפע פעדער האלט ער אין האנד און רעדט הויכע ווערטער וועגען אונזער אויפלעבונג. ער איז ניט קיין פרעמדער, ניט איינער, וואָס זוכט א נייעם וועג. ער איז שוין געווען מיט אונז ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל. ער פלעגט קומען און געהן. אַזוי איז שוין זיין נאַטור. און אז ער האָט אונז פערלאָזען צום לעצטען מאָל האָט ער אפנים גערעכענט קיין מאָל זיך ניט צוריקקעהרען און ער האָט אָנגע־הויבען צו שפּאָטען איבער אונזערע חלומות, אונזערע פּיאָנירען אין ארץ־ישראל האָבען אויף איהם ניט געהאט קיין ווירקונג, ער האָט קיין ברעקעל שעהנקייט ניט געפונען אין זייער שאַפען און ווירקען. די העברעאישע רענעסאַנס האָט איהם ניט צוגעצויגען צו זיך, ער האָט ניט געזעהן אין איהר סמנים פון שטאַרקייט און פרישען לעבען. ער גלויבט אויך ניט ערשטענס אין די פעהיג־קייט, צווייטענס אין דער נויטווענדיגקייט פון דעם אידישען פאָלק צו ווערען זעלבסטשטענדיג. ער גלויבט ניט אין דעם גלות־צור־שטאַנד אלס א פאַקט נאָך דעם נצחון פון דער רוסישער רעוואָ־לוציאָן. ער גלויבט ניט ווייטער אין דער אינדיווידועלער ענט־וויקלונג פון די פעלקער, ווייל ער האלט ניט פון דעם נאציאָ־נאַליזם אין אַלגעמיין. און נאָך אַזוי פיעל אונגלויבען טרוימט ער דאָך פון דער אידישער ווידער־געבורט אין ארץ ישראל. ער פיהלט, אז עס קומט דער בּעצוויבערענדער מאָמענט, און ער פער־וואַנדעלט זיך אין אַן אנדער מענש און הויבט אָן צו רעדען עפּעס נביאות'דיג. ווערטער געהען ארויס פון זיין פעדער גאָר פייער־

דינגע און זיי דערצעהלען פון אן אלטער בענקעניש, און האפנונגען שפרעכט ער אוים פול גלאנץ און פראכט. און ער אליין פיהלט ניט דערביי די אינערע סתירה, אין וועלכער ער האט זיך פער־וויקעלט, און וועלכע גראבט אונטער זיין אייגענעם בנין.

איך מערק דעם געגענזאץ, און א ביטערע שאלה שווימט ארויף פאר מיר: ענטהאלט אין זיך די ניט נארמאלע ערשיינונג דעם מופת, אויף וועלכען מיר ווארטען אזוי לאנג, דעם מופת פון „ושבו בנים לגבולם", ווי עס קעהרען זיך אום צוריק פערבלאנ־דזשעטע קינדער, אדער פערקעהרט, די ערשיינונג דיענט נאר אלס סימן פון נסיסה. אזוי הויבט זיך אויף די פלאם אין לעצטען מאמענט, איידער זי ווערט אויסגעלאשען?

און אט איז דער צווייטער. איך האב איהם זעהר ליעב פאר זיין גרוים טאלאנט צו שילדערען און צו ערצעהלען. אבער שטענדיג בין איך געווען אין כעס אויף איהם. איך האב געזע־כענט, אז אזא טאלאנט דארף שטעהן אין דער ערשטער שורה פון אונזערע קעמפפער, פון אונזערע עקסטרעמע קעמפפער, וועלכע האסען יעדען גלות, און ווען ער איז אפילו אויסגעפוצט און פול מיט זכיות, און וועלכע שטרעבען צו אן אבסאלוטער פרייהייט: איך בין מיין, דער באדען איז מיין און אויך די חלומות זיינען מיינע. ער האט אבער ניט גע'חבר'ט זיך מיט די קעמפפער. ער האט דוקא בעזוכט אונזער לאנד און געזעהן דארט אונזערע פיאנירען, די וואס זעען און שניידען, פלאנצען און בויען, און ער איז אריינגעדרונגען אין זייער נשמה און האט פיעלעס ענטפלעקט אין איהר. און פון צייט צו צייט, ווען דער גייסט איז געקומען איבער איהם, האט ער אונז דערצעהלט וואונדערבארע מעשיות און פארגעפיהרט פאר אונזערע אויגען רייצענדע בילדער. דאס איז דער חוב, וואס דער קינסטלער בעצאהלט דעם קוואל, פון וואנען ער שעפט. ער איז אבער ניט נאר א קינסטלער. ער האט אן אקטיווע נאטור און איז טהאטען־דורשטיג. און ווען ער וויל שטילען זיין טהאטען־דורשט, טרעפען מיר איהם תמיד אן אין געגנערישען לאגער. אין לאגער, וואו עס ווערט געקעמפפט געגען אונזער נאציאנאלען גייסט. דארט רופט מען איהם „אונ־

זערער", און ער שווייגט. איצט האָט ער זיך אָנגענומען מיט ערביטערונג און כעס, אָבער ניט אויף דעם קרייז, וואו ער ווערט בעטראַכט אַלס אַן אייגענער, און וואו זיין כעס וואָלט געווים געווען אַם פּלאַץ. ניין, ער איז אין כעס אויף די קעמפּפער, צו וועלכע ער איז ניט צוגעשטאַנען. ער האָט אויף זיי שטאַרק פּאַראיבעל, פאַר וואָס זיי האָבען ביז איצט נאָך ניט ערוואָרבען ארץ ישראל און די אידען ניט ארויסגעצויגען פון גלות. איך פערשטעה און אכט זיין ערביטערונג און זיין כעס און איך וואָלט נאָר געוואונשען: זאָל זיין כעס ניט אויסגעלאָשען ווערען. פון דער אַנדער זייט אָבער טראַכט איך מיר: אפשר איז דער כעס אויסגעבראָכען נאָר צוליעב דעם איצטיגען מאָמענט און איז פערבונדען נאָר מיט דעם מאָמענט. וועט פערשווינדען דער מאָמענט, וועט אויך פערשווינדען דער כעס.

און מיר ברויכען איצט גאַנצע מענשען, גאַנץ אין זייער ווילען. און מיר האָבען נויטיג טיכטיגע ארבייטער אויף אַלע געביעטען. און זיי האָבען איצט קיין רעכט ניט צו בלייבען דרויסען פון דער מחנה, אָבקומען דעם חוב מיט בעגייסטערונג אָדער מיט עדעלען כעס. זאָלען זיי אריינגעהן, מען בעט זיי, און זיי וועלען געפינען די ארבייט וואָס וואַרט אויף זיי.

23 מערץ — 6 אַפּריל, 1917.

יום טוב שני של גליות

אלע אונזערע ימים טובים האָבען כידוע, א „יום טוב שני של גליות“. אין ארץ ישראל, וואו דער איד בעטראַכט זיך אַלס א בירגער אויפ׳ן אייגענעם באָדען, פייערט מען ביז היינטיגען טאָג נאָר איין טאָג פסח פון אָנהויב און איין טאָג צום סוף וואָך און אין מיטען זיינען פינף טעג חול המועד. אזוי פייערט מען אויך דעם סכות, און שבועות האָט מען אין גאַנצען נאָר איין טאָג. אין די גלות לענדער, אָדער ווי מען בעצייכענט זיי קורץ — אין חוץ לארץ, האָט מען צו יעדען טאָג יום טוב צוגעגעבען א צווייטען טאָג. די אָפיציעלע ערקלערונג פון דיעזער ערשיינונג איז פער־בונדען מיט די אַלטע מעטאָדען, נאָך וועלכע מען פלעגט בעשטי־מען דעם מולד און נאָך׳ן מולד די ימים טובים. איך רעכען אָבער, אז אויך פסיכאָלאָגישע מאָטיווען האָבען דערביי געשפּיעלט א געוויסע ראָליע. אין גלות, וואו דאָס גאַנצע לעבען איז געווען ניט אזוי יום־טוב׳דיג, האָבען די אידען אָנגעהויבען מעהר טהייער צו האַלטען די הויפּט ימים טובים. זיי האָבען זיך מיט זיי ניט גע־קאָנט אָנזעטיגען און האָבען זיי דעריבער פערלענגערט. עס איז מענשליך און פּסיכאָלאָגיש פערשטענדליך.

וועגען וואָס אָבער איך וויל דאָ זאָגען איינינע ווערטער, איז א גאַנץ נייע ערשיינונג, א שפּאָגעל נייער „יום טוב שני של גליות“, ערשט געשאַפען געוואָרען און דוקא ביט צוליעב א טעם, וואָס איז פערבונדען מיט די לוח־חשבונות און אויך ניט צוליעב דעם פּסיכאָלאָגישען גרונד, וועלכען איך האָב אויבען דערמאָנט. די צייטען ענדערען זיך. אַנדערע אומשטענדען — אַנדערע ימים טובים, אַנדערע ימים טובים — און אַנדער „יום טוב שני של גליות“. נאָר ווי דאָס איז, אין דעם נייעם צווייטען יום־טוב שפּי־געלט זיך אָב דער גלות פיעל מעהר ווי אין אונזער טראַדיציאָ־

נעלען צווייטען טאָג יום טוב פון פסח, שבועות און סכות. און אזוי ווי איך בין ניט זיכער, אז דער נייער צווייטער יום־טוב וועט בלייבען לדורות, פערקעהרט, אזוי ווי איך בין זיכער, אז באלד וועט ער פערשווינדען און דער אידישער עולם וועט איהם אין גאנ־צען פערגעסען, האלט איך עס פאר מיין חוב אבצושטעלען זיך אויף איהם. זאָל בלייבען וועגען איהם כאָטש א קליינער זכר, זאָלען וויסען די, וואס האָבען איהם ניט בעמערקט, אז עס האָבען זיך ביי אונז געפונען מענשען, וועלכע האָבען אונז געוואָלט מזכה זיין מיט א צוגאָב צו אונזערע נייע ימים טובים.

און ווען מיר רעדען פון נייע ימים טובים, פערשטעהט זיך דאָך פון זיך אליין, אז מיר רעדען דאָ פון דער גרעסטער פאסירונג פון אונזערע טעג, ניט פון דער גרויסער וועלט־מלחמה חלילה, וועלכע גרייט אפשר פאר אונז ערשט פאר א נייעם יום טוב, נאָר פון דער רוסישער בעפרייאונג. פאר רוסלאנד איז זי דער גרעסטער יום טוב, וואָרים עטוואס שעהנערעס און הייליגערעס פון א נאציאָנאלער בעפרייאונג עקזיסטירט ניט. דאָס איז די שעהנסטע מתנה, וואס די געשיכטע קאן אויסטהיילען א פאָלק. פאר דער גאנצער וועלט איז דאָס אויך א יום טוב. די משפחה פון די פרייע פעלקער האָט בעקומען נאָך א פולבערעכטיגט מיט־גליעד. פאר אונז אידען איז דאָס א גרויסער יום־טוב, ווייל מיט דער בעפרייאונג פון רוסלאנד איז געקומען די בעפרייאונג פון א גרויסען און וויכטיגען טהייל פון אונזער פאָלק פון א שווערען צ ו ו י י פ א כ ע ן יאָך, פון דעם אלגעמיינעם יאָך אלס בירגער און פון דעם ספּעציפישען יאָך אלס אידען.

איז דאכט זיך גאנץ גוט. זייט גוט געשטימט און פייערט דעם גרויסען אידישען יום־טוב. געהט צו מיט א ביסעל דרך ארץ צו דעם גרויסען מאָמענט און פערשוועכט ניט זיין הייליגקייט מיט קליינע השגות. פערגעסט כאָטש אויף א ווײלע אייערע סכסוכים מיט די פּאָליטישע געגנער, לעגט זיי אָפּ אויף שפּעטער, לכל הפחות אויף חול המועד, נאָך בעסער און נאָך אנשטענדיגער — אויף אסרו חג, דער עולם וועט שוין זיין אָנגעטהאָן וואָכעדיג. צושטערט אָבער ניט דעם יום טוב!

האָבען מיר אָבער פערברענגטע געגנער, וועלכע בעזיצען גיט קיין ברעקעל געדולד און נוצען אויס י ע ד ע ן מאָמענט פאר גאַנץ קליינע אָברעכנונגען.

זיינען זיי ארויסגעגאַנגען, אונזערע געגנער, אין מאָמענט, ווען די אידישע שמחה איז געווען אַ א ל ג ע מ י י נ ע, און האָבען גלייך צו דעם נייעם יום טוב צוגעגעבען אַ „יום־טוב שני של גלות". און נאָך וואָס פאר אַ גלות'דיגען יום טוב. זיי האָבען זיך בעאיילט אָנצוזאָגען דער וועלט, אַנדערע דער אידישער וועלט און אַנדערע אויך דער פרעמדער וועלט, אז זיי פייערען היינט די בעפרייאונג פון דער ציוניסטישער אידעע. מען איז אויף איין מאָל פטור געוואָרען, הייסט עס, אי פון דער ראָמאַנאָוו'שער דינאַסטיע אי פון דעם אידישען משיח, להבדיל. אַזוי האָבען ער־קלערט די גרויסע קענער פון דער אידישער געשיכטע און פון דער אידישער פסיכע פון סאָציאַליסטישען פליגעל פון איין זייט און די גרויסע טרעגער און בויער פון דער אידישער צוקונפט פון רעפאָרמירטען פליגעל פון דער אַנדער זייט. וויעדער האָט פאַ־סירט, וואָס איז שוין פיעל מאָל פאָרגעקומען אין דער לעצטער צייט. דער אַנטי נאַציאָנאַלער אידישער סאָציאַליזם איז זיך צו־גויפגעקומען מיט אַנטי נאַציאָנאַלער אידישער רעפאָרם־טהעאָלאָגיע אויף איין פּלאַטפאָרם. און עס איז קענטיג געווען, אַז אונזערע געגנער האָבען זיך כמעט נעפרעהט מיט זייער איינענעם צווייטען יום טוב ווי מיט דעם אַלגעמיין שותפות'דיגען.

ווען זיי וואָלטען אָבער טיעפער אריינגעדרונגען אין דעם זין פון דער רוסישער בעפרייאונג, אין די הויפט אורזאַכע, וועלכע האָט זי געמאַכט פאר מעגליך, וואָלטען זיי פערשטאַנען, אַז די רוסישע בעפרייאונג איז אַ פּראָדוקט פון דעם ערוואַכטען רוסישען נ א צ י אָ נ א ל ע ן בעוואוסטזיין. און זיי וואָלטען ממילא פערשטאַנען, אַז עס פאַסט ניט אין אַזאַ מאָמענט אָנצופאַלען אויף אַ אידעע, וועלכע האָט איהרע וואָרצלען אין דעם זעלבען נאַציאָ־נאַלען בעוואוסטזיין, נור פון אַן אַנדער פאָלק. זיי וואָלטען ווייטער פערשטאַנען, אַז די רוסישע בעפרייאונג אַלס די גרעסטע נאַציאָ־נאַלע פאַסירונג פון דער תקופה, אין וועלכער מיר לעבען, קאָן

בשום אופן ניט ווירקן אַבצושוואַכען דעם נאַציאָנאַלען ווילען פון די אַנדערע נאָך בעפרייאונג שטרעבענדע פעלקער.

נאָר וואָס מאַכט עס אויס, וואָס זיי וואָלטען פערשטאַנען, אַז זיי ווילען ניט פערשטעהן. אַז זיי אַליין שאַפען פאַר די אידישע צוקונפט אויסנאַהמע געזעצען, בשעת די נייע רעגיערונג פון דעם בעפרייטען רוסלאַנד שאַפט זיי אַב פון דער וועלט אויך פאַר די אידען. זיי זיינען דאָך ניט רעטראָגראַדען חלילה, זיי וועלען זיך געוויס איינשטעלען פאַר די ליטווינער, די לעטען, די מאָנטאַנע־גער, אַרמענער, און אַלבאַניער צום ביישפיעל. זיי וועלען געוויס ניט אַבשטעהן פון די, וואָס וועלען פאָדערן פאַר זיי די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט אין דער אָדער יענער פאָרם. און געוויס וועלען די אונטערדריקטע נאַציאָנען זיין זיי דאַנקבאַר, ווען זיי וועלען פערוואָרפען פאַר זיי אַ גוט וואָרט. פאַר דאָס אידישע פאָלק ווילען זיי אָבער דוקא אויסנאַהמע געזעצען. זיי געהען ווייטער, זיי פייערען אַ צווייטען יום־טוב, ווייל זיי גלויבען, אַז דער אי־דישער נאַציאָנאַלער חשק וועט איצט אָבשטאַרבען.

זיי וועלען זיך אָבנאַרען אין זייער חשבון איצט, ווי זיי האָבען זיך שוין אָבגענאַרט אין זייערע חשבונות און פּראָפּעציי־אונגען. די ווירקליכקייט וועט קומען און וועט זיי צייגען, ווי איבערפלעכליך זיי זיינען געווען אין זייערע השערות. און מען דאַרף נאָר ניט זאָגען: די ווירקליכקייט וועט קומען — זי איז שוין געקומען און האָט שוין מבטל געווען זייער צווייטען יום־טוב. גראָד פון רוסלאַנד קומען אָן אותהענטישע ידיעות, אַז די ציוניסטישע בעוועגונג געווינט דאָרט מיט יעדען טאָג מעהר באָדען, אַז די רוסישע בעפרייאונג האָט גענווירקט אויף די נאַ־ציאָנאַל בעוואוסטזיניגע עלעמענטען ווי אַן ערמוטהיגענדעס בײַ־שפיעל. גראָד איצט, ווען איך שרייב דיעזע צייליען, ווערט אָב־געהאַלטען אין מ אָ ס ק ו אַ אַ ציוניסטישע קאָנווענשאָן, צו וועל־כער עס זיינען זיך צונויפגעפאָהרען דעלעגאַטען פון אַ ל ע עקען לאַנד. די רוסישע ציוניסטען נוצען אויס די פרייהייט ניט ווי קנעכט, וואָס ווערען גלייך בערויבט און פערליערען דעם קאָפּ.

זיי בענוצען זי ווי פרייע בירגער און ווי פרייע זיהן פון א פאָלק, וואָס שטרעבט נאָך נאציאָנאַלער פרייהייט.

און עס קאָן זעהר זיין, אַז דורך די אָנשטרענגונג פון אַלע נאציאָנאַל קאָנזעקווענטע עלעמענטען פון אונזער פאָלק וועלען מיר זיך באַלד בעפרייען פון אונזער טראַדיציאָנעלען „יום טוב שני של גליות“. דענסטמאָל וועלען מיר דערצעהלען, ווי אונזערע געגנער האָבען אונז געוואָלט מכבד זיין מיט ז י י ע ר נייעם צווייטען יום־טוב — דער בעסטער פירוש אויפ'ן גלות.

12 אפריל, 1917.

„אויב" מיט דריי פאַסיקלען

זאָל דאָס פערשריבען ווערען — אפשר אויף דעם ל ע צ ט ע ן בלאַט פון אונזער גלות געשיכטע.

און ווען דאָרט, אין בעפרייטען ארץ ישראל, וועט אויסוואקסען א נייער דור, וועלכער וועט ניט האָבען מעהר קיין בעגריף פון קנעכטשאפט און קנעכטישע געזינונג, וועלען מיר איהם צייגען דאָס לעצטע בלאַט פון אונזער גלות־געשיכטע, און זאָל ער זיך איבער־צייגען, ווי וויט קנעכטישע געזינונג קאָן פער'סם'ען א נשמה און מיאוס מאכען און וואָכעדיג מאכען דאָס ערהאבענסטע און דאָס היילינסטע, ווי טיעף עס קאָנען זינקען מענשען, וועלכע האָבען אין דער קנעכטשאַפט פערלאָרען יעדען רעספעקט פאר זייער אייגען פאָלק. און דער נייער אידישער דור, אין פרייהייט געבאָרענער, אין זעלבסטשטענדיגקייט ערצויגענער, וועט פערציטערט ווערען, לעזענדיג די ווערטער פון דעם לעצטען בלאַט פון אונזער גלות־געשיכטע, און שטארקער און פעסטער וועט ער זיך צובינדען צו דער פרייהייט און צו דעם לאַנד פון זיין פרייהייט.

גרויס, שרעקליך גרויס איז דער מאָמענט. די נאציאָנען פון דער וועלט פעכטען אויס זייער לעצטען קאמפף. עס עקזיסטירען מעהר ניט קיין איינצעלנע מענשען. זיי האָבען זיך אלע פערשמאָל־צען אין אלגעמיינהייטען, יעדער טריי צו זיין פאָלק, יעדער טריי צו זיין פאָהן. עס איז אָנגעקומען דער גרעסטער יום הדין פון דער וועלט־געשיכטע, דער גורל פון די נאציאָנען ווערט ענטשיעדען.

און עס ווערט אויך ענטשיעדען דער גורל פון א ו נ ז ע ר מזרח. ביי די טויערען פון עזה, דער אלטער שטאָדט פון די פלשתים, וואו שמשון האָט אמאָל ליעב געהאט צו צייגען זיין קראַפט זיינע שונאים, שטעהט איצט אן ענגלישע ארמעע. דער קאָמאנדיר פון דער ענגלישער אַרמעע, ארטשיבאַלד מאָררעי, געפינט פאר נויד־

טיג צו ערקלעהרען דער וועלט די אינערע מאָטיוון, וועלכע האָבען געצוואונגען זיין רעגיערונג צו שיקען איהרע מחנות נאָך דעם מזרח. און ער רעדט ערנסט און פייערליך פון דער פערווירקליכונג פון דעם „שיבת ציון“ טרוים, פון דעם היסטאָרישען טרוים, וועלכער געהט דורך ווי א רויטער פאָדעם דורך אונזער לאַנגע גלות־געשיכטע.

די געזאַמטע פרעסע פון דער׳ געבילדעטער וועלט ברענגט די ערקלעהרונג פון דעם ענגלישען קאָמאַנדיר, וועלכע ווערט אויפגע־כאַפּט אלס א האַלב אָפיציעלע ערקלערונג. די געזאַמטע פרעסע רעאגירט אויף די ערקלערונג אין א ווירדיגען טאָן. זי פערשטעהט, דאָ האַנדעלט זיך מכח עטוואָס בעדייטענדעס. די גאַנצע געביל־דעטע וועלט האָט נאָך ביז היינטיגען טאָג א בעזונדער עהרפורכט פאַר ירושלים און ציון, פון וואַנען עס זיינען ארויס די ערשטע ליכט־שטראַהלען אויף דער וועלט, און מיט א פערכאַפּטען אטהעם פער־פאָלגט זי די נייעסטע געשעהעניסען אין דעם קליינעם אָבער גרויסען לאַנד.

וועגען דער אידישער וועלט איז דאָך גיטאָ וואָס צו רעדען. איך רעכען, אז יעדע אידישע נשמה, וועלכע האָט נאָך א שטיקעל שייכות צו איהר פאָלק, איז דערציטערט געוואָרען, לעזענדיג די ערקלעהרונג. עס זיינען אויפגעוועקט געוואָרען אַלטע האָפנונגען, נייע בילדער האָבען אָנגעהויבען צו שוועבען פאַר די אויגען. איך רעכען, אז אפילו משומדים זיינען בעריהרט געוואָרען פון דער ערקלעהרונג, אויך אין זייער נשמה, אין דער פער׳משכונ׳טער, האָט זיך עפּעס אָבגערופען.

נאָר איינער איז געבליבען טריי דעם גלות, טריי דער וואַכע־דיגקייט.

דאָס איז דער אידישער „פאָרווערטס“, דער אָרגאַן פון צוויי הונדערט טויזענד הונדערט פינף און זעכציג אידישע ארבייטער.

ניט ברענגען די ידיעה, פערשווייגען זי אין גאַנצען, ווי ער איז זיך תמיד נוהג בנוגע ערשיינונגען, וועלכע פּאַסען זיך ניט אריין אין די וואָכעדיג־ציניסע גלות־פּסיכאָלאָגיע, האָט ער ניט געקאָנט. פאָרט א סענסאַציאָן, און דער לעזער קאָן נאָך פאַראיבעל האָבען, ווען ער וועט זי ניט געפינען אין זיין צייטונג.

ברענגט מען די ידיעה מיט א פירוש.

און דער פירוש איז א קורצער. ער בעשטעהט פון איין ווארט מיט דריי פאסיקלעך: אויב — — —

און ווייטער פערטייטשט ער דעם „אויב" און די דריי פאסיקלעך: „אויב די ענגלענדער וועלען איינגעהמען פאלעסטינא, אויב דאס וואס זיי זאגען איז ריכטיג און א ו י ב ז י י ו ו ע ל ע ן נ י ט ח ר ט ה ה א ב ע ן, וועלען זיי זי אבגעבען צו אידען".

מיר האבען זיך דערלעבט צייטען. ביז אהער פלעגט מען אונז ציוניסטען פער'מסר'ן פאר די אומות העולם, איצט וויל מען פער'מסר'ן די ענגלענדער פאר אונז. „אויב זיי וועלען ניט חרטה האבען" — ווי זאלען מיר דאס אויפפאסען? שטעקט דערין אן עצה פאר אונז, מיר זאלען זיין פארזיכטיג און ניט פערלאזען זיך צופיעל אויף פערשפרעכונגען?

א דאנק פאר דער פריינדשאפט, א דאנק פאר דער עצה.

איך גלויב אבער ניט, אז דער „פארווערטס" איז אויסען געווען צו געבען אן עצה די ציוניסטען. צוליעב וואס, צוליעב וועמען? איך גלויב, מיר וועלען ניט מאכען קיין טעות, ווען מיר וועלען דעם „אויב" מיט די פאסיקלעך אויפפאסען אנדערש. די כונה איז געווען פארצובערייטען דעם לעזער, מאכען פאר איהם וואכעדיג און ניט בעדייטענד די ערקלעהרונג גופא פון דעם ענגלישען קאמאנדיר. האט מען געמוזט געבען דעם פירוש פריהער, איידער דער לעזער וועט בעקאנט ווערען מיט דעם טעקסט פון דער ערקלעהרונג, וועלכע איז דורכגעדרונגען פון אן ערנסטען טאן און מאכט א רושם.

גלות, דיין נאמען איז קנעכטשאפט, דיין נאמען איז קליינקייט.

אט נאך גאר ניט לאנג פלעגט מען ארץ ישראל און גאנצען מבטל זיין, דאס גאנצע לאנד מאכען צו קליינגעלד. דעם ציוניזם אלס אידעע און די ציוניסטישע בעוועגונג האט מען געזוכט צו פערניכטען צוערשט מיט שווייגען, דערנאך מיט הלצות, דערנאך מיט גאל.

אין דעם „אויב" מיט די פאסיקלעך ליעגט אויך זעהר פיעל גאל. גאל און קנאה.

זאָל מען זיין אין כעס אויף דעם אָרגאַן פון די אידישע אַרבייטער פאַר זיין שטעלונג צום ציוניזם אין איצטיגען מאָמענט?

איך גלויב, אַז פון פּאַרטיי־ציוניסטישען שטאַנדפּונקט וואָלט געווען ניט קלוג אַרויסצוצייגען איצט כעס אויף איהם.

איך גלויב, אַז דער „אויב" מיט די דריי פּאַסיקלעך וועט פּראָפּאַגאַנדיסטיש מעהר נוצען ברענגען צו דער ציוניסטישער אידעע ווי צוואַנציג גוט בעגרינדעטע אַרטיקלען פון דער ציוניס־טישער זייט. עס וועלען זיך געפינען נאָך גענוג עמפּפינדליכע נאַטורען, וועלכע וועלען רעאַגירען אויף דעם „אויב" מיט די פּאַ־סיקלעך ווי עס דאַרף צו זיין.

אין כעס זיין איז ניטאָ פאַר וואָס.

עס וועט מעהר ניט ווי עטוואָס מיאוס אויף דער נשמה. מיאוס און חרפּה'דיג.

ניט אומזיסט ווערט גערעדט אין אונזער אַלטער ליטעראַטור ניט נאָר וועגען „עבדות" מצרים, עס ווערט גערעדט אויך וועגען „חרפּת" מצרים. קנעכטשאַפט איז ניט נאָר א וועהטאָג, קנעכט־שאַפט איז אויך אַ שאַנדע.

און אָפּטמאָל ווייס מען ניט וואָס איז גרעסער: דער וועהטאָג אָדער די שאַנדע?

20 אפּריל, 1917.

אידישע צוקונפט אין אמעריקא

I

עס זיינען דא פשטנים אין לעבען, ד. ה. אין דער אויפפאסונג פון דעם לעבענס־פראצעס. זיי בעשרענקען זיך נאר אויף דאס, וואס מען קאן תופס זיין מיט די פינף חושים, און רעכענען זיך אין אלע זייערע פלענער און האנדלונגען אויסשליסליך מיט דעם איינצעל־איך אלס אויסגאנגס־פונקט. אונטער רעכענען זיך מיט דעם איינצעל־איך פערשטעה איך דא ניט דעם קליינליכען עגאאיזם פון דער אבגעזונדערטער פערזאן. איך פערשטעה דארונטער די הערשענדע בעדייטונג, וועלכע ווערט אין אלגעמיינעם צוגעשריבען דעם אין דער געגענוואַרט זיך בעוועגענדען, זיך פיהלענדען און זיך קאנקרעט דענקענדען איך איבער דאס איך פון דעם געוועזענעם און דאס איך פון דעם קומענדען. זיי, די פשטנים, בעטראכטען ניט דאס לעבען אלס א פראצעס פון אן א י ב י ג ע ן איבער־גאנג פון געוועזענעם צום קומענדען. דער שווער־פונקט פון דעם דא־זיין ליעגט פאר זיי אין דער געגענווארט. אלעס אנדערע איז א חלום, א כימערע. אין איהר, אין דער געגענווארט, זוכען זיי דעריבער פאר זיך א רוהע־פונקט און אויך א בערוהיגונגס־פונקט. זאל יעדער דור דאגה'נען פאר זיך, זאל ער זיך בעשעפטיגען מיט פראבלעמען פון ז י י ן עולם־הזה, זאל ער ניט פערקריכען אין וועלטען, וואס וועלען ענטשטעהן נאך איהם — דערין בעשטעהט זייער גאנצע פילאזאפיע.

די גאנצע געשיכטע פון דער מענשליכער ענטוויקלונג איז א ווידערלעגונג פון דיעזער קורצזיכטיגער, פערספעקטיוולאזער פילאזאפיע. די מענשליכע געשיכטע אין דער העכערער בעדייטונג פון דעם ווארט הויבט זיך אייגענטליך ערשט אן מיט דער היסטא־

רישער פערספעקטיווע, מיט דער דאגה פאר דעם היסטאָרישען מאָרגען. די אייגענטליכע געשיכטע פון דער ארבייטער־בעווע־גונג, צום ביישפיעל, הויבט זיך ערשט אָן מיט דעם דורכדרינגען אין די ברייטע מאסען פון דער אידעע פון דעם צוקונפטס־שטאאט — דער געדאנק פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראטישען עולם־הבא. נור אויף די ניעדריגע שטופען פון איהר ענטוויקלונג איז די מענשהייט געטראָגען געוואָרען פון דער געגענוואַרט. אויף די העכערע מדרגות איז זי אליין געוואָרען די טרעגערין פון דער צוקונפט. און ווען מיר וואָלטען ניט געהאט די מעגליכקייט פעסט־צושטעלען, אויף ווי ווייט די פערשיעדענע מענשען־גרופען, קלאסען אָדער פעלקערשאפטען ווערען געלייטעט אין זייער שאפען פונ׳ם דראנג משפיע צו זיין אויף די געשטאלטונג פון דער צוקונפט, וואָלטען מיר געהאט די מעגליכקייט גענוי אָבצושאצען זייער פער־שיעדענעם קולטורעלען צושטאנד.

דאָס איז איין הנחה. עס קומט נאָך א צווייטע.

מען זאָל ניט אָננעהמען, אז די מענשהייט דאגה׳ט פאר דעם אויסבוי פון דער צוקונפט נאָר אינסטינקטיוו. דער מענש, — מיר רעדען דאָ פון דעם קולטור מענשען, — לעגט צו צו דער אינסטינקטיווער דאגה אויך זיין א י י ג ע נ ע ם פערשטאנד און זיין א י י ג ע נ ע ם פרייען ווילען. וויסענשאפט, קונסט, ליטע־ראטור, אינדוסטריע, האנדעל און האנדווערק ווערען אונטער־שטיצט פון די רעגיערונגען, פון דער געזעלשאפט און פון ספע־ציעלע אָרגאניזאציאָנען. מיר בעטראכטען עס אָפט אלס א קינסט־ליכע אונטערשטיצונג. דאָס שטימט ניט. די אונטערשטיצונג איז א ריין נאטירליכע. זי קומט פון דעם פאָלקס־ווילען, וועלכער בויט מיט ק ל אָ ר ע ן ב ע ו ו א ו ס ט ז י י ן א צוקונפט פאר די קומענדע דורות.

* * *

יעדען דענקענדען אידען מוז איצט מעהר ווי ווען עס איז אינטערעסירען די פראַגע פון דער אידישער צוקונפט אין אמעריקא. און ווען מיר רעדען פון דער אידישער צוקונפט, וואָלט איך פער־לאנגט, אז מען זאָל זי ניט פערוועקסלען מיט דער צוקונפט פון

די אידען, וואָרים דאָס זיינען צוויי בעזונדערע פראגען. די צו־קונפט פון די אידען קאָן געדאכט ווערען אפילו אין נעגאטיוו־אסימילאטאָרישען זינען, אַ אידישע צוקונפט — נאָר אין פּאָזיטיוו־נאציאָנאלען זינען. מיך אינטערעסירט דאָ די צווייטע פראגע.

די פראגע צופאלט אויף צוויי העלפטען. ערשטענס, איז מעגליך אַ אידישע צוקונפט דאָ אין אמעריקא? און, צווייטענס, אויב זי איז מעגליך, וועלכע התחייבות'ען לעגט זי ארויף אויף אונז?

די מעגליכקייט פון דער ענטשטעהונג פון אַ אידישער צוקונפט הענגט אָב דאָ אין אמעריקא ווי אין יעדען אנדערען פרעמדען לאנד פון אַ גאנצער שורה פון אָביעקטיווע און סוביעקטיווע בעדינ־גונגען. די אָביעקטיווע בעדינגונגען זיינען פערבונדען מ י ט און ליעגען א י ן דער פרעמדער סביבה, פון וועלכער מען ווערט ווילענדיג ניט ווילענדיג שטארק בעאיינפלוסט. זיי הענגען אָב פון דער בעשאפענהייט און דעם כאראקטער פון דעם הערשענדען פאָלק — אין דער וועלט עקזיסטירט קיין איינציגע מדינה ניט אָהן אַ הערשענדען פאָלק. די סוביעקטיווע בעדינגונגען ליעגען אין דער גרופּע גופא, וועלכע וויל בויען פאר זיך אַן אייגענע צו־קונפט. זיי הענגען אָב פון דער שטארקייט פון דעם ווילען פון דער בעטרעפענדער גרופּע און פון דעם גראַד פון איהר שאפונגס־פעהיגקייט.

איך רעכען, אז עס איז איבעריג צו בעמערקען, אז דאָ ווערט נערעדט אויסשליסליך מכח אַן אייגענער קולטורעלער צוקונפט. ניט מעהר, אָבער אויך ניט ווייניגער.

די אָביעקטיווע בעדינגונגען דאָ אין אמעריקא פאר די ענט־שטעהונג און ענטוויקלונג פון אַ אידישער צוקונפט זיינען אין אלגעמיין נ י ט בעזונדערס גינסטיג. איך האָב מיט אייניגע ציילען פריהער געברויכט דעם אויסדרוק „הערשענדעס פאָלק", און פערמיעדען דעם אויסדרוק „הערשענדע נאציאָן", ווייל אמע־ריקא בילדעט אין דיזער בעציהונג אַן אויסנאהמע פון אלע איבעריגע לענדער. אַן אמעריקאנישע נאציאָן עקזיסטירט לעת עתה ניט, זי ווערט ערשט איצט געבאָרען, זי איז בעגריפען אים

ענטשטעהן. דעריבער ווערט טאקע דער אויסדרוק נאציאָן דאָ אַנגעווענדעט אויף אַן אנדער בעגריף. נאציאָן אין אמעריקא הייסט: שטאאט, מלוכה, לאנד. דיזער אומשטאנד, דאָס נאָך ניט פארהאנען זיין פון דער אמעריקאנער נאציאָן, מאכט שווער די ענטשטעהונג און די ענטוויקלונג פון יעדער אנדער פעלקישער קולטור אויף דעם אמעריקאנישען באָדען. יעדע איינגעוואַנדערטע ענטוויקעלט זיך גוט ביי א שטארקער קאָנקורענץ, זי פערליערט אָבער די שפאנקראפט זיך צו בעהויפּטען אין אַן אטמאָספערע, וועלכע איז אליין ניט אויסגעשפּראָכען, וועלכע האָט נאָך אליין ניט דערגרייכט דעם קריסטאליזירונגס־פונקט פון איהר אייגענעם כאראקטער. אמעריקא מאכט ערשט דורך דאָס שטאדיום פון איהר צוזאַמענשטעלונג. אמעריקא איז נאָך ניט פארטיג, אמעריקא לעבט איצט אין דער תקופה פון איהרע „ימי בראשית", אין קולטורעל־נאציאָנאלען זינען. דעריבער האָט אין אמעריקא ביז איצט קיין נאציאָנאלע גרופע ניט געקאָנט דערגרייכען א הויכע שטופע פון איינענארטיגקייט. עס האָט געפעהלט די שטוים־קראפט, און די פערשיעדענע גרופען זיינען איינגעגאַנגען אויף א פשרה. די פשרה האָט זיך אויסגעדריקט אַם בולט'סטען אין דער שפּראַך. כמעט אין דער גאַנצער וועלט האָט איהר ניט אַזאַ גרויסען שטח ווי אמעריקא מיט אַן איינהייטליכער שפּראַך. און ווען מען בעדענקט, ווי פערשיעדען־צונגיג אמעריקא האָט בעדארפט זיין לויט איהר צוזאמענזעצונג פון די פערשיעדענסטע פאָלקס־עלעמענטען, און ווען מען בעדענקט ווי שנעל די פערשמעלצונג אין שפּראַכליכער בעציהונג איז דאָ פערווירקליכט געוואָרען, מוז מען ערשטוינט שטעהן בלייבען. דאָס איז א וואונדער, אפשר גרעסער און בעדייטענדער ווי דאָס איבערנאכטיגע אויסשפּראָצען פון נייע שטעדט, גרעסער און בעדייטענדער ווי די ווי דורך א כשוף ענטשטאנענע אינדוסטריע. אייגענטליך האָט אמעריקא דערגרייכט דורך א פשרה דאָס, וואָס ניט רוסלאנד, ניט דייטשלאנד און ניט אנדערע שטארקע מדינות האָבען ניט געקאָנט דערגרייכען דורך צוואנג און שטרענגקייט.

און די זעלבע פשרה וועט אויף צווינגען די אידישע בעפעל־

קערונג אויפצוגעבען איהר אייגענע שפּראַך. דאָס איז ניט אַ פראַגע פון יושר, ניט אַ פראַגע פון אונזער אייגענעם ווילען. מען מוז זיך דאָ רעכענען מיט די אָביעקטיווע בעדינגונגען, מיט דער השפּעה און דער קראַפט פון דער גרויסער אמעריקאַנער סביבה. שפּראַכליך וועט זי ענטשיעדען איינשליסען די אידישע בעפעל־קערונג. די אסימילאַנטען קאָנען זיך פרעהען דאַריבער, די נאַ־ציאָנאַליסטען — פערגיסען טרעהרען. עס העלפט ניט. ווען מיר זאָלען אראָברעכענען די צוקונפטיגע אימיגראַציאָן, מוזען מיר זיין גרייט, אז אין אַ משך פון איינציגע דורות וועט אויך „אידיש" ווערען אַ הייליגע שפּראַך. זי וועט, ווי איהרע עלטערע, שטאַרקערע און מעהר אין זיך חיות טראָגענדע שוועסטער, פער־טריבען ווערען פון גאַס, פעריאָגט ווערען פון הויז און איינגע־שפּאַרט ווערען אין בוך און אין שול, און אפשר נאָר אין בוך.

אויף אזא אופן פאַלט ארונטער איינער פון די גרעסטע פאַק־טאָרען פאר דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון אן אייגענער אידישער קולטור. ווען זי וועט שוין יאָ ענטשטעהן, וועט זי האָבען דעם כאַראַקטער, אויב מען קאָן זיך אזוי אויסדריקען, פון אַ תּרגום קולטור.

אָבער אויך אין אנדערע בעציהונגען זיינען די אָביעקטיווע בעדינגונגען ניט זעהר גינסטיג פאר אַ אידישער צוקונפט דאָ אין אמעריקא.

אמעריקא איז דאָס קאפּיטאַליסטישסטע לאַנד אויף דער וועלט. דערין איז ניט ענטהאַלטען קיין שום פּאָרוואורף אנטקעגען אמעריקא. דערמיט ווערט נאָר קאָנסטאַטירט אַ בעשטעהענדער פאַקט, וועלכען אלע מוזען צוגעבען: אַ בעשטעהענדער פאַקט אין דער געגענוואַרט. קיינער קאָן ניט פּראָפעצייהען. עס קאָן זיין, אז אין אמעריקא וועט אין דער נאָהענטער צוקונפט זאָגאַר פאָרקומען אַ גייסטיגע רעוואָלוציאָן. דאָס גאָלדענע קאַלב וועט ארונטערגעשטירצט ווערען פון פּיעדעסטאַל און דאָס פאָלק וועט ערהאַלטען ערהאבענערע אידעאַלען. איינצעלנע פּערקינדער פון אזא וועענדונג לאָזען שוין איצט פערנעהמען זייער שטימע. אָבער צום אויסגאַנגס־פּונקט פון אונזערע בעטראַכטונגען מוזען מיר

נעהמען די געגענווארט. און כל זמן די באנק־הייזער און די דעפּארטמענט־סטאָרס וועלען געבויט ווערען מיט מעהר זאָרגפעל־טיגקייט ווי די אַקאדעמיען און די מוזעען און איבערטרעפען זיי אין גלאַנץ און אויסשטאַטונג; כל זמן די האָטעלס, די קלובס און די פערגעניגענס־אנשטאלטען וועלען פערנעהמען דעם ערשטען פּלאַץ אלס מיטעל־פּונקט פון געזעלשאַפטליכען פערקעהר, מעהר אלס די פּאָלקס־אוניווערזיטעטען און די טעמפּלען פון קונסט — וועט מען ניט קאָנען רעדען פון א גייסטיג־קולטורעלער אטמאָספערע, וועלכע זאָל זיין געאייגענט אַנצוטרייבען די איינצעלנע נאַציאָנאלע גרופּען צו אינטענסיווער קולטור־ארבייט. אויף די אידישע ענטוויקלונג פון דעם אידישען גייסט ווירקט דיעזער הערשענדער צושטאנד אין ענטשיעדען נעגאַטיווען זינען.

ווען מען זאָל אפילו ניט זיין איינפערשטאנדען מיט די גע־וואגטע היפּאָטהעזען פון זאָמבארט, אז די אידען זיינען די שעפּפער פון דעם אויסגעשפּראָכענעם קאפּיטאַליזם (און מען קאָן מיט איהם ניט איינפערשטאנדען זיין, ווען מען שטודירט די געשיכטע פון דער אידישער ענטוויקלונג), מוז מען דאָך מודה זיין, אז דורך בעזונדערע אומשטענדען זיינען די אידען געצוואונגען געוואָרען, פון מיטעלאלטער ביז צו דער נייעסטער צייט, אָבצוגעבען זייערע ענערגיען דעם האנדעל. מיט דער צייט קאָן זיך אָבער יעדע פּאָלגע פערוואנדלען אין אן אורזאכע פאר די וויטערע ענטוויקלונג. און דאָס האָט אויך פּאסירט מיט די אידען. ביי היינטיגען טאָג מוז ווירקען א שטארקע מאָראלישע געגען־קראפט אויף די אידען, וועלכע זאָל זיין בכח זיי צו צווינגען, צו פערטהיילען אויף אן אנדער אופן זייערע ענערגיען און טאלאנטען. דיעזע שטארקע געגען־קראפט פעהלט לעת עתה אין אמעריקא, וואו עס הערשען ווירקליך אונבעגרענעצטע מעגליכקייטען אויף דעם געביעט פון קאפּיטאַ־ליסטישער ענטוויקלונג. דער נסיון איז צו גרויס. דער אידעאַל פון רייכטהום צו פיעל איינגעוואָרצעלט אין דער ערקענטנים פון יעדעם, און עס איז שווער נובר צו זיין איהם אָהן א הארטען אינערען קאמפּף מיט זיך אליין.

פערקעהרט אָבער, עקזיסטירען אין אמעריקא אנדערע אָביעק־

טיווע בעדינגונגען, וועלכע זיינען זעהר גינסטיג פאר די ענט־שטעהונג פון א אידישער קולטור אין דער צוקונפט. איך וועל זיך אבשטעלען אויף דער וויכטיגסטער פון דיעזע בעדינגונגען.

אמעריקא איז צוזאמענגעשטעלט פון פערשיעדענארטיגסטע פאלקס־גרופען. דיעזע פאלקס־גרופען פערטרעטען אבער ניט נאר פעלקערשאפטען און נאציאנען. זיי פערטרעטען אויך מ ד י נ ו ת און ר ע ג י ע ר ו נ ג ע ן. צווישען דיעזע מדינות און רעגיערונגען אין אמעריקא זיינען מעגליך קאנפליקטען. פ א ל י ט י ש ע קאנ־פליקטען. דער ווילען פון דער אמעריקאנער מדינה צו זעלבסט־שטענדינקייט, איינהייט און שטארקייט מוז זיך רעכענען מיט דיעזער טהאטזאכע. דעריבער מוז אמעריקא זיין אייפערזיכטיג אויף די סימפאטיען פון די איינצעלנע גרופען. דיעזע פסיכא־לאגיש בערעכטיגטע אייפערזוכט האט אין דער לעצטער צייט זיך אויסגעדריקט אין דעם פעלדצוג געגען דעם מקיף־בירגערטהום. די אידישע בעפעלקערונג וועט אבער קיינמאל ניט זיין, — קיינמאל ניט ווי ווייט עס רייכט אונזער זעהען אין דער צוקונפט, — אן אביעקט פון דער אמעריקאנער אייפערזוכט. א קאנפליקט צווישען אמעריקא און די אידען איז א ו י ס גע ש ל א ס ע ן. א אידישע קולטור וועט דא אין אמעריקא קיינעם ניט רייצען. העכסטענס די אסימילאטארישע אידען, וועלכע האבען די געוואהנהייט איינצור־שטעלען זיך פאר אמעריקא אונגעבעטענערהייד. אמעריקא קאן רוהיג צולאזען די ענטוויקלונג פון א אידישער צוקונפט אין א קולטורעלער הינזיכט. דער אמעריקאנער האראקטער, וועלכער ווערט איצט געשמיעדט, קאן דערפון נאר פראפיטירען.

און איצט צו די סוביעקטיווע בעדינגונגען.

II

נאך מיט איניגע יאהר צוריק, איידער עס האט אויסגעבראכען די אייראפעאישע וועלט־קאטאסטראפע, איז קיינעם גאר ניט איינ־געפאלען צו דענקען, אז אין אמעריקא קאן און וועט ענטשטעהן א

צענטער פאר דער ענטוויקלונג פון דעם אידישען נ א צ י אָ נ א ל ע ן גייסט. אויב עס האָבען זיך געפונען איינצעלנע פערטרעטער פון דער אידיש־אמעריקאנער אינטעליגענץ, וועלכע האָבען שטארק געווינשט די ענטשטעהונג פון אזא צענטער, זיינען זיי בעצייכענט געוואָרען אלס לאָקאל־פאטריאָטען. אָבער אפילו זיי, די לאָקאל־פאטריאָטען, האָבען גערעדט נור מכח א צענטער, מכח נ אָ ך א צענטער, מכח א פ א ר א ל ע ל צענטער. אז אמעריקא זאָל זיך פערוואנדלען אין ד ע ם צענטער, אז אמעריקא זאָל גאָר איבער־נעהמען די פיהרערשאפט אין יודענטהום — פון דעם האָבען ניט גע'חלומ'ט אויך די הייסעסטע אמעריקאנישע פאטריאָטען. אמת, מיט א יאָהר צוואנציג צוריק, בשעת דער רוסיש־אידישער האָריזאָנט איז געווען אזוי בעדעקט מיט שווערע וואָלקען, אז אויך די אָפּטימיסטען האָבען פערלאָרען די האָפנונג אויף בעסערע צייטען, האָט דער בעדייטענדסטער אידישער היסטאָריקער אין דער געגענוואַרט, שמעון דובנאָוו, אויסגעשפּראָכען די מיינונג, אז אין די נאָהענטע פאָר דורות וועט אריבערגעטראָגען ווערען דער שווער־פונקט פון דעם אידישען פאָלק פון מזרח־אייראָפּא נאָך אמעריקא. מען איז געווען בערעכטיגט אויסצושפּרעכען אזא מיינונג, ווייל די עמיגראציאָן נאָך אמעריקא האָט אין יענער צייט אָנגענומען זעהר גרויסע דימענזיאָנען, און מען האָט געקאָנט ערווארטען, אז זי וועט נאָך ווייטער פּראָגרעסירען. מיט דער דעמערונג פון דער רוסישער פרייהייט איז דיעזע מיינונג פערשוואונדען. מען האָט איינגעזעהן, אז ווי וויים מיר קאָנען בליקען אין די צוקונפט, וועט מזרח־אייראָפּא בלייבען דער אידישער צענטער. אויך אין אמע־ריקא איז די לעצטע מיינונג געווען די הערשענדע. מען האָט געוואוסט, אז אין מזרח־אייראָפּא איז דאָ א מעכטיגער אוצר פון אידישע שאפענדע קולטורעלע כחות, און אז פון דיעזען אוצר וועט געשפּייזט ווערען די גאנצע אידישע גלות־וועלט.

נאָכדעם, ווי די וועלט־קאטאסטראָפע האָט זיך אראָבגעלאָזען מיט אָן עלעמענטארער קראפט, און די אידישע וועלט אין מזרח־אייראָפּא האָט אָנגעהויבען צושטערט צו ווערען, האָט אויך די אמעריקאנער יודענהייט דערפיהלט די גרויסע ערשיטערונג. ניט

און ערשיטערונג אלס א רעזולטאט פון איינפאכען מיטליידס־געפיהל — דאס איז געווען א פיעל טיעפערע אינסטינקטיווע ערשיטערונג: דאס פונדאמענט פון גאנצען אידישען בנין איז געשטאנען אין סכנה, און עס האט א ציטער געטהאן זיין ווייטער טהייל. אזוי ציטערען אלע איברים, ווען דאס הארץ ווערט אפעקטירט. דער פאלקס־חוש, וועלכער שטעהט אימער ווי א טרייער שומר אנצוזאגען די געפאהר, האט מיטגעטהיילט דער אמעריקאנער יודענהייט פון דעם גרויסען חורבן אויף יענער זייט ים נאך איידער עס זיינען אנגעקומען וועגען דעם די אפיציעלע ידיעות. דער פאלקס־חוש — דאס איז די דראטלאזע טעלעגראפיע אין לעבען פון די פעלקער, און אין מאמענטען פון סכנה ווערט ער די וועקענדע קראפט. דיעזער פאלקס־חוש האט אויך אויפ־געוועקט די אמעריקאנער יודענהייט. זי האט תופס געווען, אז דא האנדעלט זיך וועגען עטוואס מעהר ווי ברויט פאר דעם הונ־געריגען און א בגד פאר דעם נאקעטען, אז דערמיט אליין וועט די אמעריקאנער יודענהייט ניט יוצא זיין, דער חלק וועט ניט דערפילען זיין חוב, וואס די גרויסע שעה לעגט אויף איהם ארויף בנוגע צום גאנצען.

אין גאס האט מען געזאמעלט נדבות פאר „דעם לעבעדיגען אויף ברויט", פאר „דעם טויטען אויף תכריכים". מען האט פער־אנשטאלטעט פערזאמלונגען און אפעלירט צום עלעמענטארען רחמנות־געפיהל. מען האט אבער נעקאנט מערקען, אז טיעף אין דער אידישער נשמה האט זיך איינגענעסטעט אן ערנסטערע, טיעפערע דאגה, די גרויסע דאגה וועגען דעם אידישען קיום. איינצעלנע מענשען קאנען זיך שאפען טרייסט־טהעאריען, א פאלק פערהאלט זיך אנדערש צו זיין אייגענער צוקונפט; א פאלק פערשטעהט, אז מיט דעם פערשווינדען פון די שאפענדע כחות קומט אן די גסיסה, און א פאלק וויל קיין מאל ניט אונטערגעהן, עס קעמפפט און עס ראנגעלט זיך געגען דעם גייסטיגען אונטערגאנג מיט דער זעלבער ענערגיע ווי געגען דער פיזישער פערניכטונג.

און דא איז געבארען אין דער אמעריקאנער יודענהייט דער

גרויסער געדראנק פון דער אידישער נאציאנאלער רעטונג, ניט נור דורך נדבות פאר די ליידענדע, נאר אויך דורך דעם וואס אמעריקא וועט איבערנעהמען אויף זיך די העכערע נאציאנאלע התחייבות'ען. מען האט אנגעהויבען שטארק צו רעדען, אין די אינטעליגענטערע אידישע קרייזען, וועגען דער ענטשטעהונג פון א אידיש־קולטורעלען צענטער אין אמעריקא. דערביי האט גע־שפיעלט א גרויסע ראלע דער אומשטאנד, וואס צוליעב דער מלחמה איז אמעריקא מיט אמאל רייך געווארען מיט אנגעפאהרענע אידישע שאפענדע כחות. פון אלע אייראפעאישע שאצקאמערען האט גע־שטראמט דאס גאלד אין די אמעריקאנישע באנקען, און פון אלע אידישע צענטרען, אין אייראפא און אין ארץ־ישראל, האט גע־שטראמט נאך אמעריקא די אידישע אינטעליגענץ. אויף דער אידישער גאס איז געווארען לעבעדיגער, עפטער און מיט מעהר בעטאנונג האט מען אנגעהויבען צו רעדען וועגען די אידישע נא־ציאנאלע אויפגאבען, ערנסטער און טיעפער האט מען זיך אנגעהויבען צו בעציהען צום אידיש־נאציאנאלען פראבלעם. עס האבען אויפגעפלאקערט די ליידענשאפטען, און אויך די אמעריקא־ניש־אידישע וועלט האט זיך פונאנדערגעטהיילט אויף צוויי מחנות. די נאציאנאלע פראגע, וועלכע איז אין אמעריקא ביז פאר א קורצער צייט בעהאנדעלט געווארען נור ווי א ווייטע פראגע, אלס א בת־קול פון דער מחלוקת, וואס קומט פאר אין דער אייראפעאישער וועלט, האט זיך צוגערוקט נעהנטער צום אמעריקאנער אידען, אדער, וואס איז אלץ איינס, דער אמעריקאנער איד האט זיך צוגערוקט נעהנטער צו דער פראגע, ער האט בעקומען צו איהר מעהר אונמיטעלבארע שייכות.

און דא קומען מיר אויך אין אונזערע בעטראכטונגען נעהנטער צו דער הויפט־פראגע:

ווי שטעהט עס מיט די סוביעקטיווע בעדינגונגען, וועלכע זיינען נויטיג פאר דער ענטשטעהונג פון א אידישער קול־טורעלער צוקונפט אין אמעריקא? מיט אנדערע ווערטער: טראגט אין זיך די אמעריקאנער יודענהייט א גענוג שטארקען ווילען צו אן איינענער צוקונפט? און אויב זי טראגט יא אין זיך

אזא ווילען — בעזיצט זי געגוג שאפונגם־קראפט, כדי צו פער־ווירקליכען דעם ווילען, ארויסצוברענגען איהם מכח אל הפועל?

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז כדי צו געבען א ריכטיגע תשובה אויף דיעזער פראגע מוזען געמאכט ווערען צוערשט גרינד־ליכע פאר־שטודיען, מוז צוערשט געזאמעלט ווערען פיעל מאטעריאל וועגען דער אידישער ענטוויקלונג אין אמעריקא אין די לעצטע פופציג יאהר. דאס געזאמעלטע און געארדענטע מאטעריאל קאן ערשט דיענען אלס גרונדלאגע פאר די ווייטערע בעטראכטונגען. ליידער איז נאך דאס ווערק, דאס אומפאסענדע ווערק איבער דער געשיכטע פון דער אידישער ענטוויקלונג אין אמעריקא ניט ערשיענען. עס זיינען ביז איצט ערשיענען נור צוויי ביכער אויף דיעזען געביעט, און ביידע קאנען בעטראכט ווערען נור אלס מאנאגראפיען, ווייל זיי בעשעפטיגען זיך אויסשליסליך מיט דער געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון בעשטימטע גרופען פון דער אמעריקאנער יודענהייט. איין בוך בעהאנדעלט די רעפארם־בעוועגונג, איהר ענטשטעהונג און ענטוויקלונג, און דאס צווייטע בוך בעהאנדעלט די ענטשטעהונג און די ענטוויקלונג פון דער אידישער ארבייטערשאפט אין אמעריקא. דער לעזער וועט דעריבער מיר מוחל זיין, אויב איך געה צו דערווייל צו דער פראגע אויפ׳ן גרונד פון דעם קנאפ־געגעבענעם מאטעריאל און אויפ׳ן גרונד פון מיינע פערזענליכע בעאבאכטונגען, וועלכע איך האב געהאט די געלעגענהייט צו מאכען אין אמעריקא, און וועל ארויס־זאגען מיין אורטהייל נור אין דער פארם פון שייגבארע מיינונגען, און דאס אויך נור גאנץ קורץ.

צוויי פערשיעדענע גרופען, דיאמעטראל ענטגעגענגעזעצט אין זייער בעשעפטיגונג, ראדיקאל פערשיעדען אין זייערע אידעאלען, שטרעבונגען און ציעלען, האבען געשפיעלט די ראלע פון דעם הויפט־פאקטאר אין דער ענטוויקלונג פון דער אמעריקאנער יודענ־הייט. פון איין זייט די דייטש־אידישע גרופע, די עקאנאמיש שטארקערע, די טאן־אנגעבענדע, און פון דער אנדער זייט די רוסיש־אידישע (אין איהר געהען אויך אריין די פוילישע און גאליצישע עלעמענטען) ארבייטער־גרופע, שטארק

אין צאָהל, קרעפטיג אין עקזיסטענץ־קראפט דורך אַ גוט אויס־געבויטער אָרגאניזאציאָן.

די אידישע אקטיוויטעט פון דער דייטשער גרופּע האָט זיך אויסגעדריקט אויף צוויי געביעטען פון דעם אידישען עפענטליכען לעבען, אויף דעם צדקה־געביעט און אויף דעם רעליגיעזען געביעט. אויף דעם צדקה־געביעט איז די טהעטיגקייט פון דער גרופּע געווען אַ פּאָזיטיווע, ווי וויט יעדע צדקה־ארבייט איז פּאָזיטיוו. אויף דעם רעליגיעזען געביעט דערפאר — אַ ריין נעגאטיווע. די גאנצע רעפאָרם־בעוועגונג איז דיקטירט געוואָרען ניט פון אַ דראנג נאָך נייע רעליגיעזע אידעאלען, נאָר פון אַן אָ נ פּ אַ ס ו נ ג ס ־ ד ר א נ ג צו דער ארומיגער סביבה. זי האָט דעריבער זיך בעמיהט אָבצור־שאפען פון יודענטהום אלעס, וואָס עראינערט אָן זיין א ו ר ־ שפּרונג, אָן זיין אָ ר י ע נ ט א ל י ש ע ן ח א ר א ק ט ע ר. די היסטאָרישע פערגאנגענהייט, און אלעס וואָס איז פערבונדען מיט איהר, איז ערקלעהרט געוואָרען אלס אָבגעלעבט און פּסול. מען האָט ארויסגעצויגען פון דער אידישער רעליגיאָן אלע איהרע פ אָ ל ק ס ט ה י מ ל י כ ע עלעמענטען, אָבגעווישט דעם גלאנץ פון איהר פאָלקלאָר, מיט וועלכען זי איז ארומגערינגעלט פון די עלטעסטע צייטען, און איבערגעלאָזען אין איהר נור די טרוקענע עיקרים פון דעם מאָנאָטהעאיסטישען גלויבען. אויף אזא אופן האָט מען פערוואנדעלט אַ זאפטיגע רעליגיאָן אין אַ טרוקענעם גלויבען. יעדער פערשטעהט, אז די בעגריפע רעליגיאָן און גלויבען דעקען זיך ניט, ווייל רעליגיאָן איז פיעלזייטיגער און אומפאסענדער ווי דער פאָרמעלער גלויבען אין עיקרים. די רעפאָרם האָט זיך צו׳גנט מיט דער אידישער היסטאָרישער פערגאנגענהייט ניט צוליעב שנאה צו איהר גופא, נאָר ווייל זי האָט געצייטערט פאר דעם געדאנק פון אַ ן א י י נ ע נ א ר ט י ג ע ר א י ד י ש ע ר צ ו ־ ק ו נ פ ט. און דאָס האָט זי בעגריפען זעהר ריכטיג, אז כל זמן אין אַ פאָלק איז וואך זיין פערגאנגענהייט, וועט זי ווירקען שטערענד אויף די געשטאלטונג פון זיין צוקונפט. זי וועט שטענדיג מאָהנען, זי וועט שטענדיג קומען מיט איהרע אייגענע פאָדערונגען, און עס וועט זיין אַ שאפען פול פון אינערע סכסוכים אָהן זעעלישע רוח.

פאר ציון און ירושלים האָט די רעפאָרם מורא געהאט, ווי דער ס"ם פאר וויהרויך. זי האָט ריכטיג אָבגעשאצט די סכנה, וואָס ליעגט אין די צוויי ווערטער, נאָך איידער דער היסטאָרישער ציון־ און ירושלים־אידעאל האָט אָנגענומען קאָנקרעטע פאָרמען און איז געוואָרען א פּאָליטישע בעוועגונג אין מאָדערנעם יודענטהום.

דעריבער מוז די גאנצע רעפאָרם־בעוועגונג בעטראכט ווערען פון אידיש־נאציאָנאלען געזיכטס־פונקט ניט אלס אן ענטוויק־לונגס־פּראָצעס, נאָר אלס א פּראָצעס פון א ב ו ו י ק ל ו נ ג. זי האָט אויסגעפּאמפּט דעם אינהאלט פון דער אידישער נשמה. אין די אלטע אידישע געזעצען וועגען די פערזאָרגונג פון די אָרי־מע, איז דאָ א דין, אז פערגעסענע גארבען אויפ'ן פעלד געהערען דעם אָרימאן, דער אלמנה, דעם יתום. דער בעל־הבית פון פעלד טאָר זיך ניט אומקעהרען נאָך די פערגעסענע גארבען. א שעה־נער מנהג, פאָרמולירט ווי א דין. די מצוה הייסט ש כ ח ה, ד. ה. פערגעסען. אין חדר פלעגט אמאָל דער רבי פרעגען א רעטעניש: וועלכע מצוה קאָן מען נ י ט מקיים זיין, ווען מען וויל זי מקיים זיין, סיידען נ י ט ווילענדיג? די אינגלעך מיט די שארפע מוחות פלעגען דערויף ענטפערען: די מצוה פון ש כ ח ה. די רעפאָרם האָט דערהויבען די מצוה פון שכחה צו דער העכסטער מדרגה, זי האָט געפּרעדיגט „פ ע ר־ג ע ס ע ן", און דוקא ווילענדיג, מיט כונה. די אידישע „עם־הארצות" אין די העכערע קרייזען איז געוואקסען פון טאָג צו טאָג, און ווען ניט דער איינוואנדערונגס־שטראָם פון מזרח־אייראָפּא — ווער ווייס? אפשר וואָלט שוין איצט געווען איבריג צו רעדען וועגען א אידישער צוקונפט אין אמעריקא.

פון דער אנדער זייט האָט בעאיינפלוסט די אידישע ענטוויק־לונג אין אמעריקא די אָרגאניזירטע ארבייטערשאפט. די אידישע ארבייטערשאפט, ווי יעדע אנדערע פּאָלקסמאסע, האָט אָהן קיין שום צווייפעל געטראָגען אין זיך לעבעדיגע, שאפענדע פ אָ ל ק ס־ט י מ ל י כ ע כחות. אלס א מאסע האָט זי ניט געקאָנט ווע־רען אונטריי דעם אידישען פאָלקסגייסט, אָדער גאָר אָבווייסען זיך פון די היסטאָרישע פּאָלקסאידעאלען. ליידער אָבער איז אויך איהר

ענטוויקלונג געגאנגען אויף קרומע וועגען. ערשטענס האָט זי ניט געהאט קיין כח צו קעמפפען אין גלייכער צייט אי פאר דער מאטעריעלער עקזיסטענץ, אי פאר א גייסטיגער ענטוויקלונג, וועלכע זאָל זיין דער „ה מ ש ך" פון איהר היימישער ענטוויקלונג. צווייטענס האָט זי ניט געהאט די ריכטיגע פיהרער. מען דארף ניט פערגעסען, וועלכער גייסט האָט געהערשט מיט דרייסיג און נאָך מיט צוואנציג יאָהר צוריק אין די אינטעליגענטע אידישע קרייזען, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט הויפּטזעכליך מיט סאָציאלע פראגען. מען דארף ניט פערגעסען, אז די מאָדערנע בונדיסטען זיינען אין פערגלייך מיט די אמאָליגע אידישע ארבייטער־פיהרער פשוט אָרטאָדאָקסע רבנים. די אמאָליגע פיהרער, ווען די לאנגע האָט זיי געצוואונגען צו פערבלייבען אין אידישען קרייז און צו בעשעפטיגען זיך מיט ריין אידישע פּראָבלעמען, האָבען בעקעמפפט די אידישע פערגאנגענהייט און די אידישע צוקונפט מיט ניט וועניגער ענערגיע ווי די רעפאָרמירטע רבנים. מיט די פאָר טראָפּען אויפקלערונג, וואָס זיי האָבען אריינגעטראָגען אין די אידישע מאסען, האָבען זיי אריינגעבראכט גאנצע פעסער פון נאציאָנאלע הפקרות און צולאָזענקייט. עס איז ערקלעהרט געוואָרען אן אונבארמהערציגער קאמפף ניט נאָר געגען דעם אידישען גאָט, נאָר געגען אלעס, וואָס דער אידישער גייסט האָט פּראָדוצירט אויף דעם וועג פון זיין לאנגער ענטוויקלונג. אפילו די אידישע שפּראך — איך רעד שוין ניט פון דער העברעאישער שפּראך און ליטעראטור — איז געברויכט געוואָרען נאָר אלס א מיטעל צו פּרעדיגען אין איהר איהר אייגענעם אונטערגאנג. דאָס איז דער וויטסטער פונקט פון פערניינונג.

דער סך הכל איז ווידער געווען וואקסענדע „עם הארצות" און נאציאָנאלע פערגרעבטקייט. דאָס הייליגסטע פון דעם גייסטיגען פאָלקס־פערמעגען איז פערשוועכט געוואָרען, און דער אידישער גייסט, וועלכער לעבט אימער אין די מאסען, איז געלעגען ווי ברענענדע קוילען אונטער אַש.

יעדער מוז צוגעבען, אז „עם הארצות" איז א שלעכטער פונדאמענט פאר דעם אויפבוי פון א אידישער צוקונפט. עם־הארצות

איז אונזער גרעסטער שונא. גרעסער פאר דער קראפט פון דעם פרעמדען אנטיסעמיטיזם, ווייל דער אנטיסעמיטיזם בעקעמפפט אונז פון דרויסען, די עם הארצות אָבער עגבערט זיך איין אין אונזער אייגענעם אָרגאניזם און גראָבט זיך אונטער אונטער דעם סעמיטיזם פון אינוועניג.

דער צושטאנד האָט אָבער ניט געקאָנט דויערען צו לאַנג. ער האָט געהאט זיין בערעכטיגונג נור אַלס איבערגאנגס-צושטאנד. פון ביידע זייטען, וועלכע האָבען ארומגעקלאמערט די אידיש-אמעריקאנישע יודענהייט, פון דער רעפאָרמירטער זייט און פון דער זייט פון אידישע ארבייטער-מאסען, הויבט זיך אויף איהר אייגענע יוגענד, וועלכע איז אליין ערצויגען געוואָרען אויף דער רעפאָרם-אידעאָלאָגיע. אנקעגען די ענטנאציאָנאליזירענדע ארבייטער-פיהרער הויבען זיך אויף די מאסען און צווינגען די פיהרער צו ענדערען זייער פערהאלטען צו דעם אידיש-נאציאָנאלען פראָבלעם. דער פראָטעסט קעגען די רעפאָרם דריקט זיך ניט אויס אין דער אומקעהרונג צו דער אָרטהאָדאָקסיע, ער דריקט זיך אויס אין דער גרינדונג פון יוגענד-אָרגאניזאציאָנען, וואו מען הויבט אָן צו לערנען און צו שטודירען די אידישע פערגאנגענהייט און זיך מעהר פערטיעפען אין די פראָבלעמען פון דער אידישער צוקונפט. דאָס, וואָס די רעפאָרם האָט מקבר געווען, שטעהט אויף תחית המתים. די אידישע מאסען פערלאנגען די אָרגאניזירונג פון די אידישע כחות אויף אַ נ א צ י אָ נ א ל ע ר ב א ז י ס. דאָס, וואָס די פיהרער האָבען געזוכט אָבצושוואכען אין זיי, ערוועקט זיך מיט דאָפעלטער קראפט.

מען קאָן ניט וויסען, ווי ווייט עס וועט זיין שטארק אין אמעריקא דער אידישער פאָלקס-ווילען, ווי ווייט עס וועט רייכען די שאפענדע קראפט פון דער אמעריקאנער יודענהייט — איינס איז אָבער קלאָר געוואָרען אין דער לעצטער צייט: עס בעשטעהט אין אמעריקא די מעגליכקייט פון אן אייגענער קולטורעלער אידישער צוקונפט, אפשר ניט קלענער מיט דער צייט ווי אין די עלטערע גלות-לענדער.

III

איידער מיר גהעען צו צו דער פאָרמולירונג פון די התחייבות׳ען, וועלכען מיר מוזען אויף זיך נעהמען און ערפילען, ווען מיר ווילען העלפען דער שאפונג פון א קולטורעלער אידישער צוקונפט אין אמעריקא, געפינען מיר פאר נויטיג מקדים צו זיין נאָך אייניגע ווערטער, כדי צו פערמיידען ערווידערונגען און איינוועגדונגען, וועלכע בערוהען מייסטענס אויף דעם שלעכט אויסגעטייטשטען בעגריף פון „אן אייגענער קולטורעלער ענטוויקלונג“ און זעהר אָפט אויף א בכיוון׳דיגער פערדרעהונג פון דעם בעגריף.

רעדט מען מכח אָן אייגענער אידישער קולטורעלער ענטוויקלונג אין אירגענד א לאנד, אפילו דאָרט, וואו די אידען לעבען צוזאמען אין קאָמפּאַקטע מאסען און בילדען א בעדייטענדע מינאָריטעט אין ערך צו דער געזאמט בעפעלקערונג, מעלדען זיך גלייך די געשוואָרענע אסימילאטאָרען, די וואָס זעהען די איינציגע אידישע רעטונג אין אונטערגאנג און פערשווינדונג, מיט זייערע אלטע טענות: איהר ווילט זיך ווידער אָבזונדערען, בויען א מחיצה צווישען זיך און דער ארומיגער וועלט. איהר ווילט ווידער זיך אויסשליסען אָנשטאָט זיך אָנצושליסען אָן דער א ל ג ע מ י י נ ע ר קולטור און פערשמאָלצען ווערען מיט דער צייט מיט דער הערשענדער נאציאָן. איהר ווילט בויען א שטאַאַט אינ׳ם שטאַאַט! זיי, די געשוואָרענע אסימילאטאָרען, מוז מען איין מאָל פאר אלע מאָל געבען א קלאָרע תשובה, אז זיי פערשטעהען ניט דעם פּירוש המלות פון קולטורעלער ענטוויקלונג, האָבען א גאנץ פאלשע פאָרשטעלונג פון דעם בעגריף אויסשליסונג און אָנשליסונג און מישען צוזאמען אין איין טאָפּ דעם בעגריף פאָלק, נאציאָן און שטאַאַט. מען מוז זיי ערקלעהרען איין מאָל פאר אלע מאָל, אז זיי בעוועגען זיך אין א קרייז פון פעראלטעטע אָבגעטראָגענע און ווידערלעגטע ביליגע אידעען, און אז עס איז נויטיג פאר זיי, איידער זיי נעהמען אויף זיך די מיסיאָן פון לעהרער און וועגווייזער, אליין ארויסצוגעהן פון דער זאק-גאס, וואוהין זיי זיינען פערקראָכען און דערגרייכט דעם טויטען פונקט.

אקצעפּטירען בלינד א פּרעמדע קולטור, אָננעהמען בלינד א פּרעמדען געשמאַק, נאָכטאַנצען בלינד פּרעמדע זיטען — נאָר פּער־בלענדעטע קאָנען דארין זעהן אַן ערשיינונג פון אָנשליסונג. ביי געגויער אנאַליזע מוז יעדער קומען צום בעשלוס, אַז אַזאַ האַנדלונג בעדייטעט ניט זיך אָנשליסען אָן דער פּרעמדער סביבה, נאָר חנפ'ענען די פּרעמדע סביבה. חניפה אָבער קאָן ניט האָבען קיין ערפאָלג. ווייל דער וואָס בעקומט די חניפה, ווען אפילו זיין עהרגייץ ווערט אויף א ווייל געקיצעלט דורך איהר, פיהלט זיך דאָך סוף כל סוף אָבגענאַרט און בעטראָגען. ווייל מען זיך ערנסט אָנשליעסען אָן א פּרעמדער סביבה, מוז מען אריינגעהן ווי א שותף. מיט אנדערע ווערטער — מען מוז אריינטראָגען אַן אייגענעם חלק אין דעם אלגעמיינעם אוצר פון דער סביבה. ווי קאָן מען אָבער אריינטראָגען אַן אייגענעם חלק, ווען מען געהט אין דער חניפה אזוי ווייט, אַז מען זאָגט זיך אָב פון דעם אייגענעם כאַראַקטער און מען פערוואַרפט דעם אייגענעם אינהאַלט? וואָס קאָן מען געבען דעם אנדערען, ווען מען פערוואַנדעלט זיך אליין אין א לעדיגע כלי?

אין דערין בעשטעהט דער הויפּט־פעהלער, וואָס די אידישע אסימילאַציאָן האָט געמאַכט, אפילו פון איהר אייגענעם שטאַנד־פונקט. מיט איהר אייביגער חניפה, האָט זי זיך מודה געווען, אַז זי גיט גאָר ניט און וויל נור געהמען.

ניט ווייניגער געפעהרליך ווי די חניפה פון די אסימילאַטאָרען, איז זייער שטענדיגע בעטאָנונג וועגען דעם פּונקט „שטאַאט אינ'ם שטאַאט". די וואָפע האָבען זיי פשוט ארויסגענומען פון אנטי־סעמיטישען ארסענאַל און שפּיעלען זיך מיט איהר ווי מיט א שפּאָגעל נייער, בשעת זי איז פול מיט פגימות. קיינער אין דער וועלט פערוועקסעלט ניט מעהר דעם בעגריף פאָלק, נאַציאָן און שטאַאט. יעדער מאָדערנער מענש קען זייערע גרעניצען און פערשטעהט, אַז נור די הערשענדע נאַציאָנען קאָנען פערלאַנגען אָדער זאָגאַר פאָדערען פון די קלענערע נאַציאָנאַלע גרופּען די אויפגעבונג פון זייער נאַציאָנאַלער אייגענאַרט, אוים

ענגהערציגקייט און נאציאָנאַלען עגאָאיזם. דער שטאַאט אָבער אלס אזעלכער, ווען ער שליעסט איין אין זיך פערשיעדענע נאציאָנאַלע גרופּען, מוז אין זיין איינגענעם אינטערעס העלפען אַלע גרופּען, אז זיי זאָלען ארויסגעבען פון זיך דאָס בעסטע, וואָס זיי טראָגען אין זיך. אמת, מיר זעהען אין לעבען, אז דער שטאַאט פאַלט ארונטער אונטער די השפעה פון דער הערשענדער נאציאָנאַליטעט און ווערט געקנעכטעט פון איהר. דאָס איז אָבער ניט דער אידעאַלער צושטאַנד פון א שטאַאט, און די בעסטע גייסטער בעמיהען זיך צו בעפרייען דעם שטאַאט גופא פון זיין געפאַנגענשאַפט ביי דער הערשענדער נאציאָן. דאָס געשריי „שטאַאט אין שטאַאט" איז ניט קיין שטאַאַטליכעס געשריי, דאָס איז א געשריי פון דעם אויפגערייצטען, צופלאַקערטען שאָוויניזם פון די תקיפ'דיגע גרופּען, און מען העלפט נור דער ברוטאַליטעט פון די הערשענדע גרופּען, ווען מען בענוצט זיך מיט אזעלכע מאָטיווען. די איינהייט פון דעם שטאַאט בעשטעהט ניט אין דער ניוועלירונג פון די פערשיעדענע נאציאָנאַלע עלעמענטען, זיין גליק איז ניט ענטהאַלטען אין דער אונטערדריקונג פון די מינאָריטעטען, אויך אויף דעם געביעט פון דער קולטורעלער ענטוויקלונג, כדי צו פערהעלפען דער מאַיאָריטעט אין איהרע שאָוויניסטישע בעשטרעבונגען.

ליידער האָט מען זיך ביי אונז פערהאַלטען צו דער גאַנצער מחלוקת צווישען דער בעיאָהונג און דער פערניינונג פון דעם אידישען איך, אין זיין וויטעסטער בעדייטונג, צו לייכטזיניג. מען האָט אין איהר, אין דער מחלוקת, געזעהן הויפּטזעכליך א טהעאָרעטישען שטרייט, און ווען מען האָט שוין איהר צוגעגעבען פּראַקטישע בעדייטונג, האָט מען דאָן געגלויבט, אז זי האָט א בעדייטונג נור פאַר אונזער אינערעס לעבען, זי האָט אָבער ניט צו טהון מיט דער געשטאַלטונג פון די בעציהונגען צו אונז פון דער ארומיגער וועלט. דאָס איז געווען א שרעקליכער טעות, אין וועלכען פיעלע פון אונז לעבען נאָך עד היום. וואר עס האָט זיך אינטערעסירט מיט די געגענוואַרטיגע בעציהונגען פון דער גרויסער וועלט צו אונז, ניט ווי ווייט זיי שפּיגלען זיך אָב אין דער האַלב-

טהעאָלאָגישער, אסימילירטער אידישער פּרעסע, נור אין דער פּאַר־נעהמסטער פּרעסע פון די קולטור־נאַציאָנען — מוז צוגעבען, אז די אסימילאַטאָרישע אידעאָלאָגיע, מיט וועלכער אליין די גרויסע וועלט איז געווען בעקאנט, האָט פערדאָרבען דיזע בעציהונגען, ווייל זי האָט ארויסגעשטעלט דאָס גאנצע אידישע פאָלק אין נעגאטיווען ליכט. און איצט איז געקומען די נקמה. מען איז זיך נוקם אָן אונזער גייסט, מען וויל ניט אנערקענען זיין גלייכ־בערעכטיגונג, מען וויל זיך מיט איהם ניט רעכענען. דאָס איז א דירעקטער רעזולטאט פון דעם אסימילאַציאָנס־פזמון, מיט וועל־כען אונזערע אייגענע פאַרשטעהער האָבען פערקלונגען די גאנצע וועלט.

די אמעריקאנער יודענהייט, גראָד ווייל זי איז די יונגסטע אונטער די אידישע גרופּען בנוגע דער ארומיגער סביבה, גראָד ווייל די אסימילאציאָן האָט נאָך ניט געהאט קיין צייט צו פער־דארבען אין גאנצען די בעציהונגען פון דער סביבה צו איהר ווי זי האָט עס פארטיג געבראכט אין דער אלטער וועלט; ווייל גראָד זי האָט די מעגליכקייט צו זעהן שוין די פארטיגע רעזולטאטען, צו וועלכע די אסימילאַטאָרישע שיטה האָט געפיהרט, און ווייל זי בעשטעהט פון ניין־צעהנטעל פון איסט אייראָפּעאישע עלעמענ־טען — די אמעריקאנישע יודענהייט, זאָג איך, האָט נאָך די מעגליכקייט אָנצוצייכענען פאר זיך א נייעם ענטוויקילונגס־וועג, וועלכער זאָל זי פיהרען אָנשטאָט צו נאציאָנאלער חרפּה — צו אמת'ער גלייכבערעכטיגונג אין דער געזעלשאפט, אָנשטאָט צו גייסטיגער קנעכטשאפט — צו ווירדיגער מענשליכער פרייהייט.

IV

נעוויס עקזיסטירען אייזערנע געזעצען אין דער געשיכטע. געוויס געפינען מיר זיך אלע, אָהן אן אויסנאהם, אונטער דער שליטה פון א היסטאָרישער נויטווענדיגקייט, וועלכע רעגולירט אונזער לעבען און בעשטימט אונזער גורל. די אייזערנע געזעצען

פון דער געשיכטע און די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט פיהרען אָבער ניט צום פאַטאַליזם און זיינען, בשום אופן, ניט מבטל דעם פרייען ווילען אין אונזערע האנדלונגען און אין אונזער שטרעבען. פונקט ווי מיר ווארפען זיך ניט אונטער בלינד און אָהן ווידער־שטאַנד אונטער די עלעמענטארע נאַטור־כחות און בעמיהען זיך, אדרבא, זיי צו בעקעמפפען און צַפּטמאָל זאָגאר שפּאַנען מיר זיי איין אין אונזער וואָגען און זיינען גוזר אויף זיי צו געהן אין דער ריכטונג, וועלכע מיר האָבען זיי אויסגעוועהלט — פונקט אזוי זיינען מיר אימשטאַנד, דורך די אָנווענדונג פון אונזער ווילענס־קראַפט, אויסצונוצען זאָגאר די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט צו אונזער טובה. נאָכמעהר, דער מענשליכער ווילען, דער רצון, דאַרף ניט בעטראַכט ווערען אלס אַן אַנטאַגאָניסטישע קראַפט, אלס א געגנערישער כח, וועלכער מוז פיהרען אַ שטענדיגע מלחמה מיט דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט. דער מענשליכער ווילען איז אליין איינער פון די הויפּט פאַקטאָרען, וועלכע ווירקען אין און בעשטימען דעם היסטאָרישען פּראָצעס. אלס א רעזולטאַט פון דיזער ווירקונג געהט ארויס די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט. ממילא קומט אויס, אז צווישען דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט און אונזער פרייען ווילען איז ניטאָ קיין אינערע סתירה, ווייל זייער געגענזייטיגעס פערהעלטניס איז ניט ווי צווישען שונאים אָדער קאָנקורענטען, נאָר ווי צווישען שותפים.

ניט דאָ איז דער פּלאַץ טיעפער ארייננצוגעהן אין דער ווידער־לעגונג פון דעם שיינבארען קאָנפליקט צווישען דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט און דעם פרייען מענשליכען ווילען. די פראגע האָט אָבער געמוזט בעריהרט ווערען, ווייל מיר ווילען דאָ רעדען מכח דער בעטהייליגונג פון אונזער ווילען אין דער שאפונג פון א אידישער צוקונפט דאָ אין אמעריקא, ווי ווייט זי איז מעגליך ביי די הערשענדע אָביעקטיווע און סוביעקטיווע בעדינגונגען, וועגען וועלכע מיר האָבען גערעדט אין די פריהערדיגע קאפּיטלען. עס איז אבסאָלוט נויטווענדיג דערביי פעסטצושטעלען, אז אלע פעלקער און אלע נאציאָנען ווערען געלייטעט אין זייערע האנדלונגען בנוגע דער געשטאַלטונג פון זייער איינענער צוקונפט פון א פרייען

ווילען. זיי פערלאָזען זיך ניט אויף דעם פון זיך אליין ענטוויקעלענדען היסטאָרישען פּראָצעס, זיי זוכען איהם גופא צו בעאיינפלוסען דורך האנדלונגען, דיקטירט פון זייער ווילען. זיי ווילען ניט נור לעבען אין דער געשיכטע, זיי ווילען מאכען געשיכטע.

און דאָס וואָס איז מאסגעבענד פאר אלע פעלקער מוז אויך זיין מאסגעבענד פאר אונז. דער אומשטאנד, וואָס ביי אונז פעהלען, אין פערגלייך מיט די אנדערע פעלקער, פיעלע בעדינגונגען, וועלכע מאכען מעגליך א פרייע, אונגעשטערטע ענטוויקלונג, טאָר ניט ווירקען אויף אונז אָבשרעקענד און טאָר אונז ניט פעראנלאזען, אז מיר זאָלען מוחל זיין אויף די וועניגע מעגליכקייטען, וועלכע זיינען געבליבען פאר אונז. אונזער ריכטשנור מוז זיין די זעלבע ווי ביי אלע פעלקער — אונזער פרייער ווילען.

מיר הויבען דעריבער אָן, ווי מען איז זיך נוהג ביי דער בעהאנדלונג פון דיזעלבע פּראָבלעמען אין דער גאנצער וועלט, פון דער ערציהונגס־פראגע. זעלבסטפערשטענדליך, ווען מיר דאָ ניט אויפשטעלען א דעטאלירטעם פּראָגראם. מיר וועלען דאָ מעהר ניט ווי פעסטשטעלען די יסודות, אויף וועלכע א אידישע צוקונפט קאָן דאָ אין לאנד געבויט ווערען און אָהן וועלכע זי איז אונדענקבאר. די איינצעלהייטען געהען ארויס פון די עיקרים, און זיי קאָנען מאָדיפיצירט ווערען יעדעס מאָל ווען עס ענדערען זיך די בעדינגונגען. די עיקרים אָבער בלייבען פעסט, איינמאָל פאר אלע מאָל.

יעדעס אידישע קינד דארף ניט בלייבען אָהן א אידישע ערציהונג. די אלגעמיינע אמעריקאנישע ערציהונג, וועלכע ווערט געגעבען אין דער פאָלקס־שולע און נאכהער אין דער העכערער שולע, טאָר בשום אופן ניט בעטראכט ווערען אלס אויסרייכענד. דאָס אידישע קינד טאָר ניט פערליערען דעם צוזאמענהאנג מיט זיין פאָלק. עס מוז קענען די פערגאנגענהייט און די געגענווארט פון זיין פאָלק, כדי עס זאָל ניט געהן פערלאָרען פאר די אידישע צוקונפט. עס מוזען דעריבער געשאפען ווערען איבעראל נאָכמיטאָג־שולען אין א גענינענדער צאָהל, וועלכע זאָל קאָנען מ ש ל י ם ז י י ן די אלגעמיינע פאָלקס־שולע, און וואו דאָס אידישע קינד זאָל האָבען די מעגליכקייט בעקאנט צו ווערען מיט דער געשיכטע,

ליטעראטור און קולטור פון זיין פאָלק. מיר ווייסען גאנץ גוט, מיט וועלכע אָפּפער די גרינדונג פון נאָכמיטאָג־שולען זיינען פער־בונדען. מיר פערשטעהען דארונטער אי געלד־אָפּפער, אי צייט־אָפּפער. געלד־אָפּפער פאר די עלטערען און צייט־אָפּפער פאר די קינדער. מיר גיבען זיך אָב אַ קלאָרען חשבון, וואָס פאר אַ לאסט עס ווערט דערמיט ארויפגעלעגט אויף דעם אמעריקאנער אידען. און דאָך קאָן מען אין דער הינזיכט ניט איינגעהן אויף פשרות און הנחות. עס איז עטהישער, אי אפילו צוועקמעסיגער פאר דעם איינצעלנעם מקריב צו זיין אַ חלק פון זיין פערמעגען און פון זיין צייט פאר די צוקונפט פון זיין פאָלק, איידער מקריב צו זיין די פאָלקס־צוקונפט צוליעב זיין פאָרטייל אין דער געגענוואַרט. שליעסליך, איז דער מענש ניט נור אַן עס־מאַשין, און דער מאָגען און די קעשענע זיינען ניט די איינציגע בעשטימענדע פאקטאָרען פון דעם מענשליכען גליק. דאָס העכסטע גליק איז שטענדיג פער־בונדען מיט דער אכטונג, וועלכע דער איינצעלנער געניסט אין דער געזעלשאפט, און דער וועג צו אכטונג פיהרט דורך זעלבסט־אכטונג. כדי אָבער צו דערגרייכען די מדרגה פון זעלבסט־אכטונג מוז מען קודם כל קענען דאָס „זעלבסט“, וועלכעם מען זאָל אכטען, און דאָס „זעלבסט“ פון דעם איינצעלנעם וואָרצעלט טיעף אין זיין צוגעהעריגקייט צו אַ בעשטימטען שטאַם, פאָלק, נאציאָן. ווען מיר וואָלטען געהאט די מעגליכקייט צו אנאליזירען דאָס איינצעל־איך, צולעגען עס אויף זיינע עלעמענטען, וואָלט זיך געוויזען ארויס־געשטעלט, אז ניין־חלקים פון דעם איינצעל־איך זיינען אַ ירושה פון פיעלע, פיעלע דורות און נור איין צעהנטעל אפשר געהערט ווירקליך דעם איינצעלנעם און קאָן בעטראכט ווערען אלס זיין אייגענטהום. לעבען מיר אָבער ניט מיט איין־צעהנטעל, מיר לעבען מיט אונזער גאנצען „איך“, בעוואוסט אָדער אונבעוואוסט. דעריבער איז אַ גאַנצעס לעבען פאר דעם איינצעלנעם אונדענקבאר, ווען מען בעמיהט זיך צו דערשטיקען אין זיך ניין חלקים פון זיין אייגענעם איך. דעריבער איז יעדע אסימילאציאָן אזוי קאָמיש און לעבערליך, ווייל דער אסימילאנט קאָן ניט אויפטרעטען ג א נ ץ אין דער געזעלשאפט, ער מוז זיך אליין בעהאלטען, ניין חלקים

פון זיין איך טיעף בעגראָבען, און מיר ווייסען דאָך ווי די געזעל־שאַפט פערהאַלט זיך צו אַ האַלבען מענשען, בפרט נאָך צו איין־צעהנטעל מענשען. דערפון גֿעהט ארויס, אז אויך פאַר דעם אידען בלייבט קיין אנדער ברירה ניט, ווען ער וויל ניט אַבגעשטויסען ווערען פון דער געזעלשאַפט, ווי צו בעקומען צוריק זיין גאַנצקייט, און דאָס קאָן דערגרייכט ווערען נור דורך א ג א נ צ ע ערציהונג. טויטען אין זיך דעם אידען און לאָזען אין זיך דעם מענשען — אַזאַ אָפּעראַציאָן וועט קיינמאָל זיך ניט איינגעבען. ווען דער איד ווערט אויס איד ווערט ער אויך אויס מענש. די רעזולטאַטען פון דער אסימילאַציאָן האָבען עס בעקרעפטיגט אין דער גאַנצער וועלט.

מיר האָבען פריהער גערעדט מכח דער מעגליכקייט, וועלכע מוז געגעבען ווערען דעם אידישען קינד צו בעקענען זיך מיט דער געשיכטע, ליטעראַטור און קולטור פון זיין פאָלק. מיר האָבען ניט אָהן אַ כונה אויסגעלאָזען די שפּראַך. ניט חלילה, ווייל מיר האַלטען, אַז די שפּראַך איז ניט קיין וויכטיגער מאָמענט אין דער נאַציאָנאַלער ערציהונג פון דעם קינד, נור דוקא ווייל מיר גלויבען, אז די שפּראַך שפּיעלט די ג ר ע ס ט ע ראָליע אין דער שאַפונג פון די בעציהונגען צווישען דעם איינצעלנעם און זיין פאָלק, און ווייל מיר ריהרען דאָ אָן איינע פון די שמערצליכסטע פראַגען פון אונזער גלות־לעבען, האָבען מיר געזוכט אויסצומיידען דעם קאָנפליקטס־פּונקט ביי אונזערע אלגעמיינע בעטראַכטונגען און אָב־געבען איהם אַ בעזונדער פּלאַץ.

מיר האַלטען, אַז דער אידיש־העברעאישער קאָנפליקט, וועל־כער האָט אין די לעצטע יאָהרען ארויסגערופען אַ שפּאַלטונג אין אונזערע רייהען און צוטהיילט אונזער שרייבער־וועלט אויף צוויי קעמפּפענדע מחנות, איז ניט אַ רעזולטאַט פון אַן אינערער טראַגעדיע, געלעבט פון די ברייטע פאָלקס־מאַסען גופא. דאָס אידישע פאָלק אלס פאָלק האָט זיך וואונדערבאַר צוגעפּאַסט צו פערשיעדענע קאָנ־פליקטען און וואָלט אויך ווייטער גובר געווען די צוויי־שפּראַכיגקייט אָהן מלחמות און אָהן רייבונגען, ווי עס האָט זי גובר געווען ביז איצט. מעהר ניט ווי קנאים פון ביידע זייטען, פון איין זייט קנאים

וואָס ווילען זיך ניט רעכענען מיט דער געגענוואַרט, פון דער אנדער זייט קנאים וואָס ווילען זיך ניט רעכענען מיט דער פער־גאנגענהייט און דער צוקונפט, האָבען זיך צופיעל צוהיצט און אַרויסגערופען אן אומזיסטען קאמפף.ביידע צדדים האָבען גע־מעגט געדענקען, אז די קאָנקורענץ צווישען אידיש און העברעאיש איז ניט די געפעהרליכסטע, אז די רוסישע, די ענגלישע, די פוילישע א. אז. וו. קאָנקורענץ איז פיעל געפעהרליכער. דאָס האָבען ביידע צדדים געמעגט געדענקען און ניט גיסען קיין וואסער אויף פרעמדע מיהלען. עס זיינען פאראן אויך זאכען, וואָס יעדער צד בעזונדער האָט געמעגט געדענקען. די קנאים פאר העברעאיש — אז אן ערך אכט מיליאָן אידען רעדען אויף אידיש און לעזען נור אידיש. זיי קאָנען עס בעטראַכטען אלס א טרויעריגע ערשיינונג, אָבער דורך די טרויעריגקייט הערט די ערשיינונג ניט אויף צו עקזיסטירען, און דעריבער מוזען זיי, זיינען זיי מחויב צו פערהאַלטען זיך מיט רעספּעקט צו א פאָלקס־שפּראַך, ווען זי איז אפילו ניט א פּראָדוקט פון א פרייער ענטוויקלונג. דעריבער זיינען זיי מחויב, דוקא ווייל זיי ווילען געווינען דאָס פאָלק פאר זייערע אידעאַלען, געהן צום פאָלק און רעדען צו איהם אין דער שפּראַך, וועלכע איז איהם פערשטענדליך. דער רוף: „אָדער העברעאיש, אָדער רוסיש", „אָדער העברעאיש אָדער ענגליש" איז אונבערעכטיגט, פאלש און פער־דערבליך. אונבערעכטיגט פון עטהישען שטאַנדפּונקט, פאלש פון נאַציאָנאַלען און פערדערבליך בנוגע די בעציהונגען צווישען אינ־טעליגענץ און מאסע. אויך דער עקסטרעמער העברעאיסט האָט קיין רעכט ניט צו בעקעמפּפען די אידישע שפּראַך, וועלכע אויסער איהר אינערען ווערטה אלס אן אוצר פון אידישען גייסט, דיענט זי איצט אלס א גלענצענדעס שוצמיטעל געגען די אסימילאַציאָן. פון דער אַנדער זייט מעגען די קנאים פאר אידיש געדענקען, אז דאָס אידישע פאָלק אלס פאָלק וועט קיינמאָל ניט צולאָזען, אז די געשיכטע פון זיין קולטור און פון זיין גאנצען שאפען זאָל זיך אָנהויבען פון דעם „צאינה וראינה". זיי מוזען ווייטער געדענקען, אז מיט דעם אויסגעלאָשען ווערען פון דער העברעאישער שפּראַך, מעגען זיי זיך אָבגעזעגענען אויך מיט דער אידישער שפּראַך.

זיי מוזען געדענקען, אז די אידישע שפראך א י ז א י ד י ש נור אויף ווי ווייט זי ציהט איהר יניקה פון ה ע ב ר ע א י ש. ווען ניט וואלט זי געווען פונקט אזוי אידיש ווי דאס רוסיש, וואס די אידען רעדען אין רוסלאנד, ווי דאס ענגליש, וואס די אידען רעדען אין אמעריקא און אזוי ווייטער. זיי מוזען ווייטער געדענקען, אז די צוקונפט פון אידיש איז נאך ווייט ניט אזוי זיכער. זאלען זיי זיך צוהערען צו דער שפראך פון דעם צווייטען דור דא אין אמעריקא, זאלען זיי זיך צוהערען צו דער שפראך פון די קינדער פון די אידישע שרייבער אין דער גאנצער וועלט... העברעאיש האט אבער אויסגעהאלטען א פראבע פון צוויי טויזענד יאהר. ניט נור א פראבע האט זי אויסגעהאלטען. זי האט אויך בעשטאנען אן עקזאמען דארט, וואו עס איז געמאכט געווארען די התחלה פון דער אידיש־נאציאנאלער אויפלעבונג, אין ארץ ישראל. און ווען עס קומען געגנער און בעהויפטען, אז די גאנצע העברעאישע רענעסאנס אין ארץ ישראל איז מעהר ניט ווי א קינסטליך ארויסגערופענער פראצעס, ענטשטאנען דורך א העברעאישע פראוואקאציאן פון פאנאטיקער, בעווייזען זיי נור מיט זייער בעהויפטונג, אז זיי פעהלט די אביעקטיווע אורטהיילס־קראפט ווען עס האנדעלט זיך מכח דער בעלייכטונג פון היסטארישע געשעהעניסען. צוגעגעבען, אז פאנאטיקער האבען געצוואונגען דעם נייעם ישוב צו לאזען זיך בעהערשען פון העברעאישען גייסט און שאפען ביי זיך א העברעאישע אטמאספערע. פון וואנען אבער שטאמט דער פאנאטיזם, וועלכער האט געצייגט, אז ער געהט ביז מסירת נפש? איז ער אליין, דער פאנאטיזם, ניט א פראדוקט פון אן אנגעזאמעלטען פאלקס־ווילען, וועלכער האט געדרעמעלט ביז ער האט געפונען א גינסטיגע געלעגענהייט זיך צו ענטפלעקען? דער זעלבער פאנאטיזם האט אויך געגרינדעט דעם גאנצען ישוב, געבויט דערפער און שטעדט, געזעעט און געפלאנצט אויף צו להכעיס די בעדינגונגען, בעקעמפפענדיג די אונגעצעהלטע שטערונגען אויף שריט און טריט. פאר וואס האט זיך ניט ענטפלעקט דער זעלבער פאנאטישער גייסט אין די ארגענטינישע קאלאניען בנוגע צו אידיש? פאר וואס שטאלצירט דארט יעדער תלמיד מיט ז י י ן שפאנישער

בילדונג? די ציוניסטען האָבען דאָך דאָרט ניט געשטערט, קיינעם ניט געצוואונגען און ניט פּראָוואָצירט? דער העברעאיזירונגס־פּראָצעס אין ארץ ישראל, אויסער דעם וואָס ער האָט שוין אַ בעדייטונג אַן און פאַר זיך, דיענט אויך אלס אַ סימן. ער ציינט אונז וועלכע ריכטונג אונזער נאציאָנאלער רענעסאַנס וועט אָנ־נעהמען, ווען דער איד וועט דערפיהלען א י י ג ע נ ע ם באָדען אונטער זיינע פיס.

מיר קומען דעריבער צום בעשלוס, אז דער קאָנפליקט צווישען די העברעער און אידישיסטען מוז אויפהערען, ער מוז פערשווינדען. די אידישע ערציהונג געפינט זיך אין אַ קריטישען צושטאַנד, בעזונדערס אין אמעריקא. ווען דער קריטישער צושטאַנד זאָל דויערן נאָך אַ לענגערע צייט, וועט קיין חרטה און קיין תשובה מעהר ניט העלפען. די צדדים מוזען אויסגעפינען אַן אויסוועג צו פער־היטען דעם וואקסענדען און דעם קומענדען דור פון דער שרעק־ליכער עם הארצות, וועלכע לויערט הינטער דעם אידישען קינד.

די נאָכמיטאָגס־שולע בילדעט די גרונדלאגע פון דער אידישער ערציהונג, און אויף אָט דער גרונדלאגע מוז אויסגעפיהרט ווערען דער גאנצער בנין, פון וועלכען מיר וועלען פערזוכען צו געבען די הויפּט־קאָנטורען.

V

פון דער נאָכמיטאָגס־שולע, וועלכע האָט די אויפגאבע משלים צו זיין די ערציהונג און די בילדונג פון דעם אידישען קינד אין דער אלגעמיינער פאָלקס־שולע געהען מיר איבער צו דער מיטעל־שולע, אָדער, ווי מען רופט זי אין אמעריקא, די האָכשולע. דער בעזוך פון דער פאָלקס־שולע איז א חוב פאר יעדעם קינד. דער בעזוך פון דער האָכשולע מעהר ניט ווי אַ רשות. דער אומשטאנד האָט געקאָנט אויסגענוצט ווערען, און עס וואָלט געווען מעהר ווי א יושר, ווען אין אלע בעדייטענדע אידישע צענטרען וואָלטען נעגרינדעט געוואָרען וואו אייניגע און וואו לכל הפחות איין האָכ־שולע. די אידען אין רוסלאנד, צום ביישפּיעל, האָבען אין דער

לעצטער צייט געגרינדעט פיעלע אזעלכע מיטעל־שולען, און די אונטערנעהמונג איז כמעט אומעטום געקרוינט געווארען מיט א גרויסען ערפאלג. די תלמידים האבען ערווארבען אין דעם זעלבען משך פון לעהר־יאהרען ווי אין דער שטאאטס־שולע פאלשטענדיג אויסרייכענדע ידיעות אין די אלגעמיינע למודים, וועלכע זיינען נויטיג אום אריינצוטרעטען אין אוניווערסיטעט און אויסער דעם גאנץ אנשטענדיגע ידיעות אין די אידישע למודים, — העברעאישע שפראך, געשיכטע און ליטעראטור. אמת, אין רוסלאנד זיינען זיי געווען געצוואונגען דורך דעם דרוק פון די בעשרענקונגען צו גרינדען אייגענע שולען. מיר גלויבען אבער, אז אויך די פרייהייט קאן אויסגענוצט ווערען פאר גרינדונגען, וועלכע זאלען העלפען אין דער ענטוויקלונג פון דעם אידישען גייסט און קולטור. יעדענפאלס מוז אויך געזארגט ווערען פאר דאס אידישע קינד אין רייפערען עלטער. ווען נים, קאן די אלגעמיינע האכשולע אבווישען אלעס, וואס דאס קינד האט געלערענט אין זיין פריהער יוגענד. לכל הפחות, מוזען אומעטום געעפענט ווערען אווענד־קורסען פאר אידישע למודים.

פון דער האכשולע געהען מיר איבער צום לעהרער־סעמינאר. עס איז מעהר ווי א נאכלעסיגקייט, וואס די אידען אין אמעריקא האבען אזוי ווייניג געזארגט פאר דער פארבערייטונג פון לעהרער־כחות פאר דאס אידישע קינד. אין אמעריקא, דאס ווייס יעדער, האט די גאנצע צייט געהערשט אזא דחק אויף לעהרער, אז טויזענדער אונבערופענע האבען זיך גענומען פאר דעם לעהר־בערוף, נאכדעם ווי זיי האבען געליטען שיפס־ברוך אין לעבען. די יורדים האבען ניט געהאט קיין אנדער ברירה האבען זיי זיך גענומען פאר מלמדות, און די עלטערען האבען ניט געהאט קיין אנדער ברירה און האבען איבערגעגעבען זייערע קינדער צו באנקראטירטע קרעמער און שלים־מזל'דיגע פעדלער אין חדר. אין דער לעצטער צייט מערקט זיך א טענדענץ צום בעסער ווערען. עס איז דא א פאדערונג אין לאנד אויף גוטע אידישע לעהרער, מען זוכט דעם פאכמאן. אביסעל האט געהאלפען די מלחמה. פון די מלחמה־לענדער זיינען אנגע־קומען אין אמעריקא פיעלע טיכטיגע אידישע לעהרער. אבער

דאָס איז מעהר ניט ווי א צופאל, ער האָט עטוואָס געהאָלפען, עס ענדערט אָבער ניט די אלגעמיינע לאגע. עס איז דאָ פלאץ פאר, מינימום, צעהן לעהרער־סעמינארען, און עס וועט נאָך אלץ ניט זיין קיין איבער־פראָדוקציאָן אין לעהר־כחות, ווען עס זאָל דער־גרייכט ווערען דער אידעאל, אז קיין אידיש קינד זאָל ניט בלייבען אויסגעשלאָסען פון אידישער ערציהונג. איצט הערשט אזא צו־שטאנד: אין א גרויסען אידישען צענטרום, מיט אן ערך א מיליאָן מיט א פערטעל אידישער בעפעלקערונג, זיינען פיער־פינפטעל פון די געזאמטע אידישע קינדער אויסגעשלאָסען פון וואָסער עס איז אידישער ערציהונג. איין פינפטעל בעקומט א אידישע ערציהונג, אָבער פרעגט ניט וועגען די חדרים און די מלמדים.

ביי דער גריגדונג פון לעהרער־סעמינארען מוז בעריקזיכטיגט ווערען די אידישע לעהרערין. די אידישע טאָכטער איז אין גאנצען פערנאכלעסיגט געוואָרען דאָ אין אמעריקא, מען האָט איהר ניט געגעבען די מעגליכקייט צו דיענען די אינטערעסען פון איהר פאָלק. דאָס איז א נאציאָנאלעס פערברעכען און א נאציאָנאלעס אונגליק. ביי אלע ציוויליזירטע פעלקער שפּיעלט די פאָלקס־שול לעהר־רערין די הויפּט־ראָליע אין דער ערציהונג פון דעם יונגען דור, דאָ אין אמעריקא האָבען מיר מעהר ווי די העלפט אידישע טעכטער, וועלכע קאָנען ניט דעם אידישען אלף־בית, און אין בעסטען פאל, נור דעם אלף־בית. שעהנע אידישע מוטערס!

מיר ווילען דאָ זאָגען אייניגע ווערטער וועגען די ראבינער־שולען. אונזערע ראדיקאלען וועלען זיך געוויס דערשרעקען: מען שלעפּט אונז צוריק אין קאָנאָסאָ! דאָס דארף אָבער אונז ניט אָבשרעקען ביי דער בעלייכטונג פון אונזערע פּראָבלעמען. מבטל זיין די גאנצע רעליגיעזע זייט פון אידישען לעבען, אויסשליסען די סינאגאָגע, דעם רב און דעם פּרעדיגער אלס א חשוב׳ען פאקטאָר פון אידישען לעבען — דאָס וואָלט געהייסען זיך אליין און אנדערע נארען. מיט דער אידישער רעליגיאָן האָט מען געמאכט דעם זעלבען וויץ ווי מיט דער העברעאישער שפּראך. פערשיעדענע עלעמענטען פון פאָלקס־קערפּער זיינען אָבגעשטאָרבען פאר דער העברעאישער שפּראך, און פערשיעדענע עלעמענטען — פאר דער

אידישער רעליגיאָן. אָבער אזוי ווי קיינער האָט ניט קיין חשק מודה צו זיין אין דער אייגענער אָבשטאַרבונג, האָבען די ערשטע ערקלעהרט די העברעאישע שפּראַך און די אנדערע די אידישע רעליגיאָן אַלס טויט. די ערשטע האָבען געמיינט, אז מיט דעם ארויסטרייבען פון דער העברעאישער שפּראַך פון זייערע טעמפּלען וועלען זיי זי פערניכטען אויף אייביג, די אנדערע האָבען געגלויבט, אז עס וועט זיין לייכט אויסצובייטען דעם אידישען משיח אויף א יוניאָן־פיהרער. א נאַאיוועס שפּיעל פון ניט קלוגע קינדער. די קינדער פון די רעפאָרמירטע הויבען שוין איצט אָן צו זוכען אנשלוס אָן דער העברעאישער קולטור, ניט נור דאָ, נאָר אויך אין מערב אייראָפּא, וואו די אסימילאציאָן איז עלטער און טיעפער איינגעוואָרצעלט, און די קינדער פון די גאָט־בעקעמפּפער פילען אָן, דאָ אין אמעריקא, די טעמפּלען און די זונטאָגס־שולען. דער דריטער דור פון אידישען ראדיקאַל וועט זיין ניט וועניגער רעליגיעז ווי דער דורכשניטס־אמעריקאנער. עס איז דעריבער מעהר ניט ווי א פאַלשע שיטה, ווען די אידישע מאסען אינטערעסירען זיך ניט פאַר דעם האראקטער פון דער אויסבילדונג פון די גייסטיגע פיהרער, וועלכע וועלען בעשטימט האָבען א גרויסע השפּעה אויף די געשטאַלטונג פון דער אידישער קולטורעלער ענטוויקלונג.

די ראבינער־שולען, וועלכע עקזיסטירען איצט אין אמעריקא, זיינען געגרינדעט געוואָרען פון דייטש־אידישע עלעמענטען און זיי שטעלען פאַר א קאָפּיע — און דוקא ניט קיין געראָטענע — פון די אנאַלאָגע שולען אין דייטשלאנד. ניט דאָ איז דער פּלאַץ צו געבען א גענויע האראקטעריסטיק פון די עקזיסטירענדע ראבינער־שולען. איינס מוז אָבער פעסטגעשטעלט ווערען. אין זיי ווערט מעהר געלערענט ארכעאָלאָגיע ווי פּסיכאָלאָגיע, מעהר אנאַטאָמיע ווי ביאָלאָגיע פון יודענטהום. זיי זיינען צוגעפּאסט צו א בלוט־אָרימער, טויטער וועלט־אנשויאונג און זיינען ווייט פון דעם לעבע־דיגען קוואַל פון אידישען לעבען, אָבגעזונדערט פון דעם אָהן אונטער־ברעכונג ווירקענדען און שאפענדען אידישען גייסט.

מיר געהען ווייטער. מיר געפינען, אז גראַד דאָ, אין אמעריקא, וואו די אוניווערסיטעטס־בילדונג איז קאָנצענטרירט אין די הענד

פון פריוואטע בילדונגס־געזעלשאפטען, האָבען געמעגט עקזיסטירען אייניגע אידישע אוניווערסיטעטען, מיט גוט אויסגעשטאטעטע פאקולטעטען פאר די אידישע וויסענשאפט. אונטער אידישע וויסענשאפט פערשטעהן מיר ניט נור ארכעאָלאָגיע, אלטע פילאָלאָגיע, היסטאָרישע פאָרשונגען פון אלטערטהום און מיטעלאלטער, מייסטענס טהעאָלאָגיש בעלייכטעט. מיר פערשטעהען דארונטער די אומפאסענדע לעהרע פון דעם געזאמטען גייסטיגען פערמעגען, וואָס האָט זיך אָנגעזאמעלט אין אונזער פאָלקס־אוצר, פון די עלטסטע צייטען ביז אויף היינטיגען טאָג. אונטער א אידישען פאקולטעט פערשטעהען מיר א פאקולטעט מיט פערשיעדענע קאטהעדרען פאר פערשיעדענע צווייגען פון דער אידישער וויסענשאפט. די אידישע ליטעראטור (די העברעאישע און אידישע און אויך די אָנדער שפראכליכע) מוז האָרט בעהאנדעלט ווערען ווי יעדע אנדערע לעבעדיגע ליטעראטור. און פונקט אזוי מוז מען זיך בעגעהן מיט דער אידישער קונסט און אפילו אויך מיט דעם אידישען שטאאטס־וועזען אין אלטערטהום און מיט דער אידישער סאָציאָלאָגיע אין דער געגענווארט. דריי מיליאָן אידען אין א פרייער מדינה האָבען די מעגליכקייט און אויך די פליכט צו בעזיצען אייניגע אייגענע אוניווערסיטעטען און ניט זיין אָנגעוויעזען אויף די איינגעבעטענע פראָפעסאָרען, מיט אייניגע דרדקי־מלמדים אלס פראָפעסאָרען, אלס פאָרשטעהער פון דער אידישער וויסענשאפט. דריי מיליאָן אידען אין א פרייער מדינה זאָלען דאָך פערשטעהן, אז מיט אידישע באנק־הייזער און דעפארטמענט־סטאָרס רעפרעזענטירט מען נאָך ניט דעם אידישען גייסט.

און ווען ביי די ניעדריגע און העכערע שולען קאָן מען נאָך האָבען אן אויסרייד: די עקסטרא הוצאות, פאלט דאָך דיעזער אויסרייד אוועק ביי די אוניווערסיטעטען. די אידישע בעפעלקערונג בעצאָהלט דאָך סיי ווי סיי דעם שכר למוד, די אוניווערסיטעטס־בילדונג ווערט דאָך ניט געגעבען אומזיסט.

אין קורצען ווילען מיר נאָך דערמאָנען מכח פאָלקס־אוניווערסיטעטען, ביבליאָטעקען, ליטעראַרישע פעראיינען און אזוי ווייטער — אינסטיטוציאָנען, וועלכע מאכען שעהנער דאָס לעבען

פון א פאָלק און ווירקען פערעדעלענד אויף די ענטוויקולנג פון זיין גייסט.

ווי געזאָגט, מיר האָבען דאָ ניט אונטערגענומען צו געבען אַן אויספיהרליכעס פּראָגראם, מיר האָבען געגעבען נאָר ראשי פּרקים, מיר האָבען נור אָנגעצייכענט די הויפּט-ליניען, די ריכטונג פון א געזונדער, עטהישער און עסטעטישער אידישער ענטוויקלונג, וועלכע איז מעגליך דאָ אין אמעריקא. זי איז אָבער נור דאַן מעגליך, ווען די אידישע בעפעלקערונג וועט זיך פערהאלטען מיט דעם נויטיגען ערנסט צו איהר אייגענער צוקונפט, ווען זי וועט זי אליין בויען, אליין נאָך קרעפטען בעאיינפלוסען איהר האראקטער.

די אמעריקאנער אידען קאָנען דאדורך נור געווינען. זייער לעבען וועט זיין פיעלזייטיגער, אינהאלטסרייכער, אינטערעסאנטער, שעהנער, אנציהענדער און פרייער.

עס האָט נאָך קיין פאָלק ניט געפונען קיין גליק אין זעלבסט-פערלייקענונג. דאָס גליק פון יעדען פאָלק ליעגט אין זיין זעלבסט-בעשטימונג.

22 דעצ., 1916—16 מערץ, 1917.

דער גרויסער מאָמענט

די געשיכטע איז קודם כל אן ענטוויקלונגס פּראָצעס פון מענשליכע האנדלונגען, און אלע פּאסירונגען און געשעהעניסען, ווי קליין זיי זאָלען ניט זיין אלס איינצעל־ערשיינונגען, ווערען אריינגענומען אין חשבון און האָבען א חלק אין דעם סך הכל פון דעם היסטאָרישען פּראָצעס. פּונקט ווי קיין כח ווערט ניט פערפאַלען אין דער גרויסער נאַטור, אזוי געהט קיין האנדלונג ניט פערלאָרען אין דער געשיכטע. אַלעס זאמעלט זיך אָן, עס גליע־דערט זיך אָן פּאסירונג אָן פּאסירונג און געשעהענים אָן געשע־הענים, ביז דער באָדען ווערט רייף פאר עטוואָס גרויסעס אלס רעזולטאט פון דעם אָנגעזאמעלטען. דענסטמאָל קומט דער גרוי־סער מאָמענט. אזוי בעצייכענען מיר דעם מאָמענט, ווען די גע־שיכטע מאכט א סיום אויף איין תקופה און די התחלה פון א נייער תקופה.

אונערוואַרטעט קומען די גרויסע מאָמענטען נאָר פאר די, וועלכע האָבען זיך ניט בעטייליגט אין זייער פאָרבערייטונג, נאָך מעהר אונערוואַרטעט פאר די, וועלכע האָבען געשטערט זייער קו־מען, געזוכט אָבצואווענדען זיי. א ביישפּיעל: די רוסישע רע־וואָלוציאָן. די בעהויפּטונג, אז זי איז געקומען פּלוצלונג, ד. ה. אָהן א שייכות צו דער גאנצער פאָראויסגעגאנגענער ענטוויקלונג פון רוסישען פאָלק, איז מעהר ניט ווי לעכערליך. די רעוואָלוציאָ־נערע עלעמענטען, וועלכע האָבען ניט אויפגעהערט צו ציהען זיך צו איהר, מיט זייער גאנצער קראפט ביז מסירת נפש, האָבען זי נאָך פריהער ערוואַרטעט, יעדען טאָג האָבען זיי זיך גערעכט אויף איהר. פאר די פּאסיווע עלעמענטען, וועלכע האָבען זיך בענוגענט מיט דער ראָלע פון צושויער אין לעבען, איז זי געקומען פּלוצלונג. אם אונערוואַרטעטסטען איז זי געקומען פאר די עלעמענטען, אנט־

קענען ווערן זי איז געווען געציעלט — די הערשענדע עלעמענ־
טען מיט דעם הויפט־הערשער אן דער שפיצע. און עס איז ער־
קלערליך. די רעוואלוציאנערע עלעמענטען האבען זיך בעוועגט
אין דעם געדאנקען קרייז פון דער נייער ארדנונג, וועלכע זיי האָ־
בען זיך בעמיהט צו שאפען. זיי האבען ג ע ב ו י ט די נייע
וועלט און זי איז ענטשטאנען פאר זיי בהדרגה. זי איז פאר זיי
ניט אויף אמאל פארטיג געווארען, דער בנין איז געוואקסען דורך
זייער ארבייט. די הערשער האבען זיך בעוועגט אין דעם ענטגע־
גענגעזעצטען אידעען קרייז. זיי האבען געגלויבט, אז זיי האלטען
אב דעם נייען בנין, אז זיי צושטערען יעדען שטיין פון איהם.
צום סוף איז געקומען די א י ב ע ר ר א ש ו נ ג. דעם טעות
האבען געהאט די צושטערער, די ניט דערלאזער.

אויך פאר אונז קומט דער גרויסער מאמענט. די בעדיי־
טענדסטע פערזענליכקייטען, די שטאאטס מענער פון די גרעסטע
און איינפלוסרייכסטע רעגירונגען ערקלערען אין נאמען פון זייע־
רע רעגירונגען, אז זיי אנערקענען דאס רעכט פון אידישען פאלק
אויף נאציאנאלע אונאבהענגיגקייט, און זיי זאגען צו, אז ביי
דער לעזונג פון די גרויסע וועלט־פראגען וועלען זיי פארשלאגען,
אז דאס אידישע לאנד זאל צוריקגעגעבען ווערן דעם אידישען
פאלק.

דאס איז דער גרעסטער מאמענט פון אונזער געשיכטע. דאס
איז דער סוף פון דעם לאנגען גלות. דאס איז דער אנהויב פון
דעם „אחרית הימים".

איז ער געקומען אונערוואַרטעט? איז ער אראבגעפאלען ווי
א מציאה פון הימעל?

ניין, און טויזענד מאל ניין. ער איז געקומען אונערוואַרטעט
נאר פאר די, וועלכע האבען זיך ניט בעטייליגט אין זיין פארבע־
רייטונג. נאר פאר די, וועלכע האבען זיך מיאש געווען פון איהם
און ניט געגלויבט מעהר אין זיין קומען, און נאך מעהר פאר די,
וועלכע האבען בפירוש ניט געוואלט, אז ער זאל קומען.

און זיי זיינען איצט צוטומעלט געווארען, ווייל זיי האט דער
מאמענט איבערראשט. די אבער, וואס האבען זיך בעטייליגט אין

זיין פֿאַרבערייטונג, די, וואָס האָבען געלעבט און געווירקט צוליעב איהם, די, וועלכע האָבען איהם געווידמעט זייער ארבייט ביימאָג און זייערע חלומות ביינאַכט, די, וואָס האָבען געקעמפט פאַר איהם — זיי קאָנען ניט צוטומעלט ווערען, ווייל זיי קאָנען ניט איבערראַשט ווערען, זיי זיינען שוין לאַנג געווען גרייט פאַר איהם.

און אין דעם מאָמענט בליקען מיר אויף צוערשט צו אונזערע פּיאָנירען דאָרט, אין יענעם לאַנד, וואו אונזער האָפנונג זועט פערווירקליכט ווערען. מיט שטאָלץ און טיעפער דאַנקבארקייט בליקען מיר אויף צו זיי, צו אונזערע ארבייטער אויף אונזער היס־טאָרישען באָדען. מיר זיינען זיי דאַנקבאַר, די ערשטע עולי רגל, דערפאַר וואָס זיי האָבען געוועהלט זייער וועג צו מזרח, בשעת דער גרויסער טייל פון אידישען פאָלק האָט געוואַנדערט צום מערב. מיר זיינען זיי דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס זיי האָבען געצייגט דער גרויסער וועלט מיט זייער ביישפּיעל, אַז דער היסטאָרישער צוזאַ־מענהאַנג צווישען אונזער פאָלק און זיין לאַנד איז ניט אין גאַנ־צען איבערגעריסען געוואָרען. מיר זיינען זיי דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס זיי האָבען געצייגט דער גרויסער וועלט, אַז אונזער פאָלק האָט נאָך אין זיך גענוג שאַפענדע כחות, וועלכע קאָנען פלאַנצען און בויען אפילו ביי שווערע בעדינגונגען און מיט פלייס און אר־בייט פערוואַנדלען אפילו אַ מדבר אין אַ גן עדן.

זיי קומט אונזער ערשטער דאַנק, וואָרים, זיי מעהר ווי אַלע, האָבען פאַרבערייטעט דעם איצטיגען מאָמענט. אָהן זיי, אָהן די רעזולטאַטען פון זייער ארבייט, ווער ווייס — אפשר וואָלט זיך די גרויסע וועלט גאָר ניט צוגעהערט צו אונזערע טענות. יעדענפאַלס וואָלט אונזער אויפגאַבע איצט געווען פיעל שווערער. אמת, אונ־זער האָפנונג האָט אונז קיין מאָל ניט פערלאָזען, זי האָט שטענדיג געלעבט אין אונז און געפונען איהר אויסדרוק אין די הייליגסטע תפלות פון אונזער פאָלק. די וועלט איז אָבער געוואָרען מאָדער־נער, די וועלט האָט פערלאַנגט אַ מעהר מאָדערנעם בעוויז פון אונז, אַז מיר מיינען ע ר נ ס ט מיט אונזער האָפנונג. זיינען זיי געקומען, אונזערע פּיאָנירען, און האָבען געשאַפען דעם שענ־סטען פירוש צו אונזער האָפנונג, אַ פירוש פון גרינע פעלדער, פון

בליהענדע גאָרטענס, פון שעהנע נייע דערפֿער און שטעדט. און דער פירוש האָט געווירקט.

עס קומט אונזער צווייטער דאנק צו די, וועלכע האָבען אויס־געבויט אונזער אינטערנאציאָנאלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן. אויך זייער וועג איז געווען אויסגעבעט ניט מיט רויזען. ארומגע־רינגעלט פון גלייכגילטיגקייט און געגנערשאפט, אי פון דרויסען, אי פון אינעווייניג, אויסגעלאכט און פערשפּאָטעט זיינען זיי גע־גאַנגען זייער וועג און געהאָלפען פּאַרבערייטען דעם גרויסען מאָ־מענט. אָן ערך מיט פערציג יאָהר צוריק האָט זיך אָנגעהויבען די אָרגאַניזירטע ציוניסטישע בעוועגונג. לכתחלה קליין, ביז עס איז געקומען דער גרויסער אונפערגעסליכער פיהרער און האָט איהר פערליהען גלאַנץ און גרויסקייט. און די ציוניסטישע אָר־גאַניזאציאָן איז דורכגעגאנגען דעם גרויסען מדבר ביז זי איז אָנ־געקומען צום לאַנד כנען. פיעלע פון די פיהרער און פון דעם חיל זיינען צו אונזער טיעפסטען צער אין מדבר געבליבען. מיר דער־מאָנען זיך איצט אָן זיי מיט א דאָפּעלטען שמערץ.

און צום סוף אונזער דריטער דאַנק. ער געהערט דער אמע־ריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן. נאָך ערב מלחמה האָט זי פערנומען איינעם פון די לעצטע פּלעצער אין דעם אלוועלטליכען ציוניזם. דאָ איז געקומען די וועלט קאַ־טאַסטראָפע, און ווער וויים וואָס וואָלט געוואָרען פון אונזערע פיאָנירען דאָרט און פון אונזער אָרגאַניזאַציאָן אומעדום, ווען ניט די אמעריקאַנער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן. עס האָבען זיך ווי דורך א וואונדער געמעלדעט די ריכטיגע כחות, און די אָרגאַ־ניזאציאָן איז געוואַקסען, געוואָרען שטאַרקער און פעסטער פון טאָג צו טאָג. מען קאָן איצט ניט רעדען פון איינצעלהייטען אָדער פון איינצעלנע פערזענליכקייטען. מיר זיינען איצט צופיעל פער־נומען מיט דעם מאָמענט און מיט ארבייט, כדי צו זיין ווירדיג דעם מאָמענט. מיר וועלען אָבער שפּעטער ערפאַהרען, וועלכען בעדייטענדען חלק גראַד דער אמעריקאַנער ציוניזם האָט אין דער פּאַרבערייטונג פון דעם איצטיגען מאָמענט.

עס וואָלט אָבער געווען איינזייטיג צו בעהויפּטען, אז נאָר

פון דער אידישער זייט איז פארבערייטעט געווארען דער איצטי־
גער גרויסער מאמענט. ער וואלט פאר אונז קיין מאל ניט געקו־
מען, ווען די גאנצע געבילדעטע וועלט וואלט ניט געארבייט אין
די לעצטע דורות פאר די פארבערייטונג פון א נייער צוקונפט,
געגרינדעט אויף נייע יסודות, אויף דער אנערקענונג פון דעם
נאציאנאלען פרינציפ אלס רעגולאטאר אין אינטערנאציאנאלען
פערקעהר. מיר פערשטעהען דאס, מיר שעצען דאס און מיר פרע־
העון זיך, וואס אונזער וועג איז געלאפען פאראלעל מיט דעם וועג
פון דער געבילדעטער מענשהייט.

28 אפריל, 1917.

דער מאָמענט און זיין פאַרבערייטונג

אין דער לעצטער צייט קומט אויס אָפט צו הערען און צו לעזען בנוגע דעם ציוניזם: דאָס וואָס האָט ניט געקאָנט דערגרייכט ווערען דורך די אָנשטרענגונגען פון איינצעלנע פּערזאָנען, דאָס וואָס די געזאַמטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן האָט ניט געקאָנט אויפטאָן אין דעם גאַנצען משך פון איהר קיום, האַלט ביים ווערען אַ רעאַליטעט אַ דאַנק דעם גרויסען מאָמענט. דיזע אויסערונג ווערט אויסגעשפּראָכען אין אַנטי־ציוניסטישע אָדער אין ציוניסטיש אינדיפּערענטע קרייזען. דערין שטעקט אַ כונה. מען וויל דערמיט זאָגען, אַז ווען דער ציוניזם וועט פּערווירקליכט ווערען, זאָל מען חלילה ניט גלויבען, אַז די פּערווירקליכונג איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון לאַנג־יאָהריגע אָנשטרענגונגען און בעמיהונגען. זי איז געקומען פּשוט — מחמת עס איז געקומען אַזאַ מאָמענט. אויף אַזאַ אופן רעטעט מען זיך פון אַ פּיינליכער סיטואַציאָן. פון איין זייט ברויכט מען ניט צו שווימען אַנקעגען דעם שטראָם, מען קאָן זיך פּערהאַלטען פריינדליך צו די לעצטע ציוניסטישע אויסזיכטען, און פון דער אַנדער זייט ברויכט מען ניט גוט פריינד צו ווערען מיט אַן אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע מען האָט יאָהרען לאַנג בעקעמפּפט אָדער איגנאָרירט.

קיינעם קומט ניט קיין קרעדיט, ווען דער ציוניזם זאָל פּערווירקליכט ווערען. דער *מאָמענט* האָט גורם געווען זיין פּערווירקליכונג. ווי פיעל פּאָליטישער שכל און טיעפע אורטיילס־קראַפט שטעקט אין אַזאַ בעהויפּטונג איז ניט שווער צו זאָגען. וואָס האָט גורם געווען איז אין גרונד גענומען אַן אומפּראַזירונג פון דער אַלט בעקאַנטער „בעשערט" פילאָזאָפיע, וועלכע האָט אַלע געשעהעניסען אין לעבען ערקלערט אויפ'ן פּשוט'סטען אופן. צו וואָס זיך ברעכען דעם קאָפּ, צו וואָס זיך אָנשטרענגען

און זוכען אורזאכען און פועל יוצא׳ס — ווען עטוואס איז בע־שערט אין לעבען, קומט עס ממילא. איז באשערט גליק, קומט גליק, איז בעשערט מלחמה, קומט מלחמה, און אזוי ווייטער. און איז בעשערט, אז די אידען זאלען צוריק בעקומען ארץ ישראל, ברויכט קיינער ניט צו האגה׳ענען זיך פאר דעם ענין, עס וועט שוין קומען דער ריכטיגער מאמענט און ער וועט שוין פארטיג ווערען מיט דער אויפגאבע.

און וואלט די מאמענט־פילאזאפיע געקומען נאכדעם ווי דער ציוניזם איז פערווירקליכט געווארען, וואלט זי קיינעם קיין שא־דען ניט געבראכט. די צרה איז אבער, זי איז געקומען צו פריה, גראד אין דער צייט, ווען די גרעסטע אנשטרענגונגען מוזען ערשט געמאכט ווערען, כדי צו דערפיהרען דעם ציוניזם צו א גליקליכען סוף. און ווען זי הויבט אן גראד איצט אריינצודרינ־גען אויך אין מאנכע שוואכערע ציוניסטישע קרייזען, ענטהאלט זי אין זיך ניט נאר עטוואס אונזיניג נארישעס, נאר אויך א סכנה, ווייל אנשטאט צו שטארקען די שוואכע, מאכט זי זיי נאך שוואַ־כער. אין דער פאנטאזיע פון דעם אין דעם פאליטישען זין זיך שוואך אריענטירענדען וואקסט אויס א פארשטעלונג פון א מאַ־מענט — א מכשף, וועלכער קאן אליין אויפטאן וואונדער, אליין אהן די ארייננמישונג און אהן די מיטהילף פון האנדלענדע פער־זאנען אדער ארגאניזאציאנען. און ווי יעדע פאלשע פאנטאס־טישע פארשטעלונג שאדט זי נאר דעם קלארען בעוואוסטזיין און דעם געזונטען פערשטאנד.

און מען דארף זאגען דעם אמת — דאס איז א ריין אידישע שוואכקייט. ביז מיט א פאר צעהנדליג יאהר צוריק האבען מיר איבערהויפט קיין אידישע פאליטיק ניט געהאט און ניט געטרי־בען. מיר האבען זיך ארומגעטריבען אויפ׳ן ים פון די וועלט גע־שעהעניסען ווי א שיף אהן א רודער, אבהענגיג פון די בלאזענ־דע ווינטען, אונטערגעווארפען אונטער דעם שפיעל פון דעם צו־פאל. ערשט ניט לאנג האבען מיר זיך אנגעהויבען פאליטיש־נאציאנאל צו ארגאניזירען און מיר זיינען נאך ערשט אין דער ערשטער תקופה פון אונזער ארגאניזירונגס־ארבייט. עס איז דע־

ריבער קיין וואונדער ניט, ווען מיר זיינען נאָך שוואַך אין פּונקט אָרגאַניזאַציאָן, ווען מיר שאַצען נאָך ניט ריכטיג איין די בעדייטונג פון אָרגאַניזאַציאָן אַלס אַ פּאָליטישער פאַקטאָר, ווען מיר האָבען נאָך ניט קיין טיעפעס פערשטענדניס פאַר איהר אינערן ווערט. דערצו געהערט שולע, דערצו געהערט טראַדיציאָן.

ווי ווייט אָבער גרויסע מאָמענטען קומען פון זיך אַליין, ווי ווייט זיי שפּרינגען ארויס ווי דורך אַ כישוף און שטעהען ניט אין צוזאַמענהאַנג מיט פאָרבערייטענדער ארבייט, וויל איך אילוסטרירען דורך אַ ביישפּיעל, ארויסגענומען פון דער ערפאַהרונג פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. און איך קאָנסטאַטיר נאָר אַ טאַטזאַך. די טאַטזאַך רעדט אָבער אַליין פאַר זיך.

אין די לענדער, וואו די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן האָט אינטענסיוו געאַרבייט און געזוכט צו בעאַרבייטען די עפענטליכע מיינונג האָט די ציוניסטישע אידעע דערגרייכט אַן ערפאָלג. דאָרט, וואו די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן איז געווען שוואַך און האָט זיך וועניג געקימערט וועגען דער בעאַרבייטונג פון דער עפענטליכער מיינונג, מערקט זיך ניט אפילו אַ סימן פון ערפאָלג. איך רעד דאָ ניט וועגען אַן אינערן ערפאָלג, וועגען דעם פאָרטשריט פון דער בעוועגונג אין דער אידישער געזעלשאַפט גופא, איך רעד דאָ וועגען דער פּאָפּולאַריטעט פון דעם ציוניסטישען געדאַנק אין די ענטשפּרעכענדע רעגירונגס קרייזען. דאָ שטעלט זיך מיט קלאָרקייט ארויס, אַז דאָרט וואו מען האָט וועניג געאַרבייט, וואו מען האָט וועניג אויפגעקלערט, וועניג גערעדט און וועניג געשריבען וועגען ציוניזם, האָט דער גרויסער מאָמענט מיט זיין איינענער קראַפט אבסאָלוט ניט גענוצט. ניט די אידישע און ניט די פרעמדע וועלט איז דורך דעם מאָמענט אַליין ניט געוואָרען ציוניסטישער, ניט בנוגע דער אויפפאַסונג פון דעם ציוניסטישען געדאַנק, ניט בנוגע די סימפּאַטיען צום ציוניזם.

אַלס אַ גלענצענדעם ביישפּיעל קאָן אונז דיענען פראַנקרייך אין דיזער בעציהונג. ווען דער מאָמענט אַליין וואָלט בעזעסען די גבורה צו בעאיינפלוסען די רעגירונגען אין ציוניסטישען זין, לענט זיך אויפ'ן שכל, אַז ער האָט ניט געדאַרפט מאַכען קיין אויס־

נאהמע פאר פראנקרייך. פראנקרייך פערנעהמט קולטורעל דעם ערסטען אָדער יעדענפאלס איינעם פון די ערסטע פּלעצער. פראנקרייך איז זעהר אינטעליגענט און הערט זיך צו צו דער שטימע פון דער צייט ניט ווענינער פאר די אנדערע קולטור לענדער, חיינט ווי קומט עס. וואָס גראד אין די פראנצויזישע רעגירונגס און פּאָליטישע קרייזען האָט דער ציוניסטישער געדאנק געפונען ביז איצט א ווענינגער האנקבארען בּאָדען ווי אין מאנכע אנדערע לענדער? איז דאָס ניט א סימן, אַז מאָמענטען „אַן און פאר זיך" עקזיסטירען נאָר ניט, אַז זיי ענטהאַלטען אין זיך נאָר דאָס, וואָס מען האָט אין זיי אריינגעטראָגען? און דאָרט, וואו מען האָט ניט געזאָרגט פאר זיין פאָרבערייטונג, ניט בעמיהט זיך פאר זיין אינהאלט, קאָן דער מאָמענט מאקע פאַרבייגעהן, ניט איבערלאָזענדיג קיין רושם?

איך געפין פאר נויטיג אויפמערקזאם צו מאכען אויף דיזע ערשיינונג אַלע די עלעמענטען, וועלכע שטעהען אין דער ציוניסטישער אָרגאניזאציאָן אָדער סימפּאטיזירען אויפריכטיג מיט דעם ציוניסטישען הויפט ציעל. מיר זאָלען זיך ניט איינשמועסען, אַז אפילו איצט קאָן די אידישע גאולה קומען מ מ י ל א, עפּעס אזוי בדרך נס, ווייל דער מאָמענט וועט זי ברענגען צו אונז אין שוים. איצטער מעהר ווי אַלעמאָל. אין איצטיגען מאָמענט מעהר ווי אין יעדען אַנדערען מאָמענט איז נויטיג, אַז די ציוניסטישע אָרגאניזאציאָן זאָל זיין שטארק און פעסט און געשלאָסען. געשלאָסען — זעלבסטפערשטענדליך ניט אין זין פון אָפּשליסונג, אָבער אין זין פון איינהייטליכקייט, אי אין זין פון פּ ר אָ ג ר א ם, אי אין זין פון ה א נ ד ל ו נ ג. די וועלט מוז וויסען, מיט װ ע מ ע ן זי האָט צו רעדען און צו פערהאנדלען, און די אָרגאניזאציאָן מוז וויסען איבער װ א ס זי האָט צו רעדען און צו פערהאנדלען מיט דער וועלט. ווען עס זאָל ניט זיין אזוי, שוועבט א סכנה איבער דעם גאנצען ציוניזם, די פערהאנדלונגען קאָנען זיך פערוואנדלען אין א שמועס און אנשטאט ערנסטע התחייבות'ען קאָנען מיר בלייבען ביי ניט בינדענדע הבטחות.

דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערען אויך פון דעם אידישען

קאָנגרעס. אויך בנוגע דעם קאָנגרעס האָט מען ניט ריכטיג איינ־
געשאַצט זיין אינערען ווערט אַלס אַ העבעל אין פּאָליטישען לע־
בען. אַלס בעוויז קאָן דיענען די לעצטע האַנדלונג פון דעם אַזוי
אָנגערופענעם „נאַציאָנאַלען ארבייטער קאָמיטע“. די ערקלע־
רונג, אַז היות ווי די רוסישע רעוואָלוציאָן האָט שוין אַליין בע־
זאָרגט די אידישע אנגעלעגנהייטען, איז דער קאָנגרעס אין גאַנ־
צען איבעריג געוואָרען, שטעלט אויס אַן אַטעסט דעם זין, וואָס
מאַנכע אידישע ארבייטער פיהרער האָבען פאַר נאַציאָנאַלע אָר־
גאַניזאַציאָן. זיי אָפּערירען מיט גרויסע מאָמענטען, וואָס פאַלען
אַראָב ווי אַ מציאה פון הימעל און פערהאַלטען זיך נאַכלעסיג צו
דער אַקטיוויטעט פון אידישען פאָלק אַלס פאָלק. דאָס איז אַן
אונפעראַנטוואָרטליך שפּיעל אין גליק, וואָס פיהרט אין דער גע־
שיכטע זעהר אָפט צו ביטערע ענטוישונגען.

15 מאַי, 1917.

פאַסיווע און אַקטיווע אַסימילאַציאָן

די אינדיווידואַליטעט פון אַ פאָלק, זיין בעזונדערע שטעלונג צווישען די אנדערע פעלקער, זיין אייגענאַרטיגקייט, קורץ — אַלץ דאָס, וואָס מיר בעצייכענען מיט דעם וואָרט כאַראַקטער, ענטפּלעקט זיך אויף אַלע געביעטען פון מענשליכען לעבען, שאַפען און ווירקען, אָבער ניט אויף אַלע געביעטען אין גלייכער בולט'דיגער פאָרם. יעדעס פאָלק האָט אַ ספּעציעל געביעט, וואו זיין כאַראַקטער שפּיגעלט זיך נור זעהר שוואַך אָב. דאַגעגען עקזיסטירט ניט אַזאַ פאָלק אויף גאָט'ס ערד, וועמעס כאַראַקטער זאָל זיך אויסדריקען אויסשליסליך אויף זיין איינציגען געביעט אַליין. דאָס וואָלט געווען אַן אונפער־שטענדליכע אַנאָמאַליע, אונערקלעהרליך אי פון פּסיכאָלאָגישען, אי פון היסטאָרישען שטאַנדפּונקט.

די אַסימילאַציאָן האָט געשאַפען אַ משונה'דיג פאָלק, ד. ה. ניט דאָס פאָלק גופא, נור די טהעאָריע פון אַזאַ פאָלק. זי בעהויפּ־טעט, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט שוין לאַנג פערלאָרען אַלע זיינע פאָלקס־סמנים, עס בעזיצט מעהר קיין איינציג מערקמאַל ניט צום אונטערשיעד פון די אנדערע ארומיגע פעלקער. דער איינציגער סימן, נאָך וועלכען מען קאָן דערקענען דעם אידען איז די רעליגיאָן. מיט אַנדערע ווערטער — דער גאַנצער אידישער כאַראַקטער בעגר־שרענקט זיך אויף דעם איין איינציגען רעליגיעזען געביעט. אויף אַלע אַנדערע געביעטען וועט מען איהם אומזיסט זוכען. ער איז פערשוואונדען. ניטאָ קיין אידישע קונסט, ניטאָ קיין אידישע ליטעראַטור, ד. ה. די אידישע קונסט, די אידישע ליטעראַטור טראָגען ניט אויף זיך אַ שפּעציעלען שטעמפּעל, וואָס זאָל זיי צוגעבען אין דער גאַנצער וועלט אַ שותפות'דיגע אייגענטהימליכקייט. די אידישע קונסט, די אידישע ליטעראַטור זיינען ניט מעהר ווי טיילען פון דער קונסט און דער ליטעראַטור פון ענטשפּרעכענדע פעלקער צווישען

וועלכע די אידען לעבען. די אידען פון דער גאנצער וועלט האבען נור איין איינציגען געמיינשאפטליכען פונקט — די אידישע רע־ליגיאן.

אזא טהעאריע האט געקאנט געשאפען ווערען נור פון מענשען, וועלכע האבען זיך אליין אבגעריסען פון אידישען לעבען, זיך דער־ווייטערט פון דעם שאפען און דעם ווירקען פון אידישען פאלק און פערלארען מיט דער צייט יעדען זין און פערשטענדניס פאר אלעס וואס איז אידיש נאך זיין האראקטער נאך. עס איז ניט נויטיג צו ווידערלעגען די טהעאריע, זי קאן ווידערלעגט ווערען פון יעדען בלאט פון דער אידישער געשיכטע, פון דער אלטער ווי פון דער נייער, זי קאן ווידערלעגט ווערען אויך פון די געגענווערטיגע שטימונגען, וועלכע בעהערשען דאס אידישע לעבען.

דעם גרעסטען קלאפ האט זי איצט בעקומען דורך די ציוניסטישע בעוועגונג. עס איז א פאקט: ד א ס ג א נ צ ע א י ד י ש ע פ א ל ק ו ו י ל צ ו ר י ק ב ע ק ו מ ע ן א ר ץ י ש ר א ל. פון אן ערך פערצעהן מיליאן אידען, צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט, איז קוים אנצונעהמען, אז עס וועלען זיך געפינען אייניגע הונדערט טויזענד אידען, וועלכע וועלען זיך אויסשפרעכען געגען ארץ ישראל אוים טרייהייט צו זייער אסימילאטארישער וועלט אנשויאונג. אין די אייניגע הונדערט טויזענד וועט אריינגעהן א חלק פון דעם רעפארם יודענטהום, א חלק פון דער ראדיקאלער אינטעליגענץ און א חלק פון די סתם אסימילאטארען. שולען וואו צו דאוונען האבען די אידען געגעג אויך אין די גלות לענדער, חיינט פון וואנען נעהמט זיך דער חשק צו ארץ ישראל? ניט מיר זיינען מחויב צו געבען די תשובה. זאל זיך מטריח זיין די אסימילאציאן און זוכען א תירוץ. און אויב זי איז עהרליך, וועט זי זיך מוזען מודה זיין אין איהר אייגענעם באנקראט. דער חשק צו ארץ ישראל איז דער גרעסטער סימן פון דעם אונפערוויסטליכען אידישען פאלקס־האראק־טער. טראגען אין זיך א ליעבע צו א לאנד, פון וועלכען מען איז פערטריבען געווארען מיט טויזענדע יאהרען צוריק — דערצו גע־הערט א האראקטער פון גראניט.

וואלטען מיר טאקע ניט געדארפט זיך קימערען וועגען דער

אסימילאציאָן, וואָלטען מיר טאַקע געקאָנט איגנאָרירען דעם היזק, וואָס זי האָט אונז גורם געווען, ווייל אין אַ ערך האָט זי אָבגעריסען פון אונזער פאָלקס אָרגאַניזם נור קליינע אונבעדייטענדע טהיילען. ווען זשע איז דאָס געוועזען, ווען מיר וואָלטען געהאַט צו טהאָן נור מיט אַ פּאַסיווער אסימילאציאָן, ווען מיר וואָלטען געהאַט צו טהאָן מיט אסימילאַטאָרען, וועלכע פערלאָזען אין גאַנצען די אידישע וועלט און האָבען צו איהר מעהר קיין שייכות ניט. דעם שמערץ וואָלטען מיר געקאָנט פערטראָגען. די צרה איז אָבער, וואָס אין אונזער לעבען, און בעזונדערס אין אונזער פּאָליטישער ווירקזאַמקייט, מוזען מיר זיך רעכענען מיט דער א ק ט י ו ו ע ר אסימילאציאָן, מיט אסימילאַטאָרען, וועלכע זיינען ניט יוצא דערמיט, וואָס זיי אליין האָבען פערלאָזען זייער פאָלק, נור זיי שטרעבען אַן אַלע זייערע כחות, אַז אויך די אַנדערע זאָלען נאָכפאָלגען זייער ביישפּיעל. פון איין זייט זיינען זיי פרעמדע און פון דער אַנדער זייט בלייבען זיי אין דער אַלטער סביבה און זוכען משפיע צו זיין אויף איהר ווייטערע ענטוויקלונג און געשטאַלטונג אין נעגאַטיווען זין.

און דערין בעשטעהט די גרעסטע טראַגעדיע פון אידישען לעבען.

די אסימילאציאָן מוז בעטראַכט ווערען אַלס די צ י ו ו י ל - ט ו י פ ע, און איהר פערהעלטנים צו דער ריכטיגער טויפע דאַרף אָפּגעשאַצט ווערען ווי דאָס פערהעלטנים פון דער ציוויל-עהע צו דער קירכליכער עהע. אין גרונד גענומען איז דאָס איינע און די זעלבע ערשיינונג, נור פערשיעדען געשטעמפּעלט. נעהמט מען אָן אַן אַנדער אמונה, איז מען קירכליך געטויפט; נעהמט מען אָן אַן אַנדער נאַציאָן, איז בען בירגערליך געטויפט. די פאַלשקייט פון דער בירגערליכער טויפע איז נאָך גרעסער פאַר דער פאַלשקייט פון דער קירכליכער, ווייל אין אמונה אַנגעלעגענהייטען קאָן מען נאָך זיך פערענטפערען, זוכען אַן אויסרעדע אין דער איבערצייגונג. אין אַנגעלעגענהייט פון געבורט און היסטאָרישער ענטוויקלונג שפּיעלט אַ ראָליע דער פאַקט און ניט די איבערצייגונג, און אַ פאַקט קאָן נור פערלייקענט ווערען. ער ענדערט זיך אָבער ניט. ווי וואָלטען מיר זיך אָבער פערהאַלטען צו אַזאַ מין אָרדנונג, ווען געטויפטע אידען וואָלטען וועלען קאָנצענטרירען אין זייערע הענד די קאָנטראָלע

איבער אונזער רעליגיעזעם לעבען, אָדער ווען זיי וואָלטען זיך
געוואָלט זאָגאר אריינמישען אין אונזערע רעליגיעזע אנגעלעגענ־
הייטען? מיט פעראַכטונג וואָלטען מיר זיי אָפּגעשטויסען און
געצייגט זיי דעם פּלאַץ, וועלכען זיי פערדיענען, אויף יענער זייט
פון דער מחיצה, וואָס זיי האָבען אליין אויסגעבויט צווישען זיך
און צווישען זייער פאָלק.

עס איז אָבער אַ פאַקט, אז די אקטיווע אסימילאציאָן איז אָרגאַ־
ניזירט אין ענגלאַנד, אין פראנקרייך און אין דייטשלאנד. אפשר
שטעהט זי אין פערבינדונג אויך מיט אנדערע גרופען אין די פער־
שיעדענע מדינות. אָבער דאָס איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט. און די
אָרגאַניזירטע אקטיווע אסימילאציאָן האָט זיך געשטעלט צום ציעל,
ניט צו לאָזען די אנערקענונג פון דער אידישער נאציאָן מצד די
וועלט רעגיערונגען. איצט האָט זי ענטוויקעלט אַן ענערגישע טהע־
טיגקייט, מעכב צו זיין די פערווירקליכונג פון דער ציוניסטישער
אידעע. די דריי דערמאָנטע גרופען זיינען ניט גרויס אין דער צאָהל
פון זייערע מיטגליעדער. זיי זיינען אָבער בעדייטענד מיט זייער
השפעה אין די ענטשפּרעכענדע רעגיערונגס קרייזען, ווייל ביז מיט
א קורצער צייט צוריק זיינען זיי געווען די איינציגע פערטרעטער
פון דער אידישער פּאָליטיק, און אין די אויגען פון די רעגיערונגען
זיינען זיי געהאלטען געוואָרען פאר די איינציגע עקספּערטען אין
אידישע אנגעלעגענהייטען. אין ענגלאנד און אין דייטשלאנד פער־
לירען זיי פון טאָג צו טאָג זייער השפּעה, ווייל דאָרט האָבען זיך
געמעלדעט אנדערע כחות אין יודענטהום, מיט פּאָזיטיווע בעציהונ־
גען צו דער אידישער נאציאָן און מיט א פאזיטיוו אידיש־נאציאָ־
נאלען פּראָגראם. און די רעגיערונגען ווייסען שוין, אז די בעלייכ־
טונג פון דעם אידישען פּראָבלעם איז ביז איצט געווען אַן איינזיי־
טיגע און אז זי געפינט זיך אין א ווידערשפּרוך מיט דער טענדענץ
פון דער אידישער ענטוויקלונג. שלעכטער ווי אומעדום, אין דער
בעציהונג שטעהט עס אין פראנקרייך. דאָס פראנצויזישע יודענטום
ווערט נאָך עד היום געפיהרט פון דער אקטיווער אסימילאציאָן, און
קיין געגענגיפט איז נאָך לעת עתה ניט געשאפען געוואָרען. די
פראַנצויזישע רעגירונג איז דעריבער וועניגער ווי די אנדערע רעגי־

רונגען אינפאָרמירט איבער די מאָדערנע שטרעבונגען אין אידישען לעבען. זעלבסטפערשטענדליך האָבען זיך אויך אין פראנקרייך געפונען מענער, וועלכע האָבען זיך בעמיהט אויפצוקלערען זייער רעגירונג אין דער אידיש־נאַציאָנאלער פראגע. לײדער אָבער איז דער איינפלוס פון דער אקטיווער־אסימילאטאָרישער גרופע נאָך ביז איצט געבליבען דער שטארקערער.

די גאנצע וועלט ווערט איצט דעמאָקראטישער, און וואָס מעהר די רעגירונגען זיינען דעמאָקראטיש, אלץ אָפענער בעהאנד־לען זיי זייערע פראָבלעמען. די דעמאָקראטיע פון דער גאנצער וועלט פראָטעסטירט איצט נעגען געהיימע אינטערנאַציאָנאלע אָבמאכונגען. אויך אונזער פאָליטישעס לעבען איז געווען פול מיט סודות. די אסימילאציאָן האָט געארבייט אין דונקעל. עס וועט אויך ביי אונז קומען צו אַן אָפענעם קאמף, און דער אָפענער קאמף וועט זיין פאר אונז אַ רעטונג. עס וועט ארויסטרעטען אקטי־ווער פאָלקסטום נעגען אקטיווע אסימילאציאָן און וועלען מעסטען זייערע כחות.

18 מאַי, 1917.

דער פּעררּאָט

די צוויי עלטסטע, אויף זייער יחוס און פּאָרנעהמהייט שטאָלצע ענגליש־אידישע אָרגאַניזאַציאָנען, „די באָארד אָוו דעפּיוטיס" און „די אנגלאָ־דזשואיש אַסאָסיאיישאָן" האָבען בעגאַנגען אַ האַנדלונג, וועלכע וועט זיי בעדעקען מיט אייביגער שמאַך און שאַנדע און דעם אידישען פאָלק דיענען אלס וואַרנונג, אז מעהר ווי פון אלע געגנער און פיינד זאָל עס זיך היטען פון „דעם פּעררעטער, וואָס זיצט ביי איהם אין צימער".

די האַנדלונג בעשטעהט אין אַן ערקלערונג, איבערגעגעבען דער עפענטליכקייט פון די ביידע אָנגערופענע אָרגאַניזאַציאָנען, געריכטעט אנקעגען דעם אידישען נאַציאָנאַליזם און קעגען דעם ציוניזם. די ערקלערונג האָט גלייך נאָך איהר פערעפענטליכונג ארויסגערופען אַ שטורם פון ענטריסטונג אין ענגלישען יודענטום גופא. די ענטריסטונג וועט אונבעדינגט פיהרען צו אַ שפּאַלטונג, און די שפּאַלטונג צו אַ ביטערען ק אַ מ ף, ביז עס וועט ניט פערניכטעט ווערען מאָראַליש די אסימילאַטאָרישע קליקע, וועלכע שטרענגט אָן פאַר דער גסיסה איהרע לעצטע כחות, און ביז זי וועט ניט פערשווינדען אלס פּאָליטישער פאַקטאָר פון דער אידישער וועלט. מענער ווי לאָרד לייאָנעל ראָטשילד, טשיעף ראבי דר. הערץ און אנדערע פּראָמינענטע פּערזענליכקייטען האָבען פּראָטעסטירט די ערסטע און טויזענדע שטעהען הינטער זיי, וועלכע האָבען נאָר געוואַרט אויפ'ן ערסטען רוף.

דער קאַמף וועט זיך אָבער ניט בעשרענקען מיט ענגלאַנד אַליין, ער וועט זיך אויסברייטען איבער דער גאַנצער אידישער וועלט. וואָרום די האַנדלונג פון די ענגליש־אידישע אָרגאַניזאַציאָנען, אָבגלייך זי איז בעגאַנגען געוואָרען אויף ענגלישען באָדען, שטעהט אין פערבינדונג מיט דער טעטיגקייט פון דער אינ־

טערנאציאָנאלער אָרגאניזירטער אידישער אסימילאציאָן, מיט איהרע דריי הויפּט פיליאלען אין ענגלאנד, פראנקרייך און דייטש-לאַנד.

און איך גלויב, עס מוז בעטראכט ווערען אלס א גליק פאַר דאָס אידישע פאָלק, וואָס די אומשטענדען האָבען געצוואונגען די אָרגאניזירטע אסימילאציאָן ארויסצוטרעטען פון דער דונקעל-הייט, אין וועלכער זי האָט תמיד פאָרגעצויגען צו וועבען איהרע נעצען, ארונטערצואווארפען פון זיך די מאסקע און צייגען זיך פאַר דער וועלט אין איהר גאנצער נאַקעטקייט. זאָל אויך די ניט-אידישע וועלט זעהן איהר ריכטיגען פּרצוף — פאַר דאָס אידישע פאָלק וועט דאָס זיין פון גרויסען נוצען.

די ערקלערונג פון די צוויי ענגליש-אידישע אָרגאניזאציאָנען איז געווען געדרוקט כמעט אין דער געזאמטער אידישער פּרעסע אויך דאָ ביי אונז, און איך וויל זיך דעריבער אָבשטעלען נאָר אויף די צוויי הויפּט-פּונקטען, וועלכע זי ענטהאלט.

פּונקט איינס: „דער אידישער ישוב אין פּאלעסטינא — דאָס הייסט דער צוקינפטיגער ישוב — טאָר ניט טראָגען אויף זיך אַן א נ ע ר ק ע נ ט ע ן פּ אָ ל י ט י ש ע ן חאראקטער, ווייל דאָס אידישע פאָלק דארף האָבען אלס זיין הויפּט-יסוד ב ל ו י ז זיין רעליגיאָן, וועלכע איז אייגענטליך דער א י י נ-צ י ג ע ר ב ע ו ו י י ז פון זיין אנגעהעריג צו די אידען."

פּונקט צוויי. „ווען די אידען זאָלען בעקומען בעזונדערע רעכטע אין פּאלעסטינא, וואָלט דאָס געווען אַן אונגליק פאַר דאָס גאנצע אידישע פאָלק, וואָס גלויבט, אז אלע פעלקער דארפען האָ-בען גלייכע רעכטע."

מיר געהען צו צו דער אנאליזע פון דעם ערשטען פּונקט.

פיעלע וועלען פרעגען: מה רעש? הערען מיר דען צום ערש-טען מאָל אזא בעהויפּטונג, אז די אידען זיינען ניט קיין נאציאָן, נאָר א רעליגיעזע געמיינשאפט? האָט דען דיזע אנשויאונג ניט איהרע וואָרצלען אין דער לעהרע פון דער אזוי גערופענער מענ-דעלסאָנישער שולע, און האָבען מיר דען ניט געהערט דיזעלבע

תורה פון אונזערע מאָדערנע רעפאָרמירטע פּרעדיגער, פון אונזערע גרויסע באַנקירען און פערשיעדענע אידישע פיהרער?

געוויס האָבען מיר געהערט די תורה און מיר האָבען זיך פערהאַלטען צו איהר ווי צו אַ פאַלשער תורה און מיר האָבען זי בעקעמפט ווי אַ פאַלשע תורה, ווי אַ פּראָדוקט פון קנעכטישער געזיננונג, פון אונוויסענהייט, פון פאַקטען פערלייקענען, פון מאָראַלישער בלינדהייט. אָבער מיר האָבען קיין מאָל ניט ערוואַרטעט, אַז דיזע פוילע און אונזיניגע אידעאָלאָגיע וועט בענוצט ווערען אַלס אַ פּ ר אַ ק ט י ש ע וואַפע צו פערניכטען די היסטאָרישע האָפנונג פון אונזער פאָלק אין דעם מאָמענט פון איהר פערווירקליכונג.

אין איצטיגען פאַל האַנדעלט עס זיך ניט וועגען טעאָריען, און די אָבגעגעבענע ערקלערונג איז ניט קיין טעאָלאָגישע אָבהאַנדלונג, ווען אַפילו זי רעדט פון גאָט און רעליגיאָן. דאָ האַנדעלט עס זיך וועגען אַ פּאָליטישען פערברעכערישען שריט.

די אַסימילאַציאָן האָט דערפיהלט, אַז די אידישע נאַציאָנאַלע האָפנונג קאָן איצט פערווירקליכט ווערען. גרויסע וועלט רעגירונגען זיינען גרייט צו העלפען דעם אידישען פאָלק צו ערהאַלטען זיין פרייהייט אַ ל ס נ אַ צ י אָ ן צווישען אַלע נאַציאָנען אויף גאָט'ס ערד. קומט זי און גיט אָב אַן ערקלערונג, אַז דאָס ט אָ ר ניט געשעהן. די אידען ט אָ ר ע ן ניט ערהאַלטען נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ענטוויקלונגס מעגליכקייטען אין פּאַלעסטינאַ. און ניט נאָר אין פּאַלעסטינאַ — אין קיין לאַנד טאָר מען זיי ניט געבען אַזעלכע מעגליכקייטען, וואָרים די אידען זיינען גאָר ניט קיין נאַציאָן, זיי זיינען אַ פאָלק בלויז מיט איין רעליגיעזען סימן. דאָס הייסט, די אַסימילאַציאָן קומט צו די אומות העולם און פערמסר'ט די ציוניסטען, די נאַציאָנאַליסטען און איבערהויפּט אַלע אידען, וועלכע גלויבען אין די עקזיסטענץ־בערעכטיגונג פון אונזער פאָלק אַלס אַ נאַציאָנאַלע איינהייט, און זי זאָגט צו די אומות העולם: הערט זיי ניט, גלויבט זיי ניט, זיי נאַרען אייך אָב, זיי בעשווינדלען אייך, זיי פערלאַנגען אין פערשיעדענע לענדער נאַ־

ציאָנאַלע רעכטע, זיי פערלאַנגען אויך ארץ ישראל. דאָס איז מעהר ניט ווי בעטרוג. אָט מיר זאָגען אייך דעם אמת. מיר זייי נען גאָרנישט, מיר האָבען נאָר איין סימן, וואָס האַלט אונז צו־זאַמען. צוליעב דעם איין סימן ברויכט איהר זיך אָבער ניט מטריח צו זיין. מאַכט מיט זיי ניט קיין צערעמאָניען, ווייזט זיי די טיר!

אָט דאָס איז דער ריכטיגער זין פון דער ערקלערונג. אָט דאָס איז איהר כונה, אָט דאָס איז איהר ציעל.

און די געמיינהיים רעדט נאָך אין גאָט'ס נאָמען, און דער פעררעט וויקעלט זיך נאָך איין אין אַ רעליגיעזען מאַנטעל. מיר קענען זיי די שומרים פון דער אידישער רעליגיאָן, די האַלב גע־טויפטע טאַטעס פון די גאַנץ געטויפטע קינדער! דאָס איז דער פערעכטליכסטער טיפ, וואָס דאָס גלות־יודענטום האָט געשאַפען.

דער צווייטער פונקט איז די פאָרטזעצונג פון דער ניעדער־טראַכט און דער צביעות פון ערשטען פונקט. דערפאַר האָט ער אָבער אויך אַ מעלה. ער צייגט די צוטומעלטקייט פון די אסימי־לאַטאָרישע מחות, דעם חורבן, וואָס דער אסימילאַטאָרישער ניפט האָט ארויסגערופען אין דעם פערשטאַנד פון די פערטרעטער פון דער אסימילאַציאָן. „ווען די אידען זאָלען בעקומען בעזונדערע רעכטע אין ארץ ישראל, וואָלט דאָס געווען אַן אונגליק פאַר דאָס אידישע פאָלק, וואָס גלויבט, אַז אַלע פעלקער דאַרפען האָבען גלייכע רעכטע". מעהר ווי גלייכע רעכטע פ א ר א ל ע פ ע ל ק ע ר פאָדערען אויך ניט די נאַציאָנאַליסטען און ציוניס־טען. נאָכמעהר, אַלע זייערע פאָדערונגען געהען ארויס פון דעם גרונדפרינציפּ פון גלייכע רעכטע פאַר אַלע פעלקער. אָבער קומען אין דעם מאָמענט, ווען עס ווערט ענטשיעדען דער גורל פון אַלע אונטעריאָכטע און אונטערדריקטע פעלקער, ווען עס ווערען גע־זוכט נייע וועגען, וועלכע זאָלען זיכערען די זעלבסטשטענדיגקייט פון די פעלקער, שטאַרק אָדער שוואַך, גרויס אָדער קליין, און בע־נעהן אין דער זעלבער צייט פעררעט געגען דאָס א י י ג ע נ ע פ אָ ל ק אין נאָמען פון פ ע ל ק ע ר ג ל י י כ ב ע ר ע כ־ט י ג ו נ ג — דאָס איז שוין אַ פסיכאָ־פּ א ט ה א ל אָ ג י ש ע

ערשיינונג, מיט א קראנקער מאראל אליין קאן מען זי ניט פער־ענטפערען. דערויף מוז שוין די פסיכיאטרישע וויסענשאפט געבען א תשובה.

דאס געשוויר האט געפלאצט, און מיר וויסען איצט גאנץ קלאר, ווי ווייט די ארגאניזירטע אסימילאציאן געהט, און עס וועט ווירקען אויף אונז ערניכטערענד. דאס שפיעל אין נאציאנאליזם און אסימילאציאן וועט מוזען אויפהערען, יעדער איד און יעדע ארגאניזאציאן וועט מוזען בעקענען פארבען, פאר יעדען וועט אוועקגעשטעלט ווערען די פראגע: הלנו אתה אם לצרינו? און קיין אויסדרעהען זיך וועט ניט העלפען. און עס וועט זיך ארויסשטעלען, ווי ווייניג שטיצע די אסימילאציאן האט אין אידישען פאלק.

עס איז נאר צו בעדויערן וואס דער קאמף געגען די אסימילאטארישע חידרע האט זיך ניט אנגעהויבען סיסטעמאטיש און פלאנמעסיג מיט א פאר צעהנדליג יאהר צוריק.

1 יוני, 1917.